STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02292

# DI FROY IN SOTSYALIZM UN KAPITALIZM

Bernard Shaw

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

394
.O. LIBRARY MONTREAL
697
109

בערנארד שאו

# די פרוי אין סאציאליזם און קאפיטאליזם

פון ענגליש: — א. קרייטמאן

ביבליאטעק
ביים אידישען הילפס פאריין
מאנטרעאל

פארלאג: שלמה גאלדפארב — 1930

Printed in Poland

Bernard Szou.
Kobieta w Socjaliz-
mie i Kapitalizmie.

Wydaw. Sz. Goldfarb,
Warszawa, Dzika 31.
1 9 3 0

Warszawa 1930

Druk. G. Piment, Sierakowska 4.

# די פרוי איז סאציאליזם
# און קאפיטאליזם

# I

עס וואָלט גרינג געווען, טייערע מאַדאַם, צו פאַרופן זיך אויף אַלע ביכער וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן איבערן מאָדערנעם סאָציאַליזם זינט דער סאָציאַליזם איז געוואָרן אַן אָנגעזעענע קאָנסטיטוציאָנעלע פראַגע אין לאַנד אין די אַכציקער יאָרן. אָבער איך ראַט אייך, נישט צו לייענען קיין איין שורה אַפילו, ביז איר און אייערע פריינט וועלן נישט האָבן פריער דיסקוטירט די דאָזיקע פראַגע, צווישן זיך: ווי אַזוי אייגנטלעך וואָלטן די רייכטימער געדאַרפט צוטיילט ווערן אין אַן אַנשטענדיק, ציוויליזירט לאַנד, כּדי צו דערגרייכן דעם בעסטן רעזולטאַט.

ווייל אייגנטלעך איז סאָציאַליזם נישט מער ווי אַ מיינונג, וואָס טייל מענטשן האַלטן איבער דעם דאָזיקן פונקט. און זייער מיינונג איז נישט אומבאַדינגט בעסער ווי אייערע, אָדער וועמענס עס איז אַנדערנס. וויפל זאָלט איר פאַרמאָגן, און וויפל זאָלן אייערע שכנים פאַרמאָגן? וואָס וועט זיין אייער ענטפער?

אַזוי ווי דאָס איז נישט קיין באַשטימטע פראַגע, מוזן מיר קודם כּל אַרויסשלאָגן זיך פונם געדאַנק די איינרעדעניש, מיט וועלכער מיר לעבן פון קינדווייז אָן, אַז די אָרדנונג, אין וועלכער מיר לעבן, און אויך דער געזעצלעכער אופן פון איינטיילן הכנסה׳ס איז אַזוי נאַטירלעך, ווי דאָס וועטער. די דאָזיקע אָרדנונג איז אַן אומנאַטירליכע: דערפאַר וואָס זי עקזיסטירט אומעטום אין אונזער גאַנץ וועלטל, מיינען מיר, אַז זי האָט תּמיד עקזיסטירט און מוז תּמיד עקזיסטירן — און ווירקן פון זיך אַליין. דאָס איז אַ געפערלעכער טעות. פאַקטיש זענען דאָס פאַרבייגייענדיקע געזעצן, וואָס אַ סך פון זיי וואָלטן נישט אָפּגעהיטן געוואָרן

פון די רוּקסטע בירגער אַפילו, ווען עס וואָלטן נישט געווען קיין פּאָליציאַנטן, און קיין טורמעס. זיי ווערן כסדר געענדערט דורכן פּאַרלאַמענט, צוליב דעם וואָס מיר זענען קיינמאָל נישט צופרידן מיט זיי. טיילמאָל ווערן זיי באַזייטיקט און עס ווערן געשאַפן נייע; טיילמאָל ווערן זיי אויסגעבעסערט; און אָפטמאָל אינגאַנצן אָפּגעשאַפן, ווי זאַכן, וואָס שטערן. די נייע מוזן אַריין אין די ראַמען פון די געריכטסהייזער, און אַריינפּאַסן זיך אַהין. אָדער זיי ווערן אַרויסגעשטויסן פון דאָרט, אויב זיי זענען צופעליק נישט נושא חן ביי די ריכטער. עס נעמט גאָר קיין סוף נישט צו די ענדערונגען, אויסבעסערונגען, און באַנייונגען. נייע געזעצן ווערן געשאַפן און צווינגען מענטשן צו טון זאַכן, וואָס זיי וואָלטן פריער קיינמאָל נישט בדעה געהאַט צו טון. (ווי קויפן פּאַרזיכע-רונגס-מאַרקעס, למשל) אַלטע געזעצן ווערן אָפּגעשאַפט, און מענטשן ווערט ערלויבט צו טון זאַכן, פאַר וועלכע זיי פלעגן פריער באַשטראָפט ווערן. (ווי חתונה האָבן מיטן פאַרשטאָרבענעמס ווייב׳ס שוועסטער, אָדער מאַנס ברודער למשל). געזעצן, וועלכע ווערן נישט אָפּגעשאַפט, ווערן אויסגעבעסערט, און אויסגעבעסערט, און אויסגעבעסערט, ווי קינדערשע הייזלעך, ביז עס בלייבט נישט קיין זכר פונם פריערדיקן שטאָף. כדי צובאַקומען שטימען בעת די וואַלן, זאָגן צו אַ טייל קאַנדידאַטן צו שאַפן נייע געזעצן, אָדער צו פטרן די אַלטע, אַ טייל באַקומען שטימען דערפאַר וואָס זיי זאָגן צו אָפּצוהיטן, אַז אַלץ זאָל בלייבן ביים אַלטן. באמת, דאָס איז אוממעגלעך! זאַכן קענען נישט בלייבן אַזוי ווי זיי זענען.

ענדערונגען, וואָס קיינער וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז זיי זענען מעגלעך, קומען פאָר אין משך פון עטלעכע דורות. הייג-טיקע קינדער מיינען, אַז אַזאַ זאַך ווי פאַרברענגען ניין יאָר אין שולע, פענסיעס פאַר אַלטע לייט און אלמנות, שטים-רעכט פאַר פרויען, דאַמען אין קורצע קליידלעך אַלס דעפּוטאַטקעס אין פּאַר-לאַמענט, אָדער מיט יוריסטישע פּאַרוקן אין די געריכטסהייזער, זענען אַ טייל פון אַ נאַטירלעכער אָרדנונג, וועלכע האָט תמיד עקזיסטירט, און וועט תמיד עקזיסטירן. אין דער אמתן אָבער וואָלטן זייערע עלטער-עלטער-באָבעס, אַריינגעפּאַקט אין אַ משוגעים-

הויז יענעם, וואָס וואָלט זיי געקומען דערציילן, אַז אַזעלכע זאַכן זענען מעגלעך. אַפילו אַ מענטש, וועלכער וואָלט בלויז אויסגעדריקט אַזאַ וואונש, וואָלטן זיי באַטראַכט פאַר אַ פאַרברע־כערישן כאַראַקטער.

בעתן שטודירן די פראַגע, ווי אַזוי דאָס פאַרמעגן, וואָס מיר שאַפן יעדעס יאָר, זאָל איינגעטיילט ווערן צווישן אונז, טאָרן מיר נישט זיין, נישט ווי די קינדער, און נישט ווי די עלטער־עלטער־באָבעס. מיר מוזן תמיד געדענקען, אַז אונזערע אַק־ציעס בייטן זיך כמעט יעדן טאָג אַזוי אָדער אַנדערש בעת די זיצונגען אין פאַרלאַמענט. ס'איז קלאָר, אַז איידער מיר וועלן שטאַרבן, מוז זיך דער איצטיקער סיסטעם פון איינטיילן דאָס פאַר־מעגן ענדערן צום בעסערן, אָדער ערגערן, פונקט אַזוי גוט, ווי דער היינטיקער סיסטעם איז אַנדערש ווי אינם ניינצענטן יאָרהונ־דערט. די סיסטעמען האָבן זיך געענדערט אַ סאַך מער, ווי די קעניגין וויקטאָריאַ וואָלט עס געהאַלטן פאַר מעגלעך. אין דער רגע, וואָס דו הייבסט אָן צו באַטראַכטן אונזער איצטיקע איינטיילונג, אַלס אַ באַפעסטיקטע, ווערסטו אַ „פאָסיל" *). יעדע ענדערונג אין אונזערע געזעצן נעמט אַרויס דירעקט, אָדער אונדירעקט געלט פון עמיצענס קעשענע, (אפשר פון דיין קעשענע) און לייגט עס אַריין אין דער קעשענע פון אַן אַנדערן. דאָס איז די סבה הלמאי איין פאַרטיי־פּאָליטיקערס פאָדערן געוויסע ענדערונגען, די צווייטע דערפאַר איז דאַגעגן.

איר דאַרפט דערפאַר נישט קלערן וועגן דעם, צי עס וועלן בכלל זיין גרויסע ענדערונגען, אדער נישט (ווייל ענדערונג וועלן זיכער זיין). נור וואָספאַראַ ענדערונגען, האַלטן איר, און אייערע פריינט, וואָלטן געקענט מאַכן די וועלט פאַר אַ שענערע, און אַ באַקוועמערע און וואָספאַראַ ענדערונגען, האַלט איר, מוזן באַקעמפט ווערן, ווייל זיי וועלן זיין אַן אומגליק פאַר אייך, און פאַר יעדן איינעם. יעדע מיינונג, וואָס איר וועט דערגרייכן אויף דעם געביט, וועט ווערן אַמין טרייב־קראַפט, אַ טייל פון דער אַלגעמיינער מיינונג. און אויף אַמיינונג פונם גאַנצן פובליקום

*) אפארשטיינערטער.

מוזן, סוף־כל־סוף, זיין געשטיצט אַלע ענדערונגען, אויב זיי ווילן זיין שטאַנדהאַפטיק. אויף אַט אַזאַ מיינונג מוז זיך אויך שטיצן דער פּאָליציאַנט, און דער טורמעוועכטער, וועלכער מוז זי דורכפירן, מעג זי זיין אַ גערעכטע, אָדער אַן אומגערעכטע, שוין דערפאַר ווייל זיי זענען געזעצן פונם לאַנד.

עס איז זייער וויכטיק, אַז איר זאָלט האָבן אַן אייגענע מיינונג איבער דער זאַך. איר זאָלט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז דער אַלטער כּלל פון די נאַטור־פילאָזאָפן, „אַז נאַטור מיידט אויס ליידיקייט", איז אמת אויך לגבי דעם מענטשלעכן מוח. עס איז נישט פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי אַ ליידיקער מוח, הגם עס זענען פאַראַן מוחות, וואָס זענען אַזוי אומפעיק אויפצונעמען אַ נייע אידעע, און אַזוי שווער צו גייסטיקע ענינים, ווי אַ ביליאַרד־באַל. איך ווייס, אַז איר האָט נישט אַזאַ מין מוח, ווייל אויב איר וואָלט אים יאָ געהאַט, וואָלט איר נישט געלייענט דאָס דאָזיקע בוך. דערפאַר וואָרן איך אייך, אַז — אויב איר וועט לאָזן ליידיק אין אייער קאָפּ אַפילו דאָס קלענסטע ווינקאַלע, מעג זיין בלויז איין רגע, וועלן בשעת מעשה ווירקן אַנדערע מענטשלעכע מיינונגען פון אַנ־דערע זייטן: פון רעקלאַמעס, פון צייטונגען, פון ביכער, פון צייטשריפטן, פון פלוידערזעק, פון פּאָליטישע רעדעס, פון טעאַטערן און קינאָמאַטאָגראַפן — און אַפילו מצד אַט דעם בוך!

מיילא, פאַרשטייט זיך, אַז איך לייקן עס נישט. בשעת איך רעד אייך צו, אַליין צו דענקן (אַזויווי אַלע אונזערע דער־ציערינס און מאַמעס און לערערינס טוען, הגם זיי גיבן אונז איבער די קעפּ, אויב אונזערע איבערצייגונגען ווייזן זיך אַרויס צו זיין אַנדערש ווי זייערע) מיין איך דאָ נישט צו זאָגן, אַז איר דאַרפט פאַרמאַכן די אויגן פאַר יעדנס מיינונג און זיך האַלטן בלויז ביי אייער אייגענער. איך אַליין (הגם איך רעכן מיך פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן דענקער אַזוי צו זאָגן) מוז זיך אויך צו־פרידנשטעלן מיט אָנגענומענע מיינונגען בנוגע זייער אַסך וויכ־טיקע זאַכן, איבער וועלכע איך קען נישט האָבן קיין אייגענע מיינונג אָדער קריטיקירן יענעמס. איך נעם אָן די באַשטימטע מיינונג פונם אַסטראָנאָמיקער אין שייכות מיט דער צייט, למשל

אַז עס איז צוועלף דער זייגער. ווען איך בין אין אַ פרעמדער שטאָט, נעם איך די מיינונג פונם ערשטן בעסטן פאַרבייגייער, וויאַזוי צו גיין צום וואָקזאַל. אויב אין זוענד זיך צום געזעץ, מוז איך איינשטימען מיט דער אַבסורדער און דאָך נויטיקער דאָגמע, אַז דער קעניג קען נישט טון אַ זאַך, וואָס זאָל זיין נישט גוט, אויב נישט, וועלן באַנען זיין אַ נוצלאָזע זאַך און פראָצעסן וואָלטן קיינמאָל נישט צו שטאַנד געקומען. מיר וואָלטן קיינמאָל גאָרנישט דערגרייכט, און אין ערגיץ נישט געקומען, אויב מיר וואָלטן נישט געגלויבט יענע, וועלכע פאַרשטייען אַסך זאַכן, וואָס זענען אונז לחלוטין נישט באַקאַנט. מיר האַלטן זיך ביי געוויסע פעסטע דאָגמעס פון אויטאָריטעטן, כאָטש מיר אַלע ווייסן, אַז זיי זענען לגמרי נישט אַזוי פעסט. מיר זענען פשוט געצווינגען דורך אונזער אונוויסנהייט צו בעהאַנדלען זאַכן מיט פאַרשלאָסענע מוחות, כאָטש מיר שטרענגען זיך אָן צו דענקן פריי מיטן אייגענעם פאַרשטאַנד און זיך אויפהויבן איבער אַלץ וואָס איז אונפאַרשטענדלעך פאַר אונז.

סאַנט פאול, אַ פלי-קאָפּ, און נישט אַזאַ טיפער מענטש (אַ באַווייז זיין פאַראַכטונג פאַר פרויען) האָט געשריגן „איבערצייג דיך אין יעדער זאַך; און האַלט פעסט אַלץ וואָס איז גוט". ער האָט פאַרגעסן, אַז עס איז אונמעגלעך פאַר איין פרוי אויסצופרוון יעדער זאַך, אַז זי האָט נישט קיין צייט דערצו, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס ס'פעלט איר די נויטיקע וויסנשאַפט. פאַר אַ פאַרנומענער פרוי איז אַלץ פאָרויס באַשטימט, אַ חוץ דאָס וועטער, און אַפילו דאָס איז באַשטימט פאַר איר אויף אַזוי פיל, אַז זי זאָל וויסן צו קויפן פאַסיקע מלבושים אויף זומער אָדער ווינטער. צוליב וואָס-זשע האָט סאַנט פאול געשטעלט אַן אויפגאַבע, וועלכע ער האָט געוווסט, אַז עס איז איר אונמעגלעך דורכצופירן אין דער פראַקטיק? אויב ער וואָלט געטראַכט דערוועגן כאָטש פינף מינוט, וואָלט ער דאָס זיכער פאַרשטאַנען.

דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די באַשטימטע פראַגן, זענען באמת קיינמאָל נישט באַשטימט. ווייל די ענטפערס אויף זיי זענען קיינמאָל נישט קיין קאָמפּלעטע און אַבסאָלוטע אמתן. מיר

שאַפן געזעצן, און אינסטיטוציעס, ווייל מיר קענען נישט אויס־קומען אין דער געזעלשאַפט אָן זיי. מיר קענען נישט שאַפן קיין פאָלקאָמע אינסטיטוציעס, ווייל מיר זענען אַליין נישט פאָל־קאָם. אויב מיר וואָלטן אַפילו געקענט שאַפן פאָלקאָמענע אינסטי־טוציעס, וואָלטן מיר אָבער נישט געקענט שאַפן קיין שטענדיקע, און אוניווערסאַלע; ווייל די לעבנסבאַדינגונגען ענדערן זיך, און די געזעצן און אינסטיטוציעס, וואָס וואָלטן געדינט אויסגעצייכנט פאַר אַ קלויסטער מיט פופציק נאָנעס, וואָלטן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אונמעגלעך צווישן אַ באַפעלקערונג פון פערציק מיליאָן מענטשן. מיר מוזן אַלזאָ האַנדלען ווי עס לאָזט זיך אַמבעסטן לעת־עתּה און איבערלאָזן פאַר די שפּעטערדיקע דורות, זיי זאָלן מאַכן אויסבעסערונגען, אויב זיי וועלן קענען.

אויב מיר האָבן געשאַפן באַוועגלעכע געזעצן, פאַרשטייט זיך שוין במילא, אַז ענינים, וואָס האָבן אַ שיכות מיט אָט די געזעצן, זענען נור צייטווייליק ערלעדיקט, דאָס הייסט — בלויז פאַרן מאָמענט, און אין דער פּאָליטיק אַ מאָמענט קען הייסן צוועלף חדשים און אויך צוועלף הונדערט יאָר, אַן אָטעם־צוג, אָדער אַ גאַנצע עפּאָכע.

דער פּועל־יוצא איז, אַז אין דער געשיכטע זענען פאַראַן קריזיסן און פּראָבלעמען, וואָס זענען געווען אָפּגעשלאָסן פאַר גאַנצע יאָרהונדערטער, און וואָס עפענען זיך פּלוצים אַזוי ברייט ווי אַ געניץ. טאַקי בעת איינעם פון אָט די שרעקלעכע געניצן האָט סאַנט פּאַול געקענט שרייען, אַז עס זענען נישט פאַראַן קיין פאַרשלאָסענע פּראָבלעמען; אַז מיר מוזן אַליין טראַכטן, און אויסטראַכטן איבעראַנייעס אַלץ, וואָס האָט אַ שיכות מיט אונז אַליין. אין זיין יידישער וועלט איז קיין שום זאַך נישט געווען אַזוי הייליק, ווי דאָס געזעץ פון משה־רבנו און קיין שום זאַך אַזוי אַבסאָלוט נויטיק, ווי מילה. אַלע געזעצן, און אַלע רעליגיעס — האָט מען געמיינט — זענען אָפּהענגיק פון זיי; פונ־דעסטוועגן האָט סאַנט פּאַול געמוזט פאַרלייגן די יידן, אַז זיי זאָלן בייטן משהס תורה און זי אויסטוישן אויף קריסטוס׳ס תורה, וואָס איז דער סאַמע היפּוך. ער האָט זיי געמוזט דערקלערן אַז

מידה איז נישט וויכטיק, אַז טויפן איז אומבאַדינקט נויטיק; כדי צו ראַטעווען די נשמה. וואָס האָט ער געקענט טון? ער האָט געמוזט אָפן פרעדיקן אַזוי ווי ער האָט געדענקט און אויך פאַרשפרייטן זיין אינערלעכע ליבע, הגם עס האָט געהייסן אַקעגנשטעלן זיך אַלע עקזיסטירנדיקע געזעצן און אינסטיטוציעס.

איר זענט איצט אין דער לאַגע, אין וועלכער עס זענען געווען די געמיינדעס פון סאַנט פאַול. מיר זענען אַלע אין דער אייגענער לאַגע היינט צו טאָג. אַ פּראָבלעם, וואָס איז געווען אַזוי גוט ווי געשלאָסן אַ גאַנצע עפּאָכע — דער פּראָבלעם פון אויסטיילן די לאַנד־רייכטימער אין אַ פאָרם פון אייגנטום, האָט זיך פלוצלינג ברייט צוגענעצט מיט אַן אָפענער פראַגע, און מיר מוזן אַלע עפענען אונזערע פאַרשלאָסענע מוחות אין שיכות מיט אָט דעם פּראָבלעם.

אויב איך זאָג, אַז די דאָזיקע פראַגע האָט זיך פלוצלינג געעפנט, פאַרגעס איך נישט, אַז פאַר דענקענדע מענטשן איז זי קיינמאָל נישט געווען אינגאַנצן פאַרשלאָסן: פאַר מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אַזעלכע ענינים, ווי קריטיקירן געוויסע אָרדנונגען הונדערטער יאָרן נאָך איידער סאַנט פאַול איז געבוירן געוואָרן, פאַר נביאים, וואָס האָבן געשריגן אין די מדבריות און האָבן פּראָטעסטירט קעגן די מאוסקייטן, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן פון משהס געזעץ; פאַר מענטשן, וועלכע האָבן פאָרויסגעזען אַ רעטער וואָס וועט אונז באַפרייען פון דער דאָזיקער אומהומאַניטעט. אויך פאַרגעס איך נישט, אַז הונדערטער יאָרן נאָך דער צייט פון אונזערע נביאים, וועלכע מיר רופן פּאָעטן אָדער פילאָזאָפן אָדער געטלעכע לייט, זענען געווען פּראָטעסטן קעגן דער איינטיילונג פון דער באַפעלקערונג אויף רייכע און אָרימע, לײדיקגייערס און אַזעלכע, וואָס האָבן געמוזט אַרבעטן איבער די כוחות. אָבער איצט איז ענדלעך געקומען אַ מאָמענט, אין וועלכן די פראַגע, וואָס איז געווען אַן ענין בלויז פאַר די פאַרפאָלגטע נביאים און פאַר עטלעכע תלמידים זייערע, האָט זיך ברייט פונאַנדערגעעפנט פאַר יעדן איינעם; און די גערודפטע נביאים מיט זייערע קליינע געמיינדעס, וואָס

מ׳האָט באַטראַכט פאַר האַלבע משוגעים, זענען זיך פלוצלינג פונאַנדערגעוואַקסן אין שרעקליכע פאַרלאַמענטאַרישע ווידער־שטאַנדן, וועלכע האָבן זיך אויסגעפאָרמט אין מעכטיקע רעגי־רונגען.

לאַנגלאַנד און לאָטימער און סער טאָמאַס מאָר, דזשאָן באַניאַן און דזשאָרדזש פאָקס, גאָלדשמיד און גראַב און שעלי, קאַרלייל און ראַסקין און מאָריס, און אַסך בראַוונע און איבער־געגעבענע פּרעדיקערס אין און אויסער די קירכעס, פון וועלכע איר האָט קיינמאָל נישט געהערט, זענען געווען אונזערע ענגלי־שע נביאים. זיי האָבן געהאַלטן די דאָזיקע פראַגן אָפן פאַר די, וועלכע האָבן געהאַט אַ קליינעם פינק פון זייער אינספּיראַציע, אָבער פּראָזאַישע אַלטעגלעכע פרויען און מענער האָבן זיך דערמיט בכלל נישט אָפּגעגעבן און נישט געשענקט עס קיין שום אויפמערקזאַמקייט. ביז ערשט לעצטנס אין אונזערע דורות האָבן פלוצלינג געוויינטלעכע פּאָליטיקער, וועלכע זיצן אויף די פּראָנט־בענק אין „הויז אפ קאָמאָנס״ און אין אַלע אייראָפּעישע געזעצ־געבערישע אינסטיטוציעס, געשטיצט אויף שרעקליכע, וואַקסנדיקע קערפּער־שאַפטן פון אַנשטענדיקע וועלער—אָנגעהויבן צו ליאַר־מען, אַז דער עקזיסטירנדיקער סדר פון צעטיילן די רייכטימער איז אונמענשלעך, מיאוס, לעכערלעך און אומדערטרעגלעך־געמיין; אַז די אָרדנונג מוז אינגאַנצן אומגעביטן ווערן, אויב מיר ווילן נישט אַז אונזער ציוויליזאַציע זאָל האָבן די אייגענע מפּלה, וואָס עס האָבן געהאַט די פריערדיקע ציוויליזאַציעס דורך אַן ענלעכער אומגעלומפּערטער אָרדנונג.

דאָס איז די סיבה, פאַר וואָס איך ראָט אייך באַקענען זיך נאָענט מיט דער פראַגע און צו באַטראַכטן זי פאַר אַ נאָך נישט געלעזטע, גוט אַריינצוטראַכטן זיך אין איר מיט אַזוי פיל אָפענעם געדאַנק ווי מעגלעך. פון מיין אייגענער דערפאַרונג, וואָס כ׳האָב באַקומען ביים באַהאַנדלען אַזעלכע פראַגן, בין איך דערגאַנגען צום באַשלוס, אייך צו ראָטן, איר זאָלט זיך באַקענען בענטער מיט דעם ענין. איר מוזט קודם כל פאַרשטיין, אַז זי איז נאָך נישט קיין געלעזטע און זיך גוט אַריינטראַכטן אין איר

מיט אַזוי פיל אָפענעם פאַרשטאַנד, ווי מעגלעך. מיין אייגענע דערפאַרונג ביים באַהאַנדלען אַזעלכע פראַגן דיקטירט מיר, כ׳זאָל אייך ראָטן, ניט צו וואַרטן אויף קיין פּאַרטיקע ענטפערס פון מיר אָדער פון ווער מען עס זאָל ניט זיין, נור זעלבסטשטענדיק אויף אַן אייגענעם אופן פּרוּוון צו לעזן דעם פּראָבלעם. ווייל אויב איר זאָלט אים אַפילו לעזן אינגאַנצן פאַלש, וועט ער פונדעסטוועגן אייך ניט נאָר שטאַרק פאַראינטערעסירן, נאָר איר וועט אים אויך אַסך בעסער פאַרשטיין דאַמאָלס, ווען די ריכטיקע לעזונג וועט סוף־כל־סוף קומען.

II

## פונאַנדערטיילונג.

עס איז איצט שוין יעדן איינעם באַקאַנט, אַז סאָציאַליזם איז אַ פּלאַן אָדער אַ פאָרשלאַג צו צעטיילן די הכנסות פונם לאַנד אויף אַ נייעם אופן, דאָס הייסט: אַריינברענגען אַ נייע מעטאָדע ביים צוטיילן. איר האָט אפשר ניט באַמערקט, אַז די הכנסות פונם לאַנד ווערן צעטיילט יעדן טאָג און אַפילו יעדער מינוט און אַז די דאָזיקע צעטיילונג מוז דויערן אַזוי לאַנג, ווי עס וועלן זיין אַפילו צוויי מענטשן אויף דער ערד. די חלוקי־דעות באַשטייען ניט דערין צי מען דאַרף צעטיילן די רייכטימער אָדער ניט, נור ווי אַזוי מען זאָל זיי צעטיילן: וויפל דאַרף יעדער מענטש באַקומען און אויף וואָסערע באַדינגונגען ער זאָל עס באַקומען. סאַנט פּאַול האָט געזאָגט „דער וואָס וועט ניט אַרבייטן, דער זאָל אויך ניט באַקומען קיין עסן", אָבער אַזוי ווי ער האָט געהאַט זייער ניט קיין געהויבענע מיינונג וועגן פרויען, האָט ער אויך פאַרגעסן אין קליינע קינדער. קינדער אַרבעטן ניט און זיי זענען שטאַרקע עגאָיסטן, פונדעסטוועגן מוז מען זיי געבן צו עסן. אויב ניט, וואָלט באַלד ניט געבליבן קיין לעבעדיקער מענטש אויף דער וועלט. הייסט עס, אַז דאָס איז ניט קיין פּלאַן.

אַ טייל מענטשן מיינען, אַז אויב זיי קענען אָפּשפּאָרן געלט איז אַ סימן, אַז מ׳קען אויך איינשפּאָרן די רייכטימער פון דער וועלט. אמתע שטותים! דער גרעסטער טייל פון די זאַכן וואָס דערהאַלטן אונז ביים לעבן קען מען נישט האַלטן אפילו קיין איין וואָך. די וועלט לעבט פון האַנט — צום מויל. אַ שאַר-אייזן קען אויסהאַלטן אַ לעבן לאַנג, אָבער מיר קענען דאָך נישט עסן קיין שאַר-אייזנס, הגם מיר טוען אַלץ וואָס מיר קענען, כדי צו קענען אויסהאַלטן אונזערע שפּייזמיטלען וואָס לענגער. מיר קאַלטן אייער, קאָנסערווירן פיש, פּאַרפרירן שעפּסנס און אַר-בעטן אויס טריקענע שפּייזן פון מילך. אַ פאַקט איז אָבער, אַז אויב אונזער שפּייז ווערט נישט פאַרצערט אין משך פון אַ וואָך זינט עס איז געבאַקן אָדער געשחטן געוואָרן, ווערט עס אַלט אָדער קאַליע און עס דערשטיקט אָדער פאַרסמט אונז. אַפילו אונזערע מלבושים וואָלטן לאַנג נישט אויסגעהאַלטן, ווען מיר וואָלטן געאַרבעט אין זיי. איר מעגט אַפילו אַרויפלייגן זוילן פון אינדישער גאָמע אויף די פּאָדעשוועס, וועט עס אייך אויך נישט העלפן, זיי וועלן אויסגעריבן ווערן. היינט וואָס איז מכה די וועש?

יעדעס יאָר מוז אונז ברענגען אַ נייע שניטצייט און אַ נייעם דור שעפּסן און פי. מיר קענען נישט לעבן פון דעם, וואָס ס׳איז איבערגעבליבן פונם פאַרגאַנגענעם יאָר און די פּראָ-דוקטן פונם קומענדיקן יאָר זענען נאָך דערווייל נישטאָ. מיר מוזן לעבן דער עיקר פון דעם, וואָס דאָס היינטיקע יאָר גיט אונז. מיר מוזן אויסאַרבעטן זאַכן און זיי גלייך פאַרנוצן: זייען און שניידן, ברייען און באַקן, פאַשען און קוילענען (סיידן איר זענט וועגעטאַריאַנער אַזוי ווי איך), פאַרשמוצן און וואַשן, — אויב נישט וועלן מיר שטאַרבן פון שמוץ און פון הונגער. שפּאָרן הייסט טאַקי פאַרזאָרגן זיך אויף דער צוקונפט, פונדעסטוועגן אויב איך באַק צ. ב. ש. אָפּ אַ הונדערט און איין ברויט קען איך פאַרט נישט עסן מער ווי איינס און איך קען נישט האַלטן די איבע-ריקע. אין משך פון איין וואָך וועט מען זיי נישט קענען עסן. אַלץ וואָס איך קען טון איז: צו פאַרהאַנדלען מיט עמיצן, וואָס

דאַרף שוין איצט האָבן אַ הונדערט ברויטלעך פאַר זיך, פאַר זיין פאַמיליע אָדער פאַר זיינע אַרבעטער גלייך אויפצועסן. און זיי גיב איך אַוועק מיינע איבעריקע הונדערט ברויטן מיטן תּנאַי, אַז יענער זאָל מיר דערפאַר יעדעס יאָר געבן פינף ברויט. אָבער דאָס הייסט נישט שפּאָרן. דאָס איז איינפאַך אַ געשעפט צווישן צוויי מענטשן: צווישן איינעם, וואָס וויל זיך פאַרזאָרגן מיט ברויט אויף דער צוקונפט און צווישן דעם צווייטן, וואָס קען פאַרנוצן אַסך מיט אַמאָל. הייסט עס, אַז איך קען נישט שפּאָרן, סיידן איך געפין איינעם וואָס קען פאַרנוצן. די איינרעדעניש אַז מיר אַלע צוזאַמען קענען שפּאָרן איז אַ נאַרישע. אין דער אמתן קענען בלויז געציילטע רייכע מענטשן, וואָס האָבן מער ווי זיי געברויכן, זיך פאַרזאָרגן אויף דער צוקונפט אויף אַזאַ אופן און זיי וואָלטן עס נישט געקענט טון, אויב עס וואָלטן זיך נישט געפונען אַנדערע מענטשן, וואָס זאָלן באַנוצן מער ווי די ערשטע פאַרמאָגן. פעטער מוז פאַרנוצן וואָס פאַול שפּאָרט אָפּ. אויב נישט, ווערט דאָס, וואָס פאול האָט אָפּגעשפּאָרט, קאַליע, און דעמאָלט ווערט צווישן די צוויי גאָרנישט נישט אָפּגעשפּאָרט. אַ נאַציע אָן-און-פאַר-זיך מוז אַרויסבאַקומען איר ברויט און עס פאַרצערן אין איין און דערזעלבער צייט. אַ פאָלק וואָס הערט אויף צו אַרבייטן, מוז אויסשטאַרבן אין משך פון צוויי וואָכן; מעג יעדער מאַן, פרוי אָדער קינד פאַרמאָגן הייזער, לאַנד און אַ מיליאָן אָפּגעשפּאָרט אין די בענק. ווען דו זעסט דעם רייכן מאַנס וויב (אָדער ווען עס איז ווייב) שאָקלען מיטן קאָפּ אויף דער אומשפּאָרזאַמקייט פון די קבצנים צוליב דעם ווייל זיי זעען נישט עפּיס אָפּצושפּאָרן, מעגסטו רחמנות האָבן אויף איר אונוויסנהייט. אָבער רעג נישט אויף דעם אָרימאַן און דערצייל אים נישט אָט-דעם נאַנסענס.

---

III

## וויפל פאַר יעדן איינעם פון אונז?

איר באַגרייפט שוין איצט מסתמא, אַז אַזעלכע זאַכן ווי באַקן, מאַכן, דינען, ציילן, מוזן געשען יעדן טאָג. און די ברויטן, און אַלע אַנדערע זאַכן מוזן באַלד פאַנאַנדערגעטיילט ווערן אַזוי גיך ווי זיי ווערן געמאַכט. יעדער פון אונז, אַן ער אָדער אַ זי, דאַרף באַקומען זיין אָדער איר באַשטימטן טייל. אָבער פון וואָס זאָל דער טייל באַשטיין? וויפל זאָל האָבן יעדער פון אונז? און פאַרוואָס זאָל יעדער פון אונז באַקומען אַזוי פיל און אַזוי פיל און קיין איינער נישט מער אָדער ווייניקער? אויב אַ שוועראַרבעטנדיקע אלמנה מיט זעקס קינדער באַקומט צוויי לעבלעך ברויט אַ וואָך און עפּעס אַ פוילער בחור, אַ ליידיקגייער גיט אויס יעדן טאָג אַזוי פיל, וואָס וואָלט געקענט גענוגענען פאַר זעקס פאַמיליעס אַ חודש צייט — איז דאָס אַ פאַרשטענדיקער אופן פון צעטיילן? וואָלט נישט געווען גלייכער, צו געבן מער דער אלמנה און ווייניקער אָט דעם יונגן בחור? די דאָזיקע פראַגן ווערן נישט פאַרענטפערט פון זיך אַליין, מען מוז זיי ערלעדיקן דורכן געזעץ. אויב די אלמנה זאָל צונעמען אייגנס פון דעם בחורס ברויטלעך, וועט די פּאָליציי איר אַריינזעצן אין טורמע און אירע קינדער וועט מען אַוועקשיקן אין אַן אַרבעטסהויז. די פּאָליציי טוט עס דערפאַר, ווייל לויטן געזעץ קומט דער אלמנה נישט מער ווי צוויי ברויטן. דאָס געזעץ קען אָפּגעשאַפט אָדער געענדערט ווערן דורכן פּאַרלאַמענט, אויב די באַפעלקערונג פאַרלאַנגט עס און גיט אָפּ אירע שטימען לויט איר פאַרלאַנג. דער גרעסטער טייל מענטשן, ווען זיי הערן אַזאַ זאַך, האַלטן, אַז דאָס געזעץ דאַרף געענדערט ווערן. ווען זיי לייענען אין די צייטונגען, אַז איינער, אַן אַמעריקאַנער אלמנה,

וועלכע איז איבערגעבליבן מיט איין קינד אַ יינגעלע, האָט מען איבערגעלאָזט הונדערט און פופציק פונט אַ וואָך, צו דערציִען דאָס קינד, און זי קריגט באַזונדער אויף אויסצוהאַלטן זיך אַליין, פונדעסטוועגן גייט זי אין געריכט אַריין און באַקלאָגט זיך, אַז זי האָט נישט גענוג און מען דערלייגט איר ביז צוויי הונדערט אַ וואָך, אין דער צייט ווען אַנדערע אלמנות, וואָס האָבן געאַרבעט זייער גאַנץ לעבן פון זייער פריסטער יוגנט אָן, מוזן פאַרענדיקן זייער לעבן אין אַ אַרבעטס־הויז — פילן זיי, אַז אין אַזאַ מין פאַנאַנדערטיילונג ליגט אַ שרעקליכע אומגערעכטיקייט, פאַרברעכן און שטות און אַז מען מוז עס ענדערן. אָט די ענדערונג קומט פאָר ממילא טיילווייז דורך דעם, וואָס מ׳נעמט צוריק ביי דער אלמנה אַביסל דורך ראַטעס און שטייערן, און מ׳גיט עס אויס אויף אויסצוהאַלטן אַלטע לייט און אלמנהס און אויף קלאָגעדיקע געהאַלטן פאַר אַרבייטסלאָזע און „פרייע”, אויף עלעמענטאַרע בילדונג און פאַרשידענע אַנדערע זאַכן. אָבער דער איינקונפט פון יענער אלמנה איז נאָך אַלץ איבער הונדערט פונט אַ וואָך אויף אויסצוהאַלטן איר קינד און חוץ דעם באַקומט זי נאָך אַ געוויסן פראָצענט, בעת דאָרט ערגיץ אין עק שטאָט וווינט אַן אַלמנה, וואָס קריגט צען שילינג אַ וואָך, און דאָס איז די איינציקע הכנסה, וואָס שטייט צווישן איר און דעם אַרבייטס־הויז. דער אונטערשיד אין דער פאַנאַנדערטיילונג בלייבט נאָך אַלץ הייסט עס, אַזוי געוואַלדיק גרויס, אַז די אַלע שטייערן א. ד. ג. זענען ווי אַ טראָפּן אין ים. די ענדערונגען האָבן לחלוטין נישט קיין שום באַדייטונג. יעדער איינציקער וואָלט געוואָלט, עס זאָל זיין אַ גערעכטערע צוטיילונג, אויסער יענע, וועלכע באַקומען דעם בעסטן חלק; און אַזויווי יענע מאַכן נאָר אויס איינער אויף צען, און צווישן די צען זענען אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען מודה אין דער דאָזיקער אומגערעכטיקייט, קענען מיר אָננעמען, אַז עס הערשט אַן אַלגעמיינע אומצופרידנהייט מיט דער עקזיסטירנדיקער טעגלעכער צעטיילונג פון די רייכטימער, און אַז די וואָס האַלטן, אַז אָט די לאַגע מוז מען ענדערן, הויבן אָן וואָס אַ מאָל מער זיך צו אינטערעסירן מיט די ענדערונגען.

אָבער איידער איר קלערט וועגן ענדערן, מוזט איר פריער גענוי וויסן, אויף וואָס איר ווילט אויסבייטן דעם איצטיקן סיס-טעם. עס איז אַן אומזין צו זאָגן, אַז דאָס, וואָס מרס נ. האָט טויזנט פונט אַ טאָג און די אָרימע מרס מ. בלויז אַ האַלבן קרוין, איז אַ סקאַנדאַל. אויב איר ווילט מ׳זאָל ענדערן דאָס געזעץ, מוזט איר זיין פאַרגעברייט צו זאָגן, וויפיל — האַלט איר — מרס נ. זאָל האָבן און וויפיל מרס מ. וואָלט געדאַרפט באַקומען. אָט דאָ שטעקט אייגנטלעך די גאַנצע צרה: מיר זענען אַלע גרייט צו זאָגן, אַז מרס מ. דאַרף על פי יושר באַקומען מער און מרס נ. ווייניקער. ווען מען וויל אָבער מיר זאָלן זאָגן גענוי, וויפל מער און וויפל ווייניקער זיי דאַרפן באַקומען, לויט אונזער מיינונג, זאָגט איינער איין סומע, דער אַנדערער — אַ צווייטע און אַ טייל האָבן גאָרנישט וואָס צו זאָגן, אַחוץ, אפשר, אַז מרס נ. וואָלט זיך געמעגט שעמען און אַז ס׳איז רעכט אַזוי אויף מרס מ., זאָל זי נישט זיין קיין נאַר

מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דעם, זאָגן, אַז דער ערלעכסטער וועג איז צו לאָזן יעדן פאַרמאָגן דאָס, פאַר וועלכן ער אָדער זי האָט צו באַצאָלן. די מעשה איז אָבער, וואָס די תשובה מאַכט נישט קלענער די שוועריקייטן. עס דער-וועקט בלויז אַ פראַגע, ווי אַזוי דאָס געלט דאַרף אייגנגעטיילט ווערן. געלט איז נור אַ שטיקל פאַפיר אָדער אַ שטיקל מעטאַל, וועלכעס גיט דעם, וואָס האָט עס אין דער האַנט, אַ רעכט אויף אַזוי פיל און אַזוי פיל ברויט אָדער ביר, דיאַמאַנטן אָדער אויטאָ-מאָבילן און וואָס נישט? מיר קענען נישט עסן קיין געלט און נישט טרינקען קיין געלט און נישט אָנטון קיין געלט. צעטיילן געלט איז דאָס זעלבע, וואָס צעטיילן סחורות. אַלץ ווערט באַ-רעכנט לויטן געלט. ווען דאָס געזעץ גיט מרס מ. אירע צען שילינג צו זיבעציק יאָר און מאסטער נ. זיינע דריי טויזנט שילינג נאָך איידער ער ווערט אַלט זיבן מינוט — טיילט עס דער-מיט איין דאָס ברויט און די פיש, די מלבושים און די הייזער, די אויטאָמאָבילן און די קינדער-וועגעלעך צווישן זיי ביידען, פונקט ווי מ׳וואָלט זיי דירעקט אויסגעטיילט די

דאָזיקע סחורות, אַנשטאָט אויסטיילן דאָס געלט, פאַר וועלכן מ'קען דאָס אַלץ קויפן.

---

IV

## קיין שום רייכטום אָן אַרבעט.

איידער עס אַנטשטייען רייכטימער צו צעטיילן, מוזן זיין אַרבעטער ביי דער אַרבעט; עס קענען נישט זיין קיין לאַבענס ברויט אָן פאַרמערס און בעקערס. טויזנטער מיילן ווייט פון אונז זענען פאַראַן אַ פּאָר קליינע אינזלען, וווּ מענער און פרויען ליגן אַ גאַנצן טאָג און באַקן זיך אויף דער זון און לעבן פון קאָקוס-ניס, וואָס די מאַלפּעס וואַרפן זיי אַראָפּ. אָבער פאַר אונז זענען נישט פאַראַן אַזעלכע מעגליכקייטן. אָן כסדרדיקער אַרבעט וואָלטן מיר אויסגעשטאָרבן פון הונגער. אויב איינער גייט ליידיק, מוז דער צווייטער אַרבעטן פאַר צוויי, ווען נישט, וועלן זיי ביידע שטאַרבן פאַר הונגער. דערפאַר האָט סאַנט פּאָול געזאָגט „אויב אַ מענטש וועט נישט אַרבעטן, דאַרף ער אויך נישט באַקומען צו עסן". דער עול פון אַרבעט איז אויף אונז אַרויפגעצווינגען געוואָרן פון דער נאַטור, און זי דאַרף איינגעטיילט ווערן צווישן אונז אַזוי גוט, ווי די רייכטימער, וואָס זי פּראָדוצירט.

אָבער די צוויי אופנים פון איינטיילן מוזן נישט זיין אָפּהענגיק איינס פונם אַנדערן. איין מענטש קען פּראָדוצירן אַסך מער ווי ער אַליין דאַרף האָבן זיך צו ערנערן. ווען נישט, וואָלטן די קליינע קינדער נישט געהאַט וואָס צו עסן און די אַלטע לייט, וואָס קענען שוין נישט אַרבעטן, וואָלטן געשטאָרבן פון הונגער. נישט איין פרוי, וואָס האָט גאָרנישט פאַרמאָגט, אַחוץ אירע צוויי הענט, האָט באַוויזן אויסצוהאַלטן אַ גאַנצע פאַמיליע, אירע אַלטע עלטערן פאַר אַ צוגאָב, און אַחוץ דעם באַך אויסאַרבעטן דירה-געלט פאַרן ווירט. מיט דער הילף פון וואַסער-מאַשינען, דאַמפּ-מאַשינען, עלעקטרישע מאַשינען און אַלערליי מאָדערנע מאַשינעריע, קען איצט די אַרבעט אָרגאַניזירט

ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז איין פרוי זאָל קענען אויסאַרבעטן מער, ווי טויזנט פרויען האָבן אויסגעאַרבעט מיט הונדערטפופציק יאָר צוריק.

דאָס, וואָס מיר שפּאָרן איין אַרבעט דורך דעם, וואָס מיר שפּאַנען איין מאַשינען צוזאַמען מיט נאַטירלעכע כּוחות ווי ווינט, וואַסער און היץ, וואָס מיר באַקומען פון קוילן און אַז. וו. פּראָדוצירט אויך מער רו־צייט, וועלכע דאַרף אויך צעטיילט ווערן. אויב איין מענטשנס אַרבעט פון צען שעה אַטאָג קען מפרנס זיין צען מענטשן אינם משך פונם טאָג, קענען די צען צווישן זיך אָרגאַנזירן דעם טאָג אויף פאַרשידענע אופנים. זיי קענען אַרויפלייגן די גאַנצע אַרבעט אויף איינעם און לאָזן די איבריקע ניין אַרומגיין ליידיק, אָדער איינטיילן די אַרבעט צווישן זיך, אַז יעדער זאָל אַרבעטן איין שעה און די איבריקע ניין שעה האָבן פרייער זיך; אָדער זיי קענען עס איינאָרדנען צווישן זיך אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל נישט קומען צו אַזאַ עקסטרעמקייט. זיי קענען אויך מאַכן, אַז דריי פון זיי זאָלן אַר־בעטן יעדער צו צען שעה אַטאָג און פּראָדוצירן גענוג אויף אויסצוהאַלטן דרייסיק מענטשן, אַזוי אַז די אַנדערע זיבן וועלן נישט נור גאָרנישט דאַרפן טון, נור זיי וועלן קענען עסן פאַר פערצן און האַלטן דרייצן דינסטן צו באַדינען זיי און אויך האַלטן די איבריקע דריי כּסדר ביי דער אַרבעט פאַר געצאָלטס.

נאָך אַ מעגליכקייט איז פאַראַן, למשל: זיי מאַכן אָפּ צווישן זיך, אַז זיי אַרבעטן אַלע מער ווי עס איז נויטיק, כּדי זיך אויפצוהאַלטן, מיט דער קאָנדיציע, אַז זיי הויבן אָן צו אַרבעטן ערשט־דאַן, ווען זיי וועלן שוין זיין דערוואַקסענע מענטשן מיט אַהעכערער בילדונג און ווען זיי וועלן אַלט ווערן פופציק יאָר, זאָלן זיי האָבן די מעגליכקייט אויפצוהערן אַרבעטן און לעבן זיך באַקוועם, געניסן פון אַלערליי פאַרווײַלונגען א. אַ. וו. די רעשט פון זייער לעבן.

אָן אַ שיר פאַרשידענע אָרדנונגען זענען מעגלעך צווישן אַבסאָלוטער שקלאַפעריי און אַ גערעכטע איינטיילונג פון אַרבעט און ליידיקגייעריי; רייכטום, שקלאַפעריי, פעאָדאַליזם, קאַפּיטאַליזם,

סאָציאַליזם, קאָמוניזם, פֿאַלן אַלע אַרונטער די פֿאַרשידענע אָרדנונגען־אופנים פון דער דאָזיקער צוטיילונג. די היסטאָריע פון דער רעוואָלוציע איז די היסטאָריע פון עפֿעקטן פון כסדרדיקן קאַמף צווישן מענטשן און קלאַסן, וועלכע ווילן ענדערן דעם סיסטעם פֿאַר זייער אייגענער טובה. נאָר דערווייל איז מער געווונטשן, מיר זאָלן זיך באַשעפֿטיקן מיט דער פראַגע בנוגע דער צוטיילונג פון די הכנסות, וואָס די אַרבעט פּראָדוצירט, ווייל די פראַגע פון אַרבעט און ליידיקגיין איז גאָרנישט לגבי די אומגעהויערע דיפערענץ אין די הכנסות פון צוויי מענטשן, וואָס קען געשאַפֿן ווערן ביי די נייע מעטאָדן אין די מאַשינען. איר קענט נישט געבן קיין רייכן מאַן מער ווי פיראונצוואָנציק שעה אַ טאָג, אָבער איר קענט אים רייכער מאַכן מיט פיראונצוואָנציק מיליאָן, ער זאָל אַפילו קיין האַנט נישט דאַרפֿן צולייגן דערצו.

---

V

## קאָמוניזם.

אויב איר מיינט, אַז איך האָב עס שוין קלאָר געמאַכט פאַר אייך — צי ווילט איר נישט פּרווון אין אייער געדאַנק צו באַשליסן, ווי אַזוי איר וואָלט געוואָלט זען צעטיילט יעדן טאָג די איינקונפֿטן פון אייער לאַנד? לאָזט אייך נישט באַיינפלוסן פון סאָציאַליזם אָדער קאַפּיטאַליזם אָדער פון אייער אויסדערוויילטער צייטונג; זיי וועלן אייך נישט נור צעמישן און פאַרפּלאָנטערן, נאָר זיי וועלן אייך בכיוון אַראָפּפירן פון וועג. טראַכט אַליין וועגן דעם, באַטראַכט זיך פֿאַר אַ קוראַטאָר פון גאַנצן פאָלק און מ׳האָט דיר אָנגעטרויט דעם גאַנצן לאַנדס הכנסות, דו זאָלסט עס צוטיילן אַזוי, אַז עס זאָל געשאַפֿן ווערן אַן אַלגעמיינסאָציאַל וווילזיין.

אַגב מוז איך אייך וואָרנען, אַז איר זאָלט ליבערשט אַרויסלאָזן פון געדאַנק אייער אייגענעם טייל און אייערע

קינדערס און אייער גאַנצער פאַמיליעס, ווייל אַנדערש קענען אַמאָל פערזענליכע געפילן זיין אַ שטערונג פאַר אייער ערלעכן אורטייל.

אַ טייל פרויען וואָלטן געזאָגט „איך טראַכט קיינמאָל נישט וועגן יענעם, איך קען קיינעם נישט". אָבער דאָס וועט נישט לעזן קיין סאָציאַלע פראַגן. קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם זענען נישט קיין פראַגע פון צעטיילן דאָס רייכטום אין דעם קרייז פון איין דאַמע, נור פון אַן אַלגעמיינער פונאַנדערטיילונג פון די רייכטימער. און אַזוי ווי די סומע, וואָס דאַרף יערליך פונאַנדערגעטיילט ווערן איז אַזוי באַשרענקט, אַז אויב מרס דיקסאַנס קינד אָדער איר שוועסטערס קינד אָדער אייער גאָנטסטער און טייערסטער פריינט וועלן באַקומען מער, וועט מרס דזשאָנסאָנס קינד אָדער איר שוועסטערס קינד אָדער איר נאָנטסטער פריינט באַקומען ווייניקער, מוז מרס דיקסאָן פאַרגעסן נישט נור אירע פריינט און איר פאַמיליע, נור אויך איר קלאַס. זי מוז זיך אַריינטראַכטן אין דעם מאָמענט ווי אַ מלאך ממש, וואָס אַרבעט פאַר גאָט אָן שום ערדישע אינטערעסן. זי דאַרף זיין פריי פון יעדער נייגונג צו פאַרדאַרבן איר ערליכקייט, פאַראינטערעסירט זיין בלויז מיט דער אויפגאַבע צו באַשטימען, וויפל יעדער מענטש זאָל אַרויסבאַקו-מען פון דער נאַציאָנאַלער איינקונפט, אַז עס זאָל זיין די גרעסטע און מעגלעכסטע טובה פאַר דער וועלט און עס זאָל באַפרידיקן איר נשמה.

פאַרשטייט זיך, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז קיינער פון אונז קען דאָס נישט אינגאַנצן דערגרייכן. אָבער מיר מוזן זיך באַ-מיען צו דערגרייכן עס אַזוי נאָענט ווי עס לאָזט זיך. איך ווייס אויך, אַז ס'איז כמעט נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אייך מאַכן אַזוי נערוועיש און אויך אויפרייצן, ווי די קאַטעגאָרישקייט, מיט וועלכע מענטשן זאָגן צו אייך: „טראַכט וועגן אַלץ אַליין", בעת זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז אונזערע געדאַנקען זענען ווי אַ סטאַדע מיט אַ קליינעם צומיש פון אינדיווידועלן געדאַנק. איך בין אַפילו גרייט צו הערן, אַז פאַר דעם דאָזיקן בוך האָט איר מיר באַצאָלט, כדי איך זאָל טראַכטן פאַר אייערטוועגן, אָבער דאָס

ביז אַזוי אוממעגלעך צו טון, ווי עס איז אוממעגלעך איך זאָל עסן מיטאָג און איר זאָלט זאַט זיין. וואָס איך קען יאָ טון, איז אָפּקאָכן אייער אינטעלעקטועלן מיטאָג, אייך זאָל זיין גרינג זיך פונאַנדערצוקלויבן, דאָס הייסט אַרויספירן אייך אויף דער ריכ־טיקער ליניע פון דענקען אַזוי, אַז איר זאָלט פאַרשפּאָרן צו פאַרלירן אומזיסט צייט דורך אומזיסטיקע אַרבייט און ענטוישונגען בעת איר וועט זוכן דעם וועג און אַריינקומען אין בלינדע אַלעען, וועלכע וועלן נאָך אייערע לאַנגע בלאָנדזשענישן זיך אַרויסווייזן פאַר נישט־דורכפאָרבאַר.

און אָט זענען באַשטימטע פּלענער, וועלכע זענען פּרובירט אָדער פאָרגעשלאָגן געוואָרן. לאָמיר אָנהויבן מיט די פּשוט׳סטע: דער משפחה־פּלאַן פון די אַפּאָסטאָלן און זייערע נאָכפאָלגער. צווישן זיי פלעגט יעדער ער אָדער זי אַריינוואַרפן אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט אין אַ בשותּפותדיקן לאַגער, און יעדערער האָט גענומען, וואָס ער אָדער זי האָט געדאַרפט.

די דאָזיקע פאַרפליכטונג איז געווען אַזוי הייליק, אַז ווען אַנאַניאַס און סאַפּיראָ האָבן בעהאַלטן עפּיס פאַר זיך, האָט זיי דער הייליקער פּעטער געטויט פאַר „אָפּנאַרן דעם הייליקן גייסט”.

אַזאַ מין קאָמוניזם אין ריינעם פּרימיטיוון זין ווערט פּראַקטיצירט ביזן היינטיקן טאָג אין אַסך קליינע געמיינדעס, וואָס לעבן צוזאַמען און קענען זיך איינער דעם אַנדערן, אָבער דאָס איז נישט אַזוי איינפאַך פאַר גרויסע באַפעלקערונגען, וועלכע וווינען נישט צוזאַמען און קענען נישט איינער דעם אַנדערן. אַפילו אין פאַמיליע־לעבן פּראַקטיצירן מיר עס נאָר טיילווייז, וואָרן הגם דער פאָטער גיט אָפּ אַ טייל פון זיינע פאַרדינסטן, און די קינדער טוען אויך דאָס אייגענע, אויב זיי פאַרדינען, און די מוטער קויפט איין שפּייז און מאַכט עס גרייט פאַר אַלעמען צום געניסן, באַהאַלט יעדער אַ טייל פון דעם פאַרדינסט פאַרן אייגענעם געברויך. פאַמיליע־לעבן איז נאָך אַלזאָ נישט קיין ריינער קאָמוניזם. ס׳איז בלויז טיילווייז קאָמוניזם און טייל־ווייז באַזונדער אייגנטום; יעדער מיטגליד פון דער פאַמיליע

מיט דאָס, וואָס אַנאַניאַס און סאַפּירע האָבן געטון, נאָר זיי זענען נישט געצוווּנגען צו לייקענען (הגם אַפילו דאָס טוען זיי אויך) וואָרן עס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, די קינדער זאָלן אַראָפּנעמען פון די פאַרדינסטן אַ באַשטימטן טייל אויף טאַשן-געלט, דער פאָטער אויף ביר און טאַבאַק און די מוטער, אויב ס'בלייבט איר עפּיס געלט — אויף קליידער.

חוץ דעם האָט דאָך דער פאַמיליען-קאָמוניזם קיין שום שייכות נישט מיט די שכנים פון צווייטן הויז. יעדעס הויז-געזינד האָט זיך אירע אייגענע באַזונדערע מאָלצייטן, און די מענטשן אינם צווייטן הויז באַשטייערן גאָרנישט דערצו און האָבן נישט קיין שום רעכט דערויף, הגם אין מאָדערנע שטעט זענען פאַראַן געוויסע אויסנאַמען אויף דעם געביט, וואָרן הגם יעדער קויפט זיך ביר באַזונדער, נוצען אַלע וואַסער פון איין און דעם זעלבן אָרט אויף אַקאָמוניסטישן אופן. זיי גיבן, ווי מען רופט עס אָן, וואַסער-שטייערן דעם בשותפותדיקן פאָנד, ווע לכער באַצאָלט פאַר אַ שטענדיקן צופלוס אין יעדן הויז, און זיי נעמען דערפון אַזוי פיל אָדער אַזוי ווייניק, ווי זיי האָבן נויטיק.

אויפן זעלבן אופן באַצאָלן זיי פאַר דער באַלייכטונג אין די גאַסן, פאַר פלאַסטערן טראָטואַרן, פאַר פּאָליציי, זיי צו באַשיצן, פאַר בריקן איבער טייכן און פאַרן אָפּרייניקן, אָפּרוימען און פאַרניכטן דאָס אָפּפאַלעכץ, מיסט א. אַ. וו.

קיינעם פאַלט נישט איין צו זאָגן: איך גיי קיינמאָל נישט ביינאַכט אין גאַס, איך האָב נאָך קיינמאָל נישט גערופן קיין פּאָליציאַנט, איך האָב נישט קיין שום געשעפטן אין יענער זייט טייך און איך גיי דעריבער קיינמאָל נישט איבער דער בריק און דערפאַר וועל איך נישט העלפן צו באַצאָלן די קאָסטן פון די אַלע זאַכן.

יעדער איינער ווייסט, אַז אַ שטאָט וואָלט נישט געקענט עקזיסטירן אָן באַלייכטונג, אָן גאַסן-ברוקירונג, בריקן, פּאָליציי און סאַניטאַרן, און אַז אַ קראַנקער, וואָס ליגט אָפּ זיין גאַנצן לעבן אין בעט און פאַרלאָזט קיינמאָל נישט ס'הויז, אָדער אַ בלינדער, וועמען קיין שום גאַז-לאָמפּ קען נישט געבן צוריק

זיין ליכט, איז פונקט אַזוי אָפּהענגיק פון דער דאָזיקער געזעל־שאַפטלעכער זאָרג פאַר טעגלעכער צושטעלונג פון שפּייז און פאַר זיכערקייט, ווי יעדער געזונטער מענטש. און דאָס באַציט זיך פונקט אַזוי אויף דער אָרמער און אויפן פלאַט, ווי אויף דער פּאָליציי, אויף אַ ליכטטורם, ווי אויף אַ גאַסן־לאַמטערן, אויף דעם מאַגיסטראַט ווי אויפן פּאַרלאַמענט; זיי ווערן אַלע באַצאָלט פונם אַלגעמיינעם געלט־לאַגער, וואָס אַנטשטייט אויף קאָמוניס־טישע יסודות, דערפאַר וואָס אַלע צאָלן אַהין אַריין דורך שטייערן און טאַקסעס, און אַלע געניסן דערפון, — מיט איין וואָרט, ס׳איז אַ מין קאָמוניזם.

אויב מיר באַצאָלן אונזערע שטייערן אויפצוהאַלטן דעם דאָזיקן קאָמוניזם, טוען מיר נישט אַזוי, ווי די אַפּאָסטאָלן האָבן געטון, וואָס האָבן אַריינגעוואָרפן אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט אינם אַלגעמיינעם לאַגער. מיר גיבן שטייערן לויט אונזערע מעג־לעכקייטן, און אונזערע מעגלעכקייטן ווערן אָפּגעשאַצט לויט דעם ווערט פון די הייזער, וואָס מיר באַוווינען, אָבער די, וועלכע צאָלן קליינע שטייערן, באַנוצן זיך מיט דער געזעלשאַפט־לעכער דינסט פונקט אַזוי גוט ווי די, וועלכע צאָלן גרויסע שטייערן. און אַפילו פרעמדע און אַזעלכע, וואָס צאָלן נישט קיין שום שטייערן, באַנוצן זיך דערמיט. יונג און אַלט, פרינץ און גאַסניונג, דער צדיק און דער רשע, שוואַרצע, ווייסע און געלע, שפּאָרזאַמע און אויסברענגערס, שיכורע און ניכטערע, דער פילאָ־זאָף, דער שניידער, דער סאָלדאַט און דער מאַטראָז, דער רייכער און דער אָרימאַן, דער בעטלער און דער גנב — אַלע האָבן דעם אייגענעם נוצן און געניסן גלייך פון די קאָמוניסטישע באַקוועמ־לעכקייטן און דינסטן, וואָס קאָסט אַזוי פיל געלד, און עס אַרבעט אַבסאָלוט פּערפעקט. קיינעם חלומט זיך נישט פאָרצושלאָגן, אַז מ׳זאָל נישט דערלויבן אַ מענטשן דורכצוגיין די גאַס, אויב ער וועט נישט באַצאָלן, אָדער ער וועט נישט ווייזן אַ סערטיפי־קאַט פון צוויי בכבודיקע הויז־באַזיצערס בנוגע זיין כאַראַקטער.

דאָך קאָסט דיך די גאַס ביליקער, ווי וועלכער עס איז אָרט, וואָס דו דאַרפסט באַצאָלן פאַרן אַריינגאַנג, ווי

למשל טעאַטער, אָדער אַנדערע ערטער, ווו די מוזט זיך אָנמעלדן אײדער די גײסט אַרײן אַהין, ווי קלובן למשל...

---

VI

## באַגרענצונגען אין קאָמוניזם.

צי וואָלסטו זיך אַמאָל געקענט פאָרשטעלן, אַז דער קאָמוניזם איז נישט קײן שלעכטע אויסטראַכטעניש פון רוסישע רעוואָלוציאָנערן און ברייטישע און אַמעריקאַנער היץ־קעפּ, נאָר אַדרבה – אַ העכסט אָנשטענדיקע מעטאָדע צו צעטײלן אונזערע רײכטימער, סאַנקציאָנירט און פראַקטיצירט פון אַפּאָסטאָלן, און איז נאָך דערצו אַ נויטווענדיקער טײל אין אונזער אײגענעם טאָג טעגליכן לעבן אין דער ציוויליזאַציע? מיר וואָלטן אָן קאָמוניזם נישט געקענט אויסקומען, מיר אַלײן פאַרשפּרײטן אים כסדר, מיר וואָלטן אים געקענט טײלווײז אָפּשאַפן, אויב מיר וואָלטן געוואָלט, מיר וואָלטן געקענט אײנאָרדענען ראָגאַטקעס אין די גאַסן, אַז יעדער אײנער זאָל מוזן באַצאָלן פאַרן דורכגײן. ס׳איז אַ פאַקט, אַז מיר קענען נאָך איצט אין טײל ערטער זען די אָפּצאָל־הײזלעך, ווו ס׳פלעגן זײן די אַלטע ראָגאַטקעס. מיר וואָלטן געקענט ליקווידירן די גאַסנלאַמטערנס און דינגען מענטשן, זײ זאָלן אונז צולײכטן מיט נאַפט־לעמפּלעך. זעט מען דען נישט איצט נאָך, אין טײל אַלטמאָדישע באַנען די אַלטע אויסלעשערס, וואָס מען פלעגט דינגען צו טון די דאָזיקע אַרבײט? מיר וואָלטן אַפילו געקענט דינגען פּאָליצײ און סאָלדאַטן פאַר יעדן מאָל, ווען מען וועט זײ גראָד דאַרפן, און אָפּשאַפן די אַרמעען און די פּאָליצײ, — אָבער מיר האָבן נישט בדעה צו טון אַזאַ זאַך. כאָטש אַ סאַך מענטשן הערן זיך נישט אויף צו באַקלאָגן, אַז זײ צאָלן צו גרויסע שטײערן, קריגן זײ מער נוצן פאַר זײערע שטײערן, ווי פאַר אַלע אַנדערע געלטער וואָס זײ גיבן אויס. דאָס וואָס מיר האָבן גרײט אַ געבויטע בריק אַריבערצוגײן איבערן טײך און מיר דאַרפן נישט באַצאָלן, אָדער אַפילו קלערן וועגן דעם, איז

פאַר אונז אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַ טייל פון אונז הויבן ממש אָן צו טראַכטן, ווי די קינדער, אַז בריקן זענען געבויט פון דער נאַטור און קאָסטן גאָר נישט. אָבער ווען מ׳זאָל די בריקן נישט אָפּהיטן, זיי זאָלן נישט איינפאַלן, און מיר זאָלן דאַרפן אַריבערשווימען, אָדער מ׳זאָל מוזן דינגען אַ שיפל יעדעס מאָל, ווען מיר וועלן דאַרפן אויף יענער זייט טייך, — וואָלטן מיר דעמאָלט פאַרשטאַנען, וואָספאַראַ ברכה עס איז קאָמוניזם, און מיר וואָלטן נישט באַשריגן די פּאָר שילינג, וואָס מיר דאַרפן באַצאָלן דעם אינקאַסענט, וואָס קומט איינמאָנען די שטייערן, כּדי צו קענען אויפהאַלטן די דאָזיקע בריקן; פאַרקערט, מיר וואָלטן באַטראַכט קאָמוניזם פאַר דער בעסטער מעטאָדע, און מיר וואָלטן געווינטשן, אַז אַלץ זאָל קאָמוניזירט ווערן.

אָבער דאָס וואָלט נישט געווען אויסגעהאַלטן. די סיבה, פאַרוואָס בריקן קענען קאָמוניזירט ווערן, איז ווייל יעדער איינער נוצט זי און געניסט דורך איר. עס מעג אָנגענומען ווערן אַ געזעץ, אַז אַלץ וואָס ווערט באַנוצט פון יעדן איינעם און וואָס יעדער איינער געניסט דערפון, קען קאָמוניזירט ווערן. גאַסן, בריקן, גאַסנבאַלייכטונג און וואַסערלייטונג זענען קאָמוניזירט און באַטראַכט פאַר אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך, הגם אין קליינע שטעטלעך און אין דערפער מוזן מענטשן קויפן און טראָגן לאַמטערנס אין פינצטערע נעכט און שעפּן זייער וואַסער פון זייערע אייגענע ברונעמס. ס׳איז נישטאָ קיין שום סיבה, פאַר וואָס ברויט זאָל נישט קאָמוניזירט ווערן. עס וואָלט געווען אַן אונשאַצבאַרער געווינס פאַר יעדן איינעם, אַז אין לאַנד זאָל זיך נישט געפינען אַזאַ זאַך ווי אַ הונגעריק קינד און אַז קיין פאַמיליענמאַן זאָל נישט דאַרפן טראַכטן וועגן די קאָסטן פון פאַרזאָרגן זיין הויזגעזינט מיט ברויט. באַנען וואָלטן געקאָנט קאָמוניזירט ווערן. איר קענט זיך פאַרוויילן מיט דעם, וואָס איר וועט טראַכטן פון אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס וואָלטן געבערענגט נוצן פאַר יעדן באַזונדער און פאַראַלעמען אינאיינעם, און דעריבער וואָלט געווען כּדאי, אַז זיי זאָלן קאָמוניזירט ווערן.

איר וועט זיך אָבער אָפּשטעלן, בעת איר וועט אָנהויבן צו טראַכטן וועגן זאַכן, וועלכע ווערן נישט געניצט פון יעדן. מיר קאָמוניזירן וואַסער, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך, אָבער וואָס איז מכּח ביר? וואָס וואָלט אַזאַ, וואָס טרינקט נישט, געזאָגט, ווען מען הייסט אים צאָלן שטייערן, כּדי זיין שכן זאָל קענען טרינקען אַזוי פיל ביר, וויפל עס גליסט זיך אים? ער וואָלט געוועזן צוויי מאָל קעגן דעם. ערשטנס דערפאַר, וואָס מ׳הייסט אים צאָלן פאַר אַ זאַך, וואָס ער געברויכט בכלל נישט, און צווייטנס, וואָלט ער געטענהט, איז ביר לויט זיין מיינונג, אַן אומגעזונטע זאַך, עס ברענגט צו צו שכרות, פאַרברעכן, א אַ וו. אַזאַ מענטש וואָלט בעסער געגאַנגען זיצן, איידער צו צאָלן שטייערן פאַר אַזעלכע צוועקן.

אַ טרעפלעכערביישפּיל פון דער דאָזיקער שוועריקייט איז די קירכע. די ענגלישע קירכע איז אַ גרויסע קאָמוניסטישע אינסטיטוציע. דאָס אייגנטום פון דער קירכע געהער צו גאָט, אירע טעמפּלען און גאָט-דינסטן זענען אָפן פאַר יעדן איינעם און אירע בישאָפן זיצן אין פּאַרלאַמענט אַלס לאָרדן פונם לאַנדרייך. דאָך צוליב דעם, וואָס מיר זענען נישט אַלע איינשטימיק מיט די מנהגים פון דער ענגלישער קירכע, און אַ סך פון אונז האַלטן, אַז אַ קאָמונען-טישל מיט ליכט דערויף זעט אויס צופיל ענלעך צו אַ קאַטוילישן אַלטאַר, זענען מיר געווען געצוווּנגען צו מאַכן אַזוי, אַז די שטייערן פאַר דער קירכע זאָלן זיין פריוויליקע, דאָס הייסט, דו קענסט צאָלן אָדער נישט, ווי דיין האַרץ גלוסט זיך. און ווען דער בילדונגס-אַקט פון יאָר 1902 האָט באַשטימט אַ געוויסע סומע אויך פאַר קלער-שולן, האָבן אַ סך מענטשן אָפּגעזאָגט זיך צו צאָלן שטייערן. זיי האָבן בעסער געלאָזט, אַז די שטייער-בעאַמטע זאָלן אויספאַרקויפן זייער מעבעל יאָר איין יאָר אויס, איידער צו געבן איין סענט פאַר דער קירכע. דערפון איז געדרונגען, אַז ווען איר זאָלט פאָרשלאָגן צו קאָמוניזירן זאַכן, וועלכע ווערן נישט פון אַלעמען געברויכט, אָדער ווייניקסטנס פון אַלעמען אַנערקענט, וואָלט איר בלויז אָנגעמאַכט צרות. מיר נוצן אַלע בריקן און גאַסן און מיר אַנערקענען, אַז זיי זענען אַ נויטווענדיקייט,

אָבער מיר האָבן חליקי-דעות מכּח רעליגיעזע ענינים אָדער אַנדערע זאַכן, וועלכע זענען נישט אַבסאָלוט נויטיק ווי ספּאָרט א. אַ. וו. און מיר פירן מחלוקת צוליב אָט די מיינונגס-פאַרשידנהייטן. דאָס איז די סבּה, וואָס מיר קאָמוניזירן גאַסן און בריקן, און קיינער באַקלאָגט זיך נישט דערויף, און קיינער הערט נישט אויף צו צאָלן די שטייערן, אַפילו ווען ער קלאָגט זיך אויף זיי, אָבער מיר וועלן האָבן מאַסן שטימען קעגן אונז אַזוי גיך, ווי מיר וועלן פּרוּוון קאָמוניזירן אַ וואָסאַרע ס'איז רעליגיעזע אינסטיטוציע, אָדער ווען מיר וועלן איינאָרדנען ביר און בראָנפן אויפן זעלבן אופן ווי וואַסער, אָדער אַזוי ווי מיר וואָלטן געדאַרפט רעגולירן דעם האַנדל פון מילך, אויב מיר וואָלטן געהאַט גענוג שׂכל צו שעצן דאָס געזונט פון דער באַפעלקערונג.

אַזעלכע שוועריקייטן וואָלטן אין אַ געוויסער מאָס געקאָנט רעגולירט ווערן דורך אַ גיב-און נעם-סיסטעם צווישן מענטשן, וועלכע געברויכן פאַרשידענערליי זאַכן. למשל, עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן שטאַרק ליב בלומען, אָבער זיי האָבן נישט זייער ליב קיין מוזיק, און אַנדערע, וועלכע האָבן ליב אַלערליי שפּילערייען אָדער שיפן זיך, און האָבן נישט ליב נישט קיין בלומען און נישט קיין מוזיק, און פונדעסטוועגן האָבן אָט די מענטשן, וואָס אונטערשיידן זיך אַזוי איינער פונם אַנדערן, גאָרנישט קעגן דעם, צו צאָלן שטייערן אויפצוהאַלטן שטעטישע גערטנער מיט בלומען-בייטן, שפּיל-פּלעצער, אַ טייך צום שיפן זיך און שווימען און אַן אָרקעסטער. לאַוּראַ זאָגט זיך נישט אָפּ צו צאָלן פאַר ביעטרעסעס געברויכן, אַזוי לאַנג ווי ביעטרעס זאָגט זיך נישט אָפּ צו צאָלן פאַר אירע.

אויך זענען פאַראַן אַ סך זאַכן, וועלכע בלויז אַ קליינע צאָל מענטשן פאַרשטייען אָדער באַנוצן, און נישט געקוקט דערויף צאָלן זיי אַלע די שטייערן, ווייל אָן דעם וואָלטן מיר נישט געהאַט קיין בילדונג, קיין ביכער, קיין בילדער און קיין הויכע ציוויליזאַציע. מיר האָבן עפנטלעכע גאַלעריעס מיט די בעסטע בילדער און סטאַטועס, עפנטלעכע ביבליאָטעקן מיט די בעסטע ביכער, אָבסערוואַטאָריעס, ווו אַסטראָנאָמען אָבסערווירן די שטערן

און מאַטעמאַטיקער מאַכן זייערע פאַרוויקלטע אויסרעכנונגען, לאַבאָראַטאָריעס, אין וועלכע וויסנשאַפטס־מענער באַרייכערן מכּלומרשט אונזער וויסנשאַפט בנוגע דעם וועלט־אַל. די דאָזיקע אינסטיטוציעס קאָסטן אָפּ אַ הוין מיט געלט, וואָס מיר אַלע מוזן זיך באַשטייערן. אַ סך פון אונז טרעטן קיינמאָל נישט איבער די שוועל פון אַ ביבליאָטעק אָדער אַ גאַלעריע, אָדער אַ מוזעאום, אַפילו ווען מיר וווינען גאָר נאָענט פון אָט די ערטער, און אַפילו קיין איינער פון צען איז נישט פאַראינטערעסירט אין אַסטראָנאָמיע אָדער מאַטעמאַטיק אָדער פיזיק, אָבער מיר האָבן אַן אַלגעמיינעם באַגריף, אַז די דאָזיקע זאַכן זענען נויטיק, און מיר צאָלן פאַר זיי גערן.

אַ חוץ דעם, ווייסן גאָר אַ סך מענטשן נישט, אַז זיי צאָלן דערפאַר. מיר מיינען, אַז דאָס אַלץ קריגן מיר אַלס אַ פריינטלעכע מתּנה פון וועמען עס איז. אויף אַזאַ מין אופן איז ענטשטאַנען אַ גרויסער טייל פון קאָמוניזם, וועגן וועלכן מיר האָבן אַפילו קיין אַנונג נישט געהאַט. דאָס האָבן מיר נאָר וואָס באַוויזן אַביסל וועגן קאָמוניזירטע זאַכן, וואָס מיר האָבן באַטראַכט פאַר פריי, ווייל מיר קענען אַריינגיין אין דער נאַציאָנאַלער גאַלעריע אָדער אין בריטישן מוזעום אָדער אין דער קאַטעדראַלע און מיר דאַרפן דערפאַר נישט באַצאָלן. מיינען דערביי אַ טייל מענטשן, אַז אָט די זאַכן וואַקסן אין די סקווערן ווי ווילדע בלומען, אָבער אין דער אמתן קאָסטן זיי זייער אַ סך געלט יעדע וואָך. דער בריטישער מוזעום מוז ווערן געקערט און געשטויבט און געריבן, מער ווי וועלכעס איז פריוואַטע הויז, ווייל אָן אַ שיער מענטשן שפּאַצירן זיך דאָרט דורך מיט פאַרבלאָטיקטע שיך. די שכירות פון די געבילדעטע מענער, וואָס די דאָזיקע ערטער זענען אונטער זייער אויפזיכט, זענען גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס קאָסט אָפּ צו האַלטן זיי אין אָרדנונג. דאָסגלייכן דאַרף אַ שטאָטישער פּאַרק מער גערטנער ווי אַ פריוואַטער פּאַרק. מען מוז אים רייניקן פון אומקרויט, מען מוז אים אַרומשניידן, באַוואַסערן, פאַרפלאַנצן א. אַ. וו. עס קאָסט אָפּ אָן אַשיער געלט אויף שכירות, אויף זריעה, אויף געצייג, קיין שום זאַך

בַאקומען מיר נישט אומזיסט, און אויב מיר בַאצָאלן נישט יעדעס מָאל ביים בַאזוכן די דָאזיקע ערטער, בַאצָאלן מיר דערפַאר שטייערן און טַאקסעס. דער אָרימסטער בעטלער, הגם ער מיידט אויס צו בַאצָאלן שטייערן, ווייל ער נעכטיקט אין גַאס, בַאצָאלט, ווען ער גייט קויפן טַאבַאק. מחמת דָאס ביסל טַאבַאק וואָס ער קויפט, קאָסט אים אַכט מָאל אַזויפיל, וויפל עס קאָסט דָאס וואַקסן א. אַ. וו. ביז עס קומט אויפן מאַרק, און די רעגירונג בַאקומט דָאס איבעריקע, און דערפון בַאצָאלט זי פַאר די אַלגעמיינע בַאדערפעגישן. און די אָרימסטע פרוי בַאצָאלט אויפן זעלבן אופן, נישט וויסנדיק אַפילו דערפון; זי בַאצָאלט יעדעס מָאל ווען זי קויפט אַביסל שפייז. ווען זי וואָלט געוווּסט, אַז דָאס קאַרגט זי איין און פאַרגינט זיך נישט, כדי צו בַאצָאלן געהאַלט פַאר דעם אַסטראָנאָם אָדער אַריינצוקויפן נאָך אַבילד אין דער נאַציאָנאַלער גאַלעריע, וואָלט זי בעת די וואַלן זיכער געשטימט קעגן דער רעגירונג, דערפַאר וואָס זי צווינגט איר צו טון אַזאַ זאַך, נאָר אַזויווי זי ווייסט עס נישט, בַאקלאָגט זי זיך בלויז אויפן יקרות פון עסנוואַרג און זי מיינט, אַז אַלץ איז אַזוי טייער צוליב דער שלעכטער גערעטעניש, צוליב סתם שווערע צייטן, צוליב די סטרייקן אָדער סתם זאַכן, צו וועלכע סאיז נישטאָ קיין שום עצה און מען מוז פון זייליידן. זי פאַרגינט אפשר דָאס, וואָס זי מוז צאָלן פַאר דעם קעניג און דער קעניגין. ווען זי וואָלט אָבער געוווּסט, אַז זי מוז בַאצָאלן די שכירות פון די טויזנטער פרויען, וואָס רייניקן די שטיינערנע טרעפּ און די חדרים פונם פּאַרלאַמענט און אַנדערע גרויסע עפנטלעכע אַנשטאַלטן, וואָלט זי גאָרנישט געווען צופרידן דערמיט, וואָס זי העלפט די דאָזיקע פרויען צו פאַרדינען מער, וויפל זי פאַרדינט אַליין. מיר זעען אַלזאָ, אַז אַ גרויסע טייל פונם קאָמוניזם איז אַרויפגעצווינגען אויף אונז אָן אונזער צושטימונג. מיר צאָלן דערפַאר נישט וויסנדיק וואָס מיר טוען.

דער עיקר אָבער האָט קאָמוניזם צוטון מיט זאַכן, וואָס זענען אַ נויטווענדיקייט פאַר אונז אַלעמען, צי מיר האָבן יאָ די געהעריקע בילדונג צו פאַרשטיין די נויטווענדיקייט אָדער נישט.

איצט לאָמיר זיך אומקערן און אַ טראַכט טון וועגן די זאַכן, וואָס בנוגע זיי צוטיילן זיך אונזערע געשמאַקן. מיר האָבן שוין געזען, אַז וואָס שייך דער ענגלישער קירכע, גאָטעס־דינסט, און אַזעלכע זאַכן ווי ביר און ווײַן און בראָנפן, און פאַראַן נאָך אַזעלכע זאַכן — באַטראַכטן אַ טייל מענטשן פאַר נויטווענדיקייטן אין לעבן, און אַנאַנדער טייל מענטשן האַלטן עס פאַר שעדלעך, ווי סם המות.

אַפילו וועגן טיי און פלייש האָבן מיר חלוקי דעות. עס זענען אָבער פאַראַן אַסך זאַכן, וואָס קיינער זעט נישט איין אין זיי קיין שום שלעכטס, פונדעסטוועגן, געברויכט זיי נישט יעדערער. פרעג למשל אַ פרוי, וואָספאַראַ מתּנה זי וואָלט אַם־בעסטן געוואָלט, וועט זי דיר ענטפערן, אַז איר געפעלט שטאַרק אַ הינטל. אַנאַנדערע וועט אויסקלויבן אַ גראַמאָפאָן, אַ סטודענטקע וואָלט געבעטן אַ מיקראָסקאָפּ, אַ רירעוודיק מיידל וואָלט פאַר־לאַנגט אַ ראָווער. מענטשן, וואָס זיצן אין שטוב, וואָלטן געבעטן ביכער, בילדער, און פאָרטאָפּיאַנעס, ספּאָרט־מענטשן וואָלטן געוואָלט האָבן ביקסן און פיש־נעצן, פערד און אויטאָמאָבילן...

קאָמוניזירן די דאָזיקע זאַכן אויפן זעלבן אופן, ווי מיר קאָמוניזירן גאַסן און בריקן, וואָלט געווען אַן אויסבערענגערײַ און אַ נאַרישקייט. אויב איר וואָלט געשאַפן געגוג גראַמאָפאָנען און געהאָדעוועט גענוג הינטלעך, צו פאַרזאָרגן יעדער פרוי מיט די זאַכן, אָדער גענוג מאָטאָציקלען און מיקראָסקאָפּן צו פאַרזאָרגן יעדעס מיידל און סטודענטקע, וואָלטן אייך גאַנצע בערג פון זיי געבליבן איבריק, ווײַל עס וואָלטן געווען פרויען, וואָס וואָלטן דאָס נישט געדאַרפט אָדער, אין בעסטן פאַל, נישט גע־האַט קיין אָרט פאַר דעם. זיי וואָלטן אפילו נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיי צו פאַרקויפן, ווײַל יעדער וואָס וואָלט געברויכט אַזאַ זאַך, וואָלט עס דאָך שוין געהאַט. מען וואָלט עס פּשוט געמוזט אַרויסוואַרפן אויפן מיסט.

איין וועג איז אַלזאָ פאַראַנען, כּדי זיך אַרויסצודרייען פון דער שוועריקייט: אַנשטאָט צו געבן מענטשן זאַכן, זאָל מען זיי בעסער געבן געלט און זיי זאָלן קויפן דאָס וואָס זיי געפעלט.

אַנשטאָט צו געבן מרס סמיט, וועלכע וויל אַ גראַמאָפאָן, אַ גראַ־מאָפאָן מיט אַ הינטל און מרס דזשאָנעס, וואָס וויל גראָד אַ הינטל, געבן איר אַ הינטל מיט אַ גראַמאָפאָן, וויסנדיק אַז מרס. סמיט וועט אַרויסטרייבן דאָס הינטל און מרס דזשאָנס וועט אַריינ־וואַרפן דעם גראַמאָפאָן אין מיסטקאַסטן, און די צען פונט, וואָס דיביידע זאַכן קאָסטן, וועלן זיין אַרויסגעוואָרפן — קענט איר איינפאַך געבן מרס סמיט און מרס דזשאָנס צו פינף פונט יעדערן, וועט זיך מרס סמיט קויפן אַ גראַמאָפאָן און מרס דזשאָנס — אַ הינטל, און זיי וועלן זיך לעבן בשלום און בשלוה זייער גאַנץ לעבן, און מיר וועלן פאַרשפּאָרן צו פאַבריצירן מער גראַמאָפאָנען און צו האָדעווען מער הינטלעך ווי עס איז נויטיק.

דאָס איז די פעולה פון געלט. עס גיט אונז די מעגלעכ־קייט, צו באַקומען דאָס וואָס מיר דאַרפן, אַנשטאָט צו נעמען דאָס, וואָס אַנדערע מענטשן מיינען, אַז מיר דאַרפן. ווען אַ פריילין האָט חתונה, גיבן איר די פריינדינס אירע חתונה־מתנות אַנשטאָט געלט, דערנאָך זעט זי זיך אַרום, אַז זי איז איבער־געלאָדן מיט זעקס פיש־וואַזעס, זיבן זייגערס און נישט איין טוץ זיידענע זאָקן. ווען אירע פריינט וואָלטן געהאַט שכל און גיבן איר בעסער געלט (איך טו שטענדיק אַזוי) און זי וואָלט געהאַט שכל צו נעמען (זי טוט שטענדיק אַזוי), וואָלט זי געהאַט איין וואַזע, איין זייגער און עטליכע פאָר זיידענע זאָקן. געלט איז די באַקוועמסטע זאַך אין דער וועלט. אָן דעם וואָלט געווען אומ־מעגלעך זיך צו באַגיין. מען זאָגט, אַז ליבע צו געלט איז דער שורש פון אַלדאָס בייז, אָבער געלט אַליין איז דער בעסטער פּלאַן, וואָס איז ווען עס איז דערפינדן געוואָרן. נישט דאָס געלט איז דאָ שולדיק, וואָס טייל מענטשן זענען שוטים און האָבן עס ליבער ווי זייערע אייגן נפש.

איר זעט שוין, אַז די גרויסע צעטיילונג פון זאַכן, וואָס קומט פאָר יעדעס פערטל יאָר, חודש, וואָך, טאָג, שעה, און אַפילו יעדע מינוט, הגם אַ טייל דערפון וואָלט געקענט געטון ווערן אויפן פשוטן פאַרצייטיקן אופן פון פאַמיליענקאָמוניזם, ווי ס׳האָבן געטון די אַפּאָסטאָלן און ווי ס׳טוען היינט די שטייער־

צאָלער מיטן קאָמוניזירן די גאַסן, בריקן, גאַסן־לאָמפּן, א. אַ. וו. — מוז הויפּטזעכלעך אָנגעמען אַ פאָרם פון געלט־צעטיילונג. און אַזוי ווי דאָס ברענגט אונז צוריק צו דער אַלטער פראַגע: וויפל דאַרף יעדער פון אונז באַקומען? וויפל איז מיין גערעכטער טייל און וויפל איז דיין גערעכטער חלק? און פאַרוואָס? — קאָמוניזם האָט נאָר טיילווייז געלעזט דעם פּראָבלעם, מיר מוזן נאָכאַמאָל באַטראַכטן דעם דאָזיקן ענין.

---

## VII

## זיבן אופנים זענען פאָרגעשלאָגן.

איין פּלאַן, וואָס איז זייער אָפט פאָרגעשלאָגן געוואָרן און האָט שטאַרק אויסגענומען ביים אַרבעטער־קלאַס, איז צו דער־לויבן יעדן מענטשן, צו באַקומען דעם טייל פונם רייכטום, וואָס ער פּראָדוצירט (רעדנדיק מכח דער פּרוי, שליס איך דאָ אויך איין דעם מאַן). אַנדערע זאָגן: לאָמיר אַלע באַקומען וואָס מיר פאַרדינען אַזוי, אַז די לײַדיקגייער, די פוילענצער, די אַלטע און די שוואַכע זאָלן אויסשטאַרבן, און די אָרנטליכע, אַרבעט־זאַמע און די ענערגישע זאָלן באַקומען אַלץ און זאָלן בלייבן. אַ טייל גלויבן „אינם גוטן, אַלטן געזעץ, אין דעם איינפאַכן פּלאַן פון כל דאלים גבר, זאָל נעמען, הייסט עס, דער וואָס האָט די מאַכט, און דער וואָס קען, זאָל האַלטן", הגם זיי זאָגן עס היינט אַזוי אָפן נישט אַרויס. אַ טייל זאָגן: זאָל דער פּשוטער מענטש באַקומען גענוג צו דערהאַלטן זיין לעבן אַזוי ווי גאָט האָט אים באַשערט און די העכערע קלאַסן זאָלן נעמען דאָס איבעריקע, הגם דאָס זאָגט מען איצט אויך נישט אַרויס אַזוי אָפן ווי אין די אַכציקער יאָרן. אַ טייל זאָגן: מיר דאַרפן זיך איינטיילן אין קלאַסן, און זאָל די צעטיילונג זיין אַ גלייכע פאַר יעדער קלאַס, כאָטש נישט קיין גלייכע צווישן די קלאַסן גופא, אַזוי, אַז אַ פּראָסטער אַרבייטער זאָל באַקומען דרייסיק שילינג אַ וואָך, אַ פאַכמאַן דריי אָדער פיר פונט אַ וואָך, אַ בישאָף צוויי־טויזנט

מיט פינף הונדערט אַ יאָר, אַ ריכטער פינף טויזנט, אַן אַרציביסקאָפּ — פופצן טויזנט, די ווייבער — זאָגן זיי — דאַרפן באַקומען אַזוי פיל, וויפל זיי קענען נור אַרויסקריגן פון זייערע מענער. אַנדערע זאָגן גאַנץ איינפאַך: זאָל זיין ווי ס׳איז ביז איצט.

די סאָציאַליסטן ווידער זאָגן, אַז קיין איינער פון די אַלע אויבנדערמאָנטע פּלענער וועט נישט גוט זיין און אַז דער איינציקער צופרידנשטעלנדיקער פּלאַן איז צו געבן יעדן אַ גלייך חלק אָן אונטערשיד, וואָספאַראַ מענטש ער איז אָדער ווי אַלט ער איז אָדער וואָספאַראַ אַרבעט ער טוט אָדער ווער און וואָס זיין פאָטער איז געווען.

אויב דער אָדער אַן אַנדערער פון די דאָזיקע פּלענער רעגט אייך אויף אָדער סקאַנדאַליזירט אייך, באַשולדיקט מיך נישט, כ׳בעט אייך, און וואַרפט נישט אַריין מיין בוך אינם פייער. איך דערצייל אייך בלויז פון די פּלענער, וואָס זענען פאָרגעשלאָגן געוואָרן און אַפילו טיילווייז אויסגעפּרווט געוואָרן אין דער פּראַקטיק. איר זענט נישט געצווּנגען איינצושטימען מיט קיין איינעם פון זיי און איר האָט די פולע פרייהייט, פאָרצולייגן אַ פּלאַן, וואָס זאָל זיין בעסער פון די אַלע, אויב איר קענט אַזעלכן צוטראַכטן. אָבער איר זענט נישט פריי אינגאַנצן נישט צו טראַכטן וועגן דעם, ווי אַ זאַך, וואָס גייט אייך נישט אָן. עס איז אַ פראַגע וועגן אייער דערנערונג, אייער וווינונג, ס׳איז דאַריבער פאַר אייך אַ לעבנספראַגע. און אויב איר וועט די דאָזיקע לעבנספראַגן נישט באַשטימען, וועלן זיי יענע מענטשן, וואָס האָבן אייך אָפּגערעדט דערפון, באַשטימען פאַר אייערטוועגן, און איר מעגט זיין זיכער, אַז זיי וועלן טראַכטן וועגן זייער חלק, נישט וועגן אייערן, אַזוי אַז איר קענט אַמאָל בלייבן אינגאַנצן פאַרטיילט.

אַזאַ זאַך, האָב איך געזען, האָט פּאַסירט אויף אַ זייער גרויזאַמען אופן אין מיין געבורט-פּלאַץ, אפשר אַשעה-רייזע פון ענגלאַנד. אַסך דאַמען פון היכער אָפּשטאַמונג און מיט גוטער דערציִונג, וועלכע האָבן געטראַכט אַז די דאָזיקע פראַגן גייען זיי נישט אָן, ווייל זיי זענען דעמאָלט געווען רייך, האָבן

פאַרענדיקט זייער לעבן אויף אַ צרהדיקן אופן אין די אַרבעטס-הייזער. זיי האָבן געפילט די ביטערקייט און זיי האָבן געהאַסט יענע, וואָס האָבן זיי געברענגט דערצו, אָבער זיי האָבן קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דאָס האָט אַזוי פּאַסירט. ווען זיי וואָלטן געווען באַלד פון אָנהויב פאַרשטאַנען, ווי אַזוי און פאַר-וואָס עס קען פאָרקומען אַזאַ זאַך, וואָלטן זיי אפשר נישט דער-לאָזט דערצו, אַנשטאָט צו טון אַלץ וואָס זיי זענען בכח געווען, כדי צוצואיילן זייער אייגענעם אונטערגאַנג.

איר קענט גאַנץ גרינג אַרונטערפאַלן אונטער זייער גורל, סיידן איר וועט זיך באַמיען צו פאַרשטיין גוט וואָס עס קומט פאָר. די וועלט ענדערט זיך זייער גיך, פּונקט ווי זי האָט זיך געענדערט אין זייער צייט, בעת זיי האָבן באַטראַכט די וועלט ווי אַן אייביקן באַרג, און וואָס אַ מאָל ענדערט זי זיך שנעלער, בפרט איצט אין אייער צייט. איך זאָג אייך צו, אַז אויב איר וועט זיין געדולדיק גענוג איבערצולייענען דאָס בוך (דערמאָנט אייך וויפל געדולט עס האָט מיך געקאָסט דאָס אָנצושרייבן אַנ-שטאָט צו שרייבן דראַמען!), וועט איר דערפון זיין אַסך מער באַוווסטזיניק מכח דעם, ווי אַזוי אַלץ ענדערט זיך, און וואָס איר ריזיקירט, און וואָס זענען אייערע אויסזיכטן, איידער פון אייערע שולביכער, וואָס איר האָט געלערנט אין דער שולע.

דערפאַר גיי איך נעמען די אַלע פלענער אייגעם נאָכן אַנדערן און איך גיי זיי פאַר אייך אין די אויגן עקזאַמענירן קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, ביז איר וועט גענוי וויסן אַלץ וואָס מען דאַרף זיין דערפאַר און אַלץ וואָס מען דאַרף זיין דאַגעגן.

---

## מכח געבן יעדן דאָס וואָס ער פּראָדוצירט.

דער ערשטער פּלאַן, אַז מ'זאָל געבן יעדן דאָס, וואָס ער אָדער זי האָט פּראָדוצירט דורך זיין אייגענער אַרבעט, ווייזט אויס צו זיין אַ גערעכטער, אָבער ווען מיר ווילן עס פּראַקטיש דורכפירן, ווייזט זיך אַרויס, אַז, ערשטנס, איז אוממעגלעך אויס-צוגעפונען, וויפל יעדער מענטש שאַפט, און צווייטנס, אַז אַ גרויסער טייל פון דער וועלטס אַרבעט באַשטייט נישט בלויז אין שאַפן מאַטעריעלע זאַכן און נישט אין אויסבעסערן דאָס, וואָס די נאַטור פּראָדוצירט, נאָר אין טון אַן אַרבעט פון אַלערליי סאָרטן.

ווען אַ פּאַרמער מיט זיינע אַרבעטער זייען ווייץ, קען קיי-נער אין דער וועלט נישט וויסן, וויפל ווייץ יעדער אַרבעטער האָט פּראָדוצירט. ווען אַ מאַשין אין אַ פאַבריק גיט אַרויס אַזוי פיל מיליאָנען שפּילקעס — טאָ ווער קען זאָגן, וויפל שפּילקעס עס זענען געמאַכט געוואָרן דורך דער אַרבייט פון דעם, וואָס היט די מאַשין, אָדער דעם, וואָס האָט די מאַשין ערפינדן אָדער דעם אינזשיניער, וואָס האָט איר געמאַכט, שוין נישט גערעדט פון די אַלע אַנדערע אָנגעשטעלטע אין דער פאַבריק. דער בעס-טער משל צו דעם ענין איז די פרוי, וואָס האָט אַ קינד דורך איר לאַנגער יסורימדיקער און ריזיקאַלישער אַרבעט, פּראָדוצירט זי דאַן אַ זאַך אין גאַנצן אַליין, פונדעסטוועגן קען זי נישט לעבן פונם קינד, בעת דאָס קינד לעבט דאָך פון איר.

ראָבינזאָן קרוזאָ אויף זיין איינזאַמען אינזל האָט אפשר געקאָנט טענהן, אַז די שיפלעך, די געצעלטן און פּאַרקאַנעס, וואָס ער האָט געמאַכט פון די מאַטעריאַלן, וועלכע די נאַטור אַליין האָט אים געליפערט, זענען געווען די פרוכט פון זיין

אייגענער אַרבעט און נישט קיינעמס. אָבער ווען ער האָט זיך צוריק אומגעקערט צו דער ציוויליזאַציע, האָט ער נישט געקענט אַרויפלייגן אַ האַנט אויף קיין טישל, אַ שטול אָדער די קלענסטע קלייניקייט אין זיין הויז, וואָס זאָל נישט זיין די אַרבעט פון צענדליקער מענטשן: וואַלד-אַרבעטער, וואָס האָבן געפלאַנצט די בוימער אין וואַלד, וואָס האָבן זיי אַרומגעהאַקט, ברעג-אַרבעטער, מאַטראָזן, טרעגערס, וואָס האָבן זיי אַריבערגעטראָגן, זעגערס, וואָס האָבן זיי צוזעגט אויף קלעצלעך און ברעטער, סטאָליאַרעס, וואָס אַרבעטן זיי אויס פאַר טישן און שטולן, שוין נישט רעדנדיק פון די סוחרים, וועלכע האָבן געהאַנדלט דערמיט און געמאַכט אַלערליי טראַנזאַקציעס, און פון די, וואָס האָבן געמאַכט די מאַגאַזין-בנינים און די שיפן א. אַ. וו. יעדער איינער וואָס וועט טראַכטן וועגן דעם נישט מער ווי פינף מינוט, וועט איינזען, אַז צו געבן יעדן איינעם דאָס, וואָס ער אָדער זי האָט פּראָדוצירט, איז פונקט אַזוי מעגלעך, ווי ס׳איז מעגלעך איינצוטיילן אין אַ גלייכער צאָל די טראָפּנס וואַסער, וואָס פאַלן אין אַגרויסן רעגן, יעדן בעל הבית פון אַהויז. דאָס קען מען נישט טון.

וואָס מ׳קען יאָ אויספירן איז, צו באַצאָלן יעדן לויט דער צייט, וואָס ער אָדער זי האָט פאַרבראַכט ביי דער אַרבייט. צייט איז אַ זאַך, וואָס קען געמאָסטן און געציילט ווערן. עס איז גאַנץ גרינג צו באַצאָלן אַ מענטש פאַר זיין אַרבעט צוויי מאָל אַזוי פיל פאַר צוויי שעה ווי פאַר איינער. עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס וועלן אַרבעטן פאַר זעקס פּענעס אַ שעה, מענטשן וואָס וועלן אַרבעטן פאַר אַכצן פּענעס אַ שעה און מענטשן וואָס וועלן אַרבעטן פאַר צוויי גינעס אַ שעה, און אויך אַזעלכע וואָס אַר-בעטן פאַר הונדערט און פופציק גינעס אַ שעה; עס ווענדט זיך אָן דעם, וויפל קאָנקורענטן עס זענען פאַראַן אין דער באַטרעפנדער אַרבעט, און אָן דעם, צי די מענטשן, פאַר וועמען די אַרבעט ווערט געמאַכט, זענען רייַך אָדער אָרים. איר באַצאָלט אַ נייטאָרן אַ שילינג פאַר אַ שעה נייען, אָדער אַ האָלצהעקער פאַר האַקן האָלץ, דעמאָלט ווען עס זענען פאַראַן אָן אַ שיער אַרבעטסלאָזע

בייטאָרינס און האָלצהעקער, וואָס חלשן נאָך אַביסל אַרבעט, און יעדער פון די דאָזיקע אַרבעטער פּרובירט צו ווירקן אויף דיר, דו זאָלסט אים, און נישט דעם צווייטן אַפּליקאַנט געבן די אַרבעט ווייל ער וועט עס דיר מאַכן פאַר אַזאַ פּרייז, וואָס וועט אים קוים קלעקן די נשמה צו דערהאַלטן. איר באַצאָלט אַ פּאָפּולערע אַקטריסע פון צוויי ביז דריי הונדערט פונט אַ וואָך אָדער איר צאָלט אַ באַרימטן אָפּערע־זינגער אַזוי פיל פאַר איין נאַכט, ווייל דאָס פובליקום וועט נאָך מער באַצאָלן, אַבי זיי צו הערן. איר באַצאָלט אַ באַרימטן כירורג אַ הונדערט און פופציק פונט פאַר מאַכן אייך אַן אָפּעראַציע אויפן בלינדאַרם אָדער איר באַצאָלט די זעלבע סומע אַ באַרימטן אַדוואָקאַט, ער זאָל אייך פאַר־טיידיקן — ווייל עס זענען דאָ אַזוי ווייניק באַרימטע כירורגן און אַדוואָקאַטן און אַזוי פיל פּאַציענטן און קליענטן, וועלכע באָטן זיי אָן צו אַרבעטן פאַר זייערטוועגן איידער פאַר אייך. דאָס הייסט באַשטימען די פּרייזן פאַר אַן אַרבעטערס צייט אָדער בעסער געזאָגט, לאָזן, אַז זיי אַליין זאָלן זיך באַשטימען לויט דער ליפערונג און די פאָדערונגען.

צום אומגליק קען דאָס דאָזיקע ליפער־און פאָדער־סיסטעם ברענגען שלעכטע רעזולטאַטן. אין אַ פאַרטיילונג, ווו איין פרוי באַקומט פאַר אַ שעה אַרבעט איין שילינג און אַן אַנדערע דריי טויזנט שילינג, איז נישטאָ קיין שום מאָראַלישער זין. ס'איז אַ זאַך, וואָס פּאַסירט גראָד און וואָלט נישט געדאַרפט, בעסער געזאָגט: עס טאָר נישט פּאַסירן! אַ קינד מיט אַן אינטערעסאַנט פּנימל און בחנטע באַוועגונגען, מיט אַ שטיקל טאַלאַנט צו שפּילן אויף דער בינע, קען אַרבעטן פאַר די פילמען און פאַרדינען הונדערט מאָל אַזוי פיל, וויפל דעם קינדס מוטער קען פאַרדינען, מאַטערנדיק זיך ביי אַ געוויינטלעכער נוצלעכער אַרבעט. וואָס דאַרף מען נאָך מער, אַז אַ שיין מיידל קען פאַרדינען דורך זינד אַסך מער, ווי איר שוועסטער, וועלכע איז נישט אַזוי שיין, אַלס אַן אַנשטענדיקע פרוי און מוטער?

אַחוץ דעם איז נישט אַזוי גרינג ווי ס'דאַכט זיך, צו מעסטן די צייט, וואָס עס קאָסט אַזאַ אָדער אַזאַ שטיקל אַרבעט.

באַצאָלן אַן אַרבעטער צווייטאָל אַזוי פיל פאַר צוויי שעה אַר־בעט, ווי פאַר איין שעה, איז אַזוי גרינג ווי צוויי מאָל איינס איז צוויי, אָבער ווען איר דאַרפט מעסטן צווישן אַן אָפּערע־זינגערין און דער פרוי, וואָס העלפט איר זיך אָנטון, אָדער צווישן אַ פשוטן אַרבעטער און אַ דאָקטאָר, וועט איר געפונען, אַז עס איז שווער צו באַשטימען, וויפל צייט צו צעטיילן. די פרוי, וואָס העלפט אָנטון דער זינגערין און דער פשוטער אַרבעטער טוען וואָס יעדער פעיקער מענטש קען טון, ער דאַרף נישט לאַנג שטודירן דערויף, נישט איבן זיך קיין לאַנגע צייט, בשעת דער דאָקטאָר מוז פאַרברענגען זעקס יאָר אין שטודירן און אין איינ־איבן זיך, אַחוץ דעם, וואָס ער מוז האָבן אַ הויכע בילדונג, ביז ער ווערט קוואַליפיצירט צו טון זיין אַרבעט. ער טענהט, אַז זעקס יאָר נישט באַצאָלטע אַרבעט ליגן אונטער יעדער מינוט, וואָס ער פאַרברענגט ביי אייער קראַנקנבעט. אַ פאַכמאַן קען טענהן, אַז ער האָט פאַרברענגט זיבן יאָר ביים לערנען זיך דאָס פאַך, איידער ער האָט געקענט טון דעם ערשטן קלאַפּ מיטן האַמער. די אָפּערע־זינגערין קען זאָגן, אַז זי האָט פאַרברענגט אַסך צייט ביים לערנען זיך זינגען, הגם עס טרעפט טיילמאָל, אַז זי האָט זיך לגמרי נישט געלערנט זינגען. יעדער איינער איז מודה, אַז דאָס מאַכט אַן אונטערשיד, אָבער קיינער קען נישט געווי־וויסן, ווי גרויס דער אונטערשיד איז אין צייט אָדער אין געלט.

פאַר אַזעלכע מינים שוועריקייטן בלייבן מיר שטיין, ווען מ׳וויל פרוון מעסטן דעם ווערט פון אַרבעט, וואָס ווערט געטון דורך אַ פעיקער פרוי און אַ נישט פעיקער. איר קענט טראַכטן, אַז די אַרבעט פון דער פעיקער איז מער ווערט, אָבער ווען מ׳זאָל אייך פרעגן, וויפל מער אין פונטן, שילינגס און פענעס, וועט איר בלייבן אָפּהענטיק און איר וועט מוזן צוריקגיין צו דעם ליפּער־און פּאָדער־סיסטעם. איר וועט מוזן מודה זיין, אַז איר קענט עס נישט אָפּמעסטן מיט קיין געלט.

אין די דאָזיקע ביישפּילן האָב איך אויסגעמישט זאַכן, וואָס ווערן געטון צום דינסט, אָבער איך מוז איצט דערקלערן

דעם חילוק, ווייל נישט קיין דענקענדע מענטשן קענען מיינען, אַז אַ שטיינהעקער פּראָדוצירט מער ווי אַ גלח. ווען אַ דאָרף־סטאָליער מאַכט אַ פלויט, כדי צו פאַרהיטן, אַז די בהמות זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן אין פעלד און אויפעסן דעם ווייץ, האָט ער אין האַנט עפּעס ממשותדיקס, פאַרוואָס ער קען מאָנען דעם פאַרמער, ער זאָל אים באַצאָלן. אָבער ווען אַ דאָרף־יינגל פייפט, כדי צו פאַרטרייבן די פייגל פונם פעלד, האָט ער גאָרנישט מיט וואָס אויפצווייזן, אַז ער האָט עפּעס געטון, הגם דאָס פייפן איז גראָד אַזוי נויטיק ווי דער פלויט. דער בריוטרעגער מאַכט גאָרנישט, ער טראָגט בלויז אָפּ די בריוו און די פעקלעך. דער פּאָליציאַנט מאַכט גאָרנישט און דער זעלנער — נישט נור ער מאַכט גאָרנישט, נאָר ער צעשטערט נאָך דאָס, וואָס מען מאַכט. דער דאָקטאָר מאַכט אָפטמאָל פּילן, אָבער דאָס איז נישט זיין אויפגאַבע. זיין אויפגאַבע איז אייך צו זאָגן, ווען צו נעמען די פּילן און וואָספאַרא פּילן איר זאָלט נעמען, סיידן ער האָט דעם אמתן שכל אייך צו זאָגן, איר זאָלט אינגאַנצן קיין פּילן נישט נעמען און איר האָט דעם אמתן שכל און גלויבט אים, ווען ער גיט אייך אַ גוטע עצה אַנשטאָט אַ שלעכטע. דער אַדוואָקאַט מאַכט נישט קיין שום ממשותדיקע זאַך. אויך נישט דער גלח און נישט דער דעפּוטאַט פון פּאַרלאַמענט, אויך נישט דאָס דינסטמיידל (הגם זי צוברעכט טיילמאָל עפּיס), אויך נישט די קעניגין אָדער דער קעניג, אויך נישט אַן אַקטיאָר — ווען זיי האָבן געענדיקט זייער אַרבעט, האָבן זיי קיין שום זאַך נישט צו ווייזן, וואָס מ׳זאָל קענען וועגן אָדער מעסטן, קיין שום זאַך, וואָס זיי זאָלן קענען האַלטן ביז מ׳וועט זיי באַצאָלן, אויב נישט, וועלן זיי עס פאַרקויפן צו אַן אַנדערן, זיי זענען אַלע אין דינסט. דאָס דינסט־מיידל, די הויזפרייליין, אין קאָמערציעלער דינסט — די עקספּע־דיענטקע אָדער דער בריוטרעגער אין רעגירונגס־דינסט אָדער אין שטאַט־דינסט. דער קעניג למשל און מיר אַלע, וועלכע האָבן אַ גאַנצן געוויסן, רעכנען זיך פאַר, ווי מ׳זאָגט, גאָטס דינער.

און איצט — אַחוץ די מענטשן וועלכע אַרבעטן אויס ממשות־דיקע זאַכן, מוזן מיר נאָך האָבן מענטשן וואָס זאָלן אויסגעפונען,

וויאַזוי צו מאַכן די זאַכן און ווען צו מאַכן זיי און וויפֿל צו מאַכן. אין איינפֿאַכן דאָרפֿישן לעבן קענען מענטשן טון אַלץ אַליין, אויסקלערן, וויאַזוי צו מאַכן די זאַך און אַליין מאַכן זי. דער פֿויער איז אַליין אַ שמיד, אַ סטאָליאַר און אַ מאָליאַר, אָבער אין גרויסע שטעט און ציוויליזירטע לענדער איז עס אוממעגלעך. איין טייל מענטשן אַרבעטן, און אַ צווייטער טייל טראַכט, באַשטימט ווי אַזוי, ווען, וויפֿל און ווער עס זאָל טון.

אונזערע דערפֿער וואָלטן אויך אויסגעבעסערט געוואָרן, ווען די אַרבעט וואָלט דאָרט אַביסל איינגעטיילט געוואָרן; וואָרן עס איז אַ גרויסער שאָדן פֿאַרן דאָרף, וואָס דער פֿאַרמער מוז טון אַזויפֿיל פֿאַרשידענע זאַכן מיטאַמאָל. ער מוז נישט בלויז זאָרגן פֿאַר גערעטעניש און פֿאַר אַ שפּייכלער (צוויי גאַנץ באַזונדערע מינים אַרבעט און גאַנץ שווערע דערצו), נור ער מוז נאָך דערצו זיין אַ גוטער געשעפֿטסמאַן, מאַכן די פֿאַרוויקלסטע אויסרעכנונגען, פֿאַרקויפֿן די תּבֿואה און די פֿי, וואָס איז ווידער צוויי באַזונדערע סאָרטן אַרבעט, וועלכע פֿאָדערט צוויי באַזונדערע מענטשן. און אויב ס׳איז אייך ווייניק, מוז ער נאָך פֿירן די אַלע געשעפֿטן זיינע אינם הויז וווּ ער וווינט, ווייל אין די מערסטע פֿאַלן האָט ער נישט קיין באַזונדערן פּלאַץ פֿאַר זיין געשעפֿט. אַזוי אַרום וויל מען, ער זאָל זיין אַ פּראָפֿעסיאָנעלער מאַן, אַ געשעפֿטסמאַן, און אַ שררה, אַלץ צוזאַמען. דער פּועל יוצא דערפֿון איז, וואָס ס׳קומט אַריין אַ מהומה פֿון די אַלע אַרבעטן, וואָרן דער גוטער פֿאַרמער איז אָרים, ווייל ער איז אַ שלעכטער געשעפֿטסמאַן, דער גוטער געשעפֿטסמאַן איז אָרים, ווייל ער איז אַ שלעכטער פֿאַרמער און ביידע זענען זיי אַמערסטן שלעכטע מענער, דערפֿאַר וואָס זייער אַרבעטסאָרט איז צוזאַמען מיט זייערע וווינונגען און זיי ברענגען אַריין זייערע געשעפֿטליכע זאָרג אין הויז אַריין, אַנשטאָט צו פֿאַרשליסן די געשעפֿטן אין בּיוראָ אויף איבער נאַכט און נישט טראַכטן וועגן דעם ביזן אַנדערן מאָרגן. אין „אַסיטע ביזנעס” אַרבעט איין טייל אַרבעטער ביי די ביכער, אַנאַנדער טייל האַלט דעם חשבון, אַנאַנדערער קויפֿט איין סחורות און פֿאַרקויפֿט, און זיי אַלע לאָזן איבער די געשעפֿטן, ווען זיי גייען אַהיים.

די אייגענע שוועריקייטן זענען פאַראַן אין אַ פרוי׳ס ווירט־שאַפט. די פרוי מוז אויך טון אַלערליי פאַרשידענע אַרבעטן. זי קען זיין זייער אַ גוטע באַלעבאָסטע און דאָך נישט קענען קאָכן. אין אַ פראַנצויזישער שטאָט וואָלט דאָס ווייניק וואָס אויס־געמאַכט, ווייל די גאַנצע פאַמיליע וואָלט אין אַזאַ פאַל געגעסן די מאָלצייטן, וואָס דאַרפן צוגעגרייט ווערן אין אַ גוטער קיך, אין אַ גאַנטן רעסטאָראַן.

אָבער אויפן דאָרף מוז די פרוי טון ביידע זאַכן: אי פירן די ווירטשאַפט, אי קאָכן, סיידן זי קען זיך פאַרגינען צו האַלטן אַ קעכין. אָדער זי קען זיין ביידע, סיי אַ גוטע באַלעבאָסטע, סיי אַ גוטע קעכין, און נישט קענען דערציען די קינדער ווי געהעריק, סיידן זי קען זיך דערלויבן צו האַלטן אַ דערציערין. און אויב נישט, מוז זי טון די אַרבעט, וואָס זי קען לחלוטין נישט, צוזאַמען מיט דער אַרבעט, צו וועלכער זי איז פעיק. און איר לעבן ווערט אַמין מישמאַש, אַ תהו ובהו. עס איז אַ שטיקל גליק פאַר איר און די קינדער, וואָס די שולע, וואָס איז אויך אַ מין קאָמוניזם, נעמט זיי צו אויף דעם גרעסטן טייל פון טאָג. עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז אַ פרוי, וואָס האַלט דינסטן אָדער העלפט זיך דורך רעסטאָראַנען, האָט אַסך אַ בעסערן גורל אין לעבן, ווי אַ פרוי, וואָס מוז טון דריי פאַרשידענע אַרבעטן מיטאַמאָל.

דאָס דערציען אַ פאַמיליע איז אפשר די גרעסטע זאַך, וואָס מ׳קען טון פאַר אַ לאַנד און פאַר דער מענטשהייט. פונדעסטוועגן, בלויז דערפאַר, וואָס פון אַזאַ אַרבעט האָט מען גאָרנישט צו פאַרקויפן, ווערט אַ פאַרהייראַטער פרוי׳ס אַרבעט אין אַלגעמיין נישט באַטראַכט פאַר קיין אַרבעט, און עס איז אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכע זאַך, מ׳זאָל איר פאַר איר אַרבעט נישט באַצאָלן. אַ מאַן באַקומט אַ העכערן לוין פאַר זיין אַרבעט ווי אַ פרוי, ווייל מ׳האַלט, אַז ער דאַרף אויסהאַלטן אַ פאַמיליע, און ווען ער פאַר־שווענדט זיין געלט אין טרינקען אָדער שפילן אין פערדלעך, האָט זיין פרוי קיין שום עצה נישט דערצו, ווייל זי איז זיין פרוי, זי איז פאַרהייראַט צו אים. אָבער אַ געדולדיגע באַלעבאָסטע קען אויפמאָנען איר געלט דורכן געריכט און דאָס זעלבע איז מיט

אַ פאַרהייראַטן מאַן: אויב זיין פרוי ברענגט אויס דאָס געלט, וואָס ער גיט איר פאַר דערווירטשאַפט, אויף טרינקען, האָט ער קיין שום אויסוועג נישט פון דער שלעכטער לאַגע, אין דער צייט, וואָס אַ געדינגענער הויז-פרוי וואָלט ער געקענט לאָזן איינזעצן פאַר אַזאַ זאַך.

איצט, האָבנדיק אין זינען די אַלע ביישפילן, ווי קען אַן אינטעליגענטע פרוי באַשטימען, וויפל איר צייט איז ווערט אין געלט, אין פאַרגלייך מיט איר מאַנס צייט? שטעלט אייך פאָר, אַז איר מאַן קוקט דערויף פון דער געשעפטליכער זייט און ער זאָגט: „איך קען מיר דינגען אַ הויזפרוי פאַר אַזויפיל און אַזוי פיל און אַ דערציערין פאַר אַזויפיל און אַזויפיל און אַ קעכין און אַ שיינע דאַמע אונטערצוהאַלטן זיך מיט איר. און אויב איך וועל דאָס אַלץ צוזאַמענרעכנען, וועט דער סך הכל זאָגן, וואָס אַ ווייב איז ווערט, אָבער דאָס באַטרעפט מער, ווי איך קען מיר דערלויבן". שטעלט אייך פאָר זי זאָל דינגען אַ מאַן אויף דער שעה, אַשטייגער ווי מ'דינגט אַ טאַקסאָמעטער.

דאָך מוז די איינקונפט פונם לאַנד ווערן צוטיילט צווישן מאַן און ווייב אַזוי ווי צווישן פרעמדע, און אַזוויוי די מערסטע פון אונז זענען מאַן און ווייב — איז וואָסער פלאַן עס פאַלט דורך, ווען עס האַנדלט זיך מכּח דער צוטיילונג צווישן מאַן און ווייב, פאַלט ער דורך אינגאַנצן און האָט נישט קיין שום ווערט. דער אַלטער פלאַן, צו געבן דעם מאַן אַלץ און דער פרוי בלויז דאָס, וואָס זי קען אַרויסקריגן פון אים, האָט דערפירט דערצו, אַז די פרוי איז אַזוי שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן, אַז מ'האָט דעם פלאַן געמוזט ענדערן דורך דער פאַרהייראַטער פרוי'ס אייגנטום-אַקט, לויט וועלכן אַ פאַרהייראַטע פרוי, וואָס האָט אַן אָרימען מאַן, קען האַלטן איר פאַרמעגן אַלס איר אייגנטום, אין דער צייט וואָס דער מאַן קען גיין זיצן פאַר נישט באַצאָלן אירע שטייערן, אָבער אַזוויוי זיין פאַמיליע צווישן צען האָבן נישט קיין פאַרמעגנס, מוזן זיי אויס-קומען וויאַזוי זיי קענען פון דעם, וואָס דער מאַן פאַרדינט ביי זיין פאַך. און דאָ ערשט האָבן מיר אויסצושטיין די גרעסטע

קאָמפּליקאַציעס. דאָס ווייב פאַרדינט גאָרנישט און די דערוואַק־סענע קינדער פאַרדינען קוים עטלעכע שילינג אַ וואָך און ס'דעקט אַביסל נור דאָס וואָס זי פאַרדינט נישט, און דער פאָטער, וועל־כער פאַרדינט אויף חיונה, דעקט אַביסל דאָס, וואָס די קינדער פאַרדינען אַזוי ווייניק און עס קומט אויס, אַז די באַלעבאַטים, וואָס צאָלן די קינדער נישט קיין געהעריקן פּרייז, נוצן אויס דעם פאָטער, וועלכער ווערט דאָך מסתּמא, ווי דער שטייגער איז, גענוג אויסגענוצט פון זיין אייגענעם באַלעבאָס... וועגן דעם וועלן מיר נאָך רעדן שפּעטער.

פּרוּווט אויסגלייכן אָט דעם פּלאָנטער דורך אַ פּלאַן, וואָס זאָל געבן דער פרוי און די קינדער און דעם מאַן דאָס, וואָס יעדער איינער פון זיי פּראָדוצירט דורך זייער אייגענער אַרבעט אָדער דאָס, וואָס זייער צייט איז ווערט אין געלט פאַרן לאַנד, און איר וועט געפינען, אַז דאָס איז נאָנסענס און אוממעגלעך, קיינער, אַחוץ אַ משוגענער, וואָלט עס נישט געפּרוּווט אויספירן אין דער פּראַקטיק.

---

IX

## יעדער איינער לויט איר ווערט.

דער צווייטער פּלאַן, וואָס מיר דאַרפן באַטראַכטן, איז דער פּלאַן צו געבן יעדער לויט איר ווערט. אַסך מענטשן, ספּעציעל די וואָס עס גייט זיי גוט, מיינען, אַז די פלייסיקע און די ניכטערע און די פעיקע זענען קיינמאָל נישט אָרים, און אַז אָרימקייט איז אַ פּועל יוצא פון פוילקייט, אומפאָרזיכטיקייט, שיכּרות, שפּילן אין פערדלעך, אומערלעכקייט און אַלגעמיינעם שלעכטן כאַראַקטער. זיי קענען עס באַוויַיזן דערמיט, וואָס אַן אַרבעטער מיט אַ גוטן כאַראַקטער קען גיכער באַקומען אַר־בעט, איידער איינער מיט אַ שלעכטן כאַראַקטער; אַז אַ פּאַרמער אָדער פּריץ, וועלכער שפּילט און שטעלט איין שווערע סומעס אויף פערד און פאַרמשכּונט זיינע פעלדער, כּדי צו לעבן אַ גוטן

טאָג, גייט שנעל אונטער און ווערט אַן אָרימאַן; און אַז אַ גע־
שעפטס־מאַן, וואָס איז אַ פּוילענצער און היט נישט אָפּ די גע־
שעפטן ווי ס׳דאַרף צו זיין, גייט באַנקראָט. אָבער דאָס באַווייזט
נישט מער ווי דאָס, אַז דו קענסט נישט אויפעסן דעם קוכן און
ער זאָל בלייבן גאַנץ; דאָס באַווייזט נישט, אַז דיין טייל פונם
קוכן איז געווען אַ גערעכטער; עס באַווייזט נור, אַז זינד און
שוואַכקייטן מאַכן אונז אָרים, און דערביי פאַרגעסט מען, אַז גע־
וויסע אַנדערע זינד מאַכן אונז רייך. מענטשן וואָס זענען האַרט,
גיריק, עגאָיסטיש, גרויזאַם און שטענדיק גרייט אויסצוניצן זייערע
שכנים, ווערן זייער רייך, אויב זיי זענען קלוג גענוג, נישט
איבערצוטרעפן זיך אַליין אין דער דאָזיקער אַרבעט, און פאַר־
קערט, מענטשן וואָס זענען גוטהאַרציק סאָציאַל געשטימט, פריינט־
לעך און זוכן נישט תּמיד די געלעגנהייט יענעם אויסצונוצן,
בלייבן אָרים, אויב זיי זענען געבוירן געוואָרן ביי אָרימע
עלטערן. סיידן זיי האָבן גרויסע פעיקייטן. אויך אַזוי ווי עס
איז איצט: אַנדערע ווערן געבוירן אָרים און אַנדערע רייך, מיט
זילבערנע לעפאַלעך אין די מיילער, דאָס הייסט, אַז זיי
ווערן איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס, רייכע און אָרימע,
נאָך איידער זיי זענען גענוג אַלט, צו האָבן וועלכן עס איז
כאַראַקטער. די טענה, אַז אונזער איצטיקער סיסטעם טיילט איין
די רייכטימער לויטן ווערט פונם מענטש, מעג אַלזאָ באַטראַכט
ווערן פאַר לעכערלעך. יעדער איינער קען זען, אַז ס׳רופט
אַרויס גראָד דעם פאַרקערטן עפעקט: ער מאַכט אַפאָר ליידיק־
גייער זייער רייך און אַ גרויסן טייל שווער אַרבעטנדיקע מענטשן
זייער אָרים. און איצט, אינטעליגענטע פרוי, קענען אייערע
געדאַנקען זיך אָפּשטעלן ביי דעם אויספיר, אַז אויב די רייכטימער
זענען נישט צוטיילט אַזוי, אַז יעדער זאָל באַקומען דאָס וואָס
ער האָט פאַרדינט, וואָלטן זיי לכל הפּחות געדאַרפט אַזוי צו־
טיילט ווערן, און מיר דאַרפן זיך גלייך נעמען צו דער אַר־
בעט און ענדערן דאָס געזעץ אויף אַזאַ אופן, אַז אין דער צו־
קונפט זאָלן די גוטע מענטשן זיין רייך פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער
גוטסקייט און די שלעכטע זאָלן זיין אָרים פּראָפּאָרציאָנעל צו־

זייער שלעכטקייט. עס זענען פאַראַן עטלעכע זאַכן, וואָס זענען סותר דעם דאָזיקן געדאַנק, נאָר שוין די ערשטע ערלעדיקט די פראַגע אינגאַנצן, ווייל דער פאָרשלאַג איז אוממעגלעך. וויאַזוי וועט איר אָפּמעסטן דעם ווערט פון אַ מענטש מיט געלט? קלויבט אויס צוויי מענטשן, וועלכע איר ווילט, מענער אָדער פרויען, און זעט, צי איר קענט באַשטימען, וויפל יעדער פון זיי זאָל האָבן פאַר זיין אָדער איר מאָראַלישן ווערט. אויב איר ווינט אויפן דאָרף נעמט דעם דאָרף-שמיד און דעם דאָרף-גלח אָדער די דאָרף-וועשין און די דאָרף-לערערין פאַר אַן אָנהויב. לעת עתה באַקומט דער שמיד מער פון דער גלח, בלויז אין אַ טייל דערפער באַקומט דער גלח מער, אָבער דאָס איז נישט וויכטיק, וואָס ער באַקומט איצט. איר ווילט פרוון איינפירן אַ נייע אָרדנונג, אין וועלכער יעדער זאָל באַקומען אַזוי פיל, וויפל ער איז ווערט; איר זענט נישט מחויב צו באַשטימען קיין סומע געלט פאַר זייערטוועגן. אַלץ, וואָס איר האָט צו טון, איז פעסטצושטעלן די פראָפּאָרציע צווישן זיי. צי דאַרף דער שמיד באַקומען אַזוי-פיל, וויפל דער גלח? אָדער צוויי מאָל אַזוי פיל, וויפל דער גלח? אָדער אַ העלפט פון דעם גלח? אָדער וויפל מער אָדער ווייניקער? עס איז ווייניק איר זאָלט זאָגן סתם, אַז איינער דאַרף באַקומען מער פונם צווייטן; איר מוזט זיין צוגעגרייט צו זאָגן, וויפל מער אָדער ווייניקער מיט אַ באַרעכנטער פראָפּאָרציע.

אַלזאָ באַרעכנט: דער גלח האָט געהאַט אַן אוניווערזיטעט-בילדונג. אָבער דאָס איז נישט קיין שום פאַרדינסט פון זיין זייט, דאָס האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין פאָטער, וואָס האָט אים גע-לאָזט בילדן. הייסט עס בכן, אַז אים, דעם גלח, קומט דערפאַר גאָרנישט. אָבער אַ דאַנק דער דאָזיקער בילדונג האָט ער די מעגליכקייט צו לייענען דעם נייעם טעסטאַמענט אין גריכיש; אַזוי אַרום קען ער טון עפּעס, וואָס דער שמיד קען נישט, און דער שמיד ווידער קען מאַכן אַ פּאָדקאָווע וואָס דער גלח קען נישט. וויפל גריכישע טעסטאַמענט-פערזן זענען אַלזאָ ווערט פאַר איין פּאָדקאָווע? איר דאַרפט נור אַ פרעג טון אָט די נאַרישע

פראַגע כדי זיך גלייך איבערצוצייגן, אַז קיינער קען דערויף נישט ענטפערן.

אַזוי ווי פון מעסטן זייערע מעלות איז אונז גאָרנישט אַרויסגעקומען, פאַרוואָס נישט פרוּוון מעסטן זייערע חסרונות? מיר שטעלן זיך פאָר, אַז דער שמיד רעדט נבול פה און אַז ער שיכורט זיך אָן זייער אָפט, ווייסט דערפון יעדערער אינם שטעטל, אָבער דער גלח מוז באַהאַלטן זיינע חסרונות, זיין ווייב ווייסט יאָ פון זיי, אָבער זי וועט אייך נישט דערציילן, אויב זי ווייסט, אַז איר קענט אים נאָך אַראָפּנעמען פון די שכירות. איר פאַרשטייט אָבער, אַז ער איז נישט מער ווי אַ לעבעדיקער מענטש און מוז האָבן געוויסע חסרונות, אָבער איר קענט זיי נישט אויסגעפינען. דאָך לאָמיר זאָגן ער האָט געוויסע חסרונות, וועלכע איר קענט יאָ אויסגעפינען; לאָמיר אָננעמען, אַז ער האָט אַן אומגליקלעכע טבע צו זיין אַ היפּאָקריט, ער איז אַ סנאָב, אָדער ער איז מער פאַראינטערעסירט אין מאָדערנער געזעלשאַפט ווי אין רעליגיע, — צי זענען די חסרונות אַזוי שלעכט ווי דעם שמידס, אָדער צוויי מאָל אַזוי שלעכט, אָדער צוויי מאָל און אַ פערטל אַזוי שלעכט, אָדער נור אַ העלפט אַזוי שלעכט? מיט אַנדערע ווערטער: אויב דער שמיד באַקומט אַ שילינג, דאַרף דער גלח אויך באַקומען אַ שילינג? אָדער דאַרף ער נור קריגן זעקס-פעניס, אָדער פינף פעניס מיט אַ דריטל אָדער צוויי שילינג? ס'איז קלאָר, אַז דאָס זענען אידיאָטישע פראַגן. אין דער רגע, ווען מיר גייען אַוועק פון מאָראַלישע הויכקייטן צו געשעפטס-ענינים, פאַרשטייט יעדער איינציקער פאַרשטענדיקער מענטש, אַז מענטשלעכע קוואַליטעטן קענען נישט האָבן קיין קרובהשאַפט מיט קיין סומעס געלט, מעגן די מדות זיין גוטע אָדער שלעכטע און די סומעס גרויסע אָדער קליינע. מעג זיין אין אייערע אויגן אַ סקאַנדאַל, וואָס אַ „פריז-פייטער" אין וועמבלע באַקומט פאַר אַוועקלייגן אַן אַנדערן „פריז-פייטער", אַזוי אַז יענער קען זיך גאַנצע צען מינוט נישט רירן פון אָרט, אַזויפיל שכר טרחה, וויפל עס האָט באַקומען דער אַרציביסקאָפּ פון קאַנטערבורי אַלס פאַרשטייער פון דער ענגלישער קירכע גאַנצע

ביין חדשים. אָבער קיינער פון די, וואָס שרייען געוואַלד, אַז עס איז אַ סקאַנדאַל, קען נישט באַרעכענען, וויפל עס מאַכט אויס אין געלט דער אונטערשיד צווישן די דאָזיקע צוויי מענטשן. קיין איינער פון די מענטשן, וואָס האַלטן, אַז דער „פריז-פייטער" דאַרף באַקומען ווייניקער ווי דער אַרציביסקאָפּ, קען נישט זאָגן גענוי, וויפל ווייניקער פון דער סומע, וואָס דער „פריז-פייטער" באַקומט פאַר זיינע זעקס אָדער זיבן מינוט באָקסן, וואָלט געווען, צו באַצאָלן די שכירות פון אַ ריכ-טער פאַר גאַנצע צוויי יאָר. מיר זענען אַלע מודה, אַז קיין שום זאַך קען נישט זיין מער לעכערלעך ווי דאָס און אַז אַ סיסטעם, וואָס פירט צו אַזעלכע אַבסורדן, מוז זיין אַ פאַלשער. אָבער ס'וואָלט געווען נאָך נאַרישער זיך פאָרצושטעלן, אַז אָט דער סיסטעם וואָלט געקענט אומגעביטן ווערן דורך וועלכע עס איז חשבונות, אַז איין גראַם אַרציביסקאָפּ למשל אָדער דריי גראַם ריכטער זענען ווערט אַ פונט „פריז-פייטער". איר קענט אויסרע-כענען, וויפל ליכט עס זענען ווערט איין פונט פוטער אויפן מאַרק דעם אין דעם טאָג. אָבער קוים פרוווט איר אָפּמעסטן דעם ווערט פון מענטשלעכע נשמות, קענט איר העכסטנס זאָגן, אַז ביים רבונו של עולם האָבן זיי אַלע אַ גלייכן ווערט און דאָס וועט אייך נישט העלפן אַפילו אויף אַ האָר, צו באַ-שטימען וויפל געלט זיי דאַרפן באַקומען. איר מוזט זיך פשוט אָפּזאָגן דערפון און מודה זיין, אַז צו צעטיילן די געלטער לויט די מענטשלעכע פאַרדינסטן איז איבער די מענטשלעכע מאָסן און משפּטים.

---

## א

## יעדן דאָס וואָס ער קען אַריינכאַפּן.

דער דריטער פּלאַן, אַז מ׳זאָל לאָזן יעדן האָבן דאָס, וואָס זי אָדער ער קען אַריינכאַפּן, וואָלט געבּרענגט דערצו, אַז אויף דער וועלט וואָלט נישט געווען קיין שלום און קיין זיכערקייט. ווען מיר וואָלטן אַלע געווען גלייך שטאַרק און גלייך כיטרע, וואָלטן מיר אַלע געהאַט גלייכע אויסזיכטן, אָבער אין אַ וועלט, ווו עס זענען פאַראַן קינדער און אַלטע לייט און קאַליקעס און ווו געזונטע מענטשן פון איין און דעם זעלבן עלטער און כוחות אונטערשיידן זיך אַזוי שטאַרק אין עגאָיזם און אין נידערטרעכטי־קייט, וואָלט אַזאַ פּלאַן קיינמאָל נישט געטויגט. עס וואָלט אונז באַלד פאַרמיאוסט געוואָרן. אַפילו ים־רויבער און גזלנים ווינטשן זיך בעסער, מ׳זאָל די אָנגערויבטע זאַכן צעטיילן צווישן זיך אויף אַ פרידלעכן אופן, איידער אַרומצורייסן זיך ווי די קעץ.

כאָטש צווישן אונז איז רויב און גוואַלדטאַט פאַרבאָטן, דערלאָזן מיר פונדעסטוועגן, אַז אַ געשעפט זאָל זיך פירן אויף אַזעלכע פּרינציפּן, ווו יעדערער האָט דאָס רעכט אַרויסצובאַקומען פאַר זיך, וואָס ער קען נור, און נישט טראַכטן וועגן קיינעם נור וועגן זיך אַליין. אַ קרעמער אָדער אַ קוילן־הענדלער טאָר נישט אַרויסגנבענען קיין געלט פון אייער קעשענע, אָבער ער מעג אייך באַרייסן וויפל ער וויל. יעדער איינער האָט דאָס רעכט, בעת ער מאַכט אַ געשעפט, צו נעמען אַזוי פיל און געבן אַזוי ווייניק ווי עס לאָזט זיך נאָר. דירה־געלט קען געהעכערט ווערן אָן שום שיכות מיט דעם, וויפל ס׳קאָסט דאָס הויז אָדער ווי אָרים דער איינוווינער איז. אָבער די דאָזיקע פרייהייטן ברענגען אַזעלכע שלעכטע רעזולטאַטן, אַז מען מוז כסדר האַלטן אין איין שאַפן נייע און מילדערע געזעצן. און אויב ס׳איז אַפילו נויטיק, כדי

אויפצוהאַלטן דעם פרידן, מיר זאָלן אויסגעבן אונזערע געלטער און זיך באַנוצן מיט אונזער פאַרמעגן ווי אַזוי מיר ווילן, בלייבט נאָך די פראַגע פון באַשטימען, וויפל געלט און וואָסער אייגנטום זאָלן מיר באַקומען, מיט וואָס אָנצוהייבן אונזערע געשעפטן. די דאָזיקע צעטיילונג מוז ענטשפּרעכן אַזאַ געזעץ אָדער אַן אַנדערן. אַנאַרכיע (קיין שום געזעץ) וועט נישט טויגן; מיר מוזן זיך באַשעפטיקן מיט זוכן אַ גערעכטן און פּראַקטישן געזעץ.

XI

## אָליגאַרכיע.

דער פערטער פּלאַן איז, צו נעמען איין מענטש פון צען און רייך מאַכן אים, ער זאָל נישט דאַרפן אַרבעטן דורך דעם, וואָס מיר מאַכן אַז די אַנדערע ניין זאָלן אַרבעטן שווערע און לאַנגע שעהן און ז״י וועלן מיר געבן נישט מער ווי צו דערהאַלטן די נשמות און אויפצוהאָדעווען פאַמיליעס, כּדי פאָרטצוזעצן די שקלאַפעריי דאַן ווען זיי וועלן אַלט ווערן און שטאַרבן. דאָס אייגנטלעך טוען מיר איצט, וואָרן איין צענטל פון דער ענגלישער באַפעלקערונג באַזיצט ניין פראָצענט פון דעם וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט און די איבריקע ניין צענטל פאַרמאָגן גאָרנישט נישט און מוזן לעבן פון וואָך צו וואָך מיט שכירות, וואָס איז קוים גענוג צו פירן אַן אָרים לעבן. די מעלה, וואָס אַזאַ פּלאַן פאַרמאָגט כּלומרשט, איז דאָס, וואָס ער פאַרזאָרגט אונז מיט אַ העכערער געזעלשאַפט, מיט אַ רייכן קלאַס, וואָס האָט די מעגלעכקייט זיך צו קולטעווירן דורך הויכע בילדונג, כּדי זיך צו קוואַליפיצירן און אָנפירן מיט דעם לאַנד, און כּדי צו מאַכן און אויפהאַלטן זיינע געזעצן, צו אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט דער אַרמעע פאַר נאַציאָנאַלער פאַרטיידיגונג, כּדי אונטערצושטיצן און אויפהאַלטן די ווינסנשאַפט, קונסט, ליטעראַטור, פילאָזאָפיע, רעליגיע און די אַלע אינסטיטוציעס, וועלכע העלפן אָפּטיילן די ברייטע ציוויליזאַציע פון פשוטע גרופּן און שטעטלעך, צו בויען פרעכטיקע הייזער, צו קליידן זיך

גלענצנד, אַרויסצורופן יראת־הכּבוד פון די אונטערטעניקע, צו געבן אַ מוסטער פון פיינער באַנעמונג, פון שיין לעבן. וויכטיקער פון אַלץ איז אויפן געשעפטלעכן לשון דאָס, וואָס מיר גיבן זיי אַ סך מער, ווי זיי קענען אויסברענגען; מיר גיבן זיי אַזוי אַרום די מעגליכקייט צו זאַמלען די ריזיקע איבעריקע סומעס, וועלכע מיר רופן קאַפּיטאַל, וואָס ווערט אויסגעגעבן אויף באַנען, אויף מינעס, אויף אָנגעלאַדעוועטע פאַבריקן מיט מאַשינען און אויף אַלערליי אַנדערע פּראָיעקטן, וואָס פּראָדוצירט דעם רייכטום אין גרויסן מאַסשטאַב. דער פּלאַן, וועלכער רופט זיך אָליגאַרכיע, איז דער אַלטער ענגלישער פּלאַן, וואָס טיילט אונז איין אויף איידל־לייט, וועלכע לעבן פון אייגנטום און מענטשן פון פאָלק, וועלכע לעבן פון אַרבעט. דער פּלאַן פון עטליכע רייכע און אַ סך אָרימע עקזיסטירט שוין אַ לאַנגע צייט אין דער פּראַקטיק און איז איצט אויך אין דער פּולער פונקציע. מען האָט אויפגעוויזן, אַז אויב מען זאָל צונעמען פון די רייכע זייערע איינקונפטן און צוטיילן צווישן פאָלק, וואָלט דאָס געווען בלויז אַ קליין ביסעלע ווייניקער אָרים, ווי עס איז איצט, און דער וווקס פון קאַפּיטאַל וואָלט קלענער געוואָרן, ווייל קיינער וואָלט נישט געהאַט פון וואָס צו שפּאָרן. די דאָרפישע הייזלעך וואָלטן איינגעפאַלן, און בילדונג און וויסנשאַפט און קונסט און ליטעראַטור און דאָס אַלץ, וואָס מיר רופן קולטור, וואָלט אָפּגעשטאָרבן. דערפאַר שטיצן אַזויפיל מענטשן דעם איצטיקן סיסטעם און האַלטן מיט דעם רייכן קלאַס, הגם זיי אַליין זענען אָרעם. זיי טראַכטן, אַז אויב צען פרויען קענען פון זייער אַרבעט פּראָדוצירן בלויז הונדערט און צען פונט אַ יאָר יעדע, איז אפשר גלייכער, אַז ניין זאָלן זען דורכ־צוקומען דאָס יאָר מיט פופציק פונט יעדע און איינער זאָל מען געבן בילדונג, מאַכן איר פאַר אַ דאַמע און אַ באַפעלערין, געבן איר טאַקע גאַנצע פינף הונדערט פונט אַ יאָר און זאָל זי נישט דאַרפן אַרבעטן אָדער מאַכן אַפילו אַ וועלכע עס איז אָנשטרענגונג צו אַרבעט, אַחוץ דאָס, זי זאָל אויסגעפונען אַ וועג, וואָס זאָל זייער אַרבעט מאַכן פרוכטבאַרער פאַר איר אייגענער טובה וועגן, און דאָס איז בעסער, איידער זיי זאָלן זיך איינשפּאַרן צו קריגן

וקא הונדערט און צען פונט אַ יאָר יעדע. היינט האָבן מיר אַזאַ אָרדנונג, ווייל מיר זענען געצווינגען דערצו. אַחוץ דעם ווייסן גאָרנישט דער רוב מענטשן, אַז מיר האָבן אַזאַ מין סיסטעם. דאָך וואָלטן מיר געקענט באַשטיין, מיר זאָלן די דאָזיקע אָרדנונג ווייטער פאָרזעצן און מיר וואָלטן זי פאָרגעזעצט אַפילו דאַן, ווען מיר וואָלטן געקענט אויסקלייבן צווישן יאָ און ניין, פשוט צוליב דעם, מיר זאָלן האָבן אַן אַריסטאָקראַטיע, וואָס זאָל שאַפן פאַר דער וועלט פיינע זאַכן, אַנשטאָט צו האָבן אַ גלײַכלײַכע מאַסע פון גלייכע קבצנים, וואָס זאָלן דאַרפן אַרבעטן ביי פּראָסטע אַרבעט.

אָבער די עקספּלואַטאַציע, וואָס איז ענטשטאַנען פון דער דאָזיקער אָרדנונג, האָט אַרויסגערופן די וועלט קעגן זיך: אויב מיר באַשליסן ווייטער אויפצוהאַלטן אָט דעם סיסטעם, מוזן מיר קודם כל באַשטימען, ווער עס זאָל זיין די צענטע פּערזאָן. אָבער וויאַזוי קען מען דאָס באַשטימען? אמת, מיר וואָלטן געקענט מאַכן אַזאַ מין לאָטעריע, ווי יעדערער זאָל קענען אַרויסציען זיין גורל, און דערנאָך וואָלט די אַריסטאָקראַטיע זיך געקענט משדך זיין מיט דעם נידעריקן קלאַס און זייערע עלטסטע קינדער זאָלן זיי ירשענען. אָבער דער שווינדל ליגט אין דעם, וואָס אויב מיר וואָלטן שוין לסוף זיך פאַרזאָרגט מיט אַן אַריסטאָקראַטיע, טאָ ווער וואָלט אונז גאַראַנטירט, אַז זיי וואָלטן געטון דאָס, וואָס מיר וואָלטן דערוואַרט פון זיי און דאָס, פאַרוואָס מיר וואָלטן זיי באַצאָלט צו טון? ביי זייער בעסטן ווילן באַלעבאַטעוועט די אַריסטאָקראַטיע זייער שלעכט דאָס לאַנד, ווייל זיי שטייען אַזוי וויט פון דער מאַסע, אַז זיי פאַרשטייען זי פשוט נישט און ווייסן נישט אירע באַדערפעניש. זיי נוצן אויס זייער מאַכט, זיי זאָלן נאָך רייכער ווערן און דאָס פאָלק זאָל אַרבעטן נאָך שווערער און באַקומען נאָך ווייניקער לוין. זיי גיבן אויס ריזיקע סומען אויף ספּאָרט און פאַרווײַלונגען, אויף פרעסן, אויף מאַכן זיך נעמען און זייער ווייניק אויף וויסנשאַפט, קונסט און בילדונג. זיי פּראָדוצירן אָרימקייט אין אַ ריזיקער מאָס דורך דעם שטערן די אַרבייט וואָס פּראָדוצירט, און פאַרשווענדן זי אויף איבעריקע

דינערשאַפט א. אַ וו. אויף אויפהאַלטן אַרמייעס צוליב אונטערדריקונג אין דער היים און עראָבערונגען אין דער פרעמד, זיי פאַרדאַרבן די לערע אין די אוניווערסיטעטן און שולן, כּדי זיך אויסצופיינען און אויסצובאַהאַלטן זייערע שלעכטע מעשים. דאָס זעלבע טוען זיי מיט דער קירכע. זיי טוען אַלץ, כּדי צו האַלטן דאָס איינפאַכע פאָלק אָרים, אָן וויסן און פאַרשקלאַפט און זיך אַליין — ווי מענטשן, אין וועלכע מען נויטיקט זיך זייער שטאַרק. לסוף לייזט מען זיי נאָך אויס פון זייערע פליכטן, וועלכע מען פירט אויך דורכן פאַרלאַמענט, דורך דער ציווילער דינסט, דורכן מיליטער־אַמט, דורך דער אַדמיראַליטעט, דורך דער סיטע־קאָרפּאָראַציע, דורכן אָרים־געזעץ, דורכן מאַגיסטראַט, דורך באַצאָלטע דינער, דורך באַצאָלטע דירעקטאָרן, דורך פאַריינען און אינסטיטוציעס פון אַלע מינים. און אַלע זענען זיי אָפּהענגיק פון עפנטלעכע שטייערן אָדער פּריווילעגיקע צאָלונגען. אויב דאָס קומט ווייטער פאָר אַזוי, ווי ס'איז באמת פאָרגעקומען, ווערן אַלע קולטורעלע און פּאָליטישע מאָטיוון פאַרן אויפהאַלטן אַן אַריסטאָקראַטיע פאַרשוווּנדן. און אַזוי קומט תּמיד פאָר אין דער שטאָט, וואָס מען האָט געמאַכט אויפן אָרט פון אַ דאָרף, ווו דאָס שטאָטישע לעבן פאַרבייט דאָס דאָרפישע. אויב אַ גרעפין לעבט אין איר נחלה אין אַ טייל פונם דאָרף, ווו דאָס לעבן איז נאָך זייער איינפאַך און דאָס נאָנטסטע אָרט פון זיי איז אַ קליין שטעטל, וואָס ליגט ערגיץ צען מייל פון אַ באַן־סטאַציע — ווענדן זיך די מענטשן צו דער גנעדיקער גרעפין נאָך אַלץ, וואָס זיי קענען נישט אויסאַרבעטן מיט זייערע אייגענע הענט. זי שטעלט מיט זיך פאָר דעם גאַנצן גלאַנץ, די גאַנצע גרויסקייט און ראָמאַנטיזם פון דער ציוויליזאַציע און זי פון איר זייט טוט אַ גרויסן טייל זאַכן פאַר זייערטוועגן, וואָס זיי וואָלטן אַליין נישט געקענט טון. דערפאַר האָט אַ שאָטלענדישער שטאַם, איידער שאָטלאַנד איז געוואָרן אַ ציוויליזירטע מדינה, כּמעט תּמיד געהאַט אַן עלטסטן, וועמען זיי האָבן גערן געגעבן אַ געווינסן טייל לאַנד און זאַכן און אַ גרויסן טייל פון דעם רויב, וואָס זיי האָבן באַקומען דורך באַרויבן מענטשן אויף די וועגן. און דאָס האָבן זיי געטון דערפאַר, וואָס

זיי האָבן נישט געקענט פּעכטן מיט קיין דערפאַלג אָן אַ פירער, און זיי האָבן נישט געקענט צוזאַמענלעבן אָן אַ געזעצגעבער. זייער הויפּטמאַן איז געווען פאַר זיי דאָס, וואָס משה איז געווען פאַר די יידן אין דער מדבר. דער שאָטישער הויפּטמאַן איז געווען כמעט אַ קעניג ביי זיין שטאַם, פּונקט ווי די גרעפין איז געווען אַ קעניגין אין איר גוט, זיי האָבן געפילט צו אים אַן אינסטינקטיווע לאָיאַליטעט.

אָבער ווען אַ שאָטישער הויפּטמאַן איז אַריינגעקומען אין אַ שטאָט, האָט ער געהאַט ווייניקער מאַכט, ווי דער מינדערסטער פּאָליציאַנט. פּאַקטיש פּלעגט טיילמאָל טרעפן, אַז דער ערשטער בעסטער פּאָליציאַנט פּלעגט אים אַרעסטירן און די מאַכט האָט אים געלאָזט אויפהענגען. ווען די גרעפין קומט קיין לאָנדאָן פאַרן סעזאָן, ווערט זי אַ גאָרנישט, אַ חוץ פאַר איר באַנטן קרייז. אַלץ, וואָס זי טוט פאַר אירע מענטשן אויפן דאָרף, ווערט געטון דורך באַצאָלטע באַאַמטע פון אַלע מינים, און ווען זי פאַרלאָזט דאָס לאַנד און באַזעצט זיך אין אַמעריקע אָדער אין אויסלאַנד, כדי אויסצומיידן בריטישע הכנסה-שטייערן, הויבט מען עס אין לאָנדאָן נישט אָן צו פילן, אַלץ פירט זיך פּונקט ווי פריער. אירע איינוווינער אָבער, וועלכע דאַרפן פאַרדינען דאָס געלט, וואָס זי גיט אויס אין אויסלאַנד און פאַרדינען ביי איר איצט גאָרנישט באַטראַכטן איר פאַר אַן אַנטלאָפענע און אַ דעזערטער.

דעריבער איז נישט קיין גרויסער חידוש, וואָס מען האָט די אָליגאַרכיע נישט אַזוי שטאַרק ליב. אַ גרויסער טייל פונם געלט, וואָס די אָליגאַרכן באַקומען, ווערט פון זיי צוריקגענומען דורך גרויסע שטייערן און טויט-פליכטן, אַזוי, אַז די אַלטע פאַמיליעס גייען מיט שנעלע טריט באַרג אַראָפּ צו דער שטופע פון איינפאַכע איינוווינער און זיי וועלן ווען אויך פאַרלירן זייערע נחלאות; דאָס וועט זיכער געשען. נאָך אַ פּאָר גענעראַציעס וועלן זייערע טיטולן זיי נור מאַכן לעכערלעך. שוין איצט זענען אַסך פון זייערע פּאַלאַצן פאַרנומען דורך פּשוטע רייכע סוחרים פונם איינפאַכן פאָלק אָדער דורך קאָאָפּעראַטיוון, פאַריינען אָדער זיי

דינען גאָר פאַר סאַנאַטאָריעס, פאַר האָטעלן, שולן און אַפילו משוגעים־הייזער.

איר מוזט זיך אַלזאָ רעכענען מיטן פאַקט, אַז אין אונזער ציוויליזאַציע, וווּ די מערסטע מענטשן וווינען אין גרויסע שטעט, און וווּ באַנען, אויטאָמאָבילן, פּאָסט, טעלעגראַף, טעלעפאָן, גראַמאָפאָנען און ראַדיאָ האָבן אַריינגעבראַכט אַסך פונם שטאָט־לעבן און שטאָט־קולטור אין דאָרף אַריין, און אַפילו דאָס קלענסטע דערפל האָט זיך אירע געמיינדע־מיטונגען, איר פּאָליציאַנט, — איז דער אַלטער מאָטיוו, פאַרוואָס מען זאָל מאַכן עטלעכע מענטשן רייך און די איבעריקע זאָלן אַרבעטן שווער פאַר אַ געהאַלט, וואָס זאָל קוים קלעקן דאָס לעבן צו דערהאַלטן — אָפּגעשטאָרבן. דער דאָזיקער פּלאַן טויג איצט נישט מער אַפילו אין די „היילאַנדס" פון שאָטלאַנד.

דאָך איז נאָך געבליבן איין מאָטיוו, פאַרוואָס מען זאָל אויפהאַלטן אַ קלאַס מענטשן, וואָס זענען איבערנאַטירלעך רייך אויף דעם חשבון פון דער איבעריקער באַפעלקערונג. דער געשעפטסמאַן האַלט פאַר אַ שטאַרקן מאָטיוו דאָס, וואָס מען מוז האָבן מענטשן, וועלכע זאָלן האָבן מער געלט, ווי זיי קענען אויסגעבן, כדי זיי זאָלן אָפּשפּאָרן געלט (אָפּגעשפּאָרט געלט הייסט קאַפּיטאַל), און אַ וואָסערע עס איז באַרויבן די באַרעכטיגונג דערצו, זאָגן זיי. ווייל אויב מען זאָל געבן אַלע מענטשן גלייכע הכנסות, וואָלט קיינער נישט געקענט אָפּשפּאָרן און עס וואָלט נישט געווען קיין געלט אויף קיין מאַשינען, צו בויען פאַבריקן, אויף באַנען, אויף גראָבן, מינעס א. א. וו. עס איז אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט פאַר דער ציוויליזאַציע, צו האָבן אָפּגעשפּאָרט געלט, אָבער עס וואָלט שווער געווען פאַרצושטעלן זיך אַ מער פאַרשווענדערישן אופן, ווי דער אופן, מיט וועלכן מיר פירן עס אַדורך.

קודם כל איז זייער ווּכטיק, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין שום אָפּשפּאָרונגען, ביז עס וועט זיין גענוג אויף אויסצוגעבן. אויסגעבן דאַרף מען פריער איידער אָפּשפּאָרן. אַ נאַציע וואָס מאַכט דאַמף־מאַשינען איידער זי האָט פאַרזאָרגט אירע קליינע

קינדער מיט גענוג מילך צו שטאַרקן זייערע פּיס, כּדי זיי זאָלן זיך קענען באַנוצן מיט אָט די מאַשינען — אַזאַ נאַציע טוט אַ נאַרישקייט! און דאָס טוען מיר דערמיט, וואָס מיר מאַכן עטלעכע רייך און די מאַסע אָרים. נאָך אַ זאַך, אַפילו מיר זאָלן שוין האַלטן, אַז די דאַמפּ־מאַשינען זענען נויטיקער איידער די מילך, גיט אונז נאָך דער פּלאַן נישט די פאַרזיכערונג, אַז מיר וועלן טאַקע די דאַמפּ־מאַשינען האָבן, און אויב מיר וועלן זיי האָבן, אַז מיר וועלן זיי האָבן פאַר זיך; פּונקט ווי אַ גרויסער טייל פון דעם געלט, וואָס איז אַוועקגעגעבן געוואָרן צו די ענגלישע פּריצים אויף צו פאַרמערן די וויסנשאַפט און קונסט, איז אַוועק אויף פערד־געיעגן, אויף באָקס־קאַמפן און אַזוי ווייטער.

אַזוי איז אַ שרעקלעך גרויסער טייל פונם געלט, וואָס מיר האָבן געגעבן די אָליגאַרכעס מיט דער האָפנונג, אַז זיי וועלן עס אַוועקלייגן און מאַכן דערפון קאַפּיטאַל, אויסגעגעבן געוואָרן אויף תּענוגים פאַר זיך אַליין. די גאַנץ רייכע, קען מען מיט רעכט זאָגן, אַז זיי הויבן נישט אָן פריער צו שפּאָרן, ביז זיי קענען שוין פּשוט מער נישט אויסגעבן און זיי האַלטן אין איין ערפינדן נייע און קאָסטבאַרע אויסברענגערייען, וואָס זענען מיט הונדערט יאָר צוריק אוממעגלעך געווען. ווען זייערע הכנסות זענען אַזוי גרויס, אַז זיי קענען זיי בשום אופן פאָרט נישט אויסגעבן, סיידן מען זאָל זיי אַוועקוואַרפן, איז איצט נישטאָ קיין שום שטערונג, אַריינצולייגן זייער קאַפּיטאַל אין זיד־אַמעריקאַנער בענק, אין זיד־אַפריקע, אין רוסלאַנד אָדער אין כינע, הגם מיר קענען נישט פאַרשטופּן אונזערע אייגענע לעכער, ווייל עס פעלט אונז קאַפּיטאַל. הונדערטער מיליאָנען פונט ווערן יעדעס יאָר אַוועקגעשיקט קיין אויסלאַנד אויף דעם זעלבן אופן, און מיר באַקלאָגן זיך אויף דער אויסלענדישער קאָנקורענץ, בעת מיר דערלויבן, אונזער קאַפּיטאַליזם זאָל זיי פאַרזאָרגן אויף אונזער רעכנונג מיט די אַלע מאַשינען, וואָס העלפן אַוועקנעמען ביי אונז די אינדוסטריע.

פאַרשטייט זיך, אַז די קאַפּיטאַליסטן טענה׳ן, אַז מיר ווערן דאַדורך נישט אָרימער, ווייל די פּראָצענטער קומען צוריק אַריין

אין לאַנד פֿון די לענדער, אין וועלכע זיי האַלטן זייערע געלטער, און אַז זיי האַלטן זייערע געלטער אין אויסלאַנד נור דערפֿאַר, וואָס זיי קריגן דאָרט גרעסערע פּראָצענטער. זיי פֿאַרזיכערן אונז, אַז דאָס לאַנד ווערט גאָר רייכער דערמיט, וואָס זיי שיקן אַרויס די געלטער, ווייל באַקומענדיק אַ גרעסערן פּראָצענט, קענען זיי מער אויסגעבן אין לאַנד און במילא גיט עס די ענגלישע אַרבעטער מער באַשעפֿטיגונג. אָבער מיר האָבן דאָך נישט קיין גאַראַנטיע, אַז זיי וועלן אויסגעבן זייערע פֿאַרדינסטן אין לאַנד. זיי קענען עס פּונקט אַזוי גוט אויסגעבן אין מאָנטעקאַרלאָ, מאַדעיראָ, עגיפּטן און ווו נישט? און ווען זיי גיבן עס שוין יאָ אויס אין לאַנד און גיבן אונז יאָ באַשעפֿטיגונג, פֿרעגט זיך נאָך: וואָסער באַשעפֿטיגונג? ווען אונזערע פֿערמעס, מילן און קליידער-פֿאַבריקן זענען אַלע רואינירט צוליב דעם, וואָס מיר אימפּאָרטירן אַלץ פֿון אויסלאַנד, אַנשטאָט מיר זאָלן זיי אַליין אויסאַרבעטן? עס איז נישט גענוג פֿאַר אונזערע קאַפּיטאַליסטן, וואָס זיי ווייזן אונז, אַז אַנשטאָט פֿאַרמעס האָבן מיר די בעסטע גאָלף-פּלעצער אין דער וועלט... אַנשטאָט פֿערמעס און פֿאַבריקן האָבן מיר גלענצנדע האָטעלן, אַנשטאָט אינזשיניערן, בעקערס, סטאָליאַרעס און וועבער, האָבן מיר קעלנער, קאַמערמיידלעך, לאָקייען און דאַמען, דינסטן און דינער א. אַ. וו. אַלע בעסער באַצאָלט און שענער געקליידעט, ווי די פּראָדוקטיווע אַרבעטער, וועמען זיי פֿאַרטרעטן. מיר מוזן באַטראַכטן די לאַגע, אין וועלכער מיר וועלן זיך געפֿונען, ווען אונזערע אַרבעטער וועלן זיך נישט קענען אַליין אויסהאַלטן דורך אייגענער שאַפֿונג פּונקט אַזוי, ווי אונזערע רייכע לײדיקגייער. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אַז די פֿרעמדע לענדער שטעלן אָפּ זייערע ליפֿערונגען צוליב רעוואָלוציע, אַרויסגערופֿן דורך פֿלאַכע היך-קעפּ און דורך קאַפּיטאַליסטישע חובות, ווי אין רוסלאַנד אַשטייגער, אָדער דורך צו גרויסע הכנסה-שטייערן. וואָספֿאַראַ פּנים וועלן מיר האָבן דאַמאָלס? וואָס-פֿאַר-אַ פּנים האָבן מיר איצט ווען די הכנסה-שטייערן פֿאַרגרעסערן זיך אַלץ מער און מער אין אויסלאַנד? דער ענגלישער דינער מעג זיך באַרימען, אַז ענגלאַנד קען אָפּגלאַנצן

אַ מיליאָנערס שטיוול בעסער ווי וועלכער עס איז אויסלענדער, אָבער וואָספאַראַ נוצן קען עס אונז ברענגען, ווען דעם מיליאָנער ווערט צוגענומען זיין אייגנטום דורך צו גרויסע שטייערן און ער ווערט אַן אָרימאַן, וואָס האָט בכלל נישט קיין שטיוול צום פוצן?

מיר וועלן זיך מוזן גוט אַריינטראַכטן און באַהאַנדלען די פראַגע וועגן קאַפּיטאַל אין די שפּעטערדיקע קאַפּיטלען. וואָס איז נוגע דאס איצטיקע קאַפּיטל, איז גענוג אָנצוווייזן, אַז דער פּלאַן צו זיין אָפּהענגיק פון אַן אָליגאַרכיע מיט אונזער נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, איז נישט נור אַן אויסברענגערישער נור אויך אַ געפערלעכער, און דאָס איז אַ געפאַר, וואָס וואַקסט מיט יעדער פּאָליטישער ענטוויקלונג אין דער וועלט. דער איינציקער תירוץ איז, אַז מיר טוען עס דעריבער, ווייל מיר האָבן נישט קיין אַנדערע ברירה. אָבער דאָס וועט די לאַגע נישט בעסער מאַכן אויף אַ האָר. די רעגירונג קען עפּעס טון וועגן דעם און זי טוט עס טאַקע אין אַ געוויסער מאָס: זי קאָנטראָלירט פּערזענלעכע אויסגאַבן און צווינגט אונז צו באַגניגן זיך מיט אַ טייל פון אונזער איינקונפט-קאַפּיטאַל. זי טוט עס און מיט ווייניקער קאַפּריזן און מיט מער געניטקייט, איידער אונזער אָליגאַרכיע. זי וואָלט געקענט נאַציאָנאַליזירן די בענק אַזוי, ווי מיר וועלן באַלד זען. דאָס לאָזט איבער די אָליגאַרכיע און אירע אַלע עקאָנאָמישע טעמים.

---

XIV

## די צוטיילונג דורך קלאַסן.

און אָט איז דער פינפטער פלאַן, וואָס האַלט, אַז הגם יעדער איינער דאַרף אַרבעטן, דאַרף אָבער די געזעלשאַפט איינגעטיילט ווערן אין אַזויפיל קלאַסן, וויפל מינים אַרבעט עס זענען פאַראַן, און די שכירות פון אָט די קלאַסן דאַרפן אויך זיין פאַרשידן. למשל די אָסעניזאַציע-לייט, גאַסנקערער, דינסטמיידלעך, שמאַטע-קלויבער א. אַ. וו. דאַרפן באַקומען ווייניקער, ווי דאָקטוירים, גלחים, לערער, אָפּערע-זינגער און פראָפעסיאָנעלע דאַמען אין אַלגעמיין, און די ווידער דאַרפן באַקומען ווייניקער, ווי ריכטער, פרעמיער, מיניסטאָרן, קעניגן און קעניגינס.

איר וועט מיר זאָגן: „דאָס איז דאָך, וואָס מיר האָבן איצט". אַזוי איז טאַקע אויף אַסך געביטן, אָבער עס איז נישט פאַראַן אַזאַ געזעץ, אַז מענטשן, וועלכע זענען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַרבעטן, מוזן באַקומען מער אָדער ווייניקער שכירות איינער פונם צווייטן. מיר זענען צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז שול-לערערינס, גלחים און דאָקטוירים, וואָס זענען געבילדעטע דזשענטללייט און לעדיס, דאַרפן באַקומען מער ווי פשוטע אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן פיזיש פאַר אַ וועכנטליכן געהאַלט.

אָבער היינטיקע צייטן באַקומט אַ מאַשיניסט, וועלכער פרעטענדירט נישט צו זיין קיין געבילדעטער דזשענטלמאַן מיט אוניווערסיטעטס-בילדונג, מער געהאַלט פון אַסך גלחים און זייער אַסך דאָקטוירים, און אַ שול-לערערין אָדער גובערנאַנטין איז גליקלעך, ווען זי פאַרדינט טיילמאָל אַזויפיל, וויפל ס'פאַרדינט אַן ערשטקלאַסיקע קעכין.

אַ טייל פון אונזערע באַרימטע פראָפעסאָרן האָבן אַ לאַנגע צייט געלעבט אין דחקות, ביז ס'איז זיי סוף-כל-סוף, ווען זיי

זענען שוין אַלט געווען פון פערציק ביז פופציק יאָר, געלינגען צו פאַרדינען אויף זייער חיונה. און נישט איין גלח האָט געמוזט אויסהאַלטן זיין פאַמיליע נישט מער ווי מיט זיבעציק פונט אַ יאָר. איר מוזט זיך היטן פון מאַכן דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם טעות, אַז איידלערע אַרבעט און בילדונג באַצאָלט זיך בעסער פון קערפּערליכער מאַכט אָדער פעיקייט. זייער געבילדעטע מענער מאַכן אָפט זייער ווייניק געלט און טיילמאָל גאָרנישט, גוט-באַזיץ און אייגנטום ווייזט זיך אָפט אַרויס צו זיין אַן אומגליק פאַר אַזאַ פריץ, וואָס דאַרף פאַרדינען אויף ברויט. על פּי רוב מאַכן די גרעסטע פאַרמעגנס די סוחרים דורך פאַכן אָדער פינאַנסן און גראָד אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט די פּרי-ווילעגיע געבוירן צו ווערן ביי יחוסדיקע געלערנטע פאַמיליעס. די גרעסטע קבצנים זענען על פּי רוב געווען גראָד די הייליקע אָדער גאונים, וועלכע מען האָט ערשט אָנערקענט נאָך זייער טויט.

איר מוזט זיך אַלזאָ באַפרייען פון דעם געדאַנק, (אויב איר האָט אים; אויב נישט — זייט מיר מוחל, פאַר חושד זיין אייך אין אַזאַ זאַך) אַז איין טייל אַרבעטער קאָסט לעבן טייערער פון דעם צווייטן טייל. די אייגענע מאָס שפּייז, וואָס קען אויפהאַלטן דאָס געזונט פון אַן אַרבעטער, קען אויפהאַלטן דאָס געזונט פון אַ קעניג. אַסך אַרבעטער עסן מער ווי דער קעניג. און אַלע אַרבעטער צערייסן זייערע מלבושים שנעלער איידער דער קעניג. אונזער קעניג איז נישט רייך לויט די היינטיקע רייכטימער. מיסטער ראָקפעלער, למשל, באַטראַכט אונזער קעניג פאַר אַן אָרימאַן, וואָרן מיסטער ראָקפעלער האָט נישט בלויז מער געלט, ווי דער קעניג, נור ער איז נאָך דערצו נישט געצווינגען אויפצוהאַלטן דעם גרויסן שטאַט און פאַרשווענדן זיין געלט פאַר אַנדערע מענטשן. אויב איר וואָלט געקענט דערגיין, וויפל געלט מיסטער ראָקפעלער און דער קעניג גיבן אויס פאַר זייערע אייגענע, פּער-זענליכע געברויכן, וואָלט איר זיך איבערצייגט, אַז זיי גיבן נישט אויס מער, ווי אַנדערע צוויי מענטשן אין מעסיק-באַקוועמע אומשטענדן. אויב מ'וואָלט דעם קעניג געטאָפּלט זיין פּענסיע, וואָלט ער

אויך נישט געקענט עסן צוויי מאָל אַזויפיל, אָדער טרינקען צוויי־
מאָל אַזויפיל, אָדער שלאָפן צוויי מאָל אַזוי געשמאַק, אָדער
אויפבויען אַן אַנדער הויז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי בוקינגהיים־
זעלעס, אָדער חתונה האָבן מיט נאָך אַ קעניגין און אויפברענגען
צוויי פאַמיליעס אַנשטאָט איינער. ווען עס זענען ביי דעם פאַר־
שטאָרבענעם מיסטער קאָרענדזשי געוואַקסן זיינע טויזנטער ביז
הונדערטער־טויזנטער, און זיינע הונדערטער־טויזנטער ביז מי־
ליאָנען, האָט ער גענומען צוטיילן זיין געלט אויף רעכטס און
אויף לינקס, ווייל ער האָט שוין געהאַט מער נאָך ווי אַלץ, וואָס
געלט קען קויפן פאַר זיך אָדער זיין פאַמיליע.

איז דאָך אַ פראַגע: פאַרוואָס גיט מען טייל מענטשן מער
ווי זיי דאַרפן און טייל ווייניקער? איז דער ענטפער, אַז אין די
מערסטע פאַלן גיבן מיר זיי נישט נור זיי נעמען זיך אַליין,
דערפאַר, וואָס מיר האָבן נישט באַשטימט, וויפל איינער זאָל
באַקומען, נור איבערגעלאָזט עס אויף הפקר, אופן גורל און פאַר־
כאַפונג. וואָס ס'שייך דעם קעניג און אַנדערע גרויסע לייט, האָבן
מיר באַשטימט פאַר זייערטוועגן גרויסע פענסיעס, צוליב דעם
וואָס מיר ווילן, אַז זיי זאָלן באַזונדערס רעספעקטירט און געאַכטעט
ווערן. דאָך ווייזט די דערפאַרונג, אַז אויטאָריטעט איז
נישט שטענדיק אָפּהענגיק פון הכנסות. קיין שום מענטש אין
אייראָפּע האָט נישט דערגרייכט אַזאַ יראת־הכבוד ווי דער פויפּסט,
הגם קיינער באַטראַכט נישט דעם פויפּסט פאַר אַ רייכן מאַן. עס
טרעפט, אַז זיינע עלטערן, ברודער און שוועסטער זענען זייער
קליינע מיוחסים און ער אַליין איז אָרימער פון זיין שניידער
אָדער באַקאַליי־קרעמער. אַ שיפסקאַפּיטאַן עסט מיטאָג יעדן טאָג
מיט מענטשן, וואָס אַסך פון זיי וואָלטן זיך געקענט פאַרגינען
אַריינצוּוואַרפן זיינע (דעם קאַפּיטאַנס) שכירות אין ים אַריין און
עס זאָל זיך ביי זיי לחלוטן נישט אָנזען. דאָך איז זיין אויטאָריטעט
אַזוי אַבסאָלוט, אַז קיינער פון די אויסדערוויילטסטע פּאַסאַזשירן
וואָלט נישט געוואַגט אַרויסצוּווייזן אים אַ וואָסאַרן עס איז
אומ'דרך־ארץ. דער דאָרפס־דאָקטאָר קען אַפילו נישט האָבן קיין
פינפט־חלק פון זיין פאַרמער קירכן־שמש, דער קאָמאַנדיר פון

אַ רעגימענט קען אַמאָל זיין דער אָרימסטער מאַן ביים גערישט־טיש. יעדער איינער פון זיינע אונטערשטייענדיקע קען האָבן אַסך מער ווי צוויי מאָל אַזויפיל פון זיין הכנסה, אָבער נישט געקוקט אויף דעם, איז ער פאַרט זייער פאַרשטייער און אויטאָריטעט. געלט איז נישט דער סוד פון באַפעלן.

די יעניקע וועלכע האָבן פּערזענליכע דערפאַרונגען פון אויטאָריטעט, זענען ביי קיין פאַל נישט אונזערע רייכסטע מענטשן. מיליאָנערן אין קאָסטבאַרע אויטאָמאָבילן מוזן האָרכן דעם פּאָליציאַנט. ביי אונזער סאָציאַלער אָרדנונג שטייען נאָבל־מענער העכער פון גוטבאַזיצער, גוטבאַזיצער פון פּראָפעסיאָנעלע מענער, פּראָפעסיאָנעלע מענער פון סוחרים, הורט־סוחרים פון דעטייל־סוחרים, דעטייל־סוחרים פון אַרבעטער־פאַכמענער, פאַכמענער פון פשוטע אַרבעטער. אָבער ווען סאָציאַלע פאַרשטייערשאַפט וואָלט טאַקע דורכויס באַשטימט געוואָרן לויט די הכנסות, וואָלט עס גאָר אָנגענומען אַ משונהדיקן כאַראַקטער; דער סוחר וואָלט דעמאָלט געווען דער פאַרשטייער פון אַלץ און דער קעניג מיטן פויפסט וואָלטן געדאַרפט אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר דיסטילירער און חזיר־הענדלער.

ווען מיר רעדן וועגן דער מאַכט פון רייכטום, רעדן מיר ליידער פון אַן אמתער ווירקליכקייט. ווייל אַ רייכער מאַן קען אָפּשאַפן יעדן איינעם, וואָס שטעלט אים נישט צופרידן און קען אַוועקנעמען די פּרנסה פון וועלכן עס איז בעל מלאכה, וואָס באַציט זיך נישט מיט קיין שטאַרקן דרך־ארץ צו אים. אָבער די פּעולה, וואָס מיר האָבן, ווען איין מענטש איבט אויס זיין מאַכט איבער אַן אַנדערן, איז אַ גאַנץ אַנדערע זאַך, ווי דאָס, וואָס מיר האָבן פון דער אויטאָריטעט, וועלכע איז נויטיק כדי אויפצוהאַלטן די געזעצן און די אָרדנונג אין לאַנד. איר קענט פאָלגן אַ רויבער, ווען ער שטעלט צו אַ פּיסטאָלעט צו אייער קאָפּ, און פאַרלאַנגט פון אייך דאָס געלט אָדער דאָס לעבן. פונקט אַזוי קענט איר פאָלגן אייער הויז־ווירט ווען ער הייסט זיך צאָלן מער דירה־געלט אָדער הייסט אייך אַרויסטראָגן זיך מיט דער פאַמיליע אין גאַס. אָבער דאָס הייסט נישט געפאָלגט דער אויטאָריטעט.

דאָס איז פּשוט אונטערגעגעבן זיך אַ דראָונג. אמתע אויטאָריטעט האָט נישט קיין שום שיכות מיט געלט, עס איז באמת אַ דער־פאַרונג, וואָס עס האָבן פון דעם קעניג — ביזן דאָרפס־פּאָליציאַנט, וועלכע זענען אָפטמאָל אַסאַך אָרימער פון די, וועלכע פאָלגן זייערע באַפעלן.

## XIII

## וועגן לאָזן אַלץ אַזוי ווי עס איז.

און איצט, וואָס איז מכוח דעם זעקסטן פּלאַן, צו לאָזן אַלץ אַזוי ווי עס איז? די מערהייט מענטשן שטימען פאַר דעם, הגם די איצטיקע אָרדנונג געפעלט זיי נישט, זיי דערוועגן זיך נישט צו ענדערן דאָס, צו וועלכן זיי זענען צוגעוווינט; זיי האָבן מורא איבערצומאַכן אַ זאַך, טאָמער וועט עס נאָך ווערן ערגער ווי עס איז. זיי זענען דאָס, וואָס מען רופט אָן קאָנסערוואַטיון; הגם עס איז איבעריק צו צוגעבן, אַז קיין קאָנסערוואַטיווער שטאַטס־מאַן, וואָס איז נאָר ביים פולן פאַרשטאַנד, האָט ווען עס איז זיך איינגערעדט (סיידן אין דער צייט פון די וואַלן, ווען קיינער זאָגט נישט דעם אמת), אַז מ׳קען קאָנסערווירן זאַכן דורך איינפאַך לאָזן זיי צורו.

דאָס זעט טאַקע אויס ווי דער גרינגסטער און זיכערסטער פּלאַן, אָבער פאַקטיש איז עס נישט נור שווער, נאָר אוממעגלעך. ווען יהושע האָט באַפוילן דער זון, זי זאָל זיך אָפּשטעלן אין גבעון און די לבנה אין אַילון, איז ער געווען באַשיידן לגבי די מענטשן, וואָס מיינען, אַז די וועלט וועט בלייבן שטיין אויף איין אָרט, אויב זיי וועלן נאָר אָפּהיטן, אַז קיין שום זאַך זאָל זיך נישט אויפכאַפּן, און יהושע האָט דאָך געוווּסט, אַז ער פאַר־לאַנגט אַ נס.

עס איז נישט דערפאַר, וואָס קיין שום מענטש, וועלכער ווייסט ווי שלעכט אַלץ איז אַוועקגעשטעלט, וועט נישט איינ־שטימען, אַז אַלץ זאָל בלייבן ווי עס איז, וואָרן סיי־ווי־סיי מוז עס

אים געפעלן, אויב אַפילו עס געפעלט אים נישט, דאָס הייסט, מען מוז עס אַראָפּשלינגען. די שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס קיין שום זאַך וועט נישט בלייבן ווי עס איז. ס'איז נישטאָ קיין חילוק, ווי פּאָרזיכטיק איר וועט זיין, נישט אָנצורירן עס. איר וואָלט פּונקט אַזוי גוט געקענט איבערלאָזן אייערע שטובן נישט אָפּגעשטויבט און וועלן זיי געפינען איבעראַיאָר אינ־דערצייט אַזוי ריין ווי זיי זענען איצט. איר מעגט איבערלאָזן די קאַץ אויפן קוימען און זיך פאָרשטעלן, אַז צוריקקומענדיק פון קירכע, וועט איר זי געפונען אויפן זעלבן אָרט און נישט אין מילך־קאַמער.

אין דער אמתן ענדערן זיך זאַכן אַסך שנעלער און אַסך געפערליכער, ווען מען לאָזט זיי אויף גאָטס באַראָט, איידער דאַן, ווען מען האַלט זיי אויפן אויג.

אין די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר זענען פאָר־געקומען אויסערגעוויינטלעך וווּנדערלעכע ענדערונגען טאַקי אויף די געביטן, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ (פּראָדוקציע און הכנסה), בלויז דאַרפאַר, וואָס דאָס, וואָס איז געווען יעדנס אינטערעס, האָט קיינעם נישט אינטערעסירט. דאָס אַריינברענגען פון די דאַמפּ־מאַשינען און שפּעטער דאָס איינפירן עלעקטרע כמעט אין יעדן הויז, ווי וואַסער אַשטייגער און גאַז, און שפּעטער דאָס ערפינדן מאַ־שינען, וועלכע שלעפּן נישט בלויז באַנען אויף דער ערד און שיפען אויפן און אונטערן ים, נאָר פירן אונז מיט אונזערע סחורות אין די לופטן. אַדאַנק דעם האָבן זיך פאַרגרעסערט אונזערע כּוחות צו שאַפן רייכטימער און אויסצופּאַרטיקן אונזער אַרבעט אויף אַ גרינגערן און שנעלערן אויפן; עס איז אַזאַ שטופּ פון אַנטוויקלונג, אין וועלכער קיין איינער פון אונז וואָלט נישט באַדאַרפט בלייבן אָרים. אַ הויז, ווו עס זענען פאַראַן גאַז־אויוונס, עלעקטרישע באַלייכטונג, טעלעפאָן און ראַדיאָ, גיט אונז אַ שטיקל באַגריף וועגן אַ מאָדערנער פאַבריק פול מיט אויטאָמאַטישע מאַשינען. אויב מיר וואָלטן גענומען אַ געהעריקן אַנטייל, און אויף אַ פרידליכן אופן געאַרבעט, ווי מיר פלעגן טון אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה, וואָלטן אַלע נויטיקע ערנערונגס־מיטלען,

מלבושים, הייזער און באַלייכטונג געקענט זייער גרינג געשאַפן ווערן מיט ווייניקער ווי אַ העלפט פון אַ היינטיקן טאָג אַרבעט, אַזוי, אַז דעם אַנדערן האַלבן טאָג זאָלן מיר האָבן פריי פאַר קונסט און וויסנשאַפט, בילדונג און שפּילן, און אויספירן עקספּערימענטן און שאַפונגען פון כלערליי מינים.

דאָס איז דער צושטאַנד פון די ענדערונגען, וואָס זענען געקומען דעמאָלט, ווען מיר האָבן געמיינט, אַז מיר לאָזן זאַכן אַזויווי זיי זענען. און די קאָנסעקווענצן פון אונזער אָפּגעלאָזנקייט פון פירן, אָרגאַנזשירן אַליין לטובת דעם לאַנד זענען די, וואָס די אָרימע לייט זענען היינט אָרימער, ווי זיי זענען געווען דעמאָלט, בעת עס זענען נאָך נישט געווען קיין מאַשינען, און מענטשן האָבן געמוזט אָפּהיטן די פּענעס מער ווי זיי היטן היינט אָפּ די שילינגס — און די רייכע זענען געוואָרן אומגלאַטירלעך־רייך. און די מענטשן, וואָס וואָלטן על פּי יושר געדאַרפט זיך באַשעפטיקן מיט צוגרייטן ברויט פאַר די הונגעריקע און מלבושים פאַר די נאַקעטע, אָדער בויען הייזער פאַר היימלאָזע, וואַרפן אַרויס זייער אַרבעט, גרייטן צו דינסט און ווילטאָג פאַר רייכע ליידיקגייער, וועלכע זענען ווייט נישט ווי די אַמאָליקע אַלטע איידל־און־נאָבל־לייט. מענטשן, וואָס זייער פוילקייט, פוסטקייט און אויסבערענגעריי האָבן געבערענגט אַ פאַרדאָרבנדיקן ביישפּיל, און האָבן געשאַפן צוויי מיט אַ האַלבע רעוואָלוציעס און די פּאָליטישע מאַכט, ווו די אַרבעטס־געבער האָבן איבערגעשטיגן די לאַנדבאַזיצערס און גע־ברענגט זיי צו מפּלות, די פינאַנסיסטן האָבן איבערגעשטיגן די אַרבעטס־געבער און די אַרבעטער־פּאַראייניען האָבן כמעט געטון דאָס אייגענע מיט די פינאַנסיסטן. מיר וועלן נאָך שפּעטער רעדן דערפון, איר האָט דערווייל געגוג געזען וואָסאַראַ עפעקטן עס האָט געהאַט בלויז פונם וווקס אין דעם „לייבור־פּאַרטיי“. איר קענט נעמען מיין וואָרט דאַרויף, אַז פּאָליטיק וועט נישט בלייבן שטיין אויף קיין אָרט, אויך נישט אינדוסטריע, בלויז צוליב דעם, וואָס שרעקעוודיקע אַלטמאָדישע עלטערע מענטשן שטימען ביי די וואַלן פאַר די, וועלכע זיי רופן אַן קאָנסער־וואַטיוון; דאָס הייסט פאַרמאַכן די אויגן און עפענען די מיילער.

ווען מען וואָלט געזאָגט דעם קעניג אַלפרעד, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען אין ענגלאַנד וועט איין פאַמעליע לײדיק־גייערס האָבן פינף גרויסע הייזער און אַ יאַכט־שיף צום וואַינען, און שווער־אַרבעטנדיקע מענטשן וועלן וואַינען צו זעקס אין איין שטוב און דערצו שטאַרבן פאַר הונגער, וואָלט ער געזאָגט, אַז גאָט וועט אַזאַ זאַך קײנמאָל נישט דערלאָזן, סיידן ביי זייער נידערטרעכטיקע נאַציאָנען. מיר האָבן זיך אַלזאָ נישט גערעכנט מיטן רבונו של עולם און עס יאָ דערלאָזט, נישט צוליב נידער־טרעכטיקייט, נאָר צוליב דעם, וואָס מען האָט געלאָזט זאַכן אַזוי ווי זיי זענען און פאַנטאַזירט, אַז זיי וועלן אַזוי בלייבן.

צי האָט איר באַמערקט דרך אַגב, אַז קיינער רעדט שוין איצט נישט מכח איבערלאָזן זאַכן אינם אַלטן צושטאַנד? מען שמועסט שוין איצט, אַז מען זאָל לאָזן, זיי זאָלן זיך גליטשן, אַזוי צו זאָגן, און דאָס הייסט שוין אַ שריט פאָרויס. וואָרן דאָס באַווייזט, אַז מיר האָבן זיך ענדלעך אַרומגעזען, אַז עס „גליטשט זיך", עס שטייט נישט אויף קיין אָרט. און מיר זענען טאַקי ביי דער מיינונג, אַז לאָזן זיי זיך גליטשן, איז דער אמתער וועג. איר מוזט זיך אַלזאָ איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, אַז מען קען לאָזן זאַכן, אַזוי ווי זיי זענען און מיינען, אַז זיי וועלן בלייבן שטיין אויף אַן אָרט. זיי וועלן אומבאַדינגט נישט בלייבן שטיין; אַלץ וואָס מיר קענען דערמיט אויפטון, איז צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און קלערן, וואָס וועט ווייטער זיין? און דאָס זעט נישט אויס, ווי איר וואָלט געזעסן אויף דעם באַרג ביים שטראָם און געוואַרט, דאָס וואַסער זאָל אַוועק; דאָס איז, פונקט ווי איר וואָלט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט אין אַ קאָטש און געלאָזן די פערד לויפן אין דער וועלט אַריין. איר קענט זיך ענטשולדיקן און זאָגן: „וואָס דען קען איך טון?" אָבער צוליב אייער אימפּאָטענץ וועט נישט אויסגעמיטן ווערן דער קלאַפּ. מענטשן, וואָס געפינען זיך אין אַזאַ שלעכטער לאַגע, מוזן אַלע טראַכטן, וויאַזוי איינצוהאַלטן די פערד און אָפּהיטן, אַז די קאָטש זאָל זיך דערוויל נישט איבערקערן אָדער אַריינ־פאַלן אין אַ גראָבן.

די אָנגענומענע פּאָליטיק, צו לאָזן אַלץ גיין ווי עס גייט, און אַז לויטן פּראַקטישן שכל דאַרף די רעגירונג זיך קיינמאָל נישט מישן אין האַנדל אָדער אַליין האַנדלען, רופן פּאָליטיקער און עקאָנאָמיסטן „לאַיזע-פּאַירע”. עס איז איצט אַזוי אַרויס פון דער פּראַקטיק, אַז עס האָט פאַרלוירן דעם גאַנצן ווערט, אָבער עס איז געווען שטאַרק אין דער מאָדע אין דער פּאָליטיק מיט הונדערט יאָר צוריק און זי ווערט נאָך אַלץ מיט ערפאָלג פאַרטיידיקט פון געשעפטסלייט, וועלכע וואָלטן, פאַרשטייט זיך, געווען צופרידן, מ'זאָל זיי דערלויבן צו מאַכן געלט אויף זייער אייגענעם אופן און נישט דאַרפן רעכנען זיך אויף אַ האָר מיטן כלל.

---

XIV

## וויפל הייסט גענוג?

מיר האָבן זיך, דאַכט זיך, אָפּגעקערט פון אַלע פּלענער, אַחוץ דעם סאָציאַליסטישן. איידער איך הויב אָן רעדן מכח דעם, וועט איר מיר דערלויבן צו צוציען אייער אויפמערקזאַמקייט צו עפּיס אַזוינס, וואָס האָט פּאַסירט אין אונזער שמועס, מער ווי אַנדערע זאַכן. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פּרוּוון, אויסגעפונען אַ געזונטן אופן פון צעטיילן די געלטער און יעדעס מאָל, וואָס מיר האָבן געמאַכט אַ פאָרשלאַג צו צעטיילן עס לויט די גוטע פאַרדינסטן פון די מענטשן אָדער לויט די דערגרייכונגען, פיינקייט אָדער אינדיווידועלע קוואַליטעט, האָט עס זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַן אַבסורד; ווען מיר האָבן געפּרוּווט עטאַבלירן אַ קרובה-שאַפט צווישן געלט און אַרבעט, האָבן מיר געפונען, אַז עס איז אוממעגלעך. ווען מיר האָבן געפּרוּווט עטאַבלירן אַ קרובהשאַפט צווישן געלט און כאַראַקטער, האָבן מיר אויך געזען דאָס אייגענע. ווען מיר האָבן געפּרוּווט עטאַבלירן אַ קרובהשאַפט צווישן געלט און דעם מין פיינקייט, וועלכער שאַפט אויטאָריטעט, האָבן מיר זיך ווידער ענטוישט, און ווען מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט דערפון, ווי פון אַן אוממעגלעכער זאַך און מיר האָבן שוין גענומען

טראַכטן צו לאָזן די זאַכן אַזוי, ווי זיי זענען איצט, האָבן מיר אויך אויסגעפונען, אַז קיין שום זאַך בלייבט נישט שטיין אויף קיין אָרט.

לאָמיר אַ רגע באַטראַכטן, וואָס דאַרף אַ פּלאַן זיין, כּדי ער זאָל ווערן אָנגענומען. ס'ערשטע, אַזוי ווי יעדערער בכלל, אַחוץ די פראַנצישקאַנער „פּראָירס" און די אָרימע „קלאַרעס", וועלן זאָגן, אַז קיין פּלאַן קען נישט אָנגענומען ווערן, סיידן ער קען מאַכן, אַז די אָרימקייט זאָל פאַרשווינדן (און אַפילו דער פראַנצישקאַנער דלות מוז זיין אַ פּריוויליקער און נישט קיין געצווינגענער). לאָמיר אַ ווײַלע פּרוּוון שטודירן אָרימקייט. אַלע ווייסן, אַז אָרימקייט איז זייער נישט קיין באַקוועמע זאַך און עס איז אַ גרויס אומגליק פאַר דעם יחיד, וואָס איז גראָד אָרים. אָבער אָרימע-לייט, אויב זיי ליידן נור נישט פון אמתן הונגער און שטאַרקער קעלט, זענען נישט אומגליקליכער פון די רייכע; זיי זענען אָפטמאָל אַפילו גליקליכער; איר קענט געפונען מענטשן, וואָס זענען צען מאָל אַזוי רייך ביי זייער זעכציק-יאָריקער עלטער, ווי דאַן, ווען זיי זענען אַלט געווען צוואָנציק. אָבער קיין איינער פון זיי וועט אייך נישט זאָגן, אַז זיי זענען צען מאָל אַזוי גליקלעך. אַלע דענקנדיקע מענטשן וועלן אייך זאָגן דאָס זעלבע, אַז גליק און אומגליק זענען קאָנסטיטוציאָנעל און האָבן נישט קיין שום שיכות נישט מיט געלט. געלט קען היילן הונגער, אָבער עס קען נישט אויסהיילן פון אומגליקלעך זיך פילן. עסנוואַרג קען צופרידנשטעלן דעם אַפּעטיט, אָבער נישט די נשמה, אַ באַרימטער דייטשער סאָציאַליסט, פערדינאַנד לאַסאַל, האָט געזאָגט, אַז אויפצוּוועקן די אָרימע מאַסע צו אַ רעוואָלוציע קעגן נויט האָט אים געשטערט דאָס, וואָס זיי האָבן נישט געליטן קיין אַבסאָלוטן הונגער. זיי זענען, פאַרשטייט זיך, נישט געווען צופרידן, קיינער איז נישט צופרידן, זיי זענען אָבער נישט געווען גענוג אומצופרידן, כּדי אָנצונעמען ערנסטע שריט צו ענדערן זייער לאַגע. אַן אָרימע פרוי קען גאַנץ גוט פאַרשטיין, אַז עס איז זייער אָנגענעם צו האָבן אַ גרויס הויז, אַסך דינסטן, עטלעכע טוץ קליידער, אַ שיינע איידעלע הויט און פרעכטיק פריזירטע האָר. דאָך פאַרט

די רייכע פרוי, וועלכע האָט דאָס אַלץ, זייער אָפט אַרום אין נידע־ריקע ערטער, כּדי זיך אַביסל אַרויסצוקריגן פון אָט דעם אַלעמען. צו דאַרפן פאַרברענגען דריי שעה אַ טאָג ביי וואַשן און קעמען און בערשטן און אָנטון זיך און איבערבייטן און עס זאָל אַרומ־טאַנצן אַרום אייך אַ גאַנצן טאָג דאָס קאַמערמיידל — איז גאָרנישט קיין גרעסערער פאַרגעניגן און אויך נישט קיין בעסער מזל, ווי צו האָבן בלויז אַ פּאָר מינוט פאַר די זעלבע „פּאַטיגעס", ווי די סאָלדאַטן רופן עס אָן. אַסאַך דינסטן זענען אַזעלכע פּגע־רע'ס, אַז אַ גרויסער טייל דאַמען געפונט גאָרנישט פון עפּיס אַנדערש צו רעדן, ווען זיי קומען זיך צונויף. אַ שיכּורער איז פרייליכער ווי אַ ניכטערער, און דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס אומגליקלעכע מענטשן הויבן אָן צו שיכּורן. עס זענען פאַראַן אָפּיומס און אַנדערע זאַכן, וואָס ברענגען אייך אַריין אין התפּעלות, פרייליכקייט און רואינירן אייער גוף און נשמה. דער עיקר איז, איר זאָלט אָפּ־היטן אונזער קוואַליטעט און אונזער גליק און צופרידנקייט וועט זיך שוין אַליין אָפּהיטן. אויפריכטיקע מענטשן פילן זיך קיינמאָל נישט גליקלעך, איידער זיי האָבן אַלץ אויסגעגלייכט, געזען, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג, אָבער זיי זענען צו געזונט און זענען צו פיל פאַרנומען ביי זייער אַרבעט, זיי זאָלן טראַכטן וועגן זייער גליק. מאָדערנע אָרימקייט איז נישט די אָרימקייט, וואָס איז געבענטשט געוואָרן פונם פּרעדיקער אויפן באַרג. דעם ווידער־שטאַנד קעגן אָרימקייט שטעלן מיר נישט דערפאַר, וואָס עס מאַכט מענטשן אומגליקלעך, נאָר דערפאַר, וואָס עס צווינגט מענטשן, זיי זאָלן זיך פילן דערנידריקט, און דער פאַקט, אַז זיי קענען זיך פילן פונקט אַזוי גליקלעך אין זייער נידעריקער שטופע, ווי די בעסערע לייט, אַזוי צו זאָגן, אין זייער אויסדערוויילטקייט, מאַכט עס נאָך ערגער. ווען שעקספּירס „קעניג" זאָגט:

איצט לייג זיך, נידעריק־גליקלעכער, און שלאָף איין גיך,
נישט גרינג זיך לייגט דער קאָפּ, וואָס טראָגט אַ קרוין אויף זיך

האָט ער פאַרגעסן, אַז גליק איז נישט קיין פאַרגיטיגונג פאַר דער נידעריקונג. דער געטליכער פונק פלאַמט אויף אין אונז קעגן דעם צוואַנג איינצושטימען אויף דערנידערונגען מיטן אויסרייד, אַז עס

קען ברענגען גליק. נור אַ שיכּור אָדער אַ חזיר קענען דאַרויף איַינגיין.

אַזאַ אָרימקייט, ווי מיר האָבן היינט אין אַלע אונזערע גרויסע שטעט, דערנידעריקט די אָרימע לייט און שטעקט אָן מיט דערנידעריקונג די גאַנצע סביבה, ווו זיי וווינען, און דאָס, וואָס עס קען דערנידעריקן אַ געגנט, קען דערנידעריקן אַ לאַנד און אַסך לענדער און סוף־כּל־סוף די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט, וועלכע איז אויך נור אַ גרויסע, שכינותדיקע סביבה. און די שלעכטע עפעקטן פון אָרימקייט קענען אויך די רייכע נישט אויסמיידן. ווען אָרימקייט פּראָדוצירט אויסברוכן פון אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, וואָס קומען פאָר תמיד פריער אָדער שפּעטער, שטעקן זיך די רייכע אָן מיט די קראַנקהייטן און זיי זעען, ווי זייערע קינדער שטאַרבן אויס דערפון. אויב די אָרימקייט פּראָדוצירט פאַרברעכן און גוואַלד־טאַטן, פאַלן די רייכע אַרונטער אונטער זייער שרעק און זיי מוזען אויך מאַכן שווערע אויסגאַבן אויף אָפּצוהיטן זייער פאַרמעגן און זייער לעבן. אויב זי פּראָדוצירט שלעכטע זיטן און פּאָרנאָגראַפיע, קללות א. אַ. וו. כאַפּן זיי די רייכע קינדער אויף. זיי מעגן זיין זייער פּאָרזיכטיק, אָפּגעזונדערט פון דער אָרימער מאַסע און אַזאַ אָפּגעזונדערטקייט טוט זיי אַגב מער רעה ווי טובה. אויב אָרימע נור שיינע יונגע פרויען געפונען איין (און זיי געפונען עס טאַקע איין), אַז זיי קענען פאַרדינען מער דורך זינד ווי דורך אַרבעט, פאַרסמן זיי דאָס בלוט פון די רייכע יונגעלייט, וועלכע פאַרסמן דערנאָך זייערע פרויען און קינדער און זענען זיי גורם אַלערליי קערפּערליכע יסורים, וואָס ענדיקן זיך טיילמאָל מיט פאַרקריפּלונג, בלינדקייט און אַפילו טויט. דער אַלטער געדאַנק, אַז מענטשן קענען זיך האַלטן אָפּגעזונדערט און נישט זיין אָנ־גערירט פון דעם, וואָס עס געשעט ביי זייערע שכנים אָדער אַפילו ביי מענטשן, וועלכע וווינען הונדערט מייל פון דערווייטנס, איז אַ געפערליכער טעות. דאָס ווערטל, אַז מיר זענען אַלע גלידער פון איין גרויסן קערפּער, איז נישט בלויז אַ וואָרט, וואָס ווערט איבערגעחזרט אין קירכע אָן אַ שום זין, דאָס איז אַן אמת; וואָרן הגם דער רייַכער טייל שטאָט קען אויסמיידן צו וווינען

מיטן אָרימען טייל, קען ער אָבער נישט אויסמיידן צו שטאַרבן צוזאַמען מיט אים בעת עס קומט אַ מגפה. ערשט דעמאָלס וועלן מענטשן האָבן די מעגלעכקייט צו האַלטן זיך פאַר זיך וויפל זיי וועלן נור גליסטן, ווען זיי וועלן מאַכן אַ סוף צו דער אָרימקייט. ביז דאַן וועלן זיי נישט קענען פטור ווערן פון די בילדער, קלאַנגען און ריחות פונ׳ם דלות אויף זייערע טעגליכע שפּאַציר־גענג, זיי וועלן זיך אויך נישט פילן קיין איין טאָג זיכער, אַז די גוואַלטטאַטן און די פאַטאַלע אומגליקן פון דער אָרימקייט וועלן זיי נישט דערגרייכן און דורכדרינגען, מעגן זיי זיך היטן מיט דער שטאַרקסטער פּאָליצייאישער שמירה.

חוץ דעם זענען מיר, אַזוי לאַנג ווי אָרימקייט איז אַ מעגלעכקייט — קיינמאָל נישט זיכער, אַז מיר קענען נישט אַמאָל אַליין אָרים ווערן. אויב מיר גראָבן אַ גרוב פאַר אַנדערע, קענען מיר אַמאָל אַליין אַריינפאַלן אין אים, ווען מיר לאָזן איבער אַן אָפענעם אָפּגרונט און מיר צוימען אים נישט אַרום, קענען אונזערע קינדער אַריינפאַלן אין אים, בעת זיי וועלן זיך שפּילן. מיר זעען די אומשולדיקסטע און אַנשטענדיקסטע פאַמיליעס אַריינפאַלן אינם נישט אַרומגעצוימטן גרוב פון אָרימקייט. מיר זעען עס כמעט יעדן טאָג. מיט וואָס זענען מיר דאָס זיכער, אַז אינגיכן וועט נישט זיין אונזער ריי?

עס איז אפשר דער גרעסטער שטות פון אַ נאַציע, צו פּרוּוון באַנוצן זיך מיט אָרימקייט אַלס אַ שטראָף פאַר פאַרברעכן, וואָס ווערט נישט באַשטראָפט דורכן געזעץ. עס איז גרינג צו זאָגן וועגן אַ פוילן מענטש, אַז זאָל ער זיין אָרים. עס קומט אים, ווייל ער איז פויל. עס וועט אים אָנלערנען. און זאָגנדיק דאָס, פאַרגעסן מיר, אַז מיר זענען אַליין פויל צו פאַרטראַכטן זיך אַביסל ערנסטער, איידער מיר שאַפן אונזערע געזעצן. מיר קענען זיך אויף קיין פאַל נישט דערלויבן צו האָבן קיין אָרימע־לייט, צי זיי זענען פוילענצער צי פלייסיקע מענטשן, שיכורים אָדער ניכטערע, צדיקים אָדער רשעים, פאָרזיכטיקע אָדער אומ־פאָרזיכטיקע, קלוגע אָדער נאַרישע; אויב זיי פאַרדינען באַ־שטראָפט צו ווערן, זאָלן זיי באַשטראָפט ווערן אויף אַנ׳אַנדער

אופן, וואָרן אָרימקייט וועט נישט ברענגען אַזויפיל שאָדן זיי גופא, ווי זייערע אומשולדיקע שכנים. אָרימקייט איז אַ צרת רבים, אַ כלל־אָנשיקעניש, עס, איז י ע ד נ ס אַ פערזענלעך אומגליק. טאָלע־רירן עס, איז אַ נאַציאָנאַלער פאַרברעכן.

מיר מוזן דאַריבער די צעטיילונג פון די רייכטימער אָנ־נעמען פאַר אַן אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט. אַז יעדער איינער מוז באַקומען אַזאַ טייל, וואָס זאָל גענוג זיין צו באַשיצן אים אָדער איר פון אָרימקייט, איז נישט אינגאַנצן קיין נייעס. נאָך אין דער קעניגין עליזאַבעטס צייטן איז עס געווען אַ געזעץ אין ענגלאַנד, אַז קיינער טאָר נישט געשטויסן ווערן צו אָרימקייט, און מ׳האָט נישט געטאָרט פאַרלאָזן קיין אָרימאַן. אויב ער האָט זיך געווענדעט צו אַ הילפס־פאַריין נאָך הילף, האָט ער געמעגט זיין ווער ער איז, האָט דער פאַריין אים געמוזט אַרויסהעלפן מיט שפייז, מיט מלבושים, און מיט אַן אָרט, ווו צו וווינען. האָט עס דער פאַריין געמעגט טון מיט געבייזער און אומפריינט־לעכקייט, ער האָט געמעגט אַרויסווייזן גראָבקייט און דערנידעריקן דעם, וואָס ער האָט געהאָלפן. זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט צו שיקן דעם בעטלער, אויב ער איז געווען געזונט, צו טון די ערגסטע אומנוצליכע אַרבעט, אויב עס האָט זיך זיי אַזוי פאַר־וואָלט. מען האָט אים געקענט איינזעצן אין טורמע, אויב ער האָט זיך אָפגעזאָגט עס צו טון. דער אָפדאַך, וואָס מען האָט אים געגעבן, האָט געקענט זיין אַן אָפשיילעך אַלגעמיין אַרבעטס־הויז, ווו אַלטע און יונגע, געזונטע און קראַנקע, דאָס אומשולדיקסטע מיידל און יינגערמאַן מיט דער פאַרהאַרטעוועטער פראָסטיטוטקע און גאַסן־יינג זענען איינגעשפּאַרט געוואָרן צוזאַמען, כדי צו באַליידיקן און זידלען איינער דעם אַנדערן. מ׳האָט געמעגט שטעמפּלען דעם גאַסן־בעטלער דורך אַוועקנעמען ביי אים די שטימרעכט (אויב ער האָט אַזעלכע), דורך צונעמען ביי אים דאָס רעכט צו פאַרנעמען געוויסע אָפיציעלע פּאָסטנס, אָדער געוויילט צו ווערן אויף געוויסע עפנטלעך־אויטאָריטעטישע שטעלעס. בקצור, מ׳מעג טרייבן דעם אָרנטלעכן, בכבודיקן אָרימאַן צו טון אַלץ אין דער וועלט, די עקסטרעמסטע זאַכן, איידער ער קומט זיך ווענדן נאָך הילף, אָבער

זיי מוזן שטיצן דעם אָרימאַן, ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, אויב ער קומט בעטן הילף. אין דעם פּרט איז דאָס ענגלישע געזעץ קאָמוניסטיש, די גאַנצע שטרענגקייט און געמיינקייט, מיט וועלכער עס ווערט דורכגעפירט, איז אַ גראָבער טעות, וואָרן אַנשטאָט צו באַשיצן דאָס לאַנד פון דער דערנידעריקונג, וואָס אָרימקייט ברענגט מיט זיך, מאַכן זיי, אַז עס זאָל ברענגען נאָך מער דערנידעריקונג, ווי עס איז נויטיק, אָבער דער פּרינציפּ איז פּאָרט פאַראַן. די קעניגין עליזאַבעט האָט געזאָגט, אַז קיינער טאָר נישט שטאַרבן פון הונגער און איינזאַמער פאַרלאָזנקייט.

נאָכדעם ווי מיר האָבן געהאַט די שרעקלעכע דערפאַרונג, וואָס דער עפעקט פון אָרימקייט איז פאַר דער גאַנצער נאַציע, רייך אָדער אָרים, מוזן מיר מודה זיין, אַז קיינער טאָר נישט זיין, אָרים. אַזוי ווי מיר צעטיילן טאָג טעגלעך אונזערע רייכטימער, מוז דער ערשטער שריט זיין, אַז יעדער איינער זאָל זיין פאַר־זאָרגט מיט אַלץ, וואָס אַ מענטש קען געברויכן. אויב עס געפינען זיך אַזעלכע, וואָס טוען שלעכטס, און גיבן אַ גרונט צו זאָגן, אַז זיי פאַרדינען עס נישט, אָדער זיי לאָזן זאַכן, וואָס זיי דאַרפן טון, נישט געטון, האַלט זיי אין די הענט, אָדער צווינגט זיי צו טון, פּונקט ווי מען האַלט איין אָדער מען צווינגט, אַנדערע אומווירדיקע פאַרשוינען... אָבער דערלאָזט נישט דערצו, אַז דורך זיי זאָל ליידן די גאַנצע מענטשהייט.

אָנגענומען, אַז מיר טאָרן בשום אופן נישט דערלאָזן, אַז מענטשן זאָלן זיין אָרים — האָבן מיר נאָך צו באַטראַכטן, צי מעגן מיר דערלויבן, אַז זיי זאָלן זיין רייך. ווען אָרימקייט איז פאַר־שווינדן, זאָלן מיר טאָלערירן לוקסוס און אויסברענגעריי? דאָס איז אַ פּראָבלעם, ווייל עס איז אַסך גרינגער צו וויסן, וואָס עס באַדייט אָרימקייט, איידער דאָס, וואָס עס באַדייט לוקסוס. ווען אַ פרוי איז הונגעריק אָדער אָפּגעריסן אָדער האָט נישט ווייניקסטנס איין אַנשטענדיק מעבלירטע שטוב אינגאַנצן פאַר זיך, צום שלאָפן, איז זיכער, אַז זי ליידט נויט (אָרימקייט). ווען אין איין געגנט איז די שטערבלעכקייט פון קינדער גרעסער ווי אין אַן אַנדער געגנט, ווען די דורכשניטלעכע צייט פון שטאַרבן פאַר דער־

וואַקסענע פאַלט נישט אין דער צאָל יאָרן, וואָס איז באַשטימט פאַר זיי (צווישן זעכציק און זיבעציק), ווען די וואָג ווערט קלענער ביי די קינדער וואָס בלייבן לעבן, פון דער אָנגענומענער וואָג, וואָס עס דאַרף וועגן אַ גוט גענערט און גוט אויפגעפּאַסט קינד, קענט איר מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די מענטשן אין יענער געגנט לעבן אין אָרימקייט. אָבער ליידן פון רייכקייט לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט אָפּמעסטן. אַז רייכע מענטשן ליידן זייער אָפט, ווייסט יעדער, וואָס איז באַקאַנט מיט זייער לעבן. זיי זענען אַזוי שוואַך, אַז זיי לויפן שטענדיק צו דאָקטוירים, קורירן זיך, מאַכן זיך אַלערליי אָפּעראַציעס; ווען זיי זענען געזונט, רעדן זיי זיך אויך איין, אַז זיי זענען קראַנק, זיי זענען שטענדיק פול מיט זאָרג וועגן זייערע פאַרמעגנס, זייערע דינסטן, אָרימע קרובים, אַריינגעלייגטע געלטער אין די בענק, די זאָרג פון אויפהאַלטן גרויסע הייזער און סאָציאַלע פּאָזיציעס; אויב זיי האָבן אַסך קינדער, זאָרגן זיי, פאַרוואָס זיי וועלן נישט האָבן די מעג־לעכקייט איבערצולאָזן זיי גענוג ירושה, אַז זיי זאָלן קענען לעבן אַזוי רייך, ווי זיי האָבן געלעבט, ווייל מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז אַ פאַרהייראַט פּאָר־פאָלק, וואָס האָט פופציק טויזנט פונט אַ יאָר און פינף קינדער, קען איבערלאָזן יעדן קינד נור צען טויזנט, אין דער צייט, וואָס זיי אַליין זענען דערצויגן געוואָרן און פאַרקערט אין אַזאַ געזעלשאַפט, ווו מען האָט געלעבט אויף פופציק טויזנט. דער פועל יוצא איז, אַז די דאָזיקע קינדער, אויב עס געלינגט זיי נישט צו טון רייכע שדוכים, לעבן פאַר מער געלט ווי זיי פאַרמאָגן, (נישט וויסנדיק, וויאַזוי מ׳קען לעבן פאַר ווייניקער) און זיי ווערן איינגעטונקען אין חובות ביז איבערן קאָפּ. זיי גיבן איבער זייערע קינדער די רייכע געוווינהייטן, רייכע פריינט און חובות — מער גאָרנישט. אַזוי אָרום ווערן די זאָרגן גרעסער פון דור צו דור. אַדאַנק דעם באַגעגענען מיר אַזויפיל „לעידיס און דזשענטלמען", וועלכע קענען נישט אויפהאַלטן זייער פּאָזיציע אין לעבן און זענען דעריבער אַסך אומגליקלעכער ווי די געוויינטלעכע אָרימע־לייט.

אפשר קענט איר גראָד עטלעכע רייכע פאַמיליעס, וועלכע

זענען נישט אויס צו ליידן דורך זייער רײַכקייט, זיי עסן זיך נישט איבער, זיי געפונען באַשעפטיקונג, וואָס האַלט אויף זייער געזונט, זיי זאָרגן נישט מכּוח זייערע פּאָזיציעס, זיי לייגן אַריין זייער געלט אין די בענק און זענען צופרידן מיט אַ קליינעם פּראָצענט און זיי דערציען זייערע קינדער מיטן געדאַנק, אַז מען מוז אַרבעטן ביי איינפאַכער און נוצלעכער אַרבעט. אָבער זיי לעבן דאָך לחלוטן נישט ווי רייכע לייט און וואָלטן פּונקט אַזוי גוט געקענט לעבן פון אַ געוויינטלעכער הכנסה. דער גרעסטער טייל רייכע מענטשן ווייסן נישט, וואָס צו טון מיט זיך. זיי לאַנגווײַלן זיך און שליסן זיך סוף־כּל־סוף אָן אין אַלערליי פּאַריינען פון געזעלשאַפטלעכע פליכטן און פאַרגעניגנס, וואָס זענען פאַבריצירט געוואָרן פון וועסט־ענדער סוחרים, און ווען דער סעזאָן ווערט געשלאָסן, זענען זיי מער אויסגעמאַטערט פון זייערע דינסטן און קרעמער ווי ביז איצט. זיי קענען נישט האָבן קיין שום געשמאַק פאַר ספּאָרט און מוזן פאָרט גיין צו די רעיסעס, אַזוי הייסט זיי זייער שטאַנד, און זיי מוזן אויסגעבן דאַרויף טויזנטער. זיי קענען נישט האָבן קיין ברעקל געשמאַק פאַר מוזיק און מוזן דאָך באַזוכן אַלערליי אָפּערעס און קאָנצערטן; זיי טאָרן זיך נישט קליידן, ווי זיי ווילן אָדער טון, וואָס זיי ווילן, ווייל זיי מוזן טון דאָס, וואָס אַלע רייכע טוען, עס בלייבט זיי אַלזאָ גאָרנישט איבער צו טון, סיידן אַן אַרבעט, וואָס וואָלט זיי גלייך אַוועקגעשטעלט מיטן שטאַנד פון געוויינטלעכע מענטשן. במילא, אַזוי ווי זיי קענען נישט טון דאָס, וואָס זיי געפעלט, מוזן זיי זיך צוגעוווינען, עס זאָל זיי געפעלן דאָס, וואָס זיי טוען און איינרעדן זיך, אַז זיי פאַרברענגען גלענצנד זייער צייט, בעת אין דער אמתן ווערן זיי פאַרנודעט פון די פאַרוויילונגען זייערע, אויסגעלאַכט פון זייערע דאָקטוירים, באַרויבט פון די, ביי וועמען זיי קויפן זייערע סחורות. ווען נאָך רייכערע קוקן צו זיי פון אויבן אַראָפּ, טרייסטן זיי זיך דערמיט, וואָס זיי קוקן ווידער אַראָפּ צו אָרימערע פון זיך.

כּדי אויסצומיידן די דאָזיקע לאַנגווייליקייט, טרעטן די פעיקע און ענערגישע גייסטער אַריין אין פּאַרלאַמענט אָדער אין

דיפלאָמאַטישע דינסטן אָדער אין דער אַרמעע אָדער גיבן אַליין אַכטונג אויף זייערע גיטער און געלטער אין די בענק, אַנשטאָט איבערצולאָזן עס פאַר אַדוואָקאַטן און אַגענטן, אָדער זיי פאָרשן אויס פרעמדע, ווייטע לענדער, וואָס איז אָפטמאָל פאַרבונדן מיט גרויסע סכנות (אַפילו הונגער) און שוועריקייטן. דער פועל יוצא איז, אַז זיי לעבן נישט בעסער פון די, וועלכע זענען געצווינגען צו טון די דאָזיקע אַרבעט פאַר געלט. אַזוי זעען מיר, אַז רייכטימער זענען פשוט אויף זיי אַרויפגעצווינגען און ווען מיר וואָלטן נישט אַלע אַזוי שטאַרק מורא געהאַט, נישט אַריינצופאַלן אין אָרימקייט, וואָס יאָגט אונז כסדר נאָך, וואָלטן מיר זיך אַלע אָפּגעזאָגט פון רייכטימער. די איינציקע מענטשן, וועלכע האָבן יאָ הנאה דערפון, וואָס זיי זענען רייכער פון אַנדערע, זענען יענע, וואָס האָבן ליב אַרומצוגיין ליידיק און פאַנטאַזירן, אַז זיי שטייען העכער פון זייערע שכנים, און האָבן ליב, מ׳זאָל זיי באַהאַנדלען בעסער פון זייערע שכנים.

אָבער קיין שום לאַנד קען זיך נישט דערלויבן, זיך אָנצו-שטאָפּן מיט סנאָבן; פוילקייט און נאַרישע גאווה זענען נישט קיין גרויסע מעלות, דאָס זענען זינד, וואָס דאַרפן אויסגעראָטן ווערן. אַ חוץ דעם, קען דער פאַרלאַנג אַרומצוגיין ליידיק, צו זיין פויל און האָבן די מעגלעכקייט זיך צו שאַפן מיט אָרימע מענטשן, נישט באַרעכטיקט ווערן אַפילו דאַן, ווען עס זאָלן נישט זיין קיין אָרימע מענטשן, מיט וועמען זיך צו שאַפן. מיר דאַרפן נישט האָבן נישט קיין אָרימע און נישט קיין רייכע לייט, נור פשוטע מענטשן, וואָס זאָלן האָבן גענוג צום לעבן. דאָס פירט אונז ענדלעך אַרויס אויף דער פאַרוויקלטער פראַגע: וואָס איז גענוג?

אין שעקספירס באַרימטער דראַמע האָט דער קעניג ליר אַ וכוח מיט זיינע טעכטער מכוח דעם, וואָס עס הייסט גענוג. לויט זיין השגה איז ג ע נ ו ג, ער זאָל האָבן אַ הונדערט ריטערס, וואָס צו באַדינען. זיין עלטסטע טאָכטער מיינט, אַז פופציק איז אויך גענוג. איר שוועסטער פאַרשטייט נישט, צו וואָס ער באַדאַרף בכלל האָבן ריטער, אין דער צייט, ווען א י ר ע דינער קענען אים אויך

באַדינען. ליר ענטפערט, אַז אויב זי וויל דערנידעריקן דאָס לעבן צו אַזאַ אוממעגליכער שטופע און באַגיין זיך אָן זאַכן, וועלכע מען מוז האָבן, זאָל זי בעסער אַוועקוואַרפן אירע עלעגאַנטע קליידער, ווייל עס וואָלט דאָך איר געווען וואַרימער אין אַ קאָלדרע. אויף דעם האָט זי נישט געפונען וואָס צו ענטפערן. קיינער קען נישט זאָגן, וואָס עס הייסט גענוג. וואָס עס איז גענוג פאַר אַ ציגיינערין, איז נישט גענוג פאַר קיין דאַמע, און דאָס, וואָס איז גענוג פאַר אַ דאַמע, איז פאַר אַן אַנדערער זייער ווייניק. ווען איר קריגט אייך שוין אַרויס פון אָרימקייט, איז נישט פאַראַן קיין שום סיבה, פאַרוואָס איר זאָלט נישט פרווון גיין ווייטער. מיט דער הילף פון מאָדערנע מאַשינען קענען מיר פּראָדוצירן אַסך מער ווי גענוג שפּייז, קליידער און הייזער, צו פירן אַן אָנשטענדיק לעבן. עס זענען פאַראַן אָן אַ שיער נייע זאַכן, מיט וועלכע מיר וואָלטן זיך געקענט באַנוצן, און אין די זאַכן, וואָס מיר נוצן שוין, וואָלטן מיר געקענט מאַכן אָן אַ שיער אויסבעסערונגען. אונזערע באָבעס האָבן זיך גאַנץ גוט אַן עצה געגעבן אָן גאַזאויוונס, אָן עלעקטרישע באַלייכטונג, אויטאָמאָבילן און טעלעפאָנען, אָבער היינט צו טאָג זענען די דאָזיקע זאַכן נישט קיין ווונדער און נישט קיין לוקסוס. זיי זענען זעלבסטפאַרשטענדליכע נויטווענדיקייטן, און דער, וואָס קען זיך נישט דערלויבן זיי צו האָבן, ווערט באַטראַכט פאַר אַ קבצן.

פונקט אַזוי איז געוואַקסן דער צושטאַנד פון בילדונג און קולטור. היינטיקע צייטן וואָלט אַ קאַמער-מיידל באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן אינטעלעקטועלן דעפעקטיוון מענטש, אויב זי וואָלט געווען אַזוי אונוויסנדיק, ווי די קעניגין וויקטאָריאַ איז געווען, בעת זי איז אַרויף אויפן טראָן. און דערפון, וואָס די קעניגין וויקטאָריאַ האָט גאַנץ גוט געקענט דורכקומען מיט דעם וויסן, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, איז נאָך נישט געדרונגען, אַז דאָס וויסן, מיט וועלכע דאָס מיידל שטייגט איבער דער קעניגין, איז אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט פאַר דער ציוויליזאַציע. אָבער ציוויליזירט לעבן און הויך-ציוויליזאַציע זענען צוויי פאַרשידענע זאַכן. וואָס עס איז גענוג פאַר איינעם, איז נישט גענוג פאַרן אַנדערן. נעמט אַריין

אַ האַלבֿ־ציוויליזירט מיידל אין הויז אַריין, הגם זי מעג זיין שטאַרקער, האָבן אַ בעסערן ווילן און כאַראַקטער, ווי אַסך הויכציוויליזירטע מיידלעך, וועט זי פּאָרט צעברעכן אַלץ, וואָס מען דאַרף דערמיט זיך באַגיין אַביסל פּאָרזיכטיקער. זי וועט נישט קענען צונעמען אָדער אַרויסשיקן געשריבענע ידיעות און נישט פֿאַרשטיין אָדער נוצן אַזעלכע זאַכן, ווי זייגערס, בעדער, ניימאַשינען און עלעקטרישע באַהייצונג און באַרשטן. איר וועט זיין גליקלעך, אויב איר וועט קענען אויסלערנען צו פֿאַרדרייען דעם קראַן, אַנשטאָט צו לאָזן לויפֿן דאָס וואַסער. און אייער ציוויליזירטע דינסט, וועמען איר קענט יאָ אָנטרויען אָט די אַלע זאַכן, וואָלט אויך געווען ווי אַ בוהיי אין אַ פּאָרצעלאַן־געשעפט, ווען מען נעמט און מען שטעלט זי אַריין אין אַ לאַבאָראַטאָריע, ווו הויך געבילדעטע וויסנשאַפּטס־מענער אַרבעטן ביי מאַשינען און אינסטרומענטן, וואָס זייערע באַוועגונגען זענען אַזוי איידל און אומזיכטבאַר, ווי די שעהן־ווייזערס פֿון אַ זייגער. אַרומגיין און קאָנטראָלירן אַלערליי פֿליסיקייטן, וואָס קענען יעדע וויילע אויפֿרייסן ביי דער מינדעסטער אומפּאָרזיכטיקייט, אָדער אין אַן אָפּעראַציע־שטובֿ, ווו דאָקטוירים טוען זאַכן, וועלכע פֿאָדערן די גרעסטע פּאָרזיכטיקייט, ווייל איין איבעריקער ריר פֿונם מעסער קען ווערן פֿאַטאַל. אויב יעדע דינסט־מיידל וואָלט זיך געקענט באַגיין מיט זאַכן אַזוי איידל און פּאָרזיכטיק און וואָלט געהאַט דעם וויסן און געדולד, וואָס עס פֿאָדערט זיך אין אַ לאַבאָראַטאָריום און אין אַן אָפּעראַציאָנס־צימער, (וועלכע ווערן נישט תּמיד דורכגעפֿירט מיט קיין ערפֿאָלג), וואָלטן מיר געקענט ענדערן אונזער הויז־באַלעבאַטישקייט אויף אַ וווּנדערלעכן אויפֿן; מיר וואָלטן נישט בלויז געקענט האָבן די אַרבעט געמאַכט אַסך גיכער, ווי ביז איצט, בעסער און ריינער, נאָר מיר וואָלטן געקענט טון אָן אַ שיער זאַכן, וואָס מיר קאָנען איצט נישט טון, וואָס איז כּמעט אוממעגלעך.

נו, עס קאָסט טייערער אויסצולערנען אַ לאַבאָראַטאָריע־אַרבעטער, איידער אַ דינסט און עס קאָסט מער אויסצולערנען אַ דינסט, איידער צו כאַפּן אַ ווילדן. וואָס עס איז גענוג אין

איין אינטערעס, איז נישט גענוג אינם אַנדערן. די פראַגע, וויפל עס איז גענוג צום לעבן, איז אַלזאָ אַ פראַגע, וואָס קען נישט פאַרענטפערט ווערן; עס איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דעם, וואָס־פאַראַ סאָרט לעבן איר האַלט, אַז מען דאַרף לעבן. דאָס, וואָס איז גענוג פאַר אַ שלעפּער, איז נישט גענוג פאַר קיין הויך ציוויליזירט לעבן מיט פערזענליכער איידלקייט אין אַ סביבה פון מוזיק, קונסט, ליטעראַטור, רעליגיע, וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע. אָט די אַלע זאַכן זענען פאַר אונז קיינמאָל נישט גענוג; תּמיד בלייבט עפּיס צום ענטדעקן און עפּיס אויסצובעסערן, מיט איין וואָרט, עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי גענוג ציוויליזאַציע. אין געוויסע מאָמענטן קענען מיר האָבן גענוג ברויט אָדער שיך. אויב זיין אָרים מיינט: נויטיקן זיך אין מער אָדער אין בעסערס ווי דאָס, וואָס מיר האָבן, און קיין אַנדערע מאָטיוון צו פילן זיך אָרים זענען, דאַכט זיך, נישט פאַראַן — וועלן מיר זיך תּמיד פילן אָרים, וויפל געלט מיר זאָלן נישט האָבן. ווייל הגם מיר קענען האָבן גענוג פון דעם אָדער פון יענעם, וועלן מיר קיינמאָל נישט האָבן גענוג פון אַלץ, וואָס איז פאַראַן.

דער פּועל יוצא איז, אַז אויב איר זאָלט פאָרלייגן, צו געבן אַ טייל מענטשן גענוג און אַן אַנדער טייל מער ווי גענוג, וועט סוף־כּל־סוף דער גאַנצער פּלאַן זיך צופאַלן, וואָרן דאָס גאַנצע געלט וואָלט אַוועקגעגאַנגען, איידער נאָך עמיץ וואָלט אָנגעהויבן צו זיין צופרידן.

קיינער וואָלט זיך נישט צופרידנגעשטעלט דערמיט, וואָס ער האָט און וואָלט זיך נישט אָפּגעהאַלטן צו פאָדערן מער, בלויז צוליב דעם, כּדי מ׳זאָל קענען אויפהאַלטן אַן איבערגעשטאָפּטן, רייכן קלאַס מענטשן, וואָס וואָלטן סוף־כּל־סוף אויך נישט געווען אינגאַנצן צופרידן, אפשר נאָך ווייניקער צופרידן פון זייערע אָרימע שכנים.

דער איינציקער וועג אַרויסצוקומען פון דער דאָזיקער שוועריקייט, איז צוגעבן יעדן גלייך, דאָס איז אייגנטלעך סאָציאַליסטישע לעזונג פון צוטיילונג־פּראָבלעם. איר קענט מיר אַפילו זאָגן, אַז איר וועט שוין בעסער אַראָפּשלינגען די שוועריקייט,

אידער אַראָפּצושלינגען סאָציאַליזם. דער גרעסטער טייל פון אונז זאָגן טאַקע אַזוי.

וואָס אונז באַוועגט דערצו — איז די שרעקלעכע ענטדעקונג פון דער רשעותדיקער אָרדנונג אַרום אונז און די סכנות, וואָס שטייען אונז פאָר, וועלכע מיר דערוועגן זיך נישט צו איגנאָרירן. איר קענט אפשר נישט האָבן די פעיִקייט צו זען די שיינקייט פון אַ גלייכער צוטיילונג. אָבער אַפילו אַ פרוי, וואָס איז אינגאַנצן נישט אידעאַליסטיש, קען אויך זעען דאָס אומגליק פון אומגלייכהייט, ווען די אומגליקן, מיט וועלכע זי איז אַליין אין קאָנפליקט, כמעט יעדן טאָג, ווערן איר קלאָר. און איצט גיי איך איך ווייזן דעם צוזאַמענהאַנג.

---

## XV

## וואָס מיר זאָלן פריער קויפן.

כדי צו פרווון די ווירקונג דערפון, וואָס אונזערע נאַציאָנאַלע הכנסה׳ס ווערן נישט צוטיילט אויף גלייך אויף די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און אויפן לעבן און אייגנטום פון אַלע מענטשן — מוזן מיר זיך צוקוקן צו דער אינדוסטריע פונם לאַנד, וויאַזוי זי ליידט פון דער אומגלייכער צוטיילונג פון הכנסות.

מיר מוזן זיך צוקוקן צו יעדער זאַך באַזונדער, צו די חתונה-אינסטיטוציעס, צו דער אַרבעט אין די געריכטן, צו דער ערליכקייט פון אונזערע פאַרלאַמענטן, צו דער גייסטיקער אומאָפּהענגיקייט פון די קירכעס, צו דעם נוצן, וואָס עס ברענגען אונז אונזערע שולן, צו דער קוואַליטעט פון אונזערע צייטונגען און זען, אויף וויפל יעדע פון זיי איז אָפּהענגיק פון דעם, וויאַזוי די געלטער ווערן צוטיילט.

אָנהויבנדיק פון דער אינדוסטריע, קומען מיר גלייך צו צו דעם, וואָס מיר רופן פּאָליטישע עקאָנאָמיע, כדי אונטערצושיידן איר פון ווירטשאַפטלעכער עקאָנאָמיע, וועלכע איז אונז צו גוט באַקאַנט. מענטשן האַלטן פּאָליטישע עקאָנאָמיע פאַר אַ טרו-

קענעם, שווערן געגנשטאַנד, פונקט ווי הויז־ווירטשאַפט. דאָך איז נישטאָ נאָך אַזאַ פּאַרוויקלטע זאַך, ווי די קונסט צו פירן אַ לאַנד אויפן זעלבן אופן ווי פירן אַ הויז־ווירטשאַפט. די נאַציע האָט אַ געוויסע הכנסה אויף אויסצוהאַלטן דאָס לאַנד, אַזוי גוט, ווי אַ באַלעבאָס זיין הויז און דער פּראָבלעם איז, וויאַזוי צו פאַרנוצן די דאָזיקע הכנסות, אַז עס זאָל זיין וואָס בעסער פאַרן גאַנצן לאַנד.

יעדע גוטע באַלעבאָסטע מוז וויסן קודם כל, וואָס מען מוז האָבן נויטיק, און אָן וואָס מען קען זיך באַגיין. דאָס הייסט, אַז אַ באַלעבאָסטע מוז מאַכן אַ צעטל פון די זאַכן, וועלכע זענען געווינטשן. למשל: אויב ס׳איז נישטאָ גענוג ברויט אין הויז און זי גייט אַרויס אין גאַס און גיט אויס געלט אויף אַ פלעשל פערפומע און אַ שנירל אימיטאַציע־פערל, וועט זי הייסן אַ נישטיקע, נאַרישע פרוי און אַ שלעכטע מוטער. אָבער אַ שטאַטס־פרוי וועט איר רופן פשוט: אַ שלעכטער עקאָנאָם, אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט, וואָס איז נויטיקער, ווען ס׳קומט צו געלט אויסגעבן. קיין שום פרוי איז נישט דערוואַקסן צו באַלעבאַטעווען מיט אַ ווירטשאַפט, אויב זי האָט נישט גענוג שכל, אַז ברויט, מלבושים, באַלייכטונג און הייצונג מוז מען האָבן פריער, ווי פלעשלעך פערפומע און שנירלעך אימיטאַציע־פערל אָדער עכטע פערל, אַז די דאָזיקע זאַכן קומען אַסך, אַסך שפּעטער; אַז אַפילו אין אַ יובעליר־געשעפט קויפט מען בעסער אַ האַנד־זייגערל, איידער אַ שנירל פערל, ווייל עס איז פשוט ניצלעכער. איך זאָג נישט, אַז שיינע זאַכן זענען נישט נויטיק, זיי זענען זייער נויטיק, ווען מ׳קויפט זיי אין דער פּאַסיקער צייט, אָבער זיי זענען נישט די נ ו י ט י ק ס ט ע זאַכן. אַ ביבל קען זיך זיין זייער אַ פּאַסיקע מתנה צו געבן אַ קינד, אָבער צו געבן אַ הונגעריק קינד אַ ביבל, אַנשטאָט אַ שטיקל ברויט מיט אַ שעלכל מילך, וואָלט געווען אַן איינפאַל פון אַ משוגענעם. דער געדאַנק פון אַ פרוי איז נאָך מער ווונדערלעך ווי איר קערפּער, אויב אָבער איר קערפּער ווערט נישט גענערט, וועט איר געדאַנק אויך אָפּשטאַרבן, און אויב איר נערט איר קערפּער,

וועט דער געדאַנק זיך אַליין אָפּהיטן. קודם כּל מוז מען אַלזאָ געבן שפּייז דעם קערפּער.

איצט באַטראַכט דאָס גאַנצע לאַנד, ווי אַ גרויסע באַלעבאַטישקייט. און די גאַנצע נאַציע ווי אַ גרויסע פאַמיליע, וואָס זי איז טאַקע אין דער אמתן. און וואָס זעען מיר? האַלבגענערטע, שלעכט-געקליידעטע קינדער — און דאָס געלט, וואָס דאַרף אויסגעגעבן ווערן אויף דערנערונג, הלבשה, פאַרזאָרגן זיי מיט געהעריקע וווינונגען — ווערט אויסגעגעבן אויף מיליאָנען פלעשלעך פּערפומע, שנירלעך פּערל, הינטעלעך, יאַג-אויטאָמאָבילן, אויף טרושקאַווקעס אין מיטן ווינטער, וואָס האָבן אַ טעם ווי קאָרקעס און נאָך אַזעלכע טויזנטער שמאָכטעס פון כּל המינים. איין שוועסטער פון אָט דער גרויסער פאַמיליע האָט קוים איין פּאָר דורכנעצנדיקע שיך, וואָס העלפן איר ניסן דורכן גאַנצן לאַנגן ווינטער צומאָל אָן אַ טאַשנטיכל, מיט וואָס אָפּצווווישן די נאָז, אַנאַנדערע האָט פערציק פּאָר שיך מיט הויכע אָפּצאַסן און גאַנצע טוצן טאַשנטיכלעך. אַ קליין ברודערל, וואָס לעבט פאַר אַ פּענע אַ טאָג און צוברעכט זיין מאַמעס האַרץ, בעטנדיק מער עסן, בעת אַ גרויסער ברודער, וואָס גיט אויס פינף אָדער זעקס פונט אויף אַ מיטאָג מיט אַ צולאָג פון אַן אָוונט-ברויט אין אַן ערשט-קלאַסיקן קלוב, געפינט זיך אונטער אַ דאָקטאָרס השגחה צוליב צופיל עסן און טרינקען.

דאָס איז אַ שרעקלעך-שלעכטע פּאָליטישע עקאָנאָמיע. ווען מ'פרעגט אומוויסנדיקע מענטשן, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, ענטפערן זיי אייך — אָ! די פרוי מיט די פערציק פּאָר שיך און דער מאַן, וואָס עסט און טרינקט צופיל, האָבן געירשנט זייער פאָטער, וועלכער האָט געמאַכט זיין פאַרמ , פון גומע-שפּעקולאַציעס, און דאָס מיידל מיט די צעריסענע שיך און דאָס אומגליקלעכע יינגעלע, וועמען די מוטער האָט נור וואָס אַרומגעבונדן דעם קאָפּ, זענען בלויז קינדער פון געמיינע לייט, גאָרנישטן. דאָס איז אמת, אָבער דאָס ענדערט נישט דעם פאַקט, אַז אַ פאָלק, וואָס גיט אויס געלט אויף שאַמפּאַניער און פאַרזאָרגט נישט די קינדערלעך מיט קיין מילך, אַ פאָלק וואָס גיט דעליקאַטעסן צו

„סעליהאם טעריערס”- און „אלאסטיאן”-וואָלף-הינט, אין דער צייט ווען די שטערבלעכקייט-ליסטע פאַר קינדער ווייזט, אַז קליינע קינדער שטאַרבן אויס אין די טויזנטער, מחמת שלעכטער אָדער צוווייניק דערנערונג, איז אַ שלעכט, נאַריש, אומגעלומפּערט און אומוויסנדיק פאָלק און עס וועט האָבן אַ שלעכטן סוף, נישט קיין חילוק, ווי שטאַרק עס וועט זיך באַמיען צו באַהאַלטן דעם אמתן צושטאַנד פאַר זיך אַליין דורך דעם, וואָס עס וועט איינשאַצן די שנירלעך פּערל און די „פּעקינגג”-הינט אין זיין פאַרמעגן און האַלטן זיך פאַר דריי מאָל אַזוי רייך, דאַמאָלס, ווען די אַלע הינט און הינטלעך האָבן צו זעקס יינגע הינטלעך אויף אַ פּאַר. דער איינציקער וועג צו מאַכן אַ פאָלק רייך און ערפאָלגרייך, איז צו פירן אַ גוטע באַלעבאַטישקייט, דאָס הייסט, צוגרייטן די פאָלקס-באַדערפענישן לויט דער נויטיקייט פון די זאַכן, וואָס דאַרפן ווערן צוגעגרייט, און נישט דערלויבן אויסצוגעבן קיין געלט אויף קאַפּריזן און לוקסוס, איידער עס האָט דאָס נויטיקסטע.

אָבער פונדעסטוועגן איז אינגאַנצן איבעריק צו באַשולדיקן די אייגנטימער פון די הינט. די אַלע פאַרפירערישע אַבסורדן זענען נישט דערפאַר, ווייל וועלכער עס איז פאַרשטענדיקער מענטש האָט ווען עס איז געווינטשן, אַז זיי זאָלן זיין, נור דערפאַר, ווייל אַזוי מוז שטענדיק געשען אויב איין פאַמיליע איז אַסך רייכער פון דער אַנדערער. דער גביר, וועלכער שלעפּט מיט, אַלס מאַן און פאָטער די פרוי, הויבט אָן ווי יעדער איינער. ער קויפט שפּייז, מלבושים, און אַן אָפּדאַך זיי צו באַשיצן. דער אָרימאַן טוט אויך דאָס אייגענע, אָבער ווען דער אָרימאַן האָט שוין אויסגעגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט געהאַט אויף איינצוקויפן די אַלע נויטיקע זאַכן, האָט ער נאָך נישט גענוג דערפון, די שפּייז, ווייזט זיך אַרויס, איז נישט גענוג, זיינע מלבושים זענען אַלט און שמוציק, זיין וווינונג באַשטייט פון איין שטוב אָדער נור אַ טייל פון אַ שטוב, וואָס איז זייער אַן אומגעזונטע זאַך. אָבער ווען דער רייכער מאַן האָט שוין איינגעקויפט זיין שפּייז, זיינע מלבושים און אַ הויז, וואָס איז אַזוי

פאַראַדמעסיק, ווי עס איז נור מעגלעך, בלייבט אים נאָך אַלץ גענוג געלט אויף אויסצונוצן זיין געשמאַק און צו באַווייזן זיך פאַר דער וועלט; בשעת דער אָרימאַן זאָגט „איך וויל נאָך ברויט, מער מלבושים און אַ בעסערע דירה פאַר איין פאַמיליע, נור איך האָב נישט קיין געלט דאַרויף", זאָגט דער גביר „איך וויל האָבן עטלעכע אויטאָמאָבילן, אַ יאַכט-שיף, בריליאַנטן און פערל פאַר מיין ווייב און טעכטער און אַ געיעג-הויז אין שאָטלאַנד. געלט שפּילט נישט קיין ראָלע, איך קען באַצאָלן און אפילו איבער-צאָלן פאַר אָט דעם אַלעם, צען מאָל אַזויפיל, וויפל ס'קאָסט". פאַרשטייט זיך, אַז סוחרים גיבן זיך באַלד אַ נעם, צו פאַרזאָרגן אים מיט די אויטאָמאָבילן, זעען, אַז ס'זאָל פאַרטיק ווערן אַ יאַכט-שיף, עס זאָלן אויסגעגראָבן ווערן דימענטן אין אַפריקע, מ'זאָל אַראָפּלאָזן טויכערס אין ים אַריין, כדי צו געפינען די פערל און עס זאָל געבויט ווערן אַ געיעג-הויז אין שאָטלאַנד. זיי קוקן זיך אַפילו נישט אום אויפן אָרימאַן מיט זיינע נויטווענדיקסטע באַדערפענישן און ליידיקע קעשענעס. מיט אַנדערע ווער-טער: דער אָרימאַן נויטיקט זיך אין אַרבעטער, וואָס זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט צוגרייטן די זאַכן, וואָס פעלן אים, ווי באַקן, וועבן, נייען און בויען. אָבער ער האָט נישט גענוג געלט, מיט וואָס צו באַצאָלן די בעקער-מייסטערס און וועבערס, וואָס דאַרפן באַצאָלן שכירות פאַר אָט דער אַרבעט. אין דער זעלבער צייט לייגט דער גביר פאַר, צו באַצאָלן גוטע שכירות די אַרבעטער פאַר זייער אַרבעט, אַבי זיי זאָלן אים נור צופרידנשטעלן. די אַלע, וואָס נעמען זיין געלט, אַרבעטן אפשר שווער, אָבער זייער אַרבעט שטאָפּט-איבער יענע, וואָס האָבן צופיל, אַנשטאָט צו נערן אַזעלכע, וועלכע האָבן צו ווייניק. דערפאַר איז עס אַן אומגעוויינטשענע און אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, צו האַלטן אין אָרימקייט דאָס גאַנצע לאַנד און מאַכן זיי נאָך אָרימער ווי זיי זענען, כדי צו קענען אויפהאַלטן עטליכע רייכע.

קיין שום באַרעכטיקונג איז נישט פאַראַן פאַר אָט דעם צושטאַנד. און דאָס, וואָס די רייכע גיבן באַשעפטיקונג איז קיין שום תירוץ נישט. עס איז נישט קיין שום פאַרדינסט פון זייער

זייט דאָס, וואָס זיי גיבן באַשעפטיקונג. אַ מערדער גיט באַשעפטיקונג דעם תּלין, און אַ שאָפער, ווען ער פאָרט איבער אַ קינד, גיט באַשעפטיקונג דער גיכער הילף, דעם דאָקטאָר, דעם לויה-אונטערנעמער, דעם גלח, דער שניידערין, וואָס נייט די טרויער-קליידער, דעם, וואָס פירט די עגלה און דעם באַגרעבער. הכּלל, ער גיט באַשעפטיקונג צו אַזויפיל ווירדיקע מענטשן, אַז אויב ער פאַרענדיקט דערמיט, וואָס ער ממיתט זיך אַליין, איז עס אַן אומדאַנקבאַרקייט פון אונזער זייט, נישט צו שטעלן אים אַ מאָנומענט פאַר נאַציאָנאַלער דינסט. דאָס געלט, וואָס די רייכע גיבן אויס אויף אומנוציקער אַרבעט, וואָלט אויסגעגעבען געוואָרן אויף ניצלעכע זאַכן, ווען עס וואָלט געווען ווי געהעריק צוטיילט (אויף גלייכע טיילן), ווייל דעמאָלט וואָלט מען נישט אָנגעבאָטן קיין געלט אויף אויטאָמאָבילן און בריליאַנטן, ביז יעדער איינער וואָלט נישט געווען גוט גענערט, באַקליידט און פאַרזאָרגט מיט וווינונגען. מ'וואָלט נישט פאָרגעלייגט קיין געלט פאַר מענער און פרויען, וואָס דרייען זיך אַרום ליידיק און האַלטן דינערס און דינסטן אַנשטאָט צו טון נוצלעכע אַרבעט. עס וואָלט געווען ווייניקער פוילקייט, ווייניקער אויסברענגעריי, ווייניקער נוצלאָזיקייט, אָבער עס וואָלט געווען מער שפּייז, מער קליידער, בעסערע הייזער און מער זיכערקייט, מער געזונט, מער אָרנטלעכקייט, בקיצור — מער אמתער וווילשטאַנד.

XVI

## עאָגעניקס.

מען האָט געשטעלט אַ פראַגע: צי די מאַסע וואָלט געווען אין אַ בעסערן מצב, אויב זי וואָלט געהאַט מער געלט. דער אימפּולס, וואָס אַזאַ פראַגע רופט אַרויס ביי אַ מענטש, הייסט, מען זאָל אָננעמען די נאַרישע פּרוי, וואָס האָט די פראַגע געשטעלט, ביי די אַקסלען און איר אַ שטאַרקן טרייסל טון אַ פראַגע, צי אַ גוט גענערטע פיינגעקליידעטע פאַמיליע, פאַרזאָרגט מיט אַן אָנשטענדיקער וווינונג, אַ געבילדעטע און קולטורעלע איידעלע, איז בעסער צו זיין איידער אַ אויסגעהונגערטע, אָפּגעריסענע און היימלאָזע — ס'איז פשוט נישטאָ קיין ווערטער, צו ענטפערן אויף אַזאַ מין פראַגע.

פונדעסטוועגן לאָמיר נישט פאַרלירן דעם געדולד. אַ גוט דערנערטע, ריינע, אָנשטענדיק-איינגעאָרדנעטע פרוי איז בעסער ווי אַ הונגעריקע פרוי, וואָס פרוווט לעבן פון ברויט מיט טיי, איז אָפּגעריסן און וווינט אין אַ ווערעמדיקן בוידים-שטיבל. פונקט אַזוי איז אַ ריינער גוט דערנערטער חזיר בעסער פון אַ הונגעריקן און שמוציקן. פונדעסטוועגן בלייבט ער פאָרט אַ חזיר און איר קענט פון זיין אויער קיין זיידענעם בייטל נישט מאַכן. (ביי יידן וואָלט מען געזאָגט „פון אַ חזירישן וויידל קען מען קיין שטריימל נישט מאַכן". די איבערזעצערין). אויב די געוויינטלעכע צוקונפטיקע פרוי וואָלט נישט געווען פיל בעסער, ווי די בעסטע און פיינסטע פון אונזערע הייַנטיקע הויכע דאַמען, וואָלטן מיר געבליבן שטאַרק אומצופרידן און די אומצופרידנקייט וואָלט געווען גייסטיקע אומצופרידנקייט. לאָמיר באַטראַכטן וואָספאַראַ ווירקונג עס וואָלט געהאַט אַ גלייכע צעטיילונג פון די הכנסות אויף דער קוואַליטעט פון מענטשלעכע לעבעדיקע באַשעפענישן.

עס זענען פֿאַראַן מענטשן, וועלכע זאָגן: אויב איר ווילט האָבן בעסערע מענטשן, מוזט איר זיי דערציִען, פֿאָרן און אָפּהיטן אַזוי, ווי איר פֿאָרט, דערציט, און היט אָפּ קאַריטע־פֿערד און שטאַמקאַבאַנס (אַ מין חזירים). ס׳איז נישטאָ קיין שום ספֿק, אַז מען וואָלט טאַקע געמוזט, אָבער עס זענען פֿאַראַן צוויי שוועריקייטן: ערשטנס, קענט איר נישט צוזאַמענפֿאָרן מענטשן, מענער און פֿרויען, אַזוי ווי איר פֿאָרט צוזאַמען אָקסן מיט קי, אָגערס מיט קליאַטשעס, אָדער ביידע מינים חזירים, נישט געבנדיק זיי פֿריער קיין שום געלעגנהייט, אויסצוקלויבן, מיט וועמען זיי ווילן זיך יאָ צוזאַמענפֿאָרן און מיט וועמען נישט. צווייטנס, אויב איר וואָלט עס אַפֿילו יאָ געקענט טון, וואָלט איר נישט געוווּסט, וויאַזוי, ווייל איר וואָלט נישט געוווּסט וואָספֿאַראַ מענטשן מיר ווילן האָבן. מיט אַ פֿערד אָדער אַ חזיר איז עס אַ גאַנץ פּשוטע זאַך. אָדער איר ווילט האָבן אַ פֿערד, וואָס זאָל קענען שנעל לויפֿן, אָדער עס זאָל זיין זייער שטאַרק און קענען ציִען שווערע משאוֹת. אַ חזיר ווילט איר האָבן, ער זאָל פּשוט פֿאַרמאָגן אַ סך שינקע. און דערביי, ווי איינפֿאַך עס זאָל נישט זיין, וועלן אייך אַ סך מענטשן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט האָדעווען בהמות, זאָגן, אַז זיי מאַכן אָפֿט טעותים אויף דעם געביט, ווי פֿאָרזיכטיק זיי זאָלן נישט זיין.

אין דער רגע, וואָס איר פֿרעגט ביי זיך אַליין, וואָספֿאַראַ קינד איר וואָלט געוואָלט האָבן, מוזט איר מודה זיין, אַז אַחוץ דעם, וואָס איר ווייסט, צי איר ווילט האָבן אַ יינגל אָדער אַ מיידל, ווייסט איר אַליין נישט, וואָס צו וועלן. העכסטנס קענט איר אָנרופֿן עטלעכע מינים, וואָס איר וואָלט נישט געוואָלט האָבן. איר ווילט למשל נישט האָבן קיין קאַליקעס, קיין טויב־שטומע, קיין בלינדע, קיין עפּילעפּטיקער אָדער קיין שיכּורע קינדער, און אַפֿילו דאָס ווייסט איר נישט, וויאַזוי צו פֿאַרהיטן, ווייל זייער אָפֿט איז גאָרנישט צו באַמערקן, אַז עפּיס זאָל זיין נישט אין אָרדנונג מיט די עלטערן פֿון אַזעלכע אומגליקלעכע. ווען איר גייט איבער פֿון דעם, וואָס איר ווילט נישט, צו דעם, וואָס איר ווילט יאָ, קענט איר זאָגן, אַז איר ווילט האָבן גוטע,

קינדער. אָבער פאַר אַ גוט קינד האַלטן מיר דאָס קינד, וואָס איז נישט לעסטיק פאַר די עלטערן. זענען דאָך אַסך זייער־נוצליכע מענער און פרויען געווען זייער לעסטיקע קינדער. ענערגישע קינדער, און קינדער מיט אַ פאָרשטעלונגס־קראַפט, אונטערנעמונגס־פעיקע און בראַווע קינדער זענען קיינמאָל נישט אַזוי גוט, לויט די עלטערנס באַגריף פון קינדערשער גוטסקייט. און גרויסע געניוסן קריגט מען ערשט ליב נאָך זייער טויט; ווען מיר דער־מאָנען זיך, אַז מ׳האָט סאָקראַטעסן געסמט און יעזוסן געקרייציקט, „דזשאָן־אַף אַרך" פאַרברענט — אין מיטן פון אַן אַפלאָדירנדיקער מאַסע, ווייל נאָך אַ פראָצעס, ווו ס׳האָבן זיך באַראַטן פאַר־אַנטוואָרטלעכע ריכטער און קירכן־מענער, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די דאָזיקע זענען צו זינדיק, מ׳זאָל זיי לאָזן לעבן — קענען מיר זיך נישט אַרויסרופן צו זיין די שופטים פון גוטסקייט אָדער פרעטענדירן צו האָבן אַן אמתע ליבשאַפט צו דעם.

אויב מיר וואָלטן אַפילו באַשטאַנען, אָנצוטרויען וועלכן ס׳איז אויטאָריטעט, ער זאָל אויסקלויבן אונזערע מענער און ווייבער פאַר אונז, כדי אַזוי אַרום צו פאַרבעסערן די ראַסע, וואָלטן די אָנגעשטעלטע אויטאָריטעטן פשוט צעמישט געוואָרן. עס וואָלט געווען פאַר זיי אַ רעטעניש, וויאַזוי צו קלויבן. זיי וואָלטן אפשר אָנגעהויבן דורך פאַרווערן חתונות צווישן מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין סמנים פון שווינדזוכט, משוגעת, סיפיליס, נייגונגען צו אָפּיום אָדער שיכרות אין דער פאַמיליע, אָבער דאָס וואָלט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס קיינער וואָלט נישט חתונה געהאַט, ווייל עס איז כמעט נישט פאַראַן קיין איין פאַמיליע, וואָס זאָל זיין אינגאַנצן פריי פון אַזעלכע סמנים. און וואָס איז שייך דער מאָראַלישער אויסצייכנונג — איז וואָספאַראַ מאָדעל וואָלטן זיי דאָ באַטראַכט פאַר ווינטשנסווערט? סאַנט פראַנקס, דזשאָרדזש פוקס, וויליאַם פען, דזשאָן וועסלעי און דזשאָרדזש וואַשינגטאָן? אָדער אַלעקסאַנדער, צעזאַר, נאַפּאָלעאָן און ביסמאַרק? די וועלט שטעלט זיך צוזאַמען פון אַלערליי מענטשן און דער געדאַנק, אַז אַ רעגירונגס־דעפּאַרטאַמענט זאָל פרווון אויסגעפינען, וויפל פאַרשידענע כאַראַקטערן עס זענען נויטיק און וויפל

מענטשן פון יעדן מין מ׳דאַרף האָבן און איינפירן אַ מנהג אָדער אַ געזעץ, אויפצוהאָדעווען זיי דורך אַ צוגעקליבענער דורך אים הייראַט — איז אַ קאָמישער אָבער נישט קיין פּראַקטישער. קיין שום זאַך קען נישט געטון ווערן אויף דעם געביט און מען מוז דעריבער איבערלאָזן די מענטשן, זיי זאָלן זיך אַליין צופּאַסן זייערע חברים און האָפן, אַז עס וועלן זיין גוטע רעזולטאַטן, פּונקט ווי מיר זענען זיך נוהג היינט צוטאָג. עס איז אמת, אַז טייל וועלן זאָגן: דאָס טוען מיר גראָד נישט, היינט צוטאָג. וואָסער אויסוואַל האָבן מיר דען, ווער פון אונז עס זאָל נישט זיין, בעת עס קומט די צייט אויסצוקלייבן זיך אַ שטענדיקן חבר? די נאַטור קען אַמאָל אָנווייזן אַ פרוי איר ריכטיקן חבר דורך דעם, וואָס זי פאַרליבט זיך אין אַ מאַן, וועלכער איז דער פּאַסיקסטער מענטש צו זיין איר אייביקער פריינט. איז אָבער אָפטמאָל דער באַטרעפנדער מענטש נישט פון איר קלאַס, ווייל ער פאַרדינט גראָד נישט אַזויפיל, וויפל איר פאָטער פאַרדינט; און זי קען נישט חתונה האָבן מיט אים אויב זיין מצב איז גראָד אַ בעסערער אָדער אַן ערגערער פון אירן, און זי געפינט, אַז זי קען נישט הייראַטן דעם מאַן וואָס זי ליבט, נור דעם, וואָס זי קען באַקומען און דאָס איז זייער זעלטן דער זעלביקער מאַן.

אויך דער מאַן איז אין דער זעלבער לאַגע. אינסטינקטיוו ווייסן מיר אַלע, אַז עס איז נישט נאַטירלעך, חתונה צו האָבן צוליב געלט אָדער צוליב דעם אָרט, וואָס אָט דער מאַן, פאַרנעמט אין דער געזעלשאַפט, אַנשטאָט צו הייראַטן דעם מאַן, וואָס מ׳ליבט. דאָך האָט די אָרדנונג אַזוי אָוועקגעשטעלט דאָס לעבן, אַז מיר האָבן כמעט אַלע חתונה פאַר געלט אָדער אַ שטעלונג אין דער געזעלשאַפט, אָדער גאָר ביידע צוזאַמען. עס איז גרינג צו זאָגן צו פרייליין „סמיט״ אָדער פרייליי „דזשאָנס״: טו דאָס, וואָס דיין האַרץ הייסט דיר, מיין טייערע, האָב חתונה מיטן פירשט אָדער מיטן מיסט-פירער, מיט דעם, הייסט עס, וואָס דו האָסט ליב. אין דער אמתן קען זי נישט חתונה האָבן מיטן מיסט-פירער און דער פירשט קען נישט חתונההאָבן מיט איר,

ווייל זיי אין זייערע משפּחות האָבן נישט די אייגענע געוווינ־הייטן און נישט די אייגענע נאַטורן. פרייליין סמיט און פרייליי דזשאָנס מוזן בכן חתונה האָבן מיט דעם, וועמען זיי קענען באַ־קומען, ווייל זיי קענען זייער זעלטן באַקומען דעם, וואָס זיי געפעלט. און מ׳קען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז ביי אַ גרויסן טייל חתונות היינטיקע צייטן נעמט די נאַטור זייער אַ קליינעם אָנ־טייל, אין פאַרגלייך מיט די אומשטענדן. נישט קיין פּאַסיקע חתונות, אומגליקלעכע היימען, מיאוסע קינדער זענען זייער אַ געוויינטלעכע דערשיינונג דערפאַר, וואָס די יינגע פרוי וואָלט געדאַרפט האָבן אַלע נישט פאַרהייראַטע מענער אין לאַנד פריי פאַר איר אויסוואַל, בעתן אויסקלויבן איר חבר און נישט ווערן צוגעצויגן געגן איר ווילן. זי געפינט, אַז זי האָט בלויז צוויי אָדער דריי יינגעלייט פון איר אייגענער קלאַס, פון וועמען צו קלויבן און זי מוז דערלאָזן, מ׳זאָל איר פּיעשטשען און צוציען דורך פיזישע מיטלען אָדער בלייבן אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט. און באין ברירה רעדט זי זיך אַליין איין, אַז זי האָט ליב דעם, וואָס זי האָט אַמווייניקסטן פיינט.

ביי אַזעלכע אומשטענדן ווען מיר קיינמאָל נישט האָבן קיין גוט קולטיווירטע ראַסע. און אין דעם אַלעמען איז שולדיק די אומגלייכקייט פון צוטיילן די הכנסות. אויב יעדע פאַמיליע וואָלט דערצויגן געוואָרן אויף גלייכע קאָסטן, וואָלטן מיר אַלע געהאַט די אייגענע געוווינהייטן, די אייגענע באַנעמונגען, די אייגענע קולטור און איידלקייט; דעם מיסט־פּירערס טאָכטער וואָלט פונקט אַזוי גוט געקענט חתונה האָבן מיטן פירשט׳ס זון, ווי ס׳האָט היינטיקע צייטן חתונה דעם בערזע־שפּעקולאַנטס זון מיטן באַנק־דירעקטאָרס טאָכטער, ווייל ס׳וואָלט נישט געווען קיין געלט צו געווינען אָדער צו פאַרלירן דורך הייראַט; קיין פרוי וואָלט זיך נישט געדאַרפט אָפּקערן פון דעם מאַן, וואָס זי האָט ליב דערפאַר, וואָס ער האָט נישט קיין געלט אָדער, צוליב דעם אייגענעם מאָטיוו, אַליין אויסבראַקירט ווערן. אַלע ענטוישונגען וואָלטן דעמאָלט געווען נאַטירלעכע און נישט אויסצומיידן און עס וואָלטן געווען גענוג ברירה׳ס און גענוג נחמות. אויב די

ראַסע וואָלט זיך נישט אויסגעבעסערט דורך אַזאַ מעטאָדע, וואָלט עס געווען אַ נישט אויסבעסערלעכע ראַסע בכלל, און אויב עס זאָל אַפילו זיין, אַז דער געווינס פון גליק וואָלט בלויז בעשטאַנען אין דעם, וואָס מ׳וואָלט פטור געוואָרן די דאָזיקע האַרצרייסנדיקע מנהגים, וועלכע שטעלן צוזאַמען די וועלט און מאַכן ספּעציעל אומגליקלעך די פרויען, ווען דאָס וואָלט אַפילו געווען דער איינציקער אַרגומענט, וואָלט שוין אויך געווען נויטיק די גלייכע צעטיילונג פון די הכנסות.

XVII

## דאָס געריכט.

ווען איר קומט אַריין אין אַ געריכט, מוז די אומדערטרעגלעכע נישטגלייכקייט פונם איינטיילן די געזעצליכקייט און גערעכטיקייט אייך שטאַרק שאָקירן, אויב איר האָט אַ גוט אויג צו זען. זיי זענען איבריקנס געגנוג בולט. דער ערשטער פּרינציפּ פון דער געזעצלעכער גערעכטיקייט איז, אַז עס זאָל נישט עקזיסטירן קיין פּערזענלעכע פאַרערונג, אַז עס זאָל נישט זיין קיין חילוק בעתן משפטן, צי די פּערזאָן איז אַן אַרבעטערס אָדער אַ מיליאָנערס ווייב, אַז קיין מענטש טאָר נישט ווערן באַרויבט פון לעבן אָדער פרייהייט, ביז עס וועט נישט זיצן אַ בית-דין פון אומאָפּהענגיקע, געשוווירענע מענטשן, וואָס זאָלן אַרויסטראָגן דעם גערעכטן פּסק-דין. און פונדעסטוועגן ווערט איצט קיין שום אַרבעטער נישט געמשפּט דורך קיין אומאָפּהענגיקע געשוווירענע, נאָר פון פּשוטע שטייער-צאָלערס, וועלכע האָבן אַ גרויסן פאָראורטייל קעגן זיין קלאַס; דערפאַר, וואָס זיי האָבן גרעסערע הכנסות, באַטראַכטן זיי זיך פאַר בעסערע מענטשן ווי ער, דער אַרבעטער, איז. אויב אַ רייכער מאַן אַפילו ווערט געמשפּט פון אַן איינפאַכן בית-דין פון געשוווירענע, מוז ער זיך רעכנען מיט זייער קנאה און שנאה צום רייכן. עס איז אַפילו פאַראַן אַ שפּריכוואָרט, אַז איין געזעץ איז דאָ פאַר אָרימעלייט און אַן

אַנדערס פאַר די רייכע. דאָס איז נישט אינגאַנצן אמת, דאָס געזעץ איז פאַר יעדן איינעם גלייך. בלויז הכנסות דאַרפן געענ־דערט ווערן. דאָס ציווילע געזעץ, וואָס עקזיסטירט בעתן שליסן קאָנטראַקטן, די אויסבעסערונגס־שטראָף, וואָס ווערט געגעבן פאַר רכילותן און באַליידיקונג, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט רער פּאָליציי, פאָדערן אַזויפיל וויסנשאַפט אין געזעצלעכע ענינים און אין זייערע קינסטלערישע פּשטלעך, כּדי מען זאָל זיך קענען באַנוצן דערמיט, אַז אַ געוויינטלעכע פרוי, וואָס האָט נישט קיין ידיעה אין געזעצגעבערישע ענינים, וועט גאָרנישט געניסן פון דעם געזעץ, אויב זי וועט נישט אַנגאַזשירן אַן אַד־וואָקאַט, און אַדוואָקאַטן הייסן זיך זייער טייער באַצאָלן. קומט במילא אויס, אַז די רייכע פרוי קען זיך באַנוצן מיטן געזעץ, און אַן אָרימע — נישט. די רייכע פרוי קען טעראָריזירן די אָרימע פרוי און איר אָפּשרעקן, אַז זי וועט זיך ווענדן צום געזעץ, אויב זי וועט נישט נאָכגעבן אירע פאָדערונגען. זי קען זיך נישט רעכנען מיט דער אָרימער פרויס רעכט און זאָגן צו איר, אַז זי קען איר אָנקלאָגן אין געריכט, אויב זי איז נישט צופרידן, וויסנדיק גאַנץ גוט, אַז די אָרימע פרוי וועט עס נישט קענען טון, ווייל זי איז אומוויסנד און האָט נישט קיין געלט צו באַ־צאָלן אַן אַדוואָקאַט, ער זאָל איר געבן אַ געזעצליכע עצה און באַשיצונג. אויב אַ רייכע פרוי פאַרליבט זיך אין אַן אָרימער פרויס מאַן און זי רעדט אים אָן, ער זאָל איר פאַרלאָזן, קען זי פּשוט קויפן די אָרימע פרוי דורך אויסהונגערן איר, ביז די פאַר־לאָזענע פרוי באַשטייט פאַר אַ געוויסע סומע צו געבן דעם מאַן אַ גט. אין אַמעריקע, ווו די פרוי קען מאָגען שאָדנפאַרגיטיקונג, איז דער פרייז פאַר אַ גט אַ העכערער, דאָס איז אַלץ. אויב די פאַרלאָזענע פרוי האָט געלט אויסצוהאַלטן, קען זי וואַרטן, ביז זי וועט באַקומען אַן אויסערגעוויינטלעך הויכן פרייז פאַר גטן דעם מאַן און געבן אים די מעגלעכקייט נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן, און אַ פאַרלאָזענער מאַן קען אויך אַזוי האַנדלען. מענער און פרויען ציען אַריין היינטיקע צייטן איינער דעם אַנדערן אין דער חתונה־נעץ אויף אַזאַ אופן און מיט אַזעלכע סבות, אַז דאָס

מין חתונה־האָבן איז שוין כּמעט געוואָרן ווי אַ שווינדל. הערט, איך וויל נישט אָנרופן די חתונה מיטן נאָמען גראָבער שידוך און איך זע אויך נישט קיין עוולה אין גטן זיך. וואָס איך האַלט אָבער יאָ פאַר אַן עוולה איז, אַז איין פרוי זאָל קענען צוליב דעם, וואָס זי האָט מער איינקונפט פון דער אַנדערער, מאַכן אַז יענערס מאַן זאָל זיך פילן אַסך באַקוועמער ווי זיין אייגן ווייב, און אַ מאַן זאָל קענען פאַרלייגן אַ פרוי מער לוקסוס, ווי איר אייגענער מאַן קען איר געבן, בקיצור, אַז געלט זאָל האָבן אַ וואָסער עס איז איינפלוס ביים אויספירן חתונה. און גט־קאָנטראַקטן.

הגם מיר לייענען וועגן קרימינעלע פּראָצעסן און בכלל אַלערליי מאָרד־פּראָצעסן, בפרט נאָך מיט אַזאַ אינטערעס, איז פונדעסטוועגן דאָס קרימינאַל־געריכט ווייניקער וויכטיק, ווי דאָס ציווילע געריכט; ווייל פאַרברעכנס באַגייען בלויז געציילטע מענטשן, בשעת אַלע האָבן חתונה און מאַכן ציווילע קאָנטראַקטן. אַחוץ דעם מאַכט די פּאָליציי די קרימינאַל־פּראָצעסן און זי רעכנט נישט די אָנגעקלאָגטע קיין געלט דערפאַר, הגם רייכע קרימינעלע פאַרברעכער געניסן דערפון, וואָס זיי קענען אַנגאַזשירן גרויסע אַדוואָקאַטן, וואָס זאָלן זיי פאַרטיידיקן און זיך אַרויסלאָזן אויף גרויס איבערן גאַנצן לאַנד, צו געפינען אַלערליי באַווייזן פאַר זייער אומשולד. אין דער אמתן גייען זיי איבער דער גאַנצער וועלט, נישט נור אין זייער אייגן לאַנד, זיי פּרוּוון אָפּלייגן די פּראָצעסן מיט תּירוצים, אַז זיי דאַרפן אַהער ברענגען אַלערליי ווייטע עדות. מיר קענען אויפווייזן, אַז אין אַמעריקע זענען אַסך רייכע לייט באַפרייט געוואָרן און זיי וואָלטן געוויס געהאָנגען אָדער עלעקטריזירט געוואָרן, ווען זיי וואָלטן געווען אָרים. אָבער ווער ווייסט, וויפל אָרימע מענטשן עס זיצן אין די ענגלישע קרימינעל־תּפיסות, און וואָלטן אפשר באַפרייט געוואָרן, אויב זיי וואָלטן געהאַט אַ פּאָר הונדערט פונט אויסצוגעבן לטובת זייער פאַרטיידיקונג?

דאָס געריכט אַליין איז דאָך געגרינדעט געוואָרן פון רייכע לייט. נאָמינאַל זענען אַלע מענער און פרויען באַרעכטיקט צו־

זיבן אין פּאַרלאַמענט און שאַפן געזעצן, אויב זיי קענען באַאיינפלוסן געגוג מענטשן, זיי זאָלן שטימען פאַר זייערטוועגן. עפּיס איז לעצטנס יאָ געטון געוואָרן, אַז אָרימע לייט זאָלן זיך קענען באַנוצן מיט דעם דאָזיקן רעכט. מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט באַקומען שוין איצט געהאַלטן און די געוויסע הוצאותן, וואָס ווערן אויסגעגעבן ביי די וואַלן, דעקט די רעגירונג (דאָס פּובליקום), אַנשטאָט דעם, וואָס פריער פלעגן עס מוזן טון די קאַנדידאַטן. אָבער די קאַנדידאַטן מוזן איינצאָלן הונדערט און פופציק פונט אויף אַ אָנהויב. עס קאָסט נאָך איצט אויך פון פינף הונדערט ביז טויזנט פונט אונטערצונעמען פּאַרלאַמענטאַרישע וואַלן. אויב אַפילו דער קאַנדידאַט איז ערפאָלגרייך מיט אַן הכנסה פון פיר הונדערט פונט אַ יאָר, איז נישט גענוג צו פירן אַזאַ לעבן, ווי עס ווערט, אָדער בעסער געזאָגט, עס מוז פירן אַ מיטגליד פון פּאַרלאַמענט. און מיר מוזן געדענקען, אַז אויב דער קאַנדידאַט ווערט נישט אויסגעוועלט, קריגט ער גאָרנישט צוריק און קען אויף גאָרנישט האָפן וואָס קען געשען ביי די נעכסטע וואַלן. דאָס גיט די רייכע אַזאַ געלעגנהייט, אַז הגם די אָרימע זענען אַ מערהייט פון ניין אויף איינעם אין לאַנד, זענען די רייכע די מערהייט אין פּאַרלאַמענט און דער גרעסטער טייל צייט ווערט אין פּאַרלאַמענט אַוועקגעגעבן נישט אויף דיסקוטירן וועגן דעם, וואָס עס וואָלט געוועזן בעסער פאַרן פאָלק און אויף דורכפירן געזעצן אין שייכות מיט דעם, נור אויף דעם קלאַסן-קאַמף, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך דער רייכער מערהייט, וועלכע באַמיט זיך פעסט צו האַלטן און צו פאַרשטאַרקן זייער פּריווילעגיע קעגנאיבער דער אָרימער מינדערהייט און צו פאַרקלענערן זי אָדער אינגאַנצן אונטערצוברענגען. דאָס איז אַן אמתע אויסברענגעריי!

כמעט די גרעסטע אומגערעכטיקייט און געמיינהייט פון די רייכע איז דאָס, וואָס זיי פאָדערן, אַז זיי זאָלן האָבן די פּריווילעגיע אַרומצוגיין ליידיק און די דאָזיקע פּריווילעגיע זאָל נאָך זיין געזעצלעך באַרעכטיקט! צום אומגליק האָבן זיי אַזוי איינגעוואָרצלט די דאָזיקע פּריווילעגיע, אַז זי איז שוין געוואָרן אַ זעלבסטפאַר-

שטענדלעכע זאַך און מ׳האַלט שוין אַפֿילו דאָס ליידיקגיין פֿאַר אַ סימן פֿון אַן אמתן דזשענטלמאַן אָדער לעדי. עס פֿאַלט אַפֿילו קיינעם נישט איין, אַז אַ מענטש, וואָס קאָנסומירט סחורות אָדער אַקצעפּטירט דינסט און גיט נישט אָפּ דערפֿאַר אַנדערע סחורות אָדער דינסט, באַגייט פּונקט אַזאַ אומפֿאַרגעבלעכן פֿאַר־ברעכן קעגן לאַנד, ווי עס באַגייט אַ גנב. פֿאַקטיש איז דאָס דער אמתער באַגריף פֿון גנבה. מיר האָבן אַפֿילו נישט בדעה צו דערלויבן מענטשן, זיי זאָלן מאָרדן גנבענען אָדער צעבּרעכן שלעסער, דערטרינקען שיפֿן, ברענען און צושטערן אויפֿן ים אָדער אויף דער יבשה, צי גאָר דערלויבן, מ׳זאָל פֿאָדערן באַפֿרייונג פֿון מיליטער־דינסט בלויז דערפֿאַר, וואָס מ׳האָט באַקומען אַ ירושה, אַ נחלה אָדער אַ טויזנט פֿונט אַ יאָר פֿון עפּעס אַ רייכן ייִדן. פֿונדעסטוועגן טאָלערירן מיר ליידיקגיין, וואָס טוט מער שאָדן דעם לאַנד אין איין יאָר, ווי אַלע געזעצלעך־פֿאַרבאָטענע פֿאַר־ברעכנס אין צען יאָר. דורך זייער מערהייט אין פּאַרלאַמענט שאַפֿן די רייכע אַזעלכע געזעצן, וואָס זאָלן שווער באַשטראָפֿן פֿאַר יעדע פֿאָרם פֿון גנבה. פֿעלשער, קעשענע־גנבים, וואַלד־רויבער ווערן אַלע שטרענג באַשטראָפֿט, אויב מ׳כאַפּט זיי, בעת רייכע ליידיקגייער ווערן באַפֿרייט, און מ׳האָט נאָך דרך־ארץ פֿאַר די, וואָס פֿירן אַזאַ מין לעבן. אַזוי אַרום לערנט מען אונזערע קינדער, אַז אַרבעטן כּדי צו פֿאַרדינען אויף פּרנסה איז אַן אומכּבוד און אַן ערנידעריקונג, און צו זיין אַ פֿוילענצער אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע מענטשנס אַרבעט איז אַ כּבוד. אַ ליידיקגייער איז אַן אמתער דזשענטלמאַן אָדער לעדי און אַזעלכער, וואָס באַרייכערט דאָס לאַנד דורך אַרבעט און דינסט, איז געמיין, נידריק, וולגאַר, אָפּשיילעך.

אָנגעגעסן, באַקליידט, אייַנגעאָרדנט, דערצויגן מיטן געדאַנק, אַז פֿאַר אַ האָלצהעקער און אַ וואַסער־טרעגער איז אַלצדינג גוט און גענוג, — איז נישט מער און נישט ווייניקער, ווי פּרוּוון איבערדרייען די נאַטור און אָננעמען פֿאַר אַ הייליקן מאָטאָ דאָס ווערטל: „שלעכטס זאָל זיין אונזער פֿירערין". אויב מיר וועלן זיך דווקא האַלטן דערבײַ, וועט מוזן קומען צו אַ קאַטאַסטראָפֿע,

אזוי גוט ווי אין אַנדערע מלוכות, און קיינער וועט נישט קענען אָפּראַטעווען אָדער פאַרהיטן, אַז דאָס לאַנד זאָל נישט חרוב ווערן, אויב עס וועט נישט איינגעאָרדנט ווערן קיין גלייכע צוטיילונג פון די הכנסות. ווען די רייכע וועלן כסדר מאַכן די געזעצן ווי עס לוינט פאַר זיי, זיי וועלן קיינמאָל נישט מאַכן קיין געזעצן, אַז אַלע זאָלן מוזן אַרבעטן.

---

## XVIII

# די רייכע ליידיקגייער.

איר זאָלט אייך נישט איינרעדן, אַז מענטשן מיט נישט פאַרדינטע הכנסות לעבן תּמיד אין מנוחה און אין רוּיִקייט. ענערגישע מענטשן אַרבעטן זיך אָפּטמאָל איבער און מוזן זיך דערנאָך אָפּרוען, כדי צוריק צו קומען צו די כוחות. די אָבער, וואָס ווילן מאַכן פונם לעבן איין לאַנגן יום־טוב, געפונען, אַז זיי נויטיקן זיך אויך אין אַן אָפּרו. ליידיקגיין איז אַזוי אומגאַטירלעך און לאַנגווייליק, אַז די וועלט פון די רייכע ליידיקגייער, ווי מ׳רופט זיי, איז אַ וועלט פון שווערער אַרבעט, וואָס שטרענגט אָן מער, ווי אמתע אַקטיווע אַרבעט. אין אייער ביכער־שאַנק וועט איר אפשר געפינען אַ בוך, געשריבן אינם ביינצנטן יאָרהונדערט, ווי אַן עלעגאַנטע וויקטאָריאַן־דאַמע פאַרטיידיקט זיך קעגן די פאָרוואורפן, וואָס ווערן געמאַכט קעגן די רייכע ליידיקגייער — דורך באַשרייבן איר טעגלעכן מאַרשרוט אַלס אַ באַלעבאָסטע און אַלס גאַסט אין לאָנדאָן. איך וואָלט מיט שמחה אויסגעקערט די גאַסן, איידער צו זיין פאַראורטיילט צו דער דאָזיקער אַרבעט! דער ספּאָרט אויפן דאָרף איז אַזוי צוגעגרייט, אַז יעדער חודש האָט זיך זיינע ספּעציעלע פאַרוויילונגען. די נויטיקע פיש, פויגל און חיות ווערן אַזוי פאָרזיכטיק געהאָדעוועט און צוגעגרייט פאַר אָט די ספּאָרטן, אַז תּמיד איז דאָ וואָס צו הרגענען, ריזיקירן, אויסשטעלן; מאַכן אַטלעטישע איבונגען איז אַזאַ געוויינטלעכע זאַך אין דאָרף, אַז צוברעכענע

גלײַדער װערן גאָרנישט באַטראַכט פֿאַר קײן אומגליק. די אָרימע מענטשן פֿון שטאָט אָבער האָבן, פֿאַרשטײט זיך, װעגן דעם אַלעם קײן אַנונג נישט, דערפֿאַר װײסן װעגן דעם די פּריצים פֿון די דאָרפֿישע גיטער, און אָפּט פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון ספּאָרט אַלערלײ שפּילן. שליטלען זיך, שפּילן אין פּאָלאָ, אין טעניס, גליטשן זיך אױף קינסטלעך אײז פּאָדערט אַזױפֿיל פֿיזישע באַװעגונגען און עס מאַטערט אַזױ אײַן, אַז קײן אָרימע פּרוי װאָלט נישט געהאַט קײן שטאַרקן חשק עס צו טון. נאָך אַזאַ טאָג אַרבעט װעט נאָך אַ יונגע דאַמע דאַרפֿן טאַנצן נאָכן מיטאָג און טאַנצנדיק װעט זי דורכמאַכן אַ גרעסערן שטח פֿון אַ בריװ-טרעגער. פֿאַקטיש זענען קינדער פֿון אױפֿגעקומענע גבירים די העסלעכסטע לײדיקגײער אין דער װעלט, װײַל די דאָזיקע אומגליקלעך-גליקלעכע האָבן נישט געהאַט קײן געהעריקע אױסבילדונג אױפֿן געביט פֿון ספּאָרט און אַטלעטיק, אױך נישט די סאָציאַלע דיסציפּלין, װאָס עס האָבן געהאַט די אַלטע גבירים.

כּדי צו לעבן אױף אַ גרױסן שטײגער, דאַרף מען זײַן דערצו געװױנט און דערצױגן. אױב נישט קענען זײ זיך קײן אָרט נישט געפֿונען. זײער אומבאַהאָלפֿנקײט און שטענדיקע לײדיקגײערײ ברענגט זײ צו האַלב-משוגעת. זײ פּרעסן צופֿיל שאָקאָלאַד, קרעם, טרינקען, רױכערן, לײענען אַלערלײ נאַרישע נאָװעלן און אילוסטרירטע זשורנאַלן, פֿאָרן אַרום אין אױטאָמאָבילן פֿון אײן גרױסן האָטעל צום אַנדערן. דער קומענדיקער דור זײערער װעט אָדער אַרײַנ-פֿאַלן אין אָרימקײט, אָדער גײן אין שולע פֿון דעם קלאַס, צו װעלכן זײ קענען זיך הײנט דערלױבן צו געהערן, און דאָרטן לערנען זײערע געװױנהײטן, זײער דיסציפּלין און זײער באַנעמונג.

און אַחוץ דעם איז דער משוגענער מאַרשרוט, װאָס איז אױסגעטראַכט געװאָרן כּדי צו באַשעפֿטיקן מענטשן, װעלכע דאַרפֿן נישט זאָרגן פֿאַר קײן פּרנסה, אױב איר װעט באַמערקן, נישט מער װי אַ ירושה פֿון די אַלטע שבטים, װאָס פֿלעגן זיך נוהג זײַן אַרױסצושיקן די שטאַרקע און בראַװע פּעכטן זיך און אױף געיעגן, און די שװאַכערע פֿלעגן טון די הױז-אַרבעט. יאָ, אַחוץ דעם איז פֿאַראַן נױטיקע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט, װאָס

מוז געמאַכט ווערן פון אַ הערשנדיקן קלאַס, אויב זיי ווילן האַלטן די גאַנצע פּאָליטישע מאַכט אין זייערע אייגענע הענט. דורך נישט צאָלן פאַר דער דאָזיקער אַרבעט, אָדער צאָלן אַזוי ווייניק, אַז נור מענטשן וואָס דאַרפן נישט אַרבעטן אויף צו באַזיצן רייכטימער קענען זיך פאַרגינען, צו באַשעפטיקן מיט דער דאָזיקער אַרבעט — קענען זיי זיין זיכער אַז זי וועט זיך נישט אַרויסגליטשן פון זייערע הענט.

אַחוץ דעם האָבן זיי געבונדן די העכערע אָפּטיילונג פון ציווילער אַרבעט מיט עקזאַמענס, וועלכע נור מענטשן מיט הויכער קאָסטבאַרער בילדונג קענען דורכגיין. דערמיט דערקלערט זיך עס, וואָס די רייכע, וועלכע זענען גאָרנישט אַזוי גרויסמוטיק, האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען, כדי צו באַשטימען פאַר פאַרלאַמענטאַרע אַרבעט אַזעלכע פּענסיעס, ביי וועלכע מען זאָל מוזן האָבן אַ געוויסע זייטיקע הכנסה. הגם זיי אַליין זענען די פירער פון דער אַרמעע, האָבן זיי געטון אַלץ, וואָס זיי האָבן געקענט, אַז אַן אָפיצער פון דער אַרמעע זאָל נישט קענען לעבן פון זיין פּענסיע. הגם זיי פאַרנעמען כמעט אַלע ערטער אין פּאַרלאַמענט, האָבן זיי זיך אַקעגנגעשטעלט דעם פאָרשלאַג, אַז מ׳זאָל צאָלן אַ געוויסע פּענסיע די דעפּוטאַטן און פאַר די קאָסטן בעת די וואַלן. כאָטש זיי האָבן באַטראַכט יעדע דיפּלאָמאַטישע אַרבעט אַלס אַן אַרבעט, וואָס איז צוגעגרייט פאַר זייערע זין, האָבן זיי געשאַפן אַ געזעץ, אַז קיין שום יינגערמאַן, וואָס האָט נישט קיין פיר הונדערט פונט אַ יאָר פּריוואַטע איינקונפט, זאָל נישט זיין דערלויבט צו באַקומען די אַרבעט. זיי האָבן געקעמפט און קעמפן נאָך היינט אויך קעגן דעם, אַז די רעגירונג זאָל זיין אַ זעלבסטשטענדיקע באַשעפטיקונג. ווייל דאָס וואָלט אויפגעעפנט די טויערן פאַר די אומפאַרמעגלעכע און די רייכע וואָלטן פאַרלוירן איבער איר זייער מאָנאָפּאָל.

אָבער אַזויווי די רעגירונגס-אַרבעט מוז דאָך געטון ווערן, טוען זיי עס אַליין, אויב זיי ווילן נישט, אַז אַנדערע זאָלן עס טון. דערפאַר געפינט איר רייכע מענער ביי דער אַרבעט אין פּאַרלאַמענט, ביי דיפּלאָמאַטיע, אין דער אַרמעע, אין מאַגיסטראַט,

און ביי כּלערליי לאָקאַלע, געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, חוץ דעם וואָס זיי פירן זייערע אייגענע גיטער. מענער וואָס אַרבעטן אַזוי, קען מען אייגנטלעך נישט אָנרופן פולע ליידיקגייער. ליידער טוען זיי אָבער די דאָזיקע אַרבעט מיט דער כּוונה, אַז די מענטשן, וואָס געהערן צו זייער קלאַס, זאָלן קענען אַרומגיין ליידיק. פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, וויאַזוי עס וואָלט געווען גוטפאַר דעם פאָלק, מיין איך, אַז עס וואָלט געווען אַ סך בעסער, ווען זיי ווילן זיך אַזוי ווי די איבעריקע פון זייער קלאַס און לאָזן איבער די אַרבעט פאַר באַצאָלטע באַאַמטע, וואָס זענען אַ טייל פונם פאָלק און האָבן דערפאַר די אייגענע אינטערעסן וואָס דאָס פאָלק.

אַמאָל פלעגט די ליידיקע צייט פון די רייכע אויסגעפילט ווערן מיט קינדער־האָבן, מיט באַלעבאַטישקייט, היינט האָבן זיי אָנגעהויבן זוכן מיטלען קעגן קינדער־האָבן, נישט כּדי צו רעגולירן די צאָל קינדער און די צייט, נור כּדי בכלל נישט צו האָבן קיין קינדער, בכדי צו קענען לעבן אין האָטעלן אָדער פּענסיאָנאַטן, אָדער דעלעגירט צו ווערן אַלס פּראָפעסיאָנעלע פרויען, אָנשטאָט צו זיין היימישע באַלעבאָסטעס; די אַמאָליקע גוטע היימען גייען אַלץ מער און מער אַרויס פון דער מאָדע. דאָס, וואָס פרויען האָבן זיך גענומען צו פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט, איז גאַנץ פאַרשטענדלעך און קען פאַרענטפערט ווערן דערמיט, וואָס אַסך פרויען האָבן שטאַרק פיינט הויז־אַרבעט און זיי פּאַסן זיך אַזוי פאַר קיך אַרבעט אָדער אין קינדער־צימער אַריין, ווי אַסך פון אונזערע מענער. עס זענען אָבער פאַראַן פרויען, וואָס האָבן נישט קיין אָפּגעשפּאַרטע און גרויסע פאַרמעגנס און נוצן אויס זייערע מעגלעכקייטן אויף נוצלאָזע פאַרגעניגנס, דערפאַר וואָס זיי פאַרשטייען נישט בעסער.

עס זענען תּמיד דאָ אויסנאַמען: פאַראַן מענער און פרויען, וואָס האָבן גענוג געלט און וואָלטן געקענט שיין לעבן, זיי זאָלן אַפילו קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער נישט דאַרפן איינטינקען, און אַרבעטן שווערער ווי אַזעלכע, וואָס זענען געצוואונגען צו אַרבעטן, כּדי צו פאַרדינען אויף פּרנסה און גיבן אויס גרויסע סומעס אויף פּרוּוון אויסצובעסערן די וועלט.

פלאָרענס נאַכטיגאַל, וועלכע האָט אָרגאַניזירט די שפּיטאָל־אַרבעט בעת דער קרימער מלחמה און אַחוץ דעם האָט זי זיך שטאַרק באַמיט אויפצוקלערן די מעדיצינישע בעאַמטע און אַליין האָט זי אויך געטון אָפּשיילעכע און אָנשטרענגנדיקע אַרבעט אין די קראַנקן־הייזער, בעת זי האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו לעבן רויִק אין איר היים און גאָרנישט טון; דזשאָן ראַסקין האָט אַרויסגעגעבן רעכנונגען, וועלכע האָבן אויפגעוויזן וויאַזוי ער האָט געפּטרט זיין פאַרמעגן און וואָספאַר אַן אַרבעט ער האָט אָפּגעטון; ער האָט באַוויזן, אַז ער איז געווען אַן ערלעכער אַרבעטער און אַ געטרייער אַדמיניסטראַטאָר איבער דעם פאָלקס־געלט, וואָס איז צופעליק אויסגעפאַלן אויף זיין גורל. דאָס איז געווען אַזוי אומפאַרשטענדלעך, אַז מענטשן האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ משוגענעם, און אַז ער איז שפּעטער געוואָרן ווי־דיען סוויפט, פאַרצווייפלט און מעלאַנכאָליש, דערפאַר וואָס ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די געמיינקייט און דעם שטות פון דער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע, האָבן זיי זיך געפרייט און האָבן זיך באַרימט, אַז זיי האָבן באַלד געוווּסט, אַז עפּעס איז מיט אים נישט אין אָרדנונג.

איצט, זענען געמאַכט געוואָרן אַלע קוואַליפיקאַציעס מכח דעם וואָרט „רייכע ליידיקגייער" און יעדער איינער פאַרשטייט שוין, אַז ליידיקגיין הייסט נישט דווקא אַבסאָלוט גאָרנישט טון, נור טון אַזאַ אַרבעט, וואָס איז נישט נוצלעך, כסדר קאָנסומירן און נישט פּראָדוצירן. דער טערמין באַציט זיך צו דעם קלאַס, נומערירנדיק די עקסטרעמסטע אויסערלעכקייט. איין צענטל פון דער באַפעלקערונג ווערט אויסגעהאַלטן פון אַנדערע און דורך זייער ליידיקגיין זענען די איבעריקע ניין צענטל אַזוי פאַרשקלאַפט, אַז אַפילו אין די אַלטע צייטן וואָלט אַזאַ שקלאַפעריי נישט געווען לעגאַל. דער הונגער האַלט זיי אין אַזאַ מצב, אַז זיי פּרוּוון זיך אַפילו נישט אַרויסקריגן פון זייערע צרות, דאָס, אויף וואָס זיי זענען שוין יאָ באַרעכטיקט און וואָס וואָלט אפשר גע־קאָסט די מאַסטערס זייער טייער.

און נאָך מער: אַ וועלכער עס איז פאַרזוך פון אַ רייכער

פרוי, צו טון עפּעס אַן אַרבעט צוליב איר געזונט, וואָלט באַ־
טראַכט געוואָרן ווי אַ גזלה ביי דער אָרימער פרוי, וואָס איז
אפשר אַרבעטסלאָז. און דאָ קומט די געוואַלטיקע איראָניע פון
דעם אַלעמען. אַן אינטעליגענטע פרוי, וואָס האָט נישט ליב
קיין איראָניע, וועט עס אפשר רופן גאָטס משפּט.

נאָכדעם ווי מיר האָבן דערלויבט די רייכע צו האָבן די
פּריווילעגיע פון האָבן אַסך געלט און גאָרנישט צו טון (וואָס
ווערט באַטראַכט פון אַסך מענטשן פאַר דאָס אמתע גליק און
צופרידנקייט), האָבן מיר זיי געמאַכט אַזוי אומגליקלעך און אומ־
געזינט, אַז אַנשטאָט נישט צו האָבן וואָס צו טון, טרעפן
מיר זיי שטענדיק ביי אַן אַרבעט, וועלכע זאָל זיי געזונט מאַכן
פון דער קרענק, וואָס ליידיקגיין האָט זיי פאַרשאַפט, און אָנ־
שטאָט צו טון דאָס, וואָס זיי ווילן, בינדן זיי זיך צו צו
אַ שווערן מאַרשרוט, פון וועלכן אַ דינסטמיידל וואָלט זיך אָפּגע־
זאָגט און וואָלט אַוועק פון דעם אָרט, ווו מ'וואָלט איר געהייסן
טון אַזאַ אַרבעט. בלויז איין טייל דערפון, דער טייל פון רויטן
אינדיאַנער, וואָס וויל זיך אומקערן צום פרימיטיוון לעבן, ווי
דאָס שיסן, גיין אויף געיעג, לעבן ווי אין דאָרף — איז דער־
טרעגלעך. און מ'דאַרף זיין אַ האַלבער ווילדער, כדי מ'זאָל דאָס
קענען כסדר איבערטראָגן. בפרט נאָך די רייכע ליידיקגייער.

## XIX

# די קירכע, די שולע און די פרעסע.

פונקט אַזוי ווי דער פּאַרלאַמענט און דאָס געריכט, אַזוי איז אויך די קירכע אין די הענט פון די רייכע. דער דורכשניט־לעכער מענטש לערנט זיך נישט קיין ערלעכקייט און פיינקייט אין דער דאָרפס־שולע. ער לערנט זיך רעספּעקטירן די רייכע און ער רופט דאָס אָן לאָיאַליטעט און רעליגיע. ער איז דער געמיינדע־חבר פונם „סקווייער" וועלכער פירט אויס, אַלס אַ מאַ־גיסטראַטאָר, די אַלע געזעצן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין פּאַרלאַמענט פון די רייכע, און ער רופט דאָס אָן „גערעכטיקייט". דער קליינשטעטלדיקער מענטש, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום אַנדערע געזעצן אָדער רעליגיעס, פּאַרלירט לסוף דעם דרך־ארץ פאַר ביידע און ווערט אַ ציניקער. ער נעמט אַראָפּ דאָס היטל און פאַרנייגט זיך מיט גרויס דרך־ארץ, אָבער צווישן זיך רעדט ער, אַז דער „סקווייער", הגם זיין ווייב באַנעמט זיך ניטל־צייט זייער פריינטלעך, איז אַן אונטערדריקער און אַן אויסנוצער פונם אָרימאַן, און אַז דער גלח איז אַ היפּאָקריט.

בעת אַ רעוואָלוציע איז עס נישט קיין אַנדערער ווי דער פרידלעכער פּויער, וואָס פאַרברענט דעם דאָרפס־מאַגיסטראַט און די רייכע פּריצישע הויפן. ער לויפט צו דער קאַטעדראַלע, צו־ברעכט די סטאַטוען, צוברעכט די פאַרביקע שויבן און דעם אָרגל.

קען זיין, אַז איר קענט מענטשן, וואָס זענען נישט אַזוי, לכל הפחות קען איך אַזעלכע. איר וועט אָבער אַלעמאָל געפונען מענטשן, וואָס וועלן זיך אַרויסשטעלן קעגן אומגערעכטיקייט און וועלן זיך נישט רעכנען דערמיט, וואָס די אומגערעכטע זענען רייך און האָבן אַ גוטן שם. אָבער סיי־ווי־סיי האָבן זיי קיין

שום פעולה נישט, זיי טוען גאָרנישט אויף, זיי מאַכן זיך בלויז אַ שלעכטן נאָמען אין די איינפלוסרייכע קרייזן. אונזער געזעלשאַפט מוז געמשפט ווערן נישט פון עטלעכע רעוואָלוציאָנערן נור פונם גאַנצן פרידלעכן פאָלק!

די אייגענע פאַרדאָרבנקייט דערגרייכט אויך אונזערע קינדער אין די שולן. די לערער לערנען די שילער אַזעלכע עלעמענטאַרע אמתן וועגן מענטשלעכן לעבן און וועגן זייערע פליכטן צום לאַנד ווי למשל, אַז מ׳דאַרף פאַראַכטן און פאַרפאָלגן אַזויווי קרימינעלע פאַרברעכער אַלע געזונטע דערוואַקסענע מענטשן, וואָס העלפן נישט מיט פערזענלעכער דינסט ציען זייער סאָציאַלע שוץ; דערנאָך זאָגט מען זיי אָפּ פון די שטעלעס און מ׳קלאָגט זיי אָפּטמאָל איין פאַר פאַרברעכן קעגן לאַנד. און די אייגענע פאַרדאָרבנקייט ווערט פאַרשפרייט פון דער עלעמענטאַרער מאָראַל־לערע ביז צו די פאַרוויקלסטע פילאָזאָפישע טעאָריעס אין די אוניווערזיטעטן. די וויסנשאַפט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרשאָלטענעם שאַרלאַטאַניזם פאַבריצירט פון קאָמפּאַניעס, אין וועלכע די רייכע האַלטן זייערע אַקציעס. מכח די קראַנקהייטן פון די אָרימע, וועלכע נויטיקן זיך אין בעסערער דערנערונג און אין מער סאַניטאַרע באַדינגונגען און פון די רייכע, וועלכע נויטיקן זיך אין נוצלעכע באַשעפטיקונג — כדי ביידע זאָלן זיין געזונד — לערנט מען זיי נישט. פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע ווערט אַ חוצפהדיקע דעמאָנסטראַציע. מ׳דערציילט זיי, אַז מ׳קען בשום אופן נישט העכערן די שכירות פון די אָרימע אַרבעטער און אַז מ׳מוז אומבאַדינגט האָבן די רייכע ליידיקגייער, ווייל אָן זיי וואָלטן מיר אַלע אויסגעשטאָרבן. עס וואָלט נישט געווען קיין קאַפּיטאַל און קיין אַרבעט, און ווען די אָרימע לייט וואָלטן זיך נאָר אָפּגעהיטן פון צופיל קינדער, וואָלט אַלץ געווען גוט און וווּיל, ממש אַ גן־עדן.

אַזוי פאַרבלייבן די אָרימע אָרים צוליב זייער אונוויסנהייט און די, וועלכע שטאַמען פון רייכע עלטערן און מ׳קען זיי נישט פאַרווערן צו גיין אין העכערע שולן און געניסן, אַזוי צו זאָגן, פון הויכע בילדונג, שטאָפּט מען אָן מיט אַזויפיל

פלאַכקייט און שקר, אַז מיט זייער בילדונג זענען זיי געפערלע־כער פון אַ נישט־ציוויליזירטן ווילדן מענטשן, וועלכער האָט קיינ־מאָל גאָרנישט געלערנט. מיר באַשולדיקן דעם עקסקייזער, פאַרוואָס ער פלעגט אויסרייניקן די דייטשע שולן און אוניווער־זיטעטן פון אַזעלכע לערער, וואָס האָבן נישט געלערנט אין דער היסטאָריע, וויסנשאַפט און רעליגיע, אַז דאָס געזעץ פון די האָהענצאָלערנס, דאָס הייסט פון זיין אייגענער רייכער פאַמיליע, איז דאָס העכסטע געזעץ פון אַלע רעגירונגען אין דער וועלט. אָבער מיר טוען אַליין פונקט דאָס אייגענע, מיטן חילוק, וואָס ביי אונז פאַרנעמען אַלע רייכע פוילענצער פונם לאַנד דאָס אָרט פון דער פאַמיליע האָהענצאָלערן. מ׳לערנט ביי אונז צו פאַרגע־טערן יעדן רייכן. די האָהענצאָלערס האָבן ווייניקסטנס געהאַט אַ פאַמיליע־טראַדיציע, איינגעשלאָסן דאָס, וואָס יעדער מיטגליד פון זייער פאַמיליע פלעגט מוזן קענען אַ פאַך און דאָס האָט גורם געווען, זיי זאָלן האָבן מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט איידער יעדער טאָם אָדער דיק, וועמען עס האָט גראַד אָפּגעגליקט צו מאַכן אַ פאַרמעגן דורך גוטע געשעפטן.

אַזויווי מענטשן באַקומען זייערע מיינונגען וועגן זאַכן פון די צייטונגען, וואָס זיי לייענען, וואָלט די פאַרדאָרבלעכקייט אין די שולן נישט געווען אַזוי שעדלעך, ווען די פרעסע וואָלט געווען פריי. אָבער די פרעסע איז נישט פריי. אַזויווי עס קאָסט ווייניקסטנס אַ פערטל מיליאָן פונט צו גרינדן אַ צייטונג אין לאָנדאָן, ליגט די פרעסע אין די הענט פון די רייכע, און דערצו איז זי אָפּהענגיק פון די רייכע מיט אַנאָנסן. רעדאַקטאָרן און זשורנאַליסטן, וועלכע זאָגן אַרויס זייער געדרוקט וואָרט, מוזן זיך צוריקהאַלטן פון זאָגן אַזונס, וואָס זאָל זיין קעגן די אינטע־רעסן פון די רייכע. אויב נישט, ווערן זיי באַזייטיקט און זייער אָרט פאַרנעמען מענטשן, וועלכע טוען וואָס מ׳הייסט זיי. אַזוי אַרום זענען די צייטונגען אַ המשך פון דער אַרבעט, וואָס הייבט זיך אָן אין די שולעס און אוניווערזיטעטן, און נור די שטאַרקסטע, די אומאָפּהענגיגסטע און אָריגינעלסטע מוחות קענען זיך באַפרייען פון דער משא פון פאַלשע לערעס, מיט וועלכע

זיי זענען באַיינפלוסט געוואָרן אַ דאַנק דער קאָמבינאַציע פון אומאויפהערלעכע פאָרשלאַגן און שאַכער-מאַכער פונם פאַרלאַמענט. דאָס געריכט, די קירכע די שולן און די פרעסע — אַלע זענען מיר דערצויגן געוואָרן מיט פאַרקריפּלטע מוחות, כדי מיר זאָלן בלייבן הכנעהדיקע שקלאַפן אנשטאַט רעוואָלטירנדיקע.

דאָס, וואָס פאַרשטעלט אונז די אויגן, אַז עס זאָל זיין שווער דאָס אַלץ צו באַמערקן און גלויבן, איז דאָס ביסל אמת, וואָס ליגט אין דער דאָזיקער פאַלשער לערע; ווייל ביז צו געוויסע מאָמענטן זענען די אינטערעסן פון די רייכע די אייגענע, וואָס יעדנאיינעמס. דער טעות ווערט געמאַכט דעמאָלט, ווען די אינטערעסן פון די רייכע אונטערשיידן זיך פון די אַלגעמיינע אינטערעסן. למשל, די רייכע האָבן פּונקט אַזוי שטאַרק מורא פאַר באַן-אומגליקן ווי די אָרימע, דעריבער זענען די געזעצן לגבי באַן-צוזאַמענשטויסונגען, די לערע אין די שולן מכח באַנען-צוזאַמענשטויסנגען און די אַרטיקלען אין די צייטונגען אויף דעם געביט, אַלע אויפריכטיק געווענדעט אין דער אייגענער ריכטונג, וויאַזוי אויסצוהיטן זיך פון באַן-אומגליקן. אָבער ווען עמיץ זאָל פאָרלייגן, אַז מ'זאָל צאָלן די באַן-אַרבעטער מער שכירות און זיי זאָלן אַרבעטן קערצערע שעהן און עס וועט במילא זיין ווייניקער באַן-אומגליקן, אָדער, אַז די צוטיילונג צווישן די אַקציאָנערן און די אַרבעטער זאָל זיין אַ גערעכטערע און די באַן-אייגנטימער זאָלן באַקומען אַביסל ווייניקער און די אַרבעטער אַביסל אַ גרעסערן לוין — און די באַנען וואָלטן דאָך געוואָרן ווייניקער געפערלעך אויב זיי וואָלטן זיך געפונען אין די הענט פון דער נאַציאָן, אַזוי ווי די פּאָסט און דער טעלעגראַף — וואָלט געוואָרן אַ געשריי אין דער פרעסע און אין פאַרלאַמענט און מ'וואָלט דעם, וואָס האָט געמאַכט דעם דאָזיקן פאָרשלאַג, אָנגערופן מיט כלערליי נעמען, ווי באָלשעוויק אָדער וואָס עס וואָלט גראָד דעמאָלט געווען אין דער מאָדע צו זידלען.

---

## XX

# פאַרוואָס מיר פאַרשווייגן דאָס

איר קאָנט פרעגן, פאַרוואָס נישט נור די רייכע, נור אפילו די אָרעמע פאַרשווייגן דאָס אַלץ און נישט נור זיי פאַרשווייגן, נור זיי פאַרטיידיקן עס ווי אַ מאָראַל און אַ טובה פאַר דער געזעלשאַפט. איך קאָן נור זאָגן, אַז נישט אַלע זענען מסכים מיט דערדאָזיקער פאַרטיידיקונג, אַז עס זענען כסדר געווען אַטאַקן אויף אַ סך פון דידאָזיקע פונקטן. עס האָבן אַטאַקירט געזעלשאַפטלעכע גייסטיקע רעפאָרמאַטאָרן און מענטשן וואָס האָבן שוין מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן די עוולות. אַז נאָר די פאַרדאָרבנקייט און פאַלשקייט פונם געזעץ, פון דער רעליגיע, בילדונג און געזעלשאַפטלעכע מיינונג איז אַזוי אומגעהויער, אַז דער פשוטער מענטש קאָן עס גאָרנישט תופס זיין. אין דער זעלבער צייט קאָנען זיי אָבער זייער גרינג באַגרייפן די נישטיקע טובות וואָס זיי האָבן דערפון. די רייכע זענען בעל-צדקות, זיי פאַרשטייען, אַז זיי מוזן צאָלן אַ געוויסן אויסלייז-געלט פאַר זייערע רייכטימער. די איינפאַכע, אָרנטלעכע, קליינשטעטלדיקע פרוי פון אַ האָלצהעקער, אַ גערטנער א. א. וו. וועמענס טעכטער ווערן דערצויגן מיט גוטע מאַניערן, כדי צו קאָנען פאַרנעמען שטעלעס פון דינסטמיידלעך אין די פריצישע הייזער, זעט אינם גוטבאַזיצער אַ פריינטלעכן דזשענטלמאַן, וועלכער גיט איר באַשעפטיקונג און אין זיין פרוי זעט זי אַ פריינטלעכע ליידי, וואָס

גים אַלטע מלבושים און בעטגעוואַנט פאַר די קראַנקע, איז די פּרעזידענטן פונם דאָרפס־שפּיטאָל און זי אָרדנט אָפּטמאָל איין קליינע פאַרשטעלונגען און ספּאָרטן צו דערפרישן אַביסל די איינוווינער פון זייער אייביקער מאָנאָטאָנער אַרבעט און צו פאַרגרינגערן אַביסל די יסורים פון די קראַנקע. אַפילו אין די גרויסע שטעט, ווו די רייכע מיט די אָרעמע קאָנען זיך לחלוטן נישט, זענען די אויסבערענגערישע אויסגאַבן פון די רייכע אויך באַקאַנט, זיי פאַרזאָרגן דעם אָרעמען מיט עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט ליב צו זען און צו רעדן דערפון. דער קרעמער איז עטאָלץ מיט זיינע רייכע קונים. און דאָס דינסטמיידל דערמיט, וואָס זי דינט אין אַ רייך הויז. אויף געזעלשאַפטלעכע אונטערדאַלטונגען זענען פאַראַן ביליקע ערטער פאַר די אָרעמע. פשוטע גייסט דענקנדיקע מענטשן האָבן ליב דעמדאָזיקן גלאַנץ. זיי האָבן ליב צו לייענען וועגן דעם, און צו קוקן אויף די בילדער אין די אילוסטרירטע בלעטער, אין דער צייט, וואָס זיי לייענען וועגן די פּראָצענטן פון קינדערשטערבלעכקייט צי דער פּראָצענט איז גרעסער געוואָרן אָדער געפאַלן און עס אינטערעסירט זיי נישט. זיי קוקן דערויף, ווי אויף טרוקענער סטאַטיסטיק, וואָס לאַנגווייליקט. נור דעמאָלט, ווען מענטשן געבן אַ טראַכט צי אַלץ איז אַזוי גוט און גלאַטיק די גאַנצע צייט און פאַר יעדן ווי אין די פינף מינוט, קומען זיי ערשט צום באַוווסטזיין, אַז איין עלעגאַנטער און רייכער פרויס קאָסטיום קאָסט אפשר דאָס לעבן פון צען קינדער.

און אַפילו דעמאָלט, דאַכט זיך זיי אויך, אַז ווען מ׳זאָל נישט האָבן קיין עלעגאַנטע פאַרפּוצטע דאַמען, וואָלטן אַלע פרויען אויסגעזען אָפּגעלאָזן. זיי דאַרפן זיך נישט שרעקן, היינט צו טאָג זענען ניין פרויען פון צען נישט ווי געהעריק געקליידט. ווען די איינקונפטן וואָלטן געווען צעטיילט ווי געהעריק, וואָלטן אַלע פרויען זיך געקאָנט אָנטון אַזוי, אַז זיי זאָלן אויסזען פיין; קיין שום פרוי זאָל נישט טאָרן האָבן קיין בריליאַנטן, ביז אַלע פרויען וועלן זיין אַנשטענדיק אָנגעטון, וואָלט געווען אַ שכלדיק געזעץ, פאַרשטייט זיך, אַז דאָסדאָזיקע געזעץ וואָלט נישט באַ־

פרידיקט אזא פרוי, וואָס האָט ליב בריליאַנטן, און עס גייט איר קנאַפּ וואָס אָן צי אונדזערע פרויען האָבן וואָס אָנצוטון אָדער נישט, פאַרקערט, זי איז אפשר גאָר צופרידן, צו זען אַנ־דערע פרויען אָנגעטון ערגער ווי זי, אָבער קענען אַזעלכע אונ־אויסמיידלעכע קליינלעכע מוחלען, וואָס האָבן הנאה פון יענעמס אומגליק וועלכעס די דייטשן רופן אָן „שאַדענפרוידע" לוינט זיך נישט צו רעדן. דער סוף איז אַז פריער אָדער שפּעטער ברעכט אויס אַ רעוואָלוציע, ווי אין רוסלאַנד אַ שטייגער, די בריליאַנטן טראָגט מען אַוועק אין לאָמבאַרד און דאָרט וויל מען ערשט נישט באָרגן קיין געלט אויף זיי, ווייל קיינער קאָן זיך אין אַזאַ צייט נישט פאַרגינען צו קויפן קיין בריליאַנטן. און די עלעגאַנ־טע דאַמען מוזן זיך דעמאָלט באַגניגענען מיט אַלטע קליידער אָדער גיין אָנגעטון אין ביליקע טאַנדייט־מלבושים. ביז זיי האָבן סוף כל סוף גאָרנישט וואָס אָנצוטון — נאָר אַזוי ווי אַ רעוואָ־לוציע קומט נישט מיטאַמאָל. גלויבן די נישט דענקנדיקע, אַז די פּאָליציי וועט נישט דערלאָזן, אַז זי זאָל בכלל אַמאָל קומען. און ענגהערציקע מענטשעלעך גייט נישט אָן צי עס וועט קומען אָדער נישט, אַבי עס זאָל נישט געשען ביי זייער לעבן.

נאָך אַ זאַך, וואָס באַוועגט אונדז, צו האַלטן זיך ביי דער־דאָזיקער לאָטעריע, וואָס זאָגט אונדז צו גרויסע געלט־פּריזן, איז דער חלום רייך צו ווערן. מיר לייענען למשל, אַז ערגעץ אין אויסטראַליע איז געשטאָרבן אַ רייכער פעטער און האָט איבערגעלאָזט הונדערט טויזנט פונט ירושה זיין פּלעמעניק, אַן אָרעמען אַרבייטער, אָדער אַן אָרעם דינסמיידל, וועלכע האָט אפילו נישט געוווסט, אַז זי האָט ערגעץ אַ פעטער; אַזעלכע חלומות וועלן צעשטערט ווערן אויב מ'וועט צעטיילן די געלטער. דאָך קלאַמערן זיך די מענטשן אָן אַזעלכע חלומות, הגם זיי האָבן אפילו נישט קיין געלט איינצושטעלן אויף אַ פּערזל; זיי פאַרגעסן, אַז די אָרעמע מאַסע באַצאָלט מיט מיליאָנען פאַר־לוסטן פאַר זייערע נישט ממשותדיקע חלומות אין דערוואַרטונגען.

אָרעמע פרויען, וועלכע האָבן צופיל געזונטן מענטשנפאַר־שטאַנד, אַריינצולאָזן זיך אין אַזעלכע שטותים און חלומות, זע־

נען ווייער אָפּט גרייט צו ברענגען קרבנות, מיט דער האָפֿנונג, אַז בילדונג וועט אפשר אַרויסראַטעווען זייערע זין און טעכטער פֿון דער נעץ פֿון אָרעמקייט. אין אַ סך מענער, וואָס זענען געווען באַגאַבט מיט שאַרפֿע מוחות און פֿעיִקייטן, און האָבן געווינען סובסידיעס, האָבן פֿונדעסטוועגן צו פֿאַרדאַנקען זייערע מוטערס דעם ערפֿאָלג אין זייער לעבן. אָבער אויסנאַם-פֿאַלן, וואָס פֿאַרבלענדן נור די אויגן זענען נישט קיין שום טרייסט פֿאַרן געוויינטלעכן דורכשניטס-מענטש, און די וועלט באַשטייט פֿון דורכשניטלעכע מענטשן; כמעט אַלע זענען דורכשניטלעכע. אַ געוויינטלעכער רייכער פּרויס קינד קאָן געבוירן ווערן מיט די זעלבע פֿעיִקייטן צו לערנען, ווי דער געוויינטלעכער אָרעמער פּרויס קינד, אָבער ווען זיי ווערן דערוואַקסן און האָבן דערגרייכט צו אַ געוויסן עלטער, האָט דער רייכער זיך אויסגעלערנט שיין צו רעדן, פֿיינע מאַניערן, גוטע געוווינהייטן, קולטור, און אינסטרוקציע, אָן וועלכן עס זענען כמעט אַלע בעסערע פּאָסטנס אויסגעשלאָסן, בעת דער אָרעמער פּרויס זון האָט נישט די מעגלעכקייט צו באַקומען אַרבעט אין אַזעלכע ערטער, וואָס זאָלן אים געבן די געלעגנהייט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט געבילדעטע, אויסגעאיידלטע מענטשן. אויף אַזאַ אופֿן גייט אַ גרויסער טייל פֿון דער נאַציאָנאַל אינטעליגענץ לאיבוד, ווייל די נאַטור, פֿאַרשטייט איר מיך, רעכנט זיך נישט אויף אַ האָר מיט קיין רייכקייט אָדער אָרעמקייט. למשל, די נאַטור גיט נישט יעדן די פֿעיִקייט צו זיין אַ דירעקטאָר; איינער צווישן צוואָנציק איז איר גרעסטע נאָרמע, אָבער זי קלויבט נישט אויס די קינדער פֿון די רייכע צו באַשענקען מיט אירע קאַפּריזע מתנות אויב צווישן יעדע צווייהונדערט מענטשן געפֿונען זיך צוואָנציק רייכע, וועט די פֿעיִקייט צו זיין דירעקטאָר, אויספֿאַלן אויף ניין אָרעמע קינדער, און אויף איין רייכן. אָבער ווען די רייכע קאָנען קולטיווירן דידאָזיקע מתנה און די אָרעמע קאָנען נישט, וועט ניין צענטל פֿון דער נאַציאָנאַלער מתנה צו קאָנען זיין דירעקטאָר גיין לאיבוד; און כדי אויסצופֿילן דעם דעפֿיציט וועלן

אַ סך פֿון די דירעקטאָרישע פּאָסטנס באַזעצט ווערן מיט טעמפּע, קליינקעפּלדיקע מענטשן, בלויז צוליב דעם, וואָס זיי האָבן גראָד די געוויינהייט צו באַפֿעלן און זיך שאַפֿן מיט די אָרעמע.

## XXI

## פאָזיטיווע מאָטיוון צו גלייכהייט

ביז איצט האָבן מיר נאָך נישט געפונען קיין איין אַנגעזעענע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, וואָס איר זאָל געלונגען אויסצומיידן די ווירקונג. וואָס עס מאַכט די צעטיילונג אויף רייכע און אָרעמע, דאָס הייסט: דאָס נישט גלייכע צעטיילן פון די הכנסות. איך וואָלט געקאָנט גיין ווייטער, נאָר איך האָב מורא, כ׳זאָל נישט ערגער מאַכן; איך וואָלט אייך געקאָנט ווייזן, ווי אַזוי רייכע אָפיצירן און אָרעמע סאָלדאַטן און מאַטראָזן וועקן אומצופרידנקייט אין דער אַרמעע און אין פלאָט, ווו די אומלאָיאַליטעט וואַקסט כסדר, ווייל די באַציונג צווישן דער קעניגלעכער משפחה און די גרויסע מאַסן פון פאָלק איז די באַציונג פון איין רייכער פאַמיליע צו די מיליאָנען אָרעמע פאַמיליעס; ווי אַזוי דאָס וואָס מיר רופן פרידן איז באמת אַ צושטאַנד פון ציווילן קריג צווישן רייכע און אָרעמע, אָנגעפירט פון צעשטערנדיקע סטרייקן; ווי אַזוי קנאה, מרידה און קלאַסן-האַס איז אַ כראָניש מאָראַלישע קראַנקהייט ביי אונדז... נור איך האָב מורא, אַז איר וועט אויסשרייען: ווי גאָט איז אייך ליב, דערציילט מיר נישט אַלץ, ווייל איר וועט קיינמאָל נישט פאַרטיק ווערן! און איר וואָלט געווען גאַנץ גערעכט. אויב איך האָב נאָך ביז איצט נישט באַוויזן אייך איבערצוצייגן, אַז עס זענען פאַראַן אַ שעור מאָטיוון קעגן אַ נישט גלייכער הכנסה-צעטיי-

לונג, וועל איך אָנהייבן מורא האָבן, אַז איך געפעל אייך נישט.

אַחוץ דעם קאָנען מיר סתּם נישט מאריך זיין דערמיט, ווייל מיר מוזן זיך ווייטער באַמיען אויסצוווייזן די פּאָזיטיווע מאָטיוון פאַר אַ סאָציאַליסטישן פּלאַן פון אַ גלייכער צעטיילונג. איך בין אין דעם ספּעציעל פאַראינטערעסירט, ווייל דאָס איז מיין אויסדערווילטער פּלאַן. איר וועט מיך אַלזאָ מוזן היטן און גוט אַכטונג געבן, איך זאָל זיין ערלעך, בעת איך וועל אייך העלפן באַטראַכטן וואָס עס קאָן געזאָגט ווערן פאַר און וואָס קעגן דעם פּלאַן פון אַ גלייכער צעטיילונג.

קודם כּל איז אַ גלייכע צעטיילונג נישט בלויז אַ זאַך וואָס איז מעגלעך, נור עס איז אַ פּלאַן, וואָס איז אויסגעפּרוווט געוואָרן דורך לאַנגער דערפאַרונג. די גרויסע מאַסע אַרבעט, וואָס ווערט געטון יעדן טאָג אין דער צעוויליזירטער וועלט, איז געטון געוואָרן און מוז געטון ווערן דורך קערפּערשאַפטן און מענטשן, וואָס דערהאַלטן גלייכע געהאַלטן, נישט קיין חילוק, צו זיי זענען הויך אָדער נידריק בלאָנד אָדער בראָנעט, שנעלע אָדער פאַמעלעכע יונג אָדער מיטליעריק, ניכטערע אָדער מענטשן וואָס האָבן ליבן אַ טרונק, פּראָטעסטאַנטן אָדער קאַטאָליקן, פאַרהייראַטע אָדער נישט-פאַרהייראַטע, כּעסנים אָדער וותּרנים, אָפּגעשטאַנענע אָדער פאָרטגעשריטענע, בקיצור — אָן דער מינדעסטער באַציִונג צו דעם, וואָס מאַכט איין מענטש אַנדערש ווי דעם צווייטן. יעדע אַרבעט האָט זיך איר פעסטגעשטעלטן פּרייז און יעדער געזעלשאַפטלעכע דינסט איר פעסטגעשטעלן געהאַלט און יעדער פּראָפעסיע האָט זיך איר לוין, וואָס גיט די, וועלכע אַרבעטן ביי דער אייגענער פּראָפעסיע נישט קיין מעגלעכקייט אַז איינער זאָל לעבן אַ סך בעסער אָדער ערגער פון אַנדערן די שכירות פונם פּאָליציאַנט, דעם סאָלדאַט און דעם בריוועטרעגער, דער לוין פונם שוואַרצאַרבעטער און דעם סטאָליאַר די פּענסיע פון אַ מיטגליד אין פּאַרלאַמענט און אַ ריכטער קאָנען זיין פאַרשידן איינער פונם אַנדערנס. אַ טייל זאָלן באַקומען וויניציקער פון הונדערט פונט אַ יאָר און אַ טייל זאָלן באַקומען פינף טויזנט. אָבער אַלע סאָלדאַטן באַקומען אַ גלייכן לוין, אַלע

ריכטער, אַלע מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט, אַלע באַקומען זיי־ גלייכע פּענסיעס. אויב איר זאָלט אַ פרעג טון אַ דאָקטאָר, פאַר־ וואָס זיין פרייז איז אַ האַלבע קרוין אָדער פינף שילינג, אָדער אַ גינע אָדער דריי גינעס אָדער וויפיל עס זאָל דאָרט נישט זיין אַנ־ שטאָט פיגף שילינג אָדער צען שילינג אָדער דריי גינעס אָדער זעקס גינעס אָדער אַ טויזנט גינעס, וועט ער אייך נישט קאָנען געבן קיין בעסערן מאָטיוו ווי דעם, אַז ער רעכנט אַזאַ פרייז ווייל אַלע אַנדערע דאָקטוירעס נעמען אַזוי און אַז זיי נעמען אַזוי ווייל זיי וואָלטן נישט געקאָנט אויפהאַלטן זייערע הייזער ווי געהעריק ווען זיי זאָלן נעמען ווייניקער,

דערפאַר — אויב אַ מענטש, האָט לחלוטין נישט געטראַכט נור ווי אַ פּאַפּ־גײ נאָכגעזאָגט, אַז אויב מ׳זאָל איינאָרדנען אַ גלייכע צעטיילונג, און געבן יעדן איינעם אַ גלייכע סומע געלט, וואָלט מען געפינען, אַז אין משך פון איין יאָר זענען צוריק פאַראַן רייכע און אָרעמע — איז אַלץ וואָס איר האָט צו טון, איז צו זאָגן אים, אַז ער זאָל עפענען די אויגן און זיך אַרומ־ קוקן, וועט ער זען, אַז מיליאָנען מענטשן בלייבן זייער גאַנץ לעבן ביי דער שטופּע, וואָס זיי האָבן זיך געפונען, בעת זיי האָבן אָנגעהויבן בויען זייער לעבן. אויסנאַמספאַלן, ווו אָרעמע מענטשן ווערן רייך, טרעפן זייער זעלטן, און פאַלן ווו רייכע ווערן אָרעם זענען אויך נור צופאַלן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס טרעפט אָפטער, אָבער עס זענען נישט קיין געוויינטלעכע פּאַ־ סירונגען, נור זיי האָבן זיך זייערע סיבות. דאָס געזעץ איז, אַז אַרבעטער פון דער זעלבער בראַנזשע מיט די זעלבע פעיקייטן צו זייער אַרבעט באַקומען דעם זעלבן לוין. זיי אַרבעטן זיך קיינמאָל נישט אַרויף אָדער אַראָפּ. עס איז נישט קיין חילוק שטאַרק, ווי נישט ענלעך זיי זענען איינער צום אַנדערן, איר קאָנט צאָלן איינעם צוויי שילינג און זעקס פּענעס און דעם אַנדערן אַ קרוין און זיין זיכער, אַז אַזוי ווי מ׳האָט זיי אַוועק־ געשטעלט, אַזוי וועלן זיי בלייבן, הגם עס טרעפט, אַז אַ גרוי־ סער זשוליק אָדער אַ גרויסער געניוס ראַשט אייך איבער דער־ מיט, וואָס ער קריגט זיך אַרויס פון זיין מצב און ווערט אַ

סך רייכער אָדער אַ סך אָרעמער פֿין די איבריקע. יעזוס האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער איז אָרעמער פֿונם פֿוקס און פֿון די פֿייגל, ווייל זיי האָבן, זייער נעסט און ער האָט נישט קיין אָפּדאַך איבערן קאָפּ, און נאַפּאָלעאָן איז געוואָרן אַ קייזער. אָבער מיר טאָרן זיך נישט רעכנען. אַזעלכע אויסנאַמען, פּונקט ווי אַ סוחר פֿון גרייטע מלבושים טאָר נישט אַריינרעכנען קיין מלבושים פֿאַר אַ קאַרליק אָדער אַ ריז, בעת ער באַשטימט די פּרייזן. איר מעגט עס נעמען פֿאַר אַ זיכערע און אויסגעפּרוּווטע זאַך, אַז אויב עס זאָל זיך אונדז איינגעבן איינצופֿירן אַזאַ סיסטעם, וואָס זאָל אונדז געבן די מעגלעכקייט צו צעטיילן די הכנסה צווישן אַלע איינוואוינער פֿון לאַנד אין גלייכע סומעס, וואָלט נישט געווען קיין טענדענץ צוועלן צעטיילן זיך אויף רייך און אָרעם פּונקט אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין טענדענץ צווישן בריווטרעגער, אַז זיי זאָלן זיך צעטיילן אויף בעטלערס און מיליאָנערן. דאָס איינציקע, וואָס וואָלט געווען ביי וואָלט געווען דאָס, וואָס די בריווטרעגער וואָלטן באַקומען פּונקט אַזוי פֿיל, וויפֿיל דער פּאָכט-מייסטער און דער פּאָסט-מייסטער וואָלט באַקומען נישט ווייניקער פֿון אַלע איבריקע איינוואוינער. אויב מיר געפֿונען, אַז עס איז נישטאָ קיין שום שטערונג צו געבן אַלע ריכטער און אַלע שיפֿקאַפּיטאַנען דעם אייגענעם געהאַלט — פֿאַרוואָס זאָלן מיר געבן ריכטער פֿינף מאָל אַזוי פֿיל, ווי שיפֿס-קאַפּיטאַנען? דאָס וואָלט דער שיפֿס-קאַפּיטאַן געוואָלט וויסן, און אויב איר וואָלט אים געזאָגט, אַז דעמאָלט, ווען ער וועט באַקומען די אייגענע שכירות, ווי דער ריכטער, וועט ער אין משך פֿון אַ יאָר זיין פּונקט אַזוי אָרעם ווי ער איז היינט, וואָלט ער אייך געזידלט מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס וואָלטן אפֿילו געווען צו גראָב פֿאַר אַ ים-רויבער. זייט אַלזאָ פֿאָרזיכטיק אַרויסצוזאָגן אַזעלכע זאַכן.

---

# XXII

## פאַרדינסטן און געלט

דער לעצטער פסק-דין וועט אפשר דערשטוינען די אינטעליגענטסטע פרוי, אויב זי האָט פריער קיינמאָל נישט ערנסט געטראַכט וועגן דער זאַך; דעריבער וועל איך דעמדאָזיקן ענין דערקלערן אַביסל באריכות.

עס איז נישט פאַראַן אַזאַ גרויסער אונטערשיד צווישן די מעלות און חסרונות אינם מענטשן ווי דער אונטערשיד פון די הכנסות. למשל אַ פאָלק, וואָס ווייסט ווי אָפּצושאַצן זאַכן, נעמט און מאַכט א פאַרלאַמענטאַרישן פאָנד פון צוואָנציק טויזנט פונט פאַר אַ גרויסן פאָרשער אָדער א גרויסן ערפינדער אָדער פאַר אַ גרויסן מיליטער-אָנפירער (איך מוז דאָ ברענגען אַלס אַ ביישפיל מענער; ווייל פרויען מאַכט מען ערשט סטאטועון נאָכן טויט). נאָך איידער ער באַווייזט אַהיימצוגיין דערציילט זיין ווייב וועגן דעם, קאָן ער באַגעגענען עפּעס אַ באַוווסטן נאַר אַדער עפּעס אַ צעלאָזענעם סקאַנדאַליסט אָדער אַ שטילן געוויינטלעכן מענטשן וועלכער האָט נישט בלויז צוואָנציק טויזנט פונט נור צוואָנציק טויזנט אַ יאָר אָדער מער. דעם גרויסן מאַנס צוואָנציק טויזנט פונט וועלן אים בלויז אַריינברענגען טויזנט פונט אַ יאָר, און מיט אַזאַ געלט ווערט ער פאַרעכנט אין אונדזער געזעלשאַפט פאַר אַן „אָרעמען טייוול". ביי געשעפטסמענטשן פינאַנסיסטן און שאַרלאַטאַנעס, וועלכע זענען צען מאָל אַזוי רייך-

הגם זיי האָבן אין זייער גאַנץ לעבן גאָרנישט געטון, אחוץ גע־מאַכט געלט פאַר זיך, ווי אמתע עגאָיסטן, מעגלעך דורך זינדיקן האַנדל און דורך גענאַרן זייערע חברים און לאַנדסלייט. עס איז אַן אָנגעהויערע זאַך, אַז אַ מאַן, וואָס פאַרשטייט, ווי אַזוי צו באַנוצן זיך מיט זיין כיטרעקייט, כדי אַריינצוכאַפּן פיר מיליאָן פונט אין באַר דורך פאַרקויפן שלעכטן בראָנפן אָדער באַהאַלטן דעם ווייץ, כדי צו קאָנען נעמען דרייפאַכע פרייזן אָדער אַרויסגעבן נאַרישע ציימונגען און זשורנאַלן און צירקולירן מיט פאַלשע רעקלאַמען — זאָל מען אָפּגעבן כבוד און אים באַ־דינען, ער זאָל פאַרטרעטן אַן אָרט אין פאַרלאַמענט און לסוף אים נאָך געבן אַ טיטל, בעת מענער, וואָס האָבן אויסגענוצט זייערע איידלסטע כשרונות און איינגעשטעלט זייער לעבן פאַר דעם פאָרשריט פון דער וויסנשאַפט לטובות דער מענטשהייט — זאָלן אונטערגעשאַצט ווערן דורכן קאָנטראַסט צווישן זייערע פע־נעס און די פונטן פון פאַרכאַפּערס.

בלויז דאָרט, וווּ עס איז פאַראַן אַ סיסטעם פון גלייכער צעטיילונג, קאָנען מעלות אָפּגעשאַצט ווערן ווי געהעריק און פאַרנעמען זייער ריכטיקן אָרט.

טיטלען, אויסצייכנונגען און רעפּוטאַציעס קאָנען ברענגען מער שאָדן ווי נוצן, אויב מ׳קאָן זיי קויפן פאַר געלט. די קעניגן וויקטאָריאַ האָט באַוויזן ווי פּראַקטיש און קלוג זי איז געווען דערמיט, וואָס זי האָט נישט געוואָלט געבן קיין טיטלען אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן נישט גענוג געלט צו קאָנען לעבן ווי עס פּאַסט זיך פאַר טיטולירטע מענטשן דער פועל יוצא אָבער דערפון איז געווען, אַז באַערט ווערן מיט טיטולן האָבן געקאָנט נאָר די רייכסטע, אָבער נישט די בעסטע. ביי מענטשן מיט נישט קיין גלייכע הכנסות פאַרלירט יעדער אַנדע־רע אויסצייכנונג דעם ווערט. די פרוי, וואָס האָט אַן הכנסה פון טויזנט פונט אַ יאָר, ווערט זיכער מער געאַכטעט, ווי אַ פרוי מיט נישט מער פון הונדערט פונט אַ יאָר, עס מאַכט גאָרנישט אויס, וואָס יענע איז אין פּרטים נידעריקער פון דער לעצטער. אויך קאָן זי געבן אירע קינדער אַ געלעגנהייט זיך צו קוואַלי־

פיצירן אויף בעסערע באַשעפטיקונגען, ווי די, וואָס זענען פריפאַר אָרעמע ק' דער מיט די אייגענע אָדער גרעסערע פעיקייטן.

צווישן מענטשן מיט גלייכע הכנסות עקזיסטירן נישט קיין שום סאָציאַלע אויסצייכנונגען, אַחוץ אויסצייכנונגען דורך מעלות געלט איז גאָרנישט; כאַראַקטער, אויפפירונג און פעיקייטן זענען אַלץ. אַנשטאָט דעם, וואָס היינט זענען אַלע אַרבעטער אַוועקגעשטעלט אויף איין שטאַנד פון קליינע שכירות און אַלע רייכע אויף גרויסע הכנסות, וואָלט ביים אַ גלייכער צעטיילונג-סיסטעם יעדער ער אָדער זי פאַרנעמען אין דער געזעלשאַפט דעם אָרט, ווו די נאַטור האָט אים אַוועקגעשטעלט. עס וואָלטן געווען גרויסע מענטשן און געוויינטלעכע מענטשן, אָבער די גרויסע וואָלטן תמיד געווען יענע, וואָס האָבן געטון גרויסע זאַכן, נישט די טיפשים, וואָס די מאַמעס האָבן צופיעשטשעט און די פאָטערס האָבן זיי איבערגעלאָזט צו הונדערט-טויזנט פונט אַ יאָר, און די קליינע וואָלטן געווען די מענטשן מיט די קליינע מוחלעך און שוואַכע כאַראַקטערן און נישט אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן. דערפאַר זענען אידיאָטן תמיד פאַר אַ נישט-גלייכער הכנסה-צעטיילונג (דאָס איז זייער איינציקע געלעגנהייט צו זיין אויף הויכע פאָזיציעס) און די אמת גרויסע מענטשן פאַר גלייכהייט.

# XXIII

## אַרבעטסל־וסט

ווען מיר זאָגן זיך אַרויס קעגן אַ גלייכער הכנסה־צעטיילונג, געפינען מיר, אַז די גרעסטע טייל האָט נישט קיין ווערטער, מיט וואָס צו באַרעכטיקן זייער שטאַנדפּונקט. זיי האָבן נישט מער וואָס צו זאָגן ווי, אַז זיי זענען נישט געוווינט דערצו און אַז זיי האָבן אָנגענומען דעם סיסטעם פון אַ נישטגלייכער הכנסה־צעטיילונג פאַר אַזאַ אַבסאָלוטן און איינציקן, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט געטראַכט אפילו, אַז עס איז מעגלעך איינצופירן אַן אַנדער סיסטעם, שוין נישט רעדנדיק דערפון, וואָס די לערער און דערציער, וועלכע זענען געוויילט געוואָרן פאַר אונדזערטוועגן פון דעם רייכן קלאַס, האָבן אונדז פון קינדווייז אָן אַרייַנגעקלאַפּט אין קאָפּ אַרייַן, אַז עס איז נאַריש און געמיין צו שטעלן פראַגן, פאַרוואָס איין טייל מענטשן גייט אַ סך בעסער פון דעם אַנדערן.

אָבער עס זענען נאָך פאַראַן אַנדערע געגנשטאַנדן. מיר האָבן שוין פריער גערעדט וועגן זיי אַזויפיל, אַז מיר דאַרפן איצט נור באַהאַנדלען צוויי. בלויז דעם ערשטן: אויב אַ פרוי וואָלט נישט באַקומען מער געלט פון אַן אַנדערער פרוי וואָלט זי נישט געהאַט קיין שום סיבה צו אַרבעטן שווערער מען קאָן בלויז ענטפערן, אַז קיינער פאַרלאַנגט נישט פון איר, זי זאָל אַרבעטן שווערער ווי אַנדערע דאָס איז נישט איר באַציאָנאַלע

אויפגאַבע. פאַרקערט, עס איז געוווּנטשן, אַז די לאַסט פון אַר־בעט אָן וועלכע עס וואָלט נישט געווען קיין הכנסה זאָל גלייך צוטיילט ווערן צווישן די אַרבעטער; אויב עס זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע פילן זיך נישט גליקלעך, סיידן זיי אַרבעטן און זיי ווילן דורכויס אַרבעטן לענגערע שעהן, דאַרפן זיי נישט האָבן קיין פּרעטענזיעס און זיך הייסן באַצאָלן פאַר זייער עקסטרע אַרבעט, אַחוץ דעם קאָנען זיי אויסנוצן זייער צוגרויסע ענערגיע ביי פאַרשידענע היימישע אַרבעטן.

ווידער זענען פאַראַן מענטשן, וואָס פאַרגינען זיך נישט די מינוט לענגער, וואָס זיי מוזן פאַרברענגען ביי דער אַרבעט דאָס באַרעכטיקט זיי נישט צו אַרבעטן קורצערע שטונדן פון די איבּ־ריקע יעדער איינע וואָס אַרבעט ווייניקער וויפל זי דאַרף און נעמט אפילו אָנטייל פון די פאַרדינסטן, איז אַ גנב און דאַרף באַהאַנדלט ווערן ווי מ׳באַהאַנדלט אַ גנב.

אָבער דער פוילער וויליאַם קאָן זאָגן, אַז ער האָט פיינט אַרבעט און ער וועט גערן נעמען ווייניקער, וועט זיין אָרעם און שמוציק, אָפּגעריסן און אפילו באַקעט, אַבי נישט צו דאַרפן אַר־בעטן אַזוי לאַנג ווי די איבריקע אַרבעטער. אָבער דאָס ווי מיר האָבן שוין געזען, קאָן נישט דערלויבט ווערן. פרייוויליקע אָרעמ־קייט איז פונקט אַזאַ סאָציאַלע געמיינקייט ווי נישט פרייוויליקע, אַנשטענדיקע באַציעס מוזן דורכויס זען, אַז זייערע איינוואוינער זאָלן פירן אַן אַנשטענדיק לעבן, זען אַז זיי זאָלן אָפּאַרבעטן זייער טייל און נעמען זייער טייל פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעטון דאָס וואָס איז אים צוגעפאַלן, קאָן ער זיין אַזוי פויל ווי אים ווילט זיך. עס וועט אים נאָך איבערבלייבן גענוג צייט צו ליגן אויפן רוקן און קוקן ווי די פייגעלעך פליען, אָדער צוקוקן זיך צו זיינע פלייסיקערע שכנים, ווי זיי אַרבעטן ביי היימישער אַרבעט, וואָס קאָן באַשטיין אין ספּאָרט, אויספאָרשונגען, ליטעראַטור, קונסט אָדער וויסנשאַפט און אַלע אַנדערע מינים אַרבעט, וואָס מיר טוען פאַר זיך אַליין, דעמאָלט ווען אונדזער מאַטעריעלע לאַגע איז אַ פאַרזיכערטער. אָבער אָרעמקייט און סאָציאַלע נישט פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועט

זיין אַ פֿאַרבאָטענער לוקסוס און דער אָרעמער וויליאַם וועט זיך מוזן אונטערגעבן נישט אַרויפֿגעצווינגענער אָרעמקייט נור אַרויפֿגעצווינגענעם וווילשטאַנד פֿאַר וועלכן ער שרעקט זיך נאָך מער. במילא זענען שוין ביי אַן אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע פֿאַראַן מעכאַנישע שוועריקייטן, אַז איינער זאָל זיין פֿריי צו אַרבעטן מער אָדער ווייניקער ווי דער אַנדערער. אַזאַ אַרבעט איז היינט נישט קיין באַזונדער אינדיווידועלע אַרבעט; עס איז אַן אָרגאַניזירטע פֿאַרייניקטע אַרבעט, וואָס ווערט דורכגעפֿירט אין גרויסע פֿאַבריקן, אין ביוראָס, ווו די אַרבעט הויבט זיך אָן און ענדיקט זיך אין באַשטימטע שעהן. אונדזער וועש למשל ווערט מערסטנס געוואַשן אין דאַמפּוועשערייען. אַלע אָפּעראַציעס, וואָס פֿלעגן געטון ווערן דורך איין פֿרוי מיט אַ באַליע מיט אַ פּרעסאייזן און אַ האַנטמאַנגל, ווערן איצט געטון דורך גרופּעס פֿרויען, וועלכע באַנוצן זיך מיט מאַשינען אין גרויסע הייזער. אָט די אַרבעט וואָלט איצט נישט געקאָנט געטון ווערן פֿון איין פֿרוי, ווען זי וואָלט זיך אפילו געקאָנט פֿאַרגינען אָפּצוקויפֿן די מאַשינען. צו דערדאָזיקער אַרבעט העלפֿן נאָך מענער. וואָס אָפּערירן מיט דאַמפּמאַשינען, און אויב איין פֿרוי וואָלט געוואָלט אַרבעטן אַ צוויי שעה לענגער וואָלט מען איר געענטפֿערט, אַז עס איז נישט מעגלעך, ווייל אָן די איבעריקע מיטאַרבעטער קאָן מען גאָרנישט טון. די מאַשינעריע וועט נישט אַרבעטן אָן דאַמף; עס איז דעריבער אַ פֿראַגע פֿון אַלע אָדער קיינער נישט.

בקיצור — פֿאַרייניקטע אַרבעט און פֿאַבריק־אַרבעט דאָס הייסט, די אַרבעט וועלכע גיט אַ מעגלעכקייט דער באַפֿעלקערונג אין ציוויליזירטע לענדער צו עקזיסטירן, וואָלט געווען אַן אוממעגלעכקייט, אויב יעדער איינע וואָלט געקאָנט אָנהויבן און אויפֿהערן די אַרבעט, ווען עס וואָלט זיך אים פֿאַרגליסט. אין אַ סך פֿאַבריקן גלייכט די דאַמפּמאַשין אויס די אַרבעט צווישן די פֿוילנצער און די פֿלייסיקע. עס וואָלט נישט געווען קיין גאַנץ פֿיינע אָרדנונג, ווען דער מאַשיניסט, וואָס פֿירט די באַן, זאָל זיך אינמיטן וועג אָפּשטעלן און זיך צוקוקן צו אַ פֿוטבאָל־שפּיל. צופֿעליקע מענטשן זענען נישט נוצלעך אין דער מאָדערנער אינ-

דוסטריע, און דער אַנדערער מין, די וואָס ווילן אַרבעטן לענ־גער און שווערער ווי די איבעריקע, געפינען איך אַז זיי קאָנען עס נישט אויספירן סיידן זיי אַרבעטן ביי אַן אייגענע אָפּגעזונ־דערטע אַרבעט.

מ׳דאַרף זיך נישט שטאַרק אָנשטרענגען, כדי צו ווירקן אויף אַן ערשטקלאַסיקן אַרבעטער, ער זאָל מאַכן זיין אַרבעט אַזוי גוט ווי עס איז נאָר מעגלעך. זיין אומגליק איז דאָס, וואָס ער באַקומט נישט גענוג באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט. היינט צו טאָג ווערט ערשטקלאַסיקע אַרבעט געמאַכט ביי אַזעלכע באַדינ־גונגען, וואָס נעמען אַוועק ביי דעם גוטן בעל־מלאכה דעם חשק צו ווען אַרויסגעבן אַ גוט שטיקל אַרבעט. ווייל ער באַקומט זייער זעלטן גוט באַצאָלט, דערפאַר מאַכן די בעלי־מלאכות לי־בער ביליקע אַרבעט, וואָס לוינט זיך זיי בעסער. עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז מענטשן וואָלטן נישט גערן אָנגענומען קיין אַרבעט פון אַ נידריקער מדרגה; אויב זיי טוען עס יאָ, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס פאַר בעסערע אַרבעט צאָלט זיך אַזוי שלעכט און עס איז אַזוי נישט פּאַסיק פאַר זייער סאָציאַלן מצב, אַז זיי מוזן זיך דערפאַר אָפּזאָגן. אַ טיפּישער פאַל איז דאָס, וואָס אַ נישט קאָמיסאָגיריטער אָפיצער אין דער אַרמיי האָט זיך אָפּגע־זאָגט אָנצונעמען אַ קאָמיסיע. אויב אַ פּאָלקאָווניקס פאַרדינסטן און אויסגאַבן וואָלטן נישט געווען גרעסער פונם אָפיצערס, וואָלט נישט געווען דער מאָטיוו, וואָס זאָל באַוועגן אַ סאָלדאַט, ער זאָל זיך נישט ווען דערהייבן צו אַ העכערן ראַנג, ווו ער קאָן האָבן מער כבוד און קאָן זיך גיכער אויסלעבן. געלט האָט נישט געווען די סיבה. אויב ער טוט עס פאַרט טיילמאָל, איז עס דערפאַר, ווייל ער ווייסט, אַז ער וועט זיין אָרעמער און זיך פילן ווייניקער אינדערהיים מיטן העכערן ווי מיטן נידריקערן ראַנג.

איצט, וואָס איז מכוח די שמוציקערע אַרבעט? מיר האָבן זיך אַזוי צוגעוווינט, אַז אַט די אַרבעט זאָל געטון ווערן פון שמוציקע און שלעכט־באַצאָלטע אַרבעטער, אַז מיר האָבן אָנגע־הויבן גלויבן, אַז עס איז אַ חרפה צו טון שוואַרצאַרבעט בכלל,

און, אַז צו דעם דאַרף זיין אַ נידריקער קלאַס מענטשן וואָס זאָלן זיך דערמיט באַשעפטיקן. דאָס איז אַן אַבסורד, פּראָפעסאָרן מיט הויכע טיטלען טוען זייער אָפט די שמוציקסטע אַרבעט, הגם זיי באַזיצן הויכע בילדונג, באַקומען אַ גרויסן לוין און פאַרקערן אין דער בעסטער געזעלשאַפט. די קראַנקן-שוועסטער, וואָס העלפט אים מיט, איז אַ סך מאָל פּונקט אַזוי געלערנט ווי ער און זייער אָפט פון אַ העכערן ראַנג. קיינעם פאַלט נישט איין, אַז אַ שוועסטער דאַרף מען צאָלן ווייניקער שכירות אָדער ווייניקער רעספּעקטירן, ווי אַ ביוראָליסטקע, הגם ביורא-אַרבעט איז אַ ריי־נערע. די אַרבעט אין אַ לאַבאָראַטאָריום, וואָס באַשטייט אין פּאַלמעסן טויטע קערפּערס און אַנאַליזירן דאָס סודותדיקסטע און אָפּשיילעכסטע פון לעבעדיקע מענטשן, איז אַ סך מאָל לויטן שטאַנדפּונקט פון אַ גוטער באַלעבאָסטע אויסטערליש שמוציק. דאָך מוזן זיך דערמיט אָפּגעבן פּראָפעסיאָנאַליסטן פון דעם העכסטן קלאַס. זויבערע הויזפרויען ווייסן, אַז אין אַ הויז איז אויך פאַראַן שמוציקע אַרבעט, וואָס מוז געטון ווערן, אויב מ׳וויל האַלטן ריין דאָס הויז. האָבן און אויפהאָדעווען קינדער איז בשום-אופן נישט קיין עלעגאַנטע סאַלאָן-פאַרווײַלונג, דאָך פאַלט קיינעם נישט איין, אַז דאָס איז נישט קיין כבוד און די איידלסטע דאַמען זעען נישט איין אין דעם עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳זאָל דאַרפן אויסמיידן.

מ׳דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז אַ סך אַרבעטן, וואָס ווערן היינט געטון אויף אַ שמוציקן אופן דורך קויטיקע, פאַר־שמירטע אַרבעטער, וואָלטן געקאָנט געטון ווערן אויף אַ ריינעם אופן דורך זויבערע אַרבעטער. ליידיס און דזשענטלמענס, וועלכע פירן אַליין זייערע אויטאָמאָבילן, און האַלטן זיי אין אָרדענונג, באַווייזן צו טון דידאָזיקע אַרבעט אַזוי ריין, אַז אַ דינסטמיידל שמירט זיך איין אַ סך מער ביים איינהייצן אַן אויוון.

בכלל קאָן די גאַנצע נויטיקע אַרבעט פון דער וועלט געטון ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל נישט גורם זיין מער שמוץ, ווי עס קאָנען פאַרטראָגן געזונטע מענטשן פון אַלע שיכטן. דער ריינער אמת איז אָבער, אַז מען האָט נישט אַזוי מורא

פֿאַר אַרבעט, ווי פֿאַר איר שייכות מיט אָרעמקייט און דערנידעריקונג. אַ פּריץ למשל, האָט גאָרנישט קעגן דעם ער זאָל פֿירן זיין אויטאָמאָביל, אָבער ער וואָלט געווען שטאַרק אומצופֿרידן, ווען ער זאָל מוזן טראָגן אַ ליווּרע פֿון אַ שאָפֿער. אַ דאַמע וועט צוראַמען אַ שטוב און זיך אפילו נישט פֿאַרקרימען, אָבער עס וואָלט איר געגאַנגען אין לעבן, ווען מ׳זאָל איר זען אין דער דינסטס פֿאַרטוך, אָדער קאָפּ־טיכל, הגם זיי זענען, דאַכט זיך, גאַנץ שיין און אַ סך זענען זייער גוט אויס אין דעם און איז אגב פּונקט אַזוי חשוב ווי יעדער אַנדערער אוניפֿאָרם און אַ סך חשובער ווי די לוקסוס זאַכן פֿון אַ רייכער־דאַמע. די הויזמיידלעך הויבן שוין אָן צו פּראָטעסטירן קעגן דעם צוואַנג צו טראָגן אַזאַ קאָסטיום, ווייל דערדאָזיקער קאָסטיום איז אַמאָל פֿאַרבונדן געווען מיט שווערע באַדינגונגען און גרינגשעצונג, וואָס הויזמיידלעך ווילן היינט דווקא אויסמיידן, אָבער זיי האָבן גאָרנישט קעגן דער אַרבעט גופֿא. נישט די מיידלעך און נישט די באַלעבאַטעם (איך וואָג נישט צו זאָגן די באַלאַבאָסטעס) אויב זיי זענען ליבהאָבער פֿון בלומען אָבער הונט, וועלן זיי גאָרנישט האָבן קעגן דעם, אויב עס וועט זיי אויסקומען צו אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג אין אַ גאָרטן אָדער צוואָגן הונט און רייניקן זיי פֿון ווערעם, הגם דאָס איז שוין גאָרנישט אַזאַ איבערע אַרבעט. ווען אַלע מיסטפֿירער וואָלטן געווען פֿירשטן, וואָלט קיינעם נישט אויסגעמאַכט צו פֿירן מיסט. מיסטפֿירער וואָלטן צוגעקלאַפּט קליינע בילדלעך צו זייערע היט, וואָס זאָלן זיך זיי נאָכבאָמבלען מיט קוטאַסן אויפֿן רוקן, פּונקט, ווי פֿירשטן, טשעפּען עס צו צו זייערע קריינדלעך, און יעדער איינער וואָלט געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן כּבוד, ווען אַ מיסטפֿירער וואָלט באַוויליקט צו עסן מיט אים מיטאָג. מיר קאָנען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז קיינער זאָגט זיך נישט אָפּ צו טון ניצלעכע אַרבעט. וואָסערע עס זאָל נישט זיין, אים אַרט נאָר, טאָמער וועט מען אים זען טון אַזאַ אַרבעט, וואָס עס טוען בלויז מענטשן פֿון אַ נידריקן ראַנג, אָדער שוואַרצע שקלאַפֿן. מיר טוען טיילמאָל זאַכן נישט אַזוי גוט ווי מיר קאָנען, דערפֿאַר וואָס די, וועלכע באַשעפֿטיקן זיך מיט דער

דאָזיקער אַרבעט און טוען עס ווי ס'דאַרף צו זיין, זענען מענטשן, וואָס געהערן נישט צו דעם הויכן קלאַס; למשל, אַטייל נאַרישע רייכע יונגעלייט וועלן זיך באַמיען צו שרייבן מיט אַ שלעכטן האַנטשריפט, ווייל ביוראָ־אַנגעשטעלטע שרייבן מיט אַ שיינעם כתב, אַן אַמבאַסאַדער פון אַ רעפּובליק וועט טראָגן הויזן אַנשטאָט „קניבריטשעס" מיט זיידענע זאָקן הגם קניבריטשעס זענען זייער שיין ווייל קניבריטשעס זענען פּונקט ווי אַ ליווריע און רעפּובליקאַנער האַלטן, אַז ליווריען זענען קנעכטיש.

פונדעסטוועגן, ווען מיר וועלן זיך אַרויסשלאָגן פון די קעפּ אַסאַך אַבסורדן מכוח שמוציקער אַרבעט, וועט אַלץ איבערבלייבן דער פאַקט, אַז הגם אַלע ניצלעכע אַרבעטן זענען גלייך חשוב, זענען אָבער נישט אַלע מינים אַרבעט גלייך אָנגענעם אָדער גלייך אומנאָנגענעם צו טון. כדי בייצוקומען די דאָזיקע פאַקטן, מוז איך דערמאָנען, אַז געשמאַקן ביי מענטשן זענען פאַרשידן, אַז אויף דער וועלט איז גאָרנישט פאַראַן אַזאַ אַרבעט, וואָס טייל מענטשן זאָלן נישט ליב האָבן צו טון, עס איז גאָר נישט אַזוי שווער צו געפינען אַ תלין; עס זענען פאַראַן מענער, וועלכע זענען גליקלעך צו קריגן אַזאַ פאָסטן ווי אָפּצוהיטן אַ לייכט-טורם אויף אַ פעלז אין ים, וואָס איז אַזוי געפערלעך. און עס דויערט טיילמאָל חדשים, ביז זיי קאָנען באַפרייט ווערן, און אַ לייכט־טורם איז לכל הפחות פעסט, בעת לייכט-שיפן הערן נישט אויף זיך צו שאָקלען, וואָס איז אַזוי שרעקלעך, אַז אסך פון אונז וואָלטן זיך ליבער געווונטשן דעם טויט איידער אַזאַ באַשעפטיקונג; דאָך געפינען זיך מענער, וואָס נעמען אָן די דאָזיקע אַרבעט פאַר נישט קיין גרעסערן געהאַלט, ווי זיי וואָלטן געקאָנט פאַרדינען אויף דער יבשה; גראָבן מינען איז דאַכט זיך אַ שרעקלעכע און אומנאַטירלעכע אַרבעט, דאָך זענען דאַכט זיך פאַראַן גענוג מינע-אַרבעטער; קינדער אויב מ'לאָזט זיי איבער אַליין טוען אָפּ די אומאָנגענעמסטע זאַכן, כדי זיך צו פאַרווילן פּונקט ווי פליגן, וואָס קאָנען אַרום פליען איבערן גאַנצן הויז. פונדעסטוועגן קלויבן זיי אויס דעם קעלער אַנשטאָט דעם סאַלאָן. דאָס גלייך-ווערטל, אַז גאָט האָט נישט

בעשאַפן די אַרבעט נור ער האָט געשאַפן אַ מאַן אָדער אַ פרי־ צו טון די אַרבעט, איז טיילווייז אמת.

איצט, נאָכדעם וואָס עס זענען געמאַכט געוואָרן אַלע מעגלעכע הנחות פאַר דער פאַרשידנאַרטיקע פון די געשמאַקן בלייבט דאָך איבער דער פאַקט, אַז עס איז גרינגער צו געפינען אַ בחור וואָס זאָל ווערן אַ גערטנער אָדער אַמאַשיניסט און אַ מיידל וואָס וואָלט געוואָלט ווערן אַפילם-אקטריסע אַדער א טעלעפאַניסטקע–איידער, אַ בחור וואָס זאָל חשק האָבן צו ווערן אַ וואַסער-גרעבער און אַ מיידל א שמאַטע-קויבערקע. עס וואָלט געקאַנט אַ סך געטון ווערן כדי צו מאַכן אומפּאָפּולערע אַרבעט מער דערטרעגלעך און אַ סך נישט אָנגענעמע אַרבעט וואָלט אינגאַנצן געקאַנט אָפּגעשאַפט ווערן, ווען עס וואָלט נישט געווען קיין אָרעמער און אומוויסנדיקער קלאַס אויף וועמען אַרויפצוּוואַרפן די דאָזיקע אַרבעט. רויך און סאַדזע דאַרף מען נישט האָבן; קיכן וואָלטן איינגעאָרדנט ווערן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין אַסך באַקוועמער, ווי דער גרעסטער טייל ביוראָס פון אַדוואָקאַטן זענען היינט צו טאָג, מ׳וואָלט געקאַנט מאַכן אַ סך צו קוילן-גרובן דורך נוצן עלעקטרי. און עס זענען פאַראַן אָן אַ שיעור אַנדערע אופנים ווי אַרבעט זאָל קאָנען איינגעאָרדנט ווערן אַזוי אַז דאָס וואָס איז היינט אָפּשטויסנדיק זאָל ווערן נישט ערגער ווי יעדע געוויינטלעכע נוצלעכע אַרבעט. ביז דאַן וועלן, פאַרשטייט זיך, מענטשן וועלכע האָבן נישט קיין באַזונדערע נייגונגען צו געוויסע אַרבעטן זוכן זיך צו פאַרנעמען מיט דער אַרבעט וואָס איז צום מערסטן אָנגענעם.

צום גליק איז פאַראַן אַן עצה, ווי אַזוי אויסצוגלייכן דעם דראַנג צו פאַרשידענע מינים באַשעפטיקונגען, און דאָס איז דער וויכטיקסטער טייל פון אונזער לעבן, וועלכעס מיר רופן פרייע צייט; מאַטראָזן רופן עס פרייהייט.

עס איז פאַראַן איין זאַך, וואָס מיר האָבן אַלע ליב. דאָס איז פרייהייט. דאָס הייסט, נישט זיין פאַרפליכטעט נור האָבן די פרייהייט צו טון וואָס מיר ווילן און נישט דאַרפן זאָרגן פאַרמאָרגנדיקן מיטאָג אָדער אַנדערע געוויינטלעכע באַדערפע-

נישן, וואָס מאַכן אונדז פאַר שקלאַפן, מיר זענען נור דעמאָלט פריי, ווען מיר קענען זאָגן „מיין צייט איז מיין אייגנטום". ווען אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן צען שעה אַ טאָג אגעטירן פאַר אַן אכט-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג, ווילן זיי נישט קיין אכט שעה ארבעט אנשטאט צען, נור זעכצן שעה פרייהייט אנשטאט פערצן, פון די זעכצן שעה מוז ארויפגיין אכט שעה אויף שלאָפן און אפּאָר שעה אויף עסן און טרינקן, אָנטון און אויסטון זיך וואשן זיך און רוען אזוי אַז אפילו מיט אַן אַכטשעהדיקן אַרבעטס-טאָג בלייבט זיי אויך נישט מער, ווי אַפּאָר שעה אויף פארוויילונגען נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָפּגערוט ווי געהעריק, געגעסן, אָפּ-גערייניקט זיך א. א. וו. דערפון גייט נאָך אראָפּ דער ווערט; דאָס וואָס די ווינטערדיקע טעג זענען אזוי קורץ און גיבן אַזוי ווייניק טאָג-ליכט און פאַרלירט אויך, לויט די צייט וואָס דאַרף דויערן, צוצופאָרן אין דאָרף אַריין אָדער אַהין, ווו עס איז דער בעסטער פלאַץ פאַר ווייַלן זיך. פאַרהייראטע פרויען, וואָס זייער אַרבעטס-אָרט איז דעם מאַנס היים, האָבן חשק זיך אַוועק-צוכאַפּן אַביסל פון דער היים צוליב צעשטרייונג, פונקט אזוי ווי מענער זוכן זיך ארויסצוקריגן אביסל פון די ערטער, ווו זיי ארבעטן. פאקטיש קומען פאר אסך מחלוקתן צווישן פארהייראטע פאָרפעלקער, צוליב דעם וואָס דער מאן וויל פארברענגען זיין פרייע-צייט אינדערהיים און די פרוי וויל פארברענגען איר פרייע-צייט אויסער דערהיים. פרויען האָבן ליב האָטעלן און מענער האָבן פיינט האָטעלן.

נעמט למשל א פּאָרפאָלק, וואָס איז איינשטימיק צווישן זיך, ביידע ווילן זיי פארברענגען זייער פרייע-צייט אויסער דער היים. דעם מאנס ארבעטס-טאָג איז אכט שעה. לאָמיר זאָגן אכט שעה שלאָפט ער. פיער שעה גייען ביי אים אוועק אויף עסן אָנבייסן, מיטאָג, וואשן און אָנטון זיך, און רוען בלייבט אים נישט איבער קיין פיער שעה פרייע-צייט, כדי צו פארברענגען מיטן ווייב פון זייערע פיער פרייע שעה, וועלן, גאנץ זיכער צוויי שעה אוועקגיין אויף ווארטן אין א טעאטער אדער א קינא, ביז מען וועט אָנהייבן שפּילן. זיי מוזן זיך אָפּזאָגן פון

אזעלכע פארוויילונגען, ווי טעניס, גאלף, פאָרן אויף מאָטאָציקלען און ארויספארן צום ים אויף „וועקענד" אָבער „בענקהאלידיעס" פארוויילונגען אויף דער פרייער לופט זענען פאר זיי כמעט אויס-געשלאָסן. דאָס איז גורם זיי זאָלן נאָך שטארקער בענקען נאָך אביסעלע פרייע-צייט, דערפאר זעען מיר ווי אסך מענטשן ווילן בעסער רויע און שווערע ארבעט, וועלכע גיט זיי די מעגלעכ-קייט צו האָבן כאָטש א טייל פון דער צייט פאר זיך אליין, איידער איידעלערע באשעפטיקונג, ביי וועלכער זיי זענען כסדר פאַרנומען. אין א פאבריק-שטאָט איז כמעט אוממעגלעך צו באַ-קומען אַ פעיק און פארשטענדיק דינסטמיידל אָבער בעסער גע-זאָגט א דינסטמיידל בכלל, דאָס איז נישט דערפאר. וואָס אַ דינסט האָט שווערערע ארבעט צו טון אָדער זי ווערט ערגער באהאנ-דלט פון א פאבריק-מיידל אָדער אן עקספעדיענטקע, נור דער פאר וואָס זי האָט נישט קיין פיצל צייט, וואָס זי זאָל קאנען אָנרופן איר אייגענע. זי מוז תמיד ווארטן אקלונג ביי דער טיר, אפילו דעמאָלט ווען איר וואגט נישט אָנצוקלונגען אין אייער סאלאָן, ווייל זי קאן נאָך בייז ווערן און זיך אָפזאָגן פון דער שטעל. כדי צו ווירקן אויף איר, זי זאָל בלייבן, מוזט איר איר געבן יעדער צוויי וואכן אַ טאָג פריי, דערנאָך יעדער וואָך. נאָכדעם מוזט איר איר צולייגן נאָך אַ האַלבן טאָג אין דער וואָך, דערנאָך צוויי האַלבע טעג, דערנאָך מוזט איר איר דערלויבן אויפצונעמען אירע געסט אין אייער סאלאָן און נוצן פאַרטעפּיאַן פון צייט צו צייט (וואָס יאָגט אייך אַרויס פון אייער אייגן הויז) דער סוף איז, אַז אַ שטיק צייט איידער נאָך עס איז געענדיקט די צייט פון קאָנטראַקט האָט איר זיך אַרומגעזוכט, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען לוינט זיך אינגאַנצן נישט צו האַלטן קיין דינסט, נור טוען די אַרבעט אַליין מיט דער הילף פון מאָדערנע איינריכטונגען. אין אַפילו ווען איר זענט איינשטימיק צו געבן איר די האַלבע טעג א. א. וו. פילט זיך דאָס מיידל נאָך אַלץ נישט אינגאַנצן פריי, זי מעג נישט וועלן אויסנבלייבן א גאנצע נאכט פון הויז אפילו צוליב ריין אומשולדיקסטע מאָ-טיוון, זי וויל אָבער פילן אַז זי וואָלט עס געקאנט טון אויב

זי וואָלט געוואָלט. דאָס ליגט אין מענטשלעכן כאַראַקטער.

איצט זעען מיר, ווי אַזוי מיר קאָנען אויסגלייכן דורך פאַרגיטיקונג אַזעלכע אַרבעטן, וואָס זענען נישט אַזוי אָנגענעם צו טון און אַזעלכע וואָס זענען דערטרעגלעכער, גרינגער. גיט מער פרייע צייט, קורצערע שעהן פאַר פענסיאָנירטע אַרבעטער, מער אורלויב ביי שווערערע אַרבעט, און מען וועט זיך נאָכפרעגן אויף דידאַזיקע באַשעפטיקונגען, פונקט ווי אויף די אָנגענעמערע מיט ווייניקער פרייע-צייט. אין אַ בילדער-גאַלעריע וועט איר געפונען אַ פיין געקליידטע דאַמע זיצן ביי אַ טיש; זי האָט גאָרנישט וואָס צו טון, אַחוץ צו ענטפערן, ווען עס פרעגט זיך עמעץ נאָך אויף דעם פרייז פון אַ בילד אָדער, אויב עמעצער מאַכט אַ באַשטעלונג. זי שמועסט זיך דורך אַביסל מיט זשורנאַליסטן און אַרטיסטן; אויב זי לאַנגווייליקט זיך, קאָן זי זיך לייענען אַ בוך. די שטול וו זי זיצט איז אַ באַקוועמע און זי גיט אַכטונג, אַז זי זאָל שטיין נעבן אויוון, אָבער די גאַלעריע מוז געוואַשן און געשייערט ווערן יעדן טאָג און די פענסטער מוזן געהאַלטן ווערן זויבער. עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז אָט דער דאַמעס באַשעפטיקונג איז אַ לייכטערע און אַן אָנגענעמערע, ווי דער פרויס, וואָס טוט די גראָבע אַרבעט; כדי צו באַלאַנסירן זייערע אַרבעט און זייער באַפרידיקונג מוזט איר — אָדער לאָזן, זיי זאָלן זיך טוישן מיט דער אַרבעט ביים קאַנטאָר און ביים שייערן אָדער, אויב אַן ערשטקלאַסיקע פאָדלאָגע-וואַשערן, וועט זיך אַרויסווייזן נישט פאַסיק צו פאַרנעמען דער דאַמעס שטעל אין דער בילדער-גאַלעריע, און די דאַמע וועט זיך אַרויסווייזן צו זיין אַ שלעכטע פאָדלאָגע-וואַשערן — מוזט איר דער פאָדלאָגע-וואַשערן לאָזן פריער אהיים גיין ווי די דאַמע וואָס היט די בילדער-גאַלעריע כדי זי זאָל האָבן דעם איבריקן טייל פונם טאָג פאַר זיך. אין געזעלשאַפטלעכע בילדער-גאַלעריעס, וו די בילדער זענען נישט צום פאַרקויפן, דאַרף מען האָבן מענער, וואָס זאָלן אַכטונג געבן אויף די בילדער, דידאָזיקע מענער האָבן מער נישט וואָס צו טון, סיידן צו זען,

אַז מ'זאָל דאָרט נישט רויכערן, אַז מ'זאָל נישט גנבנען די ביל-
דער און מ'זאָל זיי נישט דורכשטעכן מיט די שפּיצן פון שירם
אָדער שטעקן בעתן אָנווייזן אויף זייער שיינקייט. פאַרגלייכט
ד י אַרבעט מיט דער אַרבעט פון איינעם, וואָס שמעלצט שטאָל.
יענער מוז אַרבעטן מיט די מוסקולן, אָנשטרענגען זיך, שטיין
נעבן אַ הייסן אויוון, פאַרטראָגן די קלאַנגען פון שטאַבעס צע-
שמאָלצענעם שטאָל. פאַר אַ מענטשן, וועלכער איז נישט געוווינט
צו אַזאַ אַרבעט, איז דאָס באמת אַ גיהנום אויף דער וועלט! עס
איז אמת, אַז דער שטאָלשמעלצער וואָלט זיך גיך אָנגעהויבן
לאַנגווייליקן ביי דעם גאַלעריע-היטערס אַרבעט און ער וואָלט
צוריקגעגאַנגען צום אויוון מיט דעם הייסן מעטאַל, און דער
גאַלעריע-היטער וואָלט נישט געקאָנט טון דעם שטאָלשמעלצערס
אַרבעט ווייל ער איז צו אַלט אָדער צו וויך אָדער צו פויל
אָדער אַלע דריי צוזאַמען. די ערשטע אַרבעט איז אַן אַרבעט
פאַר אַן אַלטן און די לעצטע אַרבעט — פאַר אַ יונגן. היינט
צו טאָג גלייכן מיר אויס דעם חילוק דורך דעם, וואָס מיר
צאָלן דעם שטאָלשמעלצער מער שכירות. אָבער דעם אייגענעם
באַלאַנס וואָלט מען געקאָנט מאַכן דורך געבן אים מער פרייע
צייט, סיי דורך מער אורלויב סיי דורך קורצערע שעהן. די
אַרבעטער טוען עס אַליין, ווען זיי באַקומען נאָר די געלעגנהייט.
אַז ס'מאַכט זיך אַ מאָל ווען עס קומען אָן גרויסע באַשטעלונגען
וואָס דאַרפן גיך אויסגעפאַרטיקט ווערן, און מ'לייגט זיי פאָר
טאָפּלטע שכירות אָדער צו אַרבעטן שטיק-אַרבעט און קאָנען מער
פאַרדינען, ווען זיי זאָלן אַרבעטן לענגערע שעהן — קלייבן זיי
אַליין אויס מער פרייע-צייט איידער מער געלט, און זיי נעמען
זיך אורלויב פון דאָנערשטיק ביז שבת. זיי פאַרלאַנגען נישט
מער געלט און נישט מער אַרבעט נאָר מער פרייע צייט פאַר
די אייגענע אַרבעט. דאָס באווייזט, אַז געלט איז נישט דער
איינציקער און נישט דער שטאַרקסטער טריב צו אַרבעט. פרייע
צייט, בכלל פרייהייט איז שטאַרקער דעמאָלט, ווען די אַרבעט
איז נישט אַזאַ מחיהדיקע.

# XXIV

## די טיראַנישקייט פֿון דער נאַטור

די ערשטע לעקציע וואָס מיר דאַרפֿן לערנען, ווען מיר ווערן אַלט גענוג צו קאָנען פֿאַרשטיין איז, אַז צו זיין אַבסאָלוט באַפֿרייט פֿון דער פֿליכט צו אַרבעטן, איז נישט נאַטורלעך און וואָלט געדאַרפֿט זיין נישט לעגאַל זינט מיר קאָנען זיך נור אַרויסדרייען פֿון אַרבעט דורך אַרויפֿוואַרפֿן איר אויף אַן אַנדערנס פּלייצעס. די נאַטור האָט געשאַפֿן אַ שטרענגן געזעץ, אַז די מענטשלעכע ראַסע זאָל אויסשטאַרבן פֿון הונגער, אויב זי וועט נישט אַרבעטן. מיר קאָנען זיך נישט באַפֿרייען פֿון דעמדאָזיקן טיראַניזם; די פֿראַגע וואָס מיר דאַרפֿן באַשטימען איז וויפֿל פֿרייע-צייט קאָנען מיר זיך דערלויבן, אויב מיר זאָלן אפֿילו מוזן אַרבעטן ווי גאַלעריע-שקלאַפֿן בעת דער אַרבעט. ווען דאַרפֿן מיר אויפֿהערן מיט אַ רויקן געוויסן און זיין זיכער, אַז מיר האָבן געטון אונדזער טייל און מיר קאָנען איצט זיין פֿריי ביז מאָרגן? דידאָזיקע פֿראַגע איז קיינמאָל נישט פֿאַרענטפֿערט געוואָרן און קאָן נישט פֿאַרענטפֿערט ווערן ביי אונדזער היינטיקן סיסטעם, ווען אַזוי פֿיל אַרבעטער טוען אַרבעט, וואָס איז נישט נור אומנוצלעך נור שעדלעך. אָבער ביי אַ גלייכע הכנסה-צעטיילונג און אַ גלייכן איינטייל פֿון אַרבעט וואָלטן מיר געקאָנט געפֿונען דעם ענטפֿער. דעמאָלט וואָלטן מיר געטראַכט וועגן אונדזער טייל

ארבעט, נישט וויפל געלט מער צו וועלן פאַרדינען, נור וויפל פרייקייט.

און נאָך אַ קוריאָזע זאַך וואָלט געשען, מיר רעוואָלטירן היינט צו טאָג קעגן דער פארשקלאַפונג פון ארבעט, ווייל מיר פילן, אז מיר זענען די שקלאַפן נישט פון דער נאַטור און אירע נויטווענדיקייטן, נור פון די ארבעטסגעבער און פון די, פאַר וועמען זיי געבן אונדז די ארבעט. דערפאַר האָבן מיר פיינט די ארבעט און מיר באַטראַכטן איר ווי אַ קללה, אָבער ווען אַלע זאָלן זיך איינטיילן גלייך מיט דעם עול און דעם לוין פון ארבעט וואָלטן מיר זיך באַפרייט פון דעם דאָזיקן געפיל, מיר וואָלטן זיך גאָרנישט געפילט געצוווּנגען, פאַרקערט, יעדער איינער וואָלט געפילט, אַז זינט דאַן ווען אַלע פּראָדוקטן פון דער אַרבעט וועלן צעטיילט ווערן אין גלייכע טיילן וועט זיין פאַר יעדן איינעם מער הכנסה וואָס מער אַרבעט עס וועט אָפּגעטון ווערן. מיר וואָלטן דעמאָלט אַנטדעקט אַז היימאַכן איז נישט די איינציקע אָנגענעמע אַרבעט. פאַבריק־אַרבעט, ווען ס׳איז נאָר נישט איבערגעטריבן קאַן זיין גאַנץ אָנגענעם און אַפילו לוסטיק. דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס מיידלעך ווילן ליבערשט אַרבעטן אין אַ שפינעריי ווי מ׳ווערט שיער נישט טויב פון דעם גערויש, איידער צו זיצן אַליין אין קיך. מאַטראָזן אַרבעטן שווער, אָבער זיי זענען תּמיד אויף דער פרייער לופט, שמועסן, שפילן און האָבן געניג אָפּוועקסלונגען פון אָרט צו אָרט און דאָס איז אַסך אַ פריילעכערע באַשעפטיקונג ווי צו זיצן אין דעמפּיקע ביוראָס, ציילן יענעמס געלט און איינשרייבן עס אין די ביכער. אַחוץ די אַרבעט וואָס איז אָנגענעמער צוליב אירע אומשטענדן, איז פאַראַן אַרבעט, וואָס איז אָנגענעם און אינטערעסאַנט אַן און פאַר זיך גופא ווי, אַ שטייגער, די אַרבעט פון פילאָזאָפן און אַלערליי אַרטיסטן, וואָס וועלן בעסער אַרבעטן אומזיסט, איידער גאָרנישט אַרבעטן, אָבער די דאָזיקע אַרבעט וואָלט ביי אַ סיסטעם פון גלייכער צעטיילונג מסתּמא גיכער געוואָרן אַן אַרבעט פון פרייע־צייט איידער פון געצוווּנגענער פּראָדוצירונג.

איצט בעטראַכט די אַזוי גערופענע פאַרגעניגנס, וואָס

מ׳פאַרקויפט אונדז אלס אָנגענעמערע זאַכן איידער אַרבעט. די עקסקורסיע-באַנען די ווינונגען נעבן ים, „די קעטשפּעני-שאַוס דאס שיכּרות, רי קינדערשע באַגייסטערונג פון פוטבאָל און קראָקעט די קליינע אַקטיאָרן-גרופּעס פון אָרימע טיפּשים וואָס פּרעטענדירן צו זיין קאָמיש און שארפזיניק, אין דער צייט ווען זיי זענען ווולגאר און נאַריש, און אלע איבריקע באַמיונגען וואָס ווערן געמאַכט, כּדי איינצורעדן דער אינטעלעגענטע פרוי, אַז זי פאַרברענגט גלענצנדיק איר צייט, בעת אין דער אמתן ווערט זי באַרויבט און פאַרלאַנגווייליקט און אויסגעמאַטערט און לסוף אַהיים-געשיקט בייז און מרה-שחורהדיק — צו באַווייזט דאָס נישט אַז מענטשן וועלן זיך אָנכאַפּן און עס זאָל נישט זיין, ווען מ׳גיט זיי ענדלעך אַ פאָר פרייע טעג פון צייט צו צייט אַ מאָל אַ יום-טוב? ווען זיי וואָלטן געהאַט אַ פאָר שעה אמתע פרייע-צייט יעדן טאָג, וואָלטן זיי געלערנט, ווי אַזוי זיך צו פאַרווײַלן. דערווייל זענען זיי עמי-הארצים אין דער דאָזיקער וויכטיקער קונסט; זיי קאַנען בלויז קויפן די ביליקע פאַרגעניגנס, וואָס מ׳לייגט זיי פאָר פאַר געלט דירך גרויסע רעקלאַמען, זיי האָבן זעלטן דעם געזינטן פאַרשטאַנד צו זען, אַז די דאָזיקע פאַרגעניגנס האָבן נישט אין זיך קיין שום פאַרגעניגן און מ׳פאַרטראָגט זיי בלויז דערפאַר, וואָס מ׳פאַרגעסט זיך אַביסל פון דער אלטעגלעכן געצווינגענעם עבודות-הפּרך.

ווען מענטשן וועלן האָבן גענוג פרייע-צייט אויף צולערנען, ווי אַזוי צו לעבן און וויסן דעם חילוק צווישן אמתן און איינגערעדטן גליק, וועלן זיי נישט נור אָנהויבן צו האָבן פאַרגעניגן פון זייער אַרבעט, נאָר זיי וועלן אָנהויבן פאַרשטיין, פאַרוואָס סיר דזשאָרדזש קאָרנוועל לויס האָט געזאָגט, אַז דאָס לעבן וואָלט געווען גאַנץ דערטרעגלעך, ווען עס וואלטן נישט געווען קיין פאַרווײַלונגען. ער איז געווען גענוג קלוג, צו זען אַז די פאַרווײַלונגען — אנשטאט אים צו אַמוזירן, ברענגען אים אויס זיין צייט און זיין געלט און זענען גורם אַ שלעכטן טעמפּעראַמענט. עס איז נישט פאַראן קיין אומנאָנגענעמערע זאַך פאַר א געזונטן מענטשן, ווי צו פאַרלירן אומזיסט צייט. זע,

ווי געזונט קינדער זענען אויס צו זיין, בעת זיי טוען עפּעס אָבער מאַכן עפּעס, ביז זיי ווערן נישט מידן עס וואָלט געווען פּונקט אזוי נאטירלעך אַז גרויסע מענטשן זאָלן בויען אמתע פּאַלאַצן צוליב פאַרגעניגן, ווי עס איז פאר קינדער צו בויען זאַמד-פּאַלאַצן. מיר ווילן נישט אַרבעטן פאַר פאַרגעניגן וועגן, מיר ווילן אָבער געפינען אַ געוויסן פאַרגעניגן און אינטערעס אין דער אַרבעט, וואָס זאָל אונדז באַשעפטיקן. באַוועגן אונזערע מוסקולן און געדאַנקן אין איין צייט. קיין שקלאַף קאָן אַזעלכעס נישט באַגרייפן, ווייל ער איז איבערגעאַרבעט און פאַראַכטעט און ווען, ער קאָן זיך אַוועקכאַפּן פון דער אַרבעט יאָגט ער זיך נאָך גראָבע און אומגעלומפּערטע עברות פּונקט ווי זיין גראָבע און אומגעלומפּערטע אַרבעט איז. באַפרייט אים! אמת, ער וועט זיך אפשר קיינמאָל נישט באַפרייען פון זיין שרעק פאַר אַרבעט און פון זיינע גראָבע עברות אָבער דאָס מאכט גאָרנישט אויס, ער און זיין דור וועלן אויסשטאַרבן און זייערע זין און טעכ-טער וועלן פעיק זיין צו געניסן פון דער פרייהייט, און עס וועט זיין אַ פאַרגעניגן פאַר זיי אַריינצולייגן אינטענסיווע אַרבעט כדי צו פאַרשענערן נוצלעכע זאַכן, און גוטע זאַכן אויסצובעסערן און פון שלעכטע זאַכן פּטור צו ווערן, וואָרן די וועלט איז ווי אַ גאָרטן זי נויטיקט זיך אין אַרומשניידן אַזוי גיט ווי אין זייען צעשטערונג האָט אין זיך אַזוי פיל נוצן און פאַרגעניגן ווי בויען, זיי זענען ביידע גלייך נויטיק.

כדי צו האָבן אַ קלאָרן באַגריף אין דעם דאָזיקן ענין מוזט איר מאכן אַ חילוק, נישט נור צווישן אַרבעט און פרייע צייט, נור צווישן פרייע-צייט און אָפּרו. אַרבעט הייסט טון דאָס וואָס מיר מוזן: רו איז טון דאָס וואָס מיר האָבן חשק צו טון רו הייסט גאָרניש טון אין דער צייט, ווען אונזער קערפּער און מוח רוט זיך אויס פון די אנגשטרענגונגען. אָבער טון דאָס וואָס מיר האָבן חשק צו טון, איז אָפטמאָל אזוי אָנשטרענגענדיק, ווי דאָס וואס מיר מוזן טון. למשל, אויב דאָס וואָס מיר האָבן חשק צו טון איז — צו לויפן מיט אַלע כוחות, כדי צו כאפּן אַ באַל אין יענעם עק פעלד. דאָס איז שווערער ווי אסך נויטיקע אַרבעט

אָבער צוקוקן זיך ווי אַנדערע מענטשן טוען עס, חייסט רוען, אַזוי ווי לייענען א בוך אָנשטאָט אָנשרייבן א בוך. אויב מיר וואָלטן געהאַט אַסך פרייע־צייט, וואָלטן מיר זי נישט געקאנט פאַרשווענדן מיט שפּילן אין באָל אָדער ארומקוילערן זיך אין גאָלף אָדער שיסן, גיין אויף יאגד א. א. וו, מיר וואָלטן אַוועקגעגעבן א גרויסן טייל פון אָט דער צייט פאר נוצלעכע ארבעט. און מען וואָלט געהאלטן פאר אַ פארברעכן נישט אָפּצוטון די געצווונגענע ארבעט, וואָס וואָלט מסתמה פארקלענערט געוואָרן מיט צוויי אָדער דריי שעה א טאָג: מען וואָלט זייער פיל געארבעט אין דער פרייער צייט. סתם אזוי, צוליב פאר־געניגן וואָלט מען זיך געווידמעט און געטון אַ מאסע ווילטע־טיקע ארבעט וואָס מיר קאָנען איצט נישט באקומען נישט פאַר געלט און נישט מיט ליבע. יעדע פרוי ווייסט, ווי שווער עס קומט איר אָן אָפּצורייסן איר מאן פון דער אַרבעט. אויב די ארבעט זיינע איז אן אינטערעסאנטע, אפילו צום עסן קאָן זי אים קוים אָפּרייסן. איינדעראמתן זענען דאָס די סיבות פון א סך מחלוקתן אין פאמיליען־לעבן. דאָס אייגענע איז מיט א פרוי וואָס נעמט זיך טיילמאָל צו אַ אינטערעסאנטער אַרבעט וועלכע זי גיט זיך איבער מיט לייב און לעבן און געפינט די דאָזיקע ארבעט אינטע־רעסאנטער ווי איר מאַנס געזעלשאפט, ווי זיינע שמועסן. אין פריינט ביי פּראָפּעסיעס, וואָס זענען אָפּגעזינדערט און האָבן נישט קיין שייכות מיט ביורעס אַדער פאבריקן אָדער דאמפמאשינען, ארבעטן א סך מענטשן אָן רעכנונג, און אזוי פיל ווערן קראנק און שטארבן אויס צוליב דעם, אזוי אַז דער פילאָזאָף הערבערט ספּענסער האָט קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט צו וואָרענען מענטשן פון צופיל ארבעט. עס קאָן ווערן אמין ליידנשאפט פונקט ווי שיכרות און פירן די קרבנות דערביי, וואָס ארבעטן ביז אויסמאַטערונג אַז זיי זאָלן מיט זייער ארבעט ברענגען מער שאדן ווי נוצן.

## XXV

# די באַפעלקערונגס־פראַגע

דער אַנדערער פון די צוויי מאָטיוון קעגן אַ גלייכער הכנסה־צעטיילונג איז, אַז דער רווח, אויב עס וועט זיין אַזאַ זאַך, וועט ער גיך פאַרשלינגען ווערן פון פאַרהייראַטע פּאָרלעך, וואָס וועלן זיך דערלויבן צו האָבן צופיל קינדער. די מענטשן וואָס זאָגן דאָס, שרייען שוין אַזוי אויך, אַז די איינציקע סיבה פאַרוואָס מיר ליידן פון אַזוי פיל דחקות, איז דאָס וואָס מיר האָבן צופיל מענטשן אויף דער וועלט אָדער, פאַרקערט, די וועלט איז צו קליין צו קאָנען פּראָדוצירן גענוג אויף צו שפּייזן אַלע מענטשן.

אויב דאָס וואָלט אפילו אמת געווען, וואָלט עס אויך נישט געווען קיין מאָטיוו קעגן אַ גלייכער הכנסה־צעטיילונג, ווייל וואָס ווייניקער מיר האָבן, אַלץ וויכטיקער איז, אַז מיר זאָלן עס גלייך איינטיילן, כּדי עס זאָל קלעקן פאַר אַלעמען און נישט נאָר פאַר־ערגערן די לאַגע דורך אומגלייכהייט. אָבער דאָס איז נישט אמת! אמת איז בלויז, אַז וואָס מער ציוויליזירטע מענטשן עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט, אַלץ רעלאַטיוו־אָרעמער איז דער גרעסטער טייל פון זיי, אָבער דאָס דערקלערט זיך איינ־פאַך דערמיט, וואָס זיי שאַפן עשירות און צעטיילן עס אויף אַזאַ אופן, אַז איין טייל, אַ העלפט, טוט גאָרנישט און לעבט ווי פּאַ־ראַזיטן אויף דעם חשבון פון דער אַנדערער העלפט פון דער

מענטשהייט, אנשטאָט זיי זאָלן פּראָדוציר̇ן און זיך אַליין אויס־האַלטן. באַטראַכט דעם פאַל מיט דינסטן למשל, דער גרעסטער טייל מענטשן האַלטן נישט מער ווי איין דינסט אויב זיי קאָנען זיך בכלל פאַרגינען צו האַלטן אַ דינסט, און אין הויכע ספערן קאָן אַ יונג פּאָרפאָלק נישט אויסקומען אָן ניין דינסטן, הגם עס זענען נאָך נישט פאַראַן קיין קינדער צום באַדינען. פונ־דעסטוועגן ווייסט יעדער איינער, אַז אַ פּאָרפאָלק וואָס האַלטן נור איין דינסט אָדער העכסטנס צוויי (שוין נישט גערעדט פון די וואָס האָבן גאָר קיין דינסט נישט) האָבן מער נוצן פון זייער איינציקער דינסט איידער יענץ אומגליקלעך פּאָרל, וואָס מוזן געפונען אָרט פאַר ניין דערוואַקסענע מענטשן, און נאָך אויפהאַלטן ביי זיי דעם שלום־בית.

אין דער אמתן גיבן די ניין דינסטן אַכטונג אויף זיך אַליין, און נישט אויף זייערע באַלעבאַטעס. אויב איר וועט האָבן אַ דינער און אַ שאפער, ווייל ס'איז אין דער מאָדע מוזט איר האָבן עמעצן וואָס זאָל קאָכן די מאָלצייטן צורעכט מאַכן די געלעגערס פאַר זייערטוועגן א. א. וו. דינסטן דאַרפן האָבן באַדינונג, פונקט אַזוי גוט ווי די דאַמע פונם הויז, און זיי זע־נען נאָך מער פון פעדאַנטיש, נישט צוצורירן זיך חלילה צו זייער אַרבעט. עס איז אַ טעות צו זאָגן, אַז עס איז לעכערלעך צו האַלטן ניין דינסטן צוליב צוויי מענטשן, ווייל עס זענען דאָ עלף מענטשן, וואָס דאַרפן באַדינט ווערן, און אַזוי ווי צוויי פון זיי טוען גאָרנישט, בלייבט גאָרנישט איבער אַזוי פיל צייט פאַר דידאָזיקע צוויי ווי מ'קאָן מיינען. דאָס איז די סיבה, וואָס פּאָר־לעך, וועלכע האָבן ניין דינסטן באַקלאָגן זיך, אַז עס איז זיי שווער אויסצוקומען מיט אַזאַ באַגרענעצטע דינערשאַפט און זיי פאַרגרעסערן זיי מיט איינגייערינס, מיט צייטווייליקע שניידערינס און שיק־יונגלעך. אַ סך פאַמיליעס וואָס באַשטייען פון אַ גאַנץ געוויינטלעכע צאָל מיטגלידער און האָבן אויסערגעוויינטלעכע הכנסות, האַלטן צו דרייסיק דינסטן, און אַזוי ווי די דרייסיק באַדינען מער־ווייניק איינע די אנדערע, איז גאָר נישטאָ קיין שיעור וויפל זיי דאַרפן נאָך האָבן, הגם זיי האָבן נישט תמיד גענוג

אָרט אויף שלאָפשטובן פאַר אזא כאַליאַסטרע. וואָס מער דינסטן איר האָט, אלץ ווייניקער צייט האָבן זיי פאַר אייערטוועגן און אי ר דאַרפט אלץ מער און מער, אָדער פאַרקערט, זיי דאַרפן עס און זיי לוינט עס, אָבער אייך לוינט עס נישט.

ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דידאָזיקע כּאָפּטע דינסטן האַלטן זיך נישט אליין אויס, נאָר זייער באַלעבאָס איז זיי מפרנס, און אויב דער באַלעבאָס איז אַ פוילענצער, וואָס לעבט פון דירה־געלט און פּראָצענטן, הייסט עס, אַז ער לעבט פון זיינע שכנים און פון די וואָס אַרבעטן אין די פאַרשידענע גע־זעלשאַפטן, ווי ער האַלט זיינע געלטער. אזוי אַרום לעבט דאָס גאַנצע הויזגעזונט, סיי דער באַלעבאָס, סיי די דינסטן, נישט אויף זייער אייגענעם רעכנונג. און זיי וואָלטן נישט געלעבט פון אייגענע פאַרדינסטן, ווען די וועלט וואָלט אפילו געווען צען מאָל אַזוי גרויס ווי זי איז. אנשטאָט צו פיל מענטשן האָבן מיר צופיל פוילענצער אוף דער וועלט און צופיל אַרבעטער וועלכע פאַרלירן זייער צייט ביים באַדינען אָט די פוילענצער. באַפרייט זיך פון דידאָזיקע לײדיקגייער און באַשעפטיקט די, וואָס באַדינען זיי, מיט נוצלעכער פּראָדוקטיווער אַרבעט און מיר וועלן אַ לאַנגע צייט נאָכדעם נישט הערן, אז מיר האָבן צופיל מענטשן אויף דער וועלט און אפשר וועלן מיר קיינמאָל נישט הערן אזעלכע ווערטער; די נאַטור האָט פאַרשידענע עצות צו אזעלכע פאַלן.

אַ טייל מענטשן וועלן עס אַ סך גרינגער פאַרשטיין, אויב איך וועל עס זיי אויפווייזן מיט ציפערן ווי למשל אַן אַריטמע־טישן חשבון. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז צוואָנציק מענטשן פּראָ־דוצירן דורך זייער אַרבעט צו הונדערט פונט אַ יאָר יעדערער, און זיי באַשליסן אָדער זיי זענען געזוצלעך געצוווּנגען אָפּצו־געבן פופציק פונט דערפון צום באַלעבאָס פונם גוט, ווו זיי אַרבעטן. באַקומט דער באַלעבאָס טויזנט פונט אַ יאָר נישט פאַר קיין אַרבעט נאָר פאַר באַזיץ און ער קאָן זיך פאַרגינען אויס־צוגעבן פינף הונדערט פונט אַ יאָר און ער וועט נאָך זיין צען מאָל רייכער פון יעדערן פון די צוואָנציק אַרבעטער. די אַנדע־

רע פינף הונדערט פונט וועט ער קאָנען פארנוצן אויף דינגען זיך זעקס מאנסלייט אין אַ יינגל צו פינפאונצוואַנציק פונט א יאָר, וואָס זאָלן אים באדינען און זאָלן גרייט זיין ארויסצוטרעטן מיט געווער אין פאל ווען אײנער פון די צוואַנציק מענער וועט אפשר פראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס ער מוז אוועקגעבן אומזיסטע פופציק פונט. די זעקס מענער וועלן זיך נישט אָנגעמען פאר דעם, וואָס האָט נאָר פופציק פונט אַ יאָר, ווייל זיי אליין האָבן דאָך צו פינףאונזיבעציק, זיי וועלן נישט זיין גענוג קלוג אויסצורעכענען, ווען זיי זאָלן זיך אלע ווי אײנער א נעם טון אָפּשאַפן דעם אייגנטימער און אליין ארבעטן ביי א נוצלעכער ארבעט, וועט יעדער פון זיי האָבן הונדערט פונט.

איר דאַרפט נור כופלן די צוואַנציק אַרבעטער און די זעקס אָדער זיבן אויסניצערס מיט מיליאנען כדי צו באַקומען דעם אייגנטלעכן פלאַן פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין יעדן לאנד. ווו ס'איז פאַראן אַ קלאַס פון אייגנטימער מיט אַ גרויסער פאָליציייאישער מאַכט און אַן אַרמעע, אָפּצוהיטן זיי מיט זייערע פאַרמעגנס, מחנות דינער וואָס זאָלן אַרומגיין אַרום זיי און גאנצע מאַסן אַרבעטער, וואָס זאָלן פּראָדוצירן לוקסוס-זאַכן פאָר זייערטוועגן און אָן אַשיעור ניצלעכע אַרבעטער וואָס העלפן זיי.

אין דער צייט ווען זיי דאַרפן זיך אַליין אויסהאַלטן. צי די פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג וועט מאַכן דאָס לאַנד רייכער אָדער אָרימער, ווענט זיך נישט אין דער פרוכטבארקייט פון דער ערד נור אין דעם, צי מען וועט דעם צוגעקומענעם געבן צו טון ניצלעכע אַרבעט אָדער נישט, אויב יאָ, וועט דאָס לאַנד רייכער ווערן; אויב אָבער מ'גיט זיי נישט-פּראָדוצירנדיקע אַרבעט, ווי באַדינען די רייכע אָדער אָרימע דינסטן אָפּצוהיטן דאָס אייגנטום אָדער דאָס רעכט פון די רייכע אָדער אַנדערע דינסטן און פראָפעסיעס, וואָס ברענגען נוצן נור די אייגנטימער, וועט דאָס לאַנד ווערן אָרימער, הגם די אייגנטימער פון פאַרמעגנס וועלן אפשר ווערן רייכער. עלעגאַנטע קליידער בריליאַנטן און אויטאָמאָבילן וועלן ווערן שענער רייצנדיקער און די דינסטן משרתים א. א. וו. וועלן באַקומען גרעסערע הכנסות

און מער בילדונג ווי זייערע עלטערזיידעס. פאַרשטייט זיך, וואָס מער מענטשן עס זענען פאַראַן אין אַ לאַנד, אַלץ רייכער איז עס צוליב דעם ניצן, וואָס ס׳ברענגט די צעטיילונג פון אַרבעט. צעטיילונג פון אַרבעט הייסט, אַז אָנשטאָט יעדער מענטש זאָל מוזן אַלץ טון פאַר זיך אַליין, אַזוי ווי ראָבינזאָן קרוזאָ זאָלן די פאַרשידענע מינים אַרבעטן געטון ווערן פון פאַרשידענע מינים אַרבעטער, וואָס ווערן וואָס ווייטער מער געשיקט און ספּעציאַליזירט צוליב דעם, וואָס זיי גיבן זיך כּסדר אָפּ מיט דעם, אַ חוץ דעם, קאָן זייער אַרבעט אָנגעפירט ווערן דורך אַזעלכע, וואָס גיבן זיך ספּעציעל אָפּ מיט אָנפירן אַרבעט. די אָפּגעשפּאָרטע צייט קאָן אויף אַזאַ אופן פאַרניצט ווערן אויף מאַכן מאַשינען, גאַסן און אַלערליי פּראָיעקטן, ווי אַזוי איינצושפּאָרן צייט אין אַרבעט אין דער צוקונפט. דערפאַר קאָנען צוואַנציק מענטשן פּראָדוצירן מער ווי טאָפּלט—פון דעם, וואָס צען מענטשן קאָנען פּראָדוצירן און הונדערט קאָנען פּראָדוצירן אַ ס ך מ ע ר ווי פינף מאָל אַזוי פיל איידער צוואַנציק. ווען רייכטום און אַרבעט, וועלכע פּראָדוצירט דאָס רייכטום, וואָלטן צעטיילט געוואָרן אויף גלייכע חלקים, וואָלט אַ באַפעלקערונג פון הונדערט געווען אַ סך רייכער, איידער אַ באַפעלקערונג פון צען און אַזוי כּסדר, ביז צו אַ מאָדערנער באַפעלקערונג פון מיליאָנען, וואָס וואָלט געדאַרפט זיין אַ סך רייכער פון די אַלטע געמיינדעס וועלכע באַשטייען נור פון טויזנטער, און דאָס וואָס זיי זענען נ י ש ט רייכער פון זיי אָדער אַפילו קוים עטוואָס רייכער האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די לײדיקגייער און פאַראזיטן וואָס באַרויבן זיי, פּונקט ווי מיר באַרויבן די בינען, נעבעך.

איך טאָר אייך פונדעסטוועגן נישט אַריינפירן אין קיין טעות און אייך איינרעדן, אַז אויב מיר וואָלטן איינגעפירט אַ גלייכע צעטיילונג, וואָלט עס געקאָנט בלייבן אַזוי אויף שטענדיק מענטשלעכע ברואים קענען זיך אונטער גוטע אומשטענדן זייער שטאַרק פאַרמערן. אַן איינציק פּאָרל פון זייער שפּעטערדיקן דור האָבן זיך אַרויסגעוויזן, פעיק גענוג אָפּצושטעלן מלחמה; נאָכקומענדיקער און פאַרצייטיקער טויט קאָן אַמאָל האָבן צוואַנציק

מיליאָן יורשים אינם משך פֿון פֿיר הונדערט יאָר. ווען אַלע פֿאָרלעך וואָלטן זיך געמערט אויף אַזאַ אופֿן, וואָלטן מיר בקרוב נישט געהאַט אַפֿילו קיין שטיי-פּלעצער אויף דער ערד. און מיר וואָלטן געהאַט אַ סך ווייניקער פֿעלדער צו פֿאַרזען ווייל ס'איז פֿאַראַן אַ גרענעץ צו דער קוואַנטיטעט פֿון נאָכגעביקייט מצד דער ערד לגבי דער אַרבעט. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין גרענעץ צו דער פֿאַרמערונג פֿונם מענטשלעכן מין, וואָלטן מיר זיך לסוף אַרומגעזען אַז אַנשטאָט צו פֿאַרגרעסערן די נאַרונגס-מיטלען דורך האָדעווען מער מענטשלעכע וועזנס וואָלטן מיר זיי פֿאַרקלענערט.

הגם מיר נוצן אויס היינט די הימלען דערמיט וואָס מיר באַקומען אַרויס שטיקשטאָף פֿון דער לופֿט וועלן זיך געפֿונען אַנדערע מאָטיוון אַ הויך די דערנערונגס-פֿראַגע וואָס וועלן אונדז צווינגען אָפּצושטעלן אונדזער פֿאַרמערונג. מענטשן לעבן נישט אויף ברויט אַליין, הגם עס איז מעגלעך, אַז עס זאָל זיין אַן איבעעפֿלוס פֿון מענטשן און פֿונדעסטוועגן זאָלן אַלע זיין גוט גענערט. נאָך דער מלחמה איז קיין באַזונדער מאַנגל אין שפּייז נישט געווען אין ענגלאַנד. אָבער עס איז געווען אַ שרעקלעכער מאַנגל אין הייזער. אונדזערע שטעט זענען איבערפֿולט. כּדי צו פֿאַרזאָרגן יעדער שטעטישע פֿאַמיליע, מיט אַ באַקוועם הויז צום וווינען און מיט אַ גאָרטן נעבן הויז — וואָלטן די גאַסן אונדזערע זיך געדאַרפֿט אויסשפּרייטן איבער גרויסע שטחים. עס וועט אפֿשר קומען אַ טאָג, ווען מיר וועלן מוזן באַשטימען, וויפֿל מענטשן מיר קאָנען זיך דערלויבן צו האָבן, כּדי צו קאָנען זיך דערהאַלטן ביים געזונט און מיר וועלן זיך מוזן האַלטן ביי דער באַשטימטער נאָרמע, אַזוי לאַנג ביז מיר וועלן האָבן סיבות צו ענדערן זי.

אויף אַזאַ אופֿן וועט מען מוזן גוט אין אַכט נעמען די פֿרוי, וואָס קאָן האָבן קינדער. אַ פֿרוי קאָן האָבן צוואַנציק קינדער. אין געוויסע אייראָפּעישע לענדער זענען פֿאַמיליעס פֿון פֿופֿצן מענטשן אַ געוויינטלעכע דערשיינונג; אָבער, הגם אַ גוט-גענערטע פֿרוי מיט אַ קרעפֿטיקן קערפּער-בוי קאָן, אין נאָרמאַלן פֿאַל גאַנץ גוט אויסשטיין דאָס

געבוירן פון אַ סך קינדער עס זאָל איר אויף אַ האָר נישט שאַטן, און זי זאָל בלייבן פונקט אַזוי און אפשר נאָך געזונטער ווי אַ פרוי וואָס האָט לגמרא קיין קינדער נישט געהאַט — ברענגט אָבער די שוואַנגערשאַפט לאַנגע חדשים פון אומבאַקוועמלעכקייטן, אָפּגעשוואַכטקייט, צייטווייליקע אומפעיקייט, שווערע יסורים און חוץ דעם רעזיקירט זי ביי יעדן קינפּעט מיטן לעבן. דער פאָטער איז פּטור פון דעם אַלעם! אָבער ביים איצטיקן סיסטעם מוז דער פאָטער זען צו פאַרדינען אויף פּרנסה פאַר די קינדערס וועגן ווי לאַנג זיי זענען קליין און קאָנען נישט אַליין פאַרדינען און הגם עס איז מעגלעך, אַז שפּעטער, ווען זיי וועלן אונטער-וואַקסן און קאָנען נעמען אַרבעטן, וועלן זיי האָבן גענוג אַרבעט זענען זיי אָבער לעת-עתּה אַבסאָלוט נישט פאַ־זאָרגט מיט קיין ברויט. דעריבער קאָן אַ גרויסע־ צוווּקס פון דער באַפעלקערונג וואָס וועט אפשר באַרייכערן די וועלט, זיין אַן אומדערטרעג-לעכע לאַסט פאַר די עלטערן. דאָס איז די סיבה, וואָס זיי באַ-גרענעצן זייערע פאַמיליעס צו אַזאַ צאָל, וואָס דער פאָטער זאָל קאָנען אויסהאַלטן און די מוטער זאָל חשק האָבן צו טראָגן און האָבן, סיידן זיי וויסן נישט ווי אַזוי מען טוט דאָס אָדער עס איז זיי לויט זייער רעליגיע פאַרבאָטן צו פּראַקטיצירן געבורט-קאָנטראָל.

דאָס שפּילט אַ שטאַרקע ראָל פאַר דעם גלייכער הכנסה-צעטיילונג. כּדי דאָס דייטלעך צו דער־קלערן, מוז איך צוריקגיין אַביסל און אין פלוג בייטן די טעמע און דעם שייכות דער־יט וועט באַלד קלאָר ווערן. אויב אַלע אַרבעטער זאָלן באַקומען גלייכע הכנסות, ווי אַזוי אָבער זאָלן מיר זיך באַצ־ען צו דעם פאַקט, וואָס נישט אַלע אַרבעטער האָבן די אייגענע אויסגאַבן וואָס זיי מוזן האָבן צו דער אַרבעט? אמת, אַז לעבנסמיטל קאָן קאָסטן יעדן גלייך, אַ פילאָזאָף אָדער אַן ערד-אַרבעטער, אָבער מאַטער-יאַלן און געצייג צו דער אַרבעט אונטערשיידן זיך זייער שטאַרק. אַ פרוי קאָן למשל אין משך פון טאָג אויסנוצן צו דער אַרבעט אַ קלעצעלע פאָדעם, וואָס קאָסט נור עטלעכע פענעס, בעת איר מאַן, אויב ער אַרבעט ביי אַ ווייסנשאַפטלעכער אַרבעט, קאָן גע-

ברייכן אַ געוויסן ראַדיוס, וואָס קאָסט זעכציק טויזנט פונט אַן אונץ. די סאָלדאַטן וואָס האָבן געאַרבעט אויפן בעלגישן שלאַכטפעלד האָבן געהאַט זייער קליינע הוצאות פאַר זיך אַליין, הגם זיי האָבן רעזיקירט מיט לייב און לעבן. אָבער די קאָסטן פון די מאַטער-יאַלן, וואָס זיי האָבן אויסגענוצט יעדן טאָג, זענען געווען אומ-געהייער. ווען זיי וואָלטן באַצאָלט פון זייערע שכירות פאַר די האַרמאַטן, וואָס זיי האָבן אויסגעשאָסן, וואָלט קיין מלחמה נישט פאָרגעקומען.

אָבער דידאַזיקע נישט גלייכע הוצאות צו די פאַרשידענע אַרבעטן ווערט נישט פאַרענטפערט אָדער אויסגעגלייכט ווערן דורך ליידיקגיין, אורלויב, און פּריווילעגיעס צווישן אַרבעטער און אַרבעטער; און נאָך ווייניקער קאָן עס פאַרענטפערט ווערן דורך אַ נישט גלייכן אַרבעטסלוין. אפילו אַזאַ מענטש וואָס איז ממש משוגע פ א ר ן איצטיקן לוין-סיסטעם, וועט נישט פאָדערן, אַז מ'זאָל צאָלן איינעם וואָס אַרבעט ביי אזא פאַך, צו וועלכן מ'דאַרף האָבן טייער געצייג אָדער מאַטעריאַל מער שכירות פון דעם, וואָס באַנוצט זיך מיט ביליקע מכשירים ביי זיין אַרבעט. דער אַרבעטער קאָן נישט אויסשטיין די קאָסטן פון די מאַטעריאַלן און געצייג, וואָס ער דאַרף האָבן צו דער אַרבעט. אויב ער וועט באַקומען אַ גלייכע טייל פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה וועט מען אים מוזן אָדער באַזאָרגן מיט די נויטיקע אַרבעטס-מכשירים, אָדער צוריקצאָלן פאַר די אויסגאַבן.

איצט, ווען מיר וועלן דעמדאָזיקן ביישפּיל אָנווענדן צו דער מי און די קאָסטן פון האָבן און דערציען קינדער, וועט יעדערער מודה זיין, אַז די הוצאות פון קינדער-דערציען טאָר נישט פאַלן צו לאַסט אויף די עלטערן. מען העלפט זיי אָביסל אַרויס כלומרשט מיט געוויסע אומבאַדייטנדיקע סומעס, וואָס זע-נען באַשטימט פאַר אָרעמע קינפעטאָרינס און דורך דעם וואָס מען פאַרקלענערט די הכנסה-שטייערן, אויב עס קומט צו אייך אַ קינד אין דער פאַמיליע. ווען מ'זאָל איינפירן אַ גלייכע הכנסה-צעטיילונג, וואָלט דאָס קינד פון דעם ערשטן טאָג אָן ווען ער איז געבוירן געוואָרן, שוין באַרעכטיקט געווען אויף זיין טייל. און די עלטערן וואָלטן געווען די אָפּיעקונעס פון זייערע קינ-

דער, זיי וואָלטן בלי־ספק געווען פאַרפליכטעט צופרידנצושטעלן די געזעלשאַפט, וואָס וואָלט געפאָדערט אַ דין־וחשבון אין דעם פאַל ווען עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי פאַרנאַכלעסיקן די קינדער. און זיי באַקומען נישט דעם פולן טייל וואָס זיי קומט. ביי אַזאַ סיסטעם וואָלט אַ פאַמיליע פון נאָך נישט קיין דער־וואַקסענע קינדער געווען אַ גאַנץ גרינגער ענין, און די מוטער וואָלט זיך געקאָנט אונטערנעמען צו האָבן קינדער און צו דער־ציען זיי, פּשוט כּדי צו זיין אַ מוטער צו געניסן פון דערדאָזי־קער נאַטורלעכער פּריוועלעגיע, וואָס וואָלט פאַר איר געווען אַ שטאָלץ און אַ באַפרידיקונג.

אָבער עס איז אַ טעות, אויב מ׳מיינט אַז אַזעלכע אָנגע־נעמענע באַדינגונגען וואָס קאָנען גורם זיין פריע חתונות און קאָ־נען אַ סוף מאַכן צו דער איצטיקער מוראדיקער קינדער־שטער־בלעכקייט — וועלן ברענגען דערצו, אַז די באַפעלקערונג זאָל זיך פאַרמערן אַ סך מער ווי עס וואָלט געווען געוווּנטשן, אָדער זי זאָל זיך פאַרגרעסערן אין אַ צו שנעלן טעמפּאָ, וואָס איז פונקט אַזוי אומאָנגענעם, ווייל די צייט שפּילט דאָ אַ גרויסע ראָל. עס וועט אפשר זיין יאָ געוווּנטשן, אַז אין משך פון הונ־דערט יאָר זאָל זיך די באַפעלקערונג פאַרגרעסערן און זייער נישט געוווּנטשן, אַז עס זאָל געשען אין פאַרלויף פון פופציק יאָר און עס זאָל אפשר ברענגען דערצו, אַז מיר זאָלן דאַרפן קאָנטראָלירן די צאָל קינדער וואָס וועלן געבוירן ווערן, ווייל אַזוי וועט פאָדערן די נייע אָרדנונג און די נייע מעגלעכקייטן.

וואָס טוען מיר איצט? וואָס פאַר אַ מיטלען נעמען מיר אָן, אַז די באַפעלקערונג זאָל נישט זיין גרעסער, ווי מיר קאָ־נען ביים איצטיקן סיסטעם פון נישט גלייכער צעטיילונג אויס־האַלטן? דאָס וואָס מיר טוען איז אין די מערסטע פאַלן שרעק־לעך און געמיין. אונדזערע מיטלען רופן אַרויס מלחמות, מגפות און אָרעמקייט, וואָס איז גורם, אַז מאַסן קליינע קינדער זאָלן אויסשטאַרבן פון הונגער, פון שלעכטער קליידונג און שלעכטע וווינונגען, נאָך איידער זיי ווערן אַלט אַ יאָר. האַנט ביי האַנט מיט אָט די געמיינהייטן אָפּערירן די עלטערן מיט אַלערליי קונסט־

לעכע געבורט-קאָנטראָל-מיטלען דער עיקר צווישן דעם געביל־דעטן קלאַס, בתוכם אויך גרויסע קינסטלער. די באַפעלקערונג פאַרקלענערט זיך אויף אַן ערנסטן אופן. די פראַנצויזישע רעגירונג וואָס האָט שטאַרק מורא, אַז זי וועט מיט דער צייט נישט האָבן קיין סאָלדאַטן, פאָדערט פון דער באַפעלקערונג, אַז זיי זאָלן זען האָבן מער קינדער, כדי אויסצופילן דעם דעפיציט פון צוואַנציק מיליאָן אין פאַרגלייך מיט דייטשלאַנד, אָט די מורא פאַר אַ צו גרויסער באַפעלקערונג מוז ברענגען צו דער־דאַזיקער קרימענעלער פּראַקטיק. און אין די מזרח-לענדער, ווו די מענטשן זענען מער אָפן, וואַרפן זיי פּשוט אַוועק די נישט געוווּנטשענע קינדער, דער עיקר די מיידלעך און לאָזן זיי איבער אויף הפקר צו שטאַרבן פון הונגער. דער הומאַניסטישער מחמד האָט בשום-אופן נישט געקאָנט איבערצייגן די אַראַבער, אַז דאָס איז אַן עבירה. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ווען עס וועט קומען דער טאָג ווען זיי וועלן דאַרפן אָפּגעבן דין-וחשבון, וועלן די דאָזיקע קינדער אויפשטיין און וועלן פרעגן „וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך אַזוינס געטון?” אָבער נישט געקוקט אויף דרשות. וואַרפט מען נאָך אַלץ אַוועק די קינדער אין אַזיע, און אין די קריסטלעכע לענדער, ווו איבערלאָזן קינדער אין גאַס אויף גאָטס באַראָט איז שטרענג פאַרבאָטן, שטאַרבן זיי אויס אַ ריזיקער צאָל פון אָפּגעלאָזנקייט און הונגער, און שלעכטער דערציונג, אַז מיר דוכט, די קינדער וועלן אויך אין אַ געוויסן טאָג אויפשטיין און פרעגן: צי וואָלט נישט געווען גלייכער ווען מ'וואָלט אונדז געווען איבערגעלאָזט אויף הפקר אין גאַס?

פון די אַלע מעטאָדן, צו פאַרקלענערן די באַפעלקערונג, איז די קינסטלעכע געבורט-קאָנטראָל, דאָס הייסט היטן זיך אַז, זיי זאָלן בעסער נישט געבוירן ווערן — די מענטשלעכסטע זי איז מער אין הסכּים מיט דער ציוויליזאַציע און איז זיך ווייט נישט סותר מיט דער מאָראַל, אַזוי ווי די אויבנדערמאָנטע. וואָס אַן אמת האָבן טאַקע די אַרציביסקאָפּן און קאַרדינאַלן דער־קלערט די געבורט-קאָנטראָל פאַר אַ זינד, אָבער זייער אויטאָ־ריטעט פאַרלירט אויף דעם געביט דעם ווערט, דערפאַר וואָס

אין די צייטן פון קריסטוס און זיינע נאָכפאָלגער איז נישט געווען קיין באַפעלקערונג-פראַגע. זיי האַלטן, אַז הייראַט איז אַ זינד אַלציינס צי מ׳ברענגט קינדער אויף דער וועלט אָדער נישט, אונדזערע גלחים זענען געצוווּנגען מודה צו זיין, אַז די סעקסועלע פראַגע איז אַ קללה אַרויפגעצוווּנגען אויף אונדז דורך חוהס ערשטע זינד, אָבער מ׳קאָן זיך נישט אפטרייסלען פון אַ פאַקט, מיט דעם וואָס מ׳וועט אים אָנרופן קללה אָדער פּרוּוון איגנאָרירן אים. מיר האָבן נישט קיין ברירה און מיר מוזן דערפאַר אַ קעגנקומען דעם דאָזיקן פאַקט מיט דעם וואָס מיר וועלן אָנווענדן מיטלען צופאַרהיטן פון צופיל קינדער-האָבן און רעאַליזירן די סעקסועלע נאַטור. די אייגנטלעכע פראַגע איז נישט, צו מיר זאָלן פאַרהיטן, אַז עס זאָל זיך נישט פאַרגרעסערן דער צוּוואוּקס פון דער באַפעלקערונג נור ווי אַזוי זאָלן מיר עס פאַרהיטן, צו זאָלן מיר אָנווענדן מיטלען, אַז עס זאָלן נישט געבוירן ווערן קיין צופיל קינדער, אָדער צי זאָלן מיר זיי לכתּחילה מוזן ברענגען אויף דער וועלט נאָר דערנאָך זיי אויסקוילן דורך מפּלען, איבערלאָזן זיי אויף הפקר, הונגער, אָפּגעלאָזנקייט שלעכטע דערציונג, מגפות מלחמות רציחות און פלוצלונגען טויט. איך ראַט די אַרציביסקאָפּן און די קאַרדינאַלן, אויסצוקלויבן די צווייטע ברירה. סאַנט פאָל איז געווען קעגן חתונה האָבן, אָבער ער האָט געזאָגט: „בעסער חתונה האָבן איידער ברענען" אונזערע אַרציביסקאָפּן און קאַרדינאַלן קאָנען פיינט האָבן די פאַרהיטונגס-מעטאָדע (דרך אַגב מוז איך מודה זיין, אַז איך האָב עס אויך פיינט). אָבער וועלכער פון זיי וואָלט אַנדערש געזאָגט. מ׳זאָל זיי שטעלן די פראַגע ווי סאַנט פאָלן? עס איז בעסער נישט צו האָבן קיין קינדער, אויף וואָסער אופן איר זאָלט זיך נישט פאַרהיטן פון זיי, איידער זיי צו געבוירן און אויסהרגענען ווי מיר טוען עס היינט צו טאָג.

מיר האָבן איצט געזען ווי אַזוי דער סיסטעם פון נישט גלייכער צעטיילונג פון די נאַציאָנאַלע הכנסות האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף אונז די פראַגע פון געבורט-קאָנטראָל, אין דער צייט, ווען עס אין נאָך פאַראַן גענוג פרייער פּלאַץ אויף דער וועלט. קאַ

נאַדע און אויסטראַליע זענען נאָך נישט אינגאַנצן באַזעצט. די אויסטראַליער זאָגן, אַז די ליידיקע ערטער קאָן מען נישט באַווינען אָבער בלויז א דאנק אונדזער מיליטערישער קראפט זענען די יאַפּאַנער געצווונגען נישט צו קאָנען זאָגן:

„אויב איר וועט זיך דאָרטן נישט באַזעצן וועלן מיר עס טון". מיר האָבן געבורט-קאָנטראָל אַפילו דאָרט, ווו קענן דעם ווערט געפירט אַ שטאַרקער קאַמף מצד דער קירכע.

דאָס איינציקע מיטל אָפּצושאַפן געבורט-קאָנטראָל איז אויסצוראָטן קינסטלעכע אָרעמקייט וועלכע האָט איר אייגנטלעך געשאַפן. אַזוי ווי אַ גלייכע צעטיילונג פון הכנסות קאָן דאָס באַווייזן, וועלן אַלע וואָס זענען געגנערס פון געבורט-קאָנטראָל צוגעבן, אַז דאָס איז פּונקט אזא מאָטיוו ווי די אַלע אויבנ-דערמאָנטע מאָטיוון אַריינצופירן אַ גלייכע הכנסה-צעטיילונג. אויב עס זאָל קומען צום לעצט-מעגלעכן מאָמענט, קאָן קיינער נישט פּאָרויסזען די ווירקינג, וואָס דער נויטווענדיקער דרוק פון דער באַפעלקערונג וועט ברענגען. עס קאָן זיין, אַז די נאַטור וועט זיך אַריינמישן און וועט אונדז באַפרייען פון דעם גאַנצן ענין. מיר רעכנען דאַרויף, ווייל מיר זעען אָפט, אז די צאָל פון די קינדער, וואָס ווערן געבוירן ענדערט זיך לויט זייערע לעבנס-באַדערפעניש. אויב זיי זענען אויסגעשטעלט אויף אַזעלכע גע-פאַרן און שווערע באַדינגונגען, וואָס קאָנען איבערלאָזן פון זיי נאָר אַ גאַנץ קליינע צאָל אויף דער וועלט, וועט די נאטור אַליין אָן שום קינסטלעכע אָנווענדונגען פּראָדוצירן אַ ריזיקע צאָל כדי נישט צו דערלאָזן, אַז דער מין זאָל אונטערגיין. מיר האָבן אַלע געהערט פון דעם קאָדפיש מיט זיינע מיליאָנען אייער און פון דער בין-קעניגין, וואָס לייגט פיר טויזנט אייער אַ טאָג. אמת, דער מענטשלעכער מין איז נישט אַזוי פרוכטבאַר. דאָך זעען מיר, אַז אָפט צווישן מענטשלעכע באַגרענצונגען, מאַכט די נאַטור אַחילוק. צווישן אָרימע, שלעכט-געגערטע, אומקולטווירטע, דע-פעקטיווע מענטשן ביי וועמען די קינדער שטאַרבן קליינערהייט און אין אַ גרויסער צאָל; און צווישן מענטשן, וואָס זענען קולטווירט גייסטיק און פיזיש, די דעפעקטיווע זענען במילא פאַר-

זאָרגט אין יענע ווידער האָבן ווייניקער קינדער, אַפילו זיי פּראַקטעצירן נישט קיין געבורט־קאָנטראָל. די צרה איז דאָס וואָס די נידריקע מאַסע האָט מער קינדער פון דעם העכערן קלאַס; גראָד דער אויסגעהונגערטער פינסטערער המון, וואָס איז נישט בלויז אומקולטיווירט נור אויך דערנידעריקט צוליב זיינע שלעכטע אומשטענדן איז דווקא פרוכטבאַר. ווען מיר שאַפן אָפּ די אָרימקייט וואָלטן מיר פּטור געווען פון די דאָזיקע אומשטענדן און פון דעם נידריקן המון וואָס ווערט דורך אָט די אומשטענדן געשאַפן. און עס איז גאַנץ מעגלעך אַז מיר וואָלטן מיט דעם אָפּגעשטעלט די איבערגעטריבענע פרוכטבאַרקייט, וואָס די נאַטור פּרווט פאַרקלענערן דורך דער שרעקלעכער קינדערשטערבלעכקייט; וואָרן אויב די נאַטור קאָן פאַרגרעסערן די פרוכטבאַרקייט, כדי נישט צו דערלאָזן אַז אַ מין זאָל אונטערגיין דורך אַ צו גרויסער שטערבלעכקייט ציי דאַרפן מיר נאָך צווייפלען, אַז זי קאָן און וועט פאַרקלענערן די פרוכטבאַרקייט, כדי נישט צודערלאָזן דער מין זאָל אונטערגיין דורך אַ צוגרויסער באַפעלקערונג? עס איז זיכער אַז זי טוט עס אויף אַ מיסטעריעזן אופן, כדי צו באַפרידיקן אונדזערע באַדערפענישן, אָדער, גיכער, אירע אייגענע; אירע וועגן קאָנען מיר נישט פאַרשטיין. די מענטשן, וואָס זאָגן אַז ווען מיר וועלן אַפילו אויסבעסערן די וועלט־קאָנדיציעס, וועט אַלץ זיין אַן איבערפלוס אין דער באַפעלקערונג, רעדן זיך נאָר איין אַז זיי פאַרשטייען. ווען די סאָציאַליסטן וואָלטן זאָגן, אַז דאָס וואָס די נאַטור וועט ביי דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג האַלטן די באַפעלקערונג אין באַשטימטע גרענעצן אָן געבורט־קאָנטראָל, וואָלטן זיי אויך נישט מער ווי איינגערעדט זיך, אַז זיי פאַרשטיין. דער שכל־הישר איז מחויב צו העלפן אויסבעסערן די באַדינגונגען אויף דער וועלט און דערנאָך צו קוקן דאָס גרייטע, אָבער ווי אַנדערע וואָלטן געזאָגט: זיך פאַרלאָזן אויף גאָט, אַז דורך אים וועט קיין שלעכטס נישט געשען. אָבער וואָס איז אונדז נוגע אין איצטיקן פאַל איז, אַזוי ווי קיין מנועות צוליב אַן איבערפלוס פונם מענטשלעכן מין זענען נאָך דערווייל נישט פאַראַן, אחוץ אין אָט דער קינסטלעכער פאָרם וואָס איז דער פועל־יוצא פון אַ נישט גלייכער

הכנסה-צעטיילונג און קאָן אויסגעהיילט ווערן דורך אַ בעסערע צעטיילונג—וואָלט געווען ממש לעכערלעך, ווען מיר זאָלן זיך מורא האָבן צו פּראָבירן אויסצובעסערן אונדזער איצטיקע לאַגע צוליב דעם וואָס עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז מיר קאָנען אפשר ווען עס איז ווידער אַמאָל זיך געפינען אין אַן עת צרה. מיר וואָלטן נישט אָנגעהויבן צוטון די מינדעסטע זאַך, ווען מיר וואָלטן זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס מ'דערציילט אונדז, אַז די זון קילט זיך אָפּ, אָדער אַז איבעראַיאָר וועט די וועלט אונטער-גיין, אָדער אַז די באַפעלקערונג וועט זיך אַזוי פאַרגרעסערן, אַז זי וועט אויפעסן די ערד, אָדער אַז אַלץ איז פוסט, הבל הבלים און פאַרדריסלעך. עס וואָלט געווען, אַ סך שכלדיקער ווען מיר וואָלטן געזאָגט: „לאָמיר עסן און טרינקען וואָרן מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן. ווען מיר וואָלטן געווען זיכער מיטן מאָרגן. און עס וואָלט געווען נאַריש ווען מיר זאָגן, אַז עס לוינט נישט היינט צו לעבן ווייל מיר וועלן מאָרגן שטאַרבן. אין אַ טויזנט יאָר אַרום, וועט אונדז סיי ווי סיי זיין אַלציינס, אַזוי ווי פוילענצער זאָגן, ווען זיי האָבן פאַרנאַכלעסיקט זייערע פליכטן. עס איז אַ פאַקט, אַז די ערד קאָן זיך צופּאַסן צו דער איצטיקער באַפעלקערונג מיט מער באַקוועמלעכקייטן, ווי ווען עס איז פריער אָדער שפּעטער, אַזוי לאַנג, ווי מיר לעבן דאַרפן מיר זיך איינאָרדענען דאָס לעבן וואָס שענער און באַקוועמער.

פאַרקערט, אַז אויב צוויי מענטשן קאָנען פּראָדוצירן מ ע ר ווי צוויי מאָל אַזוי פיל איידער איינער, קאָנען צוויי מיליאָן פּראָדוצירן אַ ס ך מ ע ר ווי צווייmאָל אַזוי פיל, ווי איין מיליאָן. פּאָליטישע עקאָנאָמיסטן זאָגן, אַז די ערד איז נוטה, און ס'איז ביי איר אַ געזעץ, אומצוקערן אַלץ מיט פּראָצענט. אויב עס וועט קומען אַמאָל אַזאַ צייט, ווען עס וועלן זיין אויף דער וועלט מער מענטשן, ווי די ערד קאָן שפּייזן, און מיט דעם געבורט פון נאָך אַ קינד וועט די גאַנצע וועלט אָרעמער ווערן, וועט די ערד אַרונטער פאַלן אונטער אַ געזעץ פון פאַרמינדערונג. אויב וועלכער עס איז דזשענטלמאַן וועט אייך פּרוּוון איינרעדן, אַז די ערד איז שוין אונטערגעוואָרפן אונטערן פאַרמינדערונגס-גע-

זעץ, קאָנט איר זיכער זיין, אַז אַזוי האָט מען אים געהייסן זאָגן אינם אוניווערסיטעט פאַר די זון פון רייכע לייט, וואָס וואָלטן געוואָלט, אַז איר זאָלט גלויבן, אַז זייער עשירות און די אָרעמקייט פון דעם גאַנצן באַפעלקערונג איז אַ נאַטיר־לעכע זאַך. און עס איז נישט דער פּועל־יוצא פון זייערע קינסטלעכע, אומגליקלעכע מעטאָדן פון הכנסה־צעטיילונג, וועלכע מיר וואָלטן געקאָנט פאַרעכטן. אַלנפאַלס טאָרט איר נישט אויס־מיידן צו זען דעם פאַקט אַז נאָר איין טייל פון דער וועלט איז צו געדיכט באַפעלקערט אָבער די איבריקע טיילן זענען זייער שיטער באַזעצט און עס איז נאָך פאַראַן גענוג אָרט, אַ שיף אין מיטן ים מיט צען מענטשן אָפּגעריסענע פון דער וועלט וואָס האָבן נאָר איין קוואָרט וואַסער און איין פונט סוכאַרקעס, איז שרעקלעך געדיכט באַפעלקערט; אַ הייזל פון אַן אַרבעטער וועל־כער פערדינט דרייסיק שילינג אַ וואָך און האָט אכט קינדער איז געדיכט באַפעלקערט, אַ טענעמענט־הויז, ווו ס'וווינען פופ־ציק פאַמיליעס און צוועלף שטובן, איז געדיכט באַפעלקערט. לאָנדאָן איז אויף אַ מיאוסן אופן צו געדיכט באַפעלקערט. אזוי איז עס בכן: הגם קיין וועלט באַפעלקערונגס פראגע עקזיסטירט בכלל נישט און די וועלט איז אונטער דעם פאַרמערונגס־געזעץ, זענען פאַראַן אומצעליקע ערטער אויף דער ערד, וואָס זענען צוגעדיכט באַפעלקערט און זענען אונטערן געזעץ פון פאַרמינדערונגס גלייכ־הייט און הכנסה־צעטיילונג, וועט געבן אַ מעגלעכקייט די אומגליק־לעכע איינוווינער פון דידאָזיקע מגפה־ערטער, אויסגעלייזט צו ווערן פון דער שקלאַפעריי פון פאַרמינדערונגס־געזעץ און קומען צו דעם ווילשטאַנד פון פאַרמערונגס־געזעץ.

# XXVI

## דער דיאגנאָז פֿון סאָציאַליזם

מיר האָבן איצט פֿאַרענטפֿערט די איינציקע געוויינטלעכע טענה קעגן אַ גלייכער הכנסה-צעטיילונג, וועלכע מיר האָבן נישט באַהאַנדלט אין די פֿריערדיקע שמועסן וועגן די פֿאַרשיידענע אופֿנים ווי אַזוי הכנסות קאָנען אָבער ווערן נישט גלייך צעטיילט. מיר האָבן דאָך אַלץ געטון, נישט רעכנענדיק זיך מיט דעם וואָס די סאָציאַליסטן זאָגן, און מיר האָבן אויך נישט ציטירט קיין איינעם פֿון זייערע ביכער. איר זעט שוין, ווי אַזוי אַן אינטעליגענטע פֿרוי, אַוועקזעצנדיק זיך צו באַשטימען, ווי די נאַציאָנאַלע הכנסה וואָלט געדאַרפֿט צעטיילט ווערן, נישט האָבנדיק קיינמאָל פֿריער געהערט אַזאַ וואָרט ווי, „סאָציאַליזם” אָדער אַפֿילו געלעזן איין שורה פֿון וועלכן ס'איז סאָציאַליסטישן שרייבער—קאָן געטריבן פֿון איר אייגענעם געזונטן מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד און אירע ידיעות אין וועלט-זאַכן קומען צום באַשלוס, אַז דער פּלאַן פֿון גלייכהייט איז דער דויערהאַפֿטיקסטער און דער בעסטער, וואָס איז נאָר מעגלעך אין אַ פֿרייער געזעלשאַפֿט. אויב איר קאָנט געפֿינען אַ בעסערן וועג אַרויסצופֿירן אונדז פֿון דעם איצטיקן פּלאָנטער און פֿאַרצווייפֿלונג, וועט איר אָנערקענט ווערן פֿאַר איינער פֿון די גרעסטע דערפֿינדערינס.

„און אויב איך קאָן נישט” וועט איר זאָגן „פֿאַרשטיי איך,

אַז איר ווילט איך זאָל זיך אָנשליסן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי!״

טייערע מאַדאַם. האָט איר ווען עס איז געלייענט סאַנט אויגוסטין? אויב יאָ, וועט איר מסתּמא געדענקן, אַז ער האָט מודה געווען, אַז די ערשטע קריסטן זענען באַשטאַנען פון אַלע־רליי עלעמענטן און אַ טייל פון זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ גרעסערער מצווה, אונטערצושלאָגן זייערע ווייבער די אויגן דערפאַר וואָס זיי האָבן אָנגערעדט צו צעברעכן די טעמפּלען פון די געצנ־דינער, איידער דורכצופירן די געבאָטן פון די פריידיקער אויפן באַרג. איך בין זיכער, איר האָט געמוזט באַמערקן אַז מיר מאָ־דערנע קריסטן זענען נאָך אַלץ אַ געמישטער עלעמענט, אין אַז עס איז פשוט אַ נויטווענדיקייט אויפצוהענגען אַ געוויסע צאָל פון אונדז יעדעס יאָר צוליב דער טובה פונם לאַנד. איך וועל זיין אַזוי פריי ווי סאַנט אויגוסטין און מודה זיין אַז די סאָציאַליסטן באַש־טייען אויך פון אַ געמישטן עלעמענט; און אויב געהערן צו זיי הייסט, אַז איר מוזט זיי אומבאַדינגט איינלאַדן צו טיי, עצה איך אייך שטאַרק דאָס נישט צו טון, ווייל זיי זענען פּונקט ווי אַלע אַנדערע מענטשן. דאָס הייסט, אַז אַטייל פון זיי באַקומען הער־נער אַזוי גיך ווי זיי כאַפּן זיך נאָר אַרויף אויפן בענקל און אַ טייל, די פיינערע זענען זייער פיין, אָבער אַלע אין אַלגעמיין זענען נישט ערגער פון זייערע שכנים. צווישן די געוואוטשענע געפונען זיך אויסוואורפן, ווי אומעטום, אָבער וואָס קאָנט איר דערוואַרטן פון וועלכער עס איז אַנדערער פּאָליטישער פּאַרטיי אויב איר וועט זיך אָנשליסן? איך האָף, אַז איר האַלט פון מלאָכים, אָבער איר קאָנט זיך דאָך נישט אנשליסן אָן זייערע רייען, ביז איר שטאַרבט; דערווייל מוזט איר פאַרליידן אזעלכע פשוטע עלע־מענטן ווי קאָנסערוואַטיוון, ליבעראַלן, סאָציאַליסטן פּראָטעסטאַנטן, קאַטאָליקן דיזערטירן און אַנדערע מחנות פון שטערבלעכע פרויען און מענער מיט שטאַרק געמישטע עלעמענטן אין יעדערער פון זיי, אַזוי אַז ווען איר שליסט זיך אָן אין זיי, מוזט איר קלויבן זייער פּאַרזיכטיק די פּאַרטיי, אין וועלכער איר ווילט זיך אָנשליסן, ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין נאָמען וואָס ווייזט אָן איר ריכטונג.

נור וואָלט אייך אינגאַנצן פֿרעמד געווען. קאַרליי האָט זיי אַלע אינייִנעם אָנגערופֿן אַ באַנדע נאַראָנים און ווער קאָן עס אָפּלייקענען, אַז אַסך פֿון זיי האָבן דעמדאָזיקן נאָמען כשר פֿאַרדינט.

אָבער סוף־כּל־סוף זענט איר דאָך אַן אינטעליגענטע פֿרוי און איר ווייסט עס פּונקט אַזוי גוט ווי איך. עס וועט אייך זייער שטאַרק חידושן צוהערן, אַז עס זענען פֿאַראַן זייער אַסך מענטשן, וואָס רופֿן זיך אָן סאָציאַליסטן און האָבן נישט די מינדעסטע השגה וואָס אַזוינס איז סאָציאַליזם; וואָס וואָלטן געווען שאַקירט און זיך דערשראָקן ווען איר זאָגט זיי, אַז איר זענט פֿאַר דעם, אַז די הכנסות פֿון לאַנד זאָלן צעטיילט ווערן אויף גלייכע טיילן פֿאַר יעדן איינעם אָן שום חילוק צווישן לאָרדן און אַרבעטער, קליינע קינדער און פּעיקע, דערוואַקסענע מענטשן, שיכּורים און ניכטערע, אַרציבּיסקאָפּן און קבצנים, רשעים און צדיקים. זיי וואָלטן אייך פֿאַרזיכערט, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ נאַריש איינרעדעניש פֿון גאַסן־יונגן, און אַז קיין איין געבילדעטער סאָציאַליסט גלייבט נישט און אַזעלכע משוגעתן און אַבסורדן; זיי וועלן אייך טאַקע גערן זאָגן וואָס זיי ווילן בעמלעך, אַז מ׳זאָל געבן יעדן איינעם גלייכע מעגלעכקייטן. זיי האַלטן הפּנים אַז קאַפּיטאַליזם ברענגט נישט קיין שום שאָדן דעמאָלט, ווען יעדער איינער האָט אַ גלייכע מעגלעכקייט צו ווערן אַ קאַפּיטאַליסט. הגם זיי קאָנען נישט אויפֿווייזן, ווי אַזוי מ׳קאָן עטאַבלירן אָט די גלייכע מעגלעכקייטן, נישט האָבנדיק פֿריער אויסגעגלייכט די הכנסות. גלייכע מעגלעכקייט, זענען אוממעגלעך. גיט אייער זון אַן אויטאָמאַטישע פֿעדער און אַ בויגן פּאַפּיר און זאָגט אים, אַז ער האָט איצט די אייגענע מעגלעכקייט וואָס איך, זיך אָנועקצוזעצן שרייבן דראַמען און הערט אייך איין וואָס ער וועט אייך ענטפֿערן. לאָזט אייך נישט אָפּנאַרן פֿון אַזעלכע פֿראַזן און באָבע־מעשׂיות. באַשר איר דאַרפֿט נישט קיין מורא האָבן פֿאַר סאָציאַליזם צוליב דעם וואָס איינדערעמתן מיינט עס נישט קיין סאָציאַליזם. איך זאָג אייך אַז סאָציאַליזם מיינט הכנסה־צעטיילונג ווייטער גאָרנישט אַלע אַנדערע זאַכן אין שייכות מיטן סאָציאַליזם זענען בלויז אירע אומשטענדן און קאָנסעקווענצן.

אויב איר האָט פאַרגעניגן צו לייענען אַלע ביכער וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן סאָציאַליזם קאָנט איר שטודירן דעם אויטאָפּיע-סאָציאַליזם פון סער טאָמאַס מאָר, דעם טעאָקראַטישן-סאָציאַליזם, די שפּעקולאַציע פון סאַנט סימאָן, דעם קאָמוניזם פון פאוריער און ראָבערט אווען, דעם אַזוי גערופענעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם פון קאַרל מאַרקס, דעם קריסטלעכן סאָציאַליזם פון קענאָן קינגסלעי און דעם גייסטלעכן פ. ד. מאוריץ, וויליאם מאריסעס „נייעס פון ערגעץ-נישט" (אַ מייסטערשטיק פון ליטעראַרישער קונסט, וואָס פאַרדינט איר זאָלט עס לייענען לכל הדעות) דעם קאָנסטיטוציאָנעלן סאָציאַליזם פון סידניי, און ביטריס וועב פון דעם הצכסט אנשטענדיקן פאַביאַן פאַריין. און די אוטאָפּישע סאָציאַליזמען וואָס ווערן געפּריידיקט פון יונגעלייט וועלכע האָבן נאָכנישט קיין צייט געהאַט געפּיערט צו ווערן, אָבער אַזוי קלוג ווי זיי זענען אַלע,—בלייבט עס, אַז אויב זיי מיינען נישט קיין גלייכהייט פון איינקונפט מיינען זיי בכלל גאָרנישט, ווייל קיין שום אַנדער וועג וועט די ציוויליזאַציע נישט ראַטעווען. דאָס געזעץ, אַז פריער קומען די באַדינגונגען און דערנאָך די עטיק איז אַזוי אַלט ווי אַריסטאָטעל און אַזוי יינג ווי דאָס בוך. דער קאָמוניזם פון קריסטוסן, פון פלאטאן און פון די גרויסע רעליגיעזע געבאָטן — אַלע נעמען זיי אָן די גלייכהייט פון די מאַטעריעלע באַדינגונגען פאַר אַ זעלבסט-פאַרשטענדלעכע זאַך, פאַר דעם ערשטן תנאי ביים עטאַבלירן דאָס הימלעשע קעניגרייך אויף דער ערד. ווער עס איז צוגעקומען צו דעם אויספיר — אַלציינס אויף וואָס פאַר אַן אופן — איז אַ סאָציאַליסט און ווער נישט איז נישט קיין סאָציאַליסט, כאָטש ער אָדער זי פּריידיקן דעם סאָציאַליזם און קאָמוניזם דורך ברענענדיקע דרשות פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער, און ווערן אַפילו מאַרטירערס פון זייער אידעע.

אַלזאָ איצט ווייסט איר גענוי — אַלציינס צי איר זייט יאָ איינשטימיק דערמיט אָדער נישט — וואָס סאָציאַליזם איז און פאַרוואָס ער ווערט פאַרטיידיקט איבער דער ברייטער וועלט פון דענקענדיקע און דערפאַרענע מענטשן פון אַלע קלאַסן, אויך קאָנט

איר אונטערשיידן צווישן דעם אמתן סאָציאַליזם און דער קור־יעזער מחנה פון אַנאַרכיסטן, סענדיקאַטיליסטן, נאַציאָנאַליסטן, ראַדיקאַלן און אַלערליי אומצופרידענע וועלכע זענען אומבאַוווסטזיניק גרופירט אין סאָציאַליסטישע, קאָמוניסטישע און באָלשעוויסטישע קלאַסן; ווייל זיי אַלע זענען קעגנער פון דער איצטיקער אָרדנונג, פונקט ווי די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער אָדער קאַריעריסטן, וואָס גייען אַריבער פון ליבעראַליזם צו דער „לייבאָר", ווייל זיי טראַכטן, אַז די ליבעראַלע שיף זינקט. און מען הייסט אייך אָננעמען פאר עפּעס די אַלע נאַרישקייטן וואָס ווערן גערעדט און געשריבן יעדן טאָג פון אַנטי־סאָציאַליסטישע פּאָליטיקער און זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן אינדערזאמתן נאָך קיינמאָל נישט אַוועקגעגעבן קיין פינף מינוט ערנסט צו טראַכטן וועגן דער דאָזיקער זאַך. זיי לויפן אַרום מיט פאַנטאַסטישע באָלשעוויקעס, ווי ייִנגלעך לויפן מיט „גייס"*) יעדן פופטן נאָוועמבער.

* גייס—אַזעלכע ליאַלקעס וואָס קינדער לייגן פאַר יעדן פינפטן נאָוועמבער אין דעם יום טוב, וואָס רופט זיך „גיי־פאָקס", כדי צ באַקומען אַ פּעני.

## XXVII

# פערזענלעכע גערעכטיקייט

און איצט, אַז איר ווייסט שוין וואָס סאָציאַליזם איז, לאָמיך
אייך געבן אַ וואָרנונג און איך בעט אייך פּאָרויס, איר זאָלט
מיר מוחל זיין, אויב די וואַרנונג איז איבריק. ענגלענדער, ספּעציעל
ענגלישע דאַמען, זענען אַזוי אינדיווידואַליסטיש דערצויגן, אַז
אין דער מינוט, וואָס זיי זענען איבערצייגט אין אַ זאַך, וואָס
איז גערעכט און אָרנטלעך, זענען זיי אייך גרייט צו דערקלערן
אַז זיי גייען עס שוין אָנהייבן צופּראַקטעצירן און הייסן זייערע
קינדער און דינער אויך אַזוי צו טון. אַך האָב געקענט פרויען
מיט אויסערגעוועהנלעכער איינגעבוירענער אינטעליגענץ, און ענער-
גיע, וועלכע האָבן פעסט געגלויבט אַז, די וועלט וואָלט געקאָנט
אויסגעבעסערט ווערן דורך אומאָפּהענגיקער פאַרברייטונג פון גע-
צווונגענער פערזענלעכער גערעכטיקייט. ווען מ'האָט זיי איבער-
צייגט אין דער בגערעכטיקייט פון גלייכהייט, האָבן זיי איינגע-
פירט לעכערלעכע מנהגים, ווי באַפעלן זייערע דינסטן צו עסן
די מאָלצייטן ביי איין טיש מיט דער פאַמיליע (פאַרגעסנדיק,
אַז די דינסטן זענען נישט מסכים אויף דערדאָזיקער היימישקייט
און זיי קאָנען אַמאָל שטאַרק פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ זאַך) און
גאָט ווייסט, וואָס נאָך פאַרע נארישקייטן; ביז זייערע דינסטן
האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די אַלע שטעלעס און די מענער זייערע
האָבן געדראָט מיט אַנטלויפן און אַנדערע זענען טאַקע אַנטלאָפן

עס איז אפשר נאַטירלעך, אַז אַן אומבאַוווסטזיניקע אָרעמע פרוי זאָל זיך דאַכטן, אַז שולדיק אין דער אומגלייכהייט איז די רייכע פרוי. נאָכמער חידושלעך איז דאָס, וואָס אַ סך רייכע פרויען — וועלכע וואָלטן געדאַרפט וויסן בעסער פון יעדן אַנדערן, אַז אַ פרוי קאָן זיך פונקט אַזוי העלפן נישט געבוירן צו ווערן רייך, ווי נישט געבוירן צו ווערן אָרעם, — פילן זיך ווי שולדיק און זיי שעמען זיך דערמיט, וואָס זיי זענען רייך. זיי וואַרפן זיך אַריין אין ווילטעטיקער אַרבעט, אין צדקה־געבן, כדי זיך צו באַפרייען פון דעם קראַנקהאַפטן געוויסן. זיי פאַרשטייען דעם סאָציאַליזם פאַלש. זיי האַלטן אים פאַר אַ מין צדקה־אונטערנעמונג לטובת די אָרעמע, און דאָס איז דער גרעסטער טעות אין דער וועלט. סאָציאַליזם האָט פיינט אָרעמקייט און וואָלט אויסגעוואָרצלט אָרעמע לייט, זי טראָגט אַ האַרציקע שנאה צו די אָרעמע, ווייל דאָס איז די ערשטע קוואַליפיקאַציע פון אַ גוטן רעוואָלוציאָנער. ביי אַ סאָציאַליסטישן סדר וואָלטן מענטשן פאַר אָרעמקייט געמשפט געוואָרן, אַזוי ווי מען משפט היינט פאַר אַרומגיין נאַקעט. סאָציאַליזם איז נישט גענייגט צו צדקה געבן נישט דערפאַר ווייל עס איז נישט סענטימענטאַל, נאָר ווייל עס דערנידעריקט אַזוי טיף די וואָס נעמען, און פילט אָן די בעלי־טובות מיט אַ ליידיקער גאווה און ביידע צוזאַמען מיט האַס. ווייל אין אַ לאַנד, וווּ עס הערשט גערעכטיקייט און אַ גוטע באַלעבאַטישקייט. וואָלט נישט געווען קיין תירוץ פאַרן בעטלער צו נעמען צדקה און נישט פאַרן שיינעם באַלעבאָס — קיין געלעגנהייט צו געבן. די וואָס האָבן ליב צו שפּילן פאַר די בעלי־טובות, מוזן געדענקען, אַז מיר קאָנען נישט האָבן קיין בעלי־טובות אָן גנבים. רעטערס און העלפערס זענען זייער גוטע העלדן אין מאָנאָגראַפיעס און אין ראָמאַנען. נור אַזוי ווי זיי קאָנען נישט לעבן אָן פאַרברעכער און קרבנות זענען זיי שלעכטע סימפּטאָמען.

די צדקות וואָס דערנערט זיך מיט פרעמדע ליידן איז זייער אַ צווייפלהאַפטע צדקות. זי האָט צו טון מיט שפּיטעלער, מיט צדקה־חברות, מיט הילפס אָרגאַניזאַציעס און דאָס גלייכן,

אָבער ווען די, וואָס האָבן אַ נייגונג צו טון צדקה וואָלטן ניש ט געהאַט ווי אויסצולעבן זיך, וואָלט עס געווען פאַר זיי אויף אַזוי פיל לטובה, אויף וויפיל זיי וואָלטן אויסגעבעסערט זייערע זיטן און אויסגעלערנט זיך צו היטן זייערע אייגענע געשעפטן און נישט מישן זיך אין יענעמס. פאַר גוטסקייט וועט תמיד זיין אָרט אויף דער וועלט אָבער זאָל זי נישט פאַרשווענד ווערן אויף העלפן הונגעריקע און קראַנקע וואָס וואָלט אינגאַנצן נישט געדאַרפט עקזיסטירן. לאָזן עקזיסטירן אַזאַ גרויל, כדי צו קאָנען אויסברענגען די רחמנות-געפילן, איז פונקט ווי אָנצינדן אונדזער הויז, כדי צו געבן דער פייערלעשער בריגאַדע אַ געלעגנהייט אַרויסצווייזן איר כוח און געוואַגטקייט. דאָס פאָלק האָט פיינט דעם דלות, נישט די וואָס האָבן אויף אים מכלומרשט רחמנות. נאָר די וואָס ווילן מאַכן אַ סוף צו אים! צדקה, הגם מיר קאָנען עס נאָך דערווייל נישט אָפּשטעלן, ווייל אָן דעם וואָלטן מיר געהאַט הונגער-פּאָגראָמען און אפשר רעוואָלוציעס, איז אַן אומגליק. מיר געבן היינט צו טאָג די אַרבעטסלאָזע אַ געוויסע הילף, נישט ווייל מיר האָבן זיי אַזוי ליב, נור דערפאַר וואָס, ווען מיר לאָזן זיי פאַרהונגערן, וואָלטן זיי אָנגעהויבן מיט אויסברעכן די שויבן און פאַרענדיקט מיט פּלינדערן אונדזערע געשעפטן און פאַרברענען די הייזער.

עס איז אמת, אַז אַ דריטל פונם געלט, וואָס מיר שטיצן זיי קומט פון זייערע אייגענע קעשענעס. נור זיי קריגן עס צוריק אויף אַזאַ אופן, וואָס עס דעמאָראַליזירט זיי. זיי געפינען אויס, אַז אַלציינס צי זיי באַשטייערן זיך יאָ אָדער נישט פּריווילִיק, וועלן אַלץ די רייכע באַצאָלן אויסלייזגעלט. אין אַלטן רוים פלעגן די אַרבעטסלאָזע פאָדערן נישט נור ברויט צום עסן נור פאַרגעניגנס-פלעצער צום ווילן זיך (panen el cirsenses) דער פועליוצא איז געווען, אַז רוים איז אָנגעפילט געוואָרן מיט שפּיליינגלען, וועלכע האָבן דערנאָך אינגאַנצן נישט געוואָלט אַרבעטן, און זיי האָבן געפרעסן און זיך געוואָלט פאַר דעם געלט, וואָס מ'האָט גענומען פון די פּראָווינצן. דאָס איז געווען דער אָנהויב פונם סוף, פון אַלטן רוים. מיר קאָנען מסכים זיין, אַז עס זאָל

הייסן ברויט און פוטבאָל (אָדער פריז־פעכטן) און באמת האָט די עקזעסטירנדיקע הילף פאַר אַרבעטסלאָזע שוין געבראַכט צו דעמדאָזיקן ברויט. ס'האָט אַפילו נישט אין זיך די ברכה פון גוטסקייט, ווייל מיר אַלע האָבן עס פיינט. עס קומט אַרויס פון אונדזערע אייגענע קעשענעס און מיר וואָלטן עס מאָרגן אָפּגעשטעלט, ווען מיר וואָלטן עס געוואגט. די גלייכע הכנסה-צעטיילונג וועט נישט איינגעפירט ווערן, דורך דעם וואָס יעדער פרוי וועט עס מאַכן פאַר איר פריוואַט-אינטערעס, נור דורך דעם וואָס יעדער פרוי וועט עס מאַכן פאַר איר געזעלשאַפטלעכן חוב, דאָס הייסט, זי וועט עס אָננעמען פאַר אַ געזעץ און עס וועט נישט זיין איין געזעץ נור אַ גאַנצע סעריע געזעצן. דידאָזיקע געזעצן וועלן נישט זיין קיין געבאָטן: דו זאָלסט דאָס אָדער יענץ טון אָדער נישט טון די עשרת־הדברות האָבן געגעבן די יידן אַרייע פאַר־שריפטן וואָס קיין שום געזעץ האָט נישט געטאָרט מחלל זיין; אָבער דידאָזיקע געבאָטן זענען פּאָליטיש געווען אומניצלעך, ביז ס'זענען נישט אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גאַנצע רייע געזעצן און אינסטי־טוציעס, כדי אַריינצוברענגען די געבאָטן אין קראַפט, דער ערש־טער און דער לעצטער געבאָט פון סאָציאַליזם איז „דו זאָלסט נישט האָבן קיין גרעסערע אָדער קלענערע הכנסה פון דיין שכן" אָבער איידער אַזאַ געבאָט וועט אַפילו לפי - ערך האָבן וועלכע עס איזווירקונג, וועלן מיר נישט בלויז מוזן שאַפן הונדערטער נייע אַקטן אין פּאַרלימענט און אָפּשאַפן הונדערטער אַלטע, נור אַנטדעקן און אָרגאַניזירן נייע רעגירונגס-אָפּטיילונגען, לערנען און באַשעפטיקן אַן אַ שיעור פרויען און מענער פאַר געזעלשאַפט־לעכע דינער, לערנען די קינדער מיט אַנדערע אויגן, אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט זייער לאַנד, און קעמפן אויף טריט און שריט מיט דער קעגנערשאַפט פון איגנאָראַנץ, מיט שטות, מיט אָפּגעלעבטע מנהגים, פאָראורטיילן און מיט די אינטערעסן פון די רייכע.

שטעלט אייך פאָר אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג אויסגעוויילט דורך זייער אַ גרויסער מאַיאָריטעט פון מענטשן, וועלכע האָבן געלעזן די ערשטע טיילן פון דעם בוך און זענען באַאיינפלוסט

געוואָרן דערפון, אָבער אויסער דעם זענען זיי בכלל נישט צוגעגרייט געווען פאַר אַ וועלכע עס איז ענדערונג. שטעלט אייך דאָס פאָר אין שייכות מיט אַן אויסגעהונגערטער פרוי. די פרוי טענהט „איך וויל נישט קיין צדקה, איך וויל אַרבעט" און די רעגירונג וואָס האָט נישט קיין אַרבעט פאַר אירעטוועגן, ענטפערט איר „לייענט שאָו, וועט איר אַלץ פאַרשטיין". אָבער די פרוי וועט ענטפערן: „איך בין צו הונגעריק צו לייענען שאָו, ווען איך זאָל אים אפילו אָנערקענען פאַר אַן אויפקלערנדיקן שרייבער, גיט מיר כ'בעט אייך עפעס מיט וואָס זיך צו דערנערן און אַן אַרבעט וואָס זאָל מיר געבן די מעגלעכקייט ערלעך צו באַצאָלן דערפאַר". וואָס וואָלט די רעגירונג געקאָנט טון אין אַזאַ פאַל? זי וואָלט פשוט געמוזט מודה זיין, אַז זי האָט נישט קיין אַרבעט צו געבן און זי וואָלט איר געמוזט פאָרלייג אַגעוויסע אונטערשטיצונג פונקט ווי זי פירט זיך איצט.

אַזוי לאַנג ווי די רעגירונג האָט נישט דערוואָרבן די גאַנצע באַשעפטיקונגס-קראַפט, וואָס ליגט איצט אין די הענט פון פריוואַטע אַרבעטסגעבער, קאָן זי גאָרנישט געבן אָט דער הונגעריקער פרוי, אַ חוץ אויסטיילן איר אַ געוויסע אונטערשטיצונג פון געלט וואָס ווערט גענומען דורך שטייערן ביי די באַלעבאַטים און זייערע הויז-ווירטן, ביי פינאַנסיסטן א. א. וו. גראָד דאָס אייגענע וואָס עס טוען די אַנטי-סאָציאַליסטישע רעגירונגען. כדי צו דערווערבן דידאָזיקע כוחות מוז די רעגירונג קודם-כל ווערן די נאַציאָנאַלע הויז-אייגנטימערן די נאַציאָנאַלע פינאַנסיסטן און די נאַציאָנאַלע אַרבעטסגעבערן. מיט אַנדערע ווערטער: די רעגירונג קאָן נישט צעטיילן די נאַציאָנאַלע הכנסות אַחוץ גלייכע טיילן, איידער זי האָט נישט די נאַציאָנאַלע הכנסה אין א י ר ע הענט, אנשטאָט אין די הענט פון פריוואַטע אייגנטימער, ווייל זי האָט גאָר פשוט נישט וואָס צו צעטיילן. און אַזוי לאַנג ווי זי וועט דאָס נישט טון, קאָנט איר נישט דורכפירן קיין סאָציאַליזם, אויב איר ווילט אפילו; איר קאָנט אפילו שווער באַשטראָפט ווערן פאַרן פרווון עס צו טון. איר מעגט אייך אַגיטירן און שטימען פאַר אַלץ וואָס קאָן זיין אַ מיטל צו דערגרייכן

אַ סיסטעם פון גלייכער הכנסה־צעטיילונג. אָבער אין אייער פּריוואַטן לעבן מוזט איר דערווייל לעבן ווי עס לאָזט זיך, און פירן זיך ווי איר מוזט זיך פירן היינט צו טאָג. דאָס הייסט: האַלט זיך ביי אייער סאָציאַליסטישן ראַנג (ווייס דיין אָרט, ווי מ׳זאָגט) צאָלט און נעמט די געוויינטלעכע שכירות, לייגט אַריין דאָס געלט אין אַ באַנק, וואָס צאָלט דעם גרעסטן פּראָצענט א. א. וו.

איר זעט שוין, אַז פאַרשטיין דעם ציל פון סאָציאַליזם און דורכפירן אים אין פּראַקטישן לעבן, זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. אפילו צו זען ווי אַזוי עס קאָן, אָדער וואָלט אַמאָל געקאָנט דורכגעפירט ווערן איז גאָר עפּעס אַנדערש. יעזוס זאָגט אייך, איר זאָלט נישט זאָרגן, צי איר וועט האָבן מאָרגן אַ מיטאָג אָדער אַ קלייד אָנצוטון. מאַטיאַרנאָלד הייסט אייך אויסצוּוועלן גלייכהייט, אָבער דאָס זענען געבאָטן אָן געזעצן; ווי אַזוי קאָנט איר זיי דורכפירן היינט צוטאָג? נישט צו קלערן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, הייסט ווערן אַ בעטלער און קיינער וועט נישט איינרעדן אַן אמת אינטעליגענטע פרוי, אַז דער פּראָבלעם פון דער ציוויליזאַציע קאָן געלייזט ווערן פון בעטלערס. אויסוויילן גלייכהייט? לאָמיר עס אויסוויילן, אדרבה ואדרבה אָבער ווי אַזוי? אַ פרוי קאָן נישט אַרומגיין אין די גאַסן און אויפרייסן די קעשענעס פון די, וואָס האָבן מער געלט פון איר און עס אוועקגעבן צו אַזעלכע. וואָס האָבן ווייניקער. די פּאָליציי וואָלט באַלד געמאַכט אַ סוף צו דעם. און איר וואָלט מען פון תפיסה־צעל איבערגעשיקט אין משגעים־הויז, זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז עס זענען פאַראַן זאַכן וואָס לויטן געזעץ מעג די רעגירונג טון, און אַ פּריוואַטער מענטש טאָר נישט, די רעגירונג מעג זאָגן צו מיסעס דזשאָבסאָן: „אויב דו וועסט הרגענען מיסעס דאָבסאָן (אָדער עמעצן אנדערש) וועט מען דיך הענגען” אָבער ווען מיסעס דזשאָבסאָנס מאַן זאָל זאָגן צו מיסעס דאָבסאָן אויב דו וועסט הרגענען מיין ווייב וועל איך דיך דערשטיקן, וואָלט עס געהייסן, אַז ער דראָט צו באַגיין אַ פאַרברעכן און ער קאָן דערפאַר שווער באַשטראָפט ווערן, נישט קיין חילוק ווי פאַרהאַסט

און געפערלעך מיסעס דזשאָבסאָן זאָל נישט זיין. אין אַמעריקע רייסט דער המון אָפטמאָל אַרויס קרימינעלע פאַרברעכער פון די הענט פון געזעץ און לינטשט זיי. ווען זיי וואָלטן דאָס געפּרובירט טון אין ענגלאַנד, וואָלט זיי די פּאָליציי פאַנאַנדערגעטריבן אָדער זיי וואָלטן דערשאָסן געוואָרן פון סאָלדאַטן. אַלץ איין חילוק ווי נידערטרעכטיק דער פאַרברעכער זאָל נישט זיין און ווי נאַטורלעך עס זאָל נישט זיין זייער צאָרן קעגן אים.

די ערשטע זאַך, וואָס ציוויליזירטע מענטשן דאַרפן לערנען פּאָליטיש, איז צו וויסן, אַז זיי טאָרן נישט נעמען דאָס געזעץ אין זייערע אייגענע הענט אַריין. סאָציאַליזם איז פון אָנהויב ביז צום סוף אַן ענין פון געזעץ. עס וועט מוזן צווינגען ליידיקגייער, אַז זיי זאָלן אַרבעטן; אָבער מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז פּריוואַטע מענטשן זאָלן נעמען אויף זיך דידאָזיקע אַרבעט דורכצופירן. למשל אַן אינטעליגענטע פרוי, האָבנדיק צו טון מיט אַ פוילער אַרבעטערין, קאָן זיך פילן שטאַרק אויפגערעגט צו נעמען דעם ערשטן בעסטן בעזים און זאָגן צו איר „אויב דו וועסט נישט אַרבעטן ווי ס'דאַרף צו זיין, וועל איך דיך דורכלופּטערן מיטן שטעקן, אַזוי, אַז דו וועסט ווערן ברוין און בלאָ". דאָס געשעט איצט אויך אָפטמאָל, אָבער אַזאַ דראָונג און נאָך מער, אַזאַ האַנדלונג איז אַן ערגער פאַרברעכן פון ליידיקגיין, ווי ערלעך די פוילענצערן זאָל נישט האָבן פאַרדינט די קלעפּ. די רפואה צו ליידיקגיין מוז קודם-כל זיין אַ לעגאַלע. אויב עס קומט איר שמיץ, דאַרף עס געטון ווערן דורך אַ באַפעל פון געריכט און דורך אַ באַאַמטן נאָך דעם ווי עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַן ערלעכער משפּט. אויב נישט, וואָלט דאָס לעבן געוואָרן אומדערטרעגלעך, וואָרן אויב מען וואָלט אונדז דערלויבט צו נעמען דאָס געזעץ אין אונדזערע אייגענע הענט אַריין און טון דאָס, וואָס אונדז געפעלט, וואָלט קיין שום פרוי נישט געקאָנט דורכגיין די גאַס אין דער זיכערקייט, אַז עפּעס אַן עסטעטיקער וועט איר נישט אַראָפּרייסן דעם הוט פון קאָפּ און אים צעטרעטן, ווייל ער האַלט, אַז ער פּאַסט איר נישט, אָדער-אירע זיידענע זאָקן פון עפּעס אַ פאַנאַטיקער, וואָס האַלט

אַז עס איז נישט אָנשטענדיק פאַר אַ פרוי צו ווייזן אירע פיס אין גאַס. מיר דערמאָנען שוין נישט דעם המון עס.

אַחוץ דעם, קאָן גראָד די אינטעליגענטע פרוי זיין נישט שטאַרקער פון דער פוילער, און אין אַזאַ פאַל קאָן די פוילע-צערן נעמען דעם בעזים און אויסקלאַפּן דער אינטעליגענטער פרוי, פאַר וואָס יענע אַרבעט צו שווער און איז דאַריבער גורם מ׳זאָל פאָדערן מער אַרבעט פון דער פוילער. דאָס איז זייער אָפט געשען ביי צו היציקע מיטגלידער פון אַרבעטער-פאַריינען (טרייד יוניאָנס).

איך האָב נישט נויטיק צו באַאַרבעטן דעם דאָזיקן פונקט ווייטער, אויב איר שמדט זיך אָפּ און איר ווערט אַ סאָציאַליסט, זייט איר בשום-אופן נישט פאַרמשפט צו ענדערן אייער פריוואַט-לעבן. פאַקטיש וועט איר גאָרנישט געפינען די ענדערונג וואָס קאָנט מאַכן און ס׳זאָל ברענגען כאָטש דעם קלענסטן נוצן אויף דעם געביט. די דיסקוסיעס אין די צייטונגען, צי זאָל אַ סאָציאַליסטישער פרעמיער-מיניסטער האָבן אַן אויטאָמאָביל, אָדער אַ סאָציאַליסטישער דראַמאַטורג זאָל נעמען אַליין דערפאַר, וואָס ער דערלויבט אַז זיינע דראַמען זאָלן געשפּילט ווערן אין טע-אַטער אָדער — סאָציאַליסטישע הויז-ווירטן און קאַפּיטאַליסטן זאָלן נעמען דירה-געלט פאַר זייערע הייזער און פּראָצענטער פון זייערע געלטער אָדער סתם אַ סאָציאַליסטן זאָל זיך אָפּהאַלטן פון פאַר-קויפן, וואָס זי האָט צו פאַרקויפן, נור זי זאָל עס אַוועקגעבן פאַר אָרימע לייט (דאָס ערגסטע וואָס זי וואָלט געקאָנט טון דערמיט) זענען אַ זאָגנדיקער באַווייז פון אומוויסנהייט נישט נור וועגן סאָציאַליזם, נור בכלל—געוויינטלעכער ציוויליזאַציע.

# XXVIII

## קאַפּיטאַליזם

קיינער, וואָס פאַרשטייט נישט, וואָס עס איז אַזוינס קאַפּיטאַליזם קאָן עס נישט פאַרבייטן אויף סאָציאַליזם אָדער האָבן אפילו אַ קלאָרן באַגריף, ווי אַזוי סאָציאַליזם וועט ווירקן, דערפאַר וועלן מיר מוזן שטודירן קאַפּיטאַליזם פונקט אַזוי פאָרזיכטיק ווי סאָציאַליזם, קודם-כל איז דאָס וואָרט קאַפּיטאַליזם פאַרפירעריש. דער אמתער נאָמען פון אונדזער סיסטעם איז פּראָלעטאַריזם. און אַזוי וואָלט עס אָנגערופן יעדער איינער, וואָס איז נישט פּערזענלעך פאַראינטערעסירט און פאַרשטייט אונדזער סיסטעם און וואָלט געוואָלט מאַכן אַסוף דערצו. ווייל עס איז אַן אומגעהויערער שאָדן פאַרן קאַפּיטאַליזם און עס ברענגט דערצו אַז דער גרעסטע טייל פון אונדז זענען אַזוי אָרים ווי קירכן מייז. דער נאָמען איז אַ מיטל צו פאַרטינקלען די מוחות. רעדט זיך דעריבער איין אַז די סאָציאַליסטן ווילן צעשטערן דעם קאַפּיטאַל און זיי מיינען, אַז מ'קאָן זיך באַגיין אָן אים.

צום באַדויערן זענען די צייטונגס-אַרויסגעבער פאַראינטערעסירט, אַז איר זאָלט באַטראַכטן די סאָציאַליסטן אַלס אַזעלכע, בעת זיי ווילן אייך איינרעדן אַז דאָס בריטישע פאָלק איז אַ פרייע און אומהאָפּהענגיקע ראַסע וואָס וואָלט פאַראַכטעט צו זיין פּראָלעטאַריער (אַ חוץ עטלעכע שיכּורע אויסוווּרפן, רוסן און פּראָפעסיאָנעלע אַגיטאַטאָרן). דערפאַר זענען זיי זייער פאָרזיכטיק נישט

צו דערמאנען דאָס וואָרט פּראָלעטאַריזם און האַלטן זיך בײַ דעם שמייכלענדיקן נאמען קאַפּיטאַליזם וואָס שאַפֿט די אילוזיע, אַז די קאַפּיטאַליסטן באַזיצן פֿלומרשט דעם נויטיקן קעגנשטאַנד—קאַפּיטאַל.

איך אַלנפֿאַלס מוז געטען זאַכן אַזוי ווי איך געפֿון זיי. און איר מוזט אויך אַזוי טון, לאָמיר אַלזאָ קלאָר מאַכן צווישן אונדז, אַז ווען מיר זאָגן קאַפּיטאַליזם, מיינען מיר דעם סיסטעם, דאָס הייסט: דעם אופֿן, ווי אַזוי די ערד פֿונם לאַנד איז נישט אין די הענט פֿון דער נאַציע נור פֿון פּריוואַטע פּערזאָנען, וואָס רופֿן זיך באַלעבאַטים און וואָס קאָנען פֿאַרווערן ווערמען זיי ווילן צו וווינען אויף איר אָדער זיך באַנוצן מיט איר, סײַדן אונטער זייערע אייגענע באַדינגונגען. אַדוואָקאַטן זאָגן אײַך, אַז עס איז גאָרנישט בנמצא אַזאַ זאַך, ווי פּריוואַט ערד־אייגנטום, ווײַל די גאַנצע ערד געהערט צום קעניג, און דער קעניג קאָן לויטן געזעץ יעדער רגע אָנהויבן אויפֿסבײַ, נור אַזוי ווי עס טוט דערווײַל נישט, און דער באַלעבאָס קאָן דיך אַרויסטרײַבן פֿון זײַן טייל ערד ווען ער וויל, בלײַבט טאַקע פּריוואַט לאַנד־אייגנטום אַ פֿאַקט, וואָס עקזיסטירט צוּלהכעיס דעם געזעץ. די דאָזיקע אָרדנונג ברענגט דער עיקר נוצן דעם הויז־באַזיצער; זי מאַכט אים רײַך און גיט אים די מעגלעכקייט אָנצוקלויבן אַן אָנגעשפּאָרטע סומע, וואָס רופֿט זיך קאַפּיטאַל. די דאָזיקע סומע איז אויך פּריוואַט־אייגנטום. במילא איז די גאַנצע אינדוסטריע פֿון לאַנד, וואָס קאָן נישט עקזיסטירן אָן לאַנד און אָן קאַפּיטאַל פּריוואַט־אייגנטום. פֿאַר זייער אייגענער טובה ווענן מוזן די אייגנטימער געבן באַשעפֿטיקונג צו די וואָס פֿאַרמאָגן נישט קיין אייגנטום, (וואָס מרופֿט פּראָלעטאַריער) און זיי מוזן זיי צאָלן אַלוין זיי זאָלן זיך קאָנען דערנערן ווי עס איז און געבן זיי די מעגלעכקייט חתונה צו האָבן און האָבן קינדער, הגם נישט גענוג, צו געבן זיי די מעגלעכקייט אויפֿצוהערן ווען עס איז צו אַרבעטן און אײַן אָטעם ווי אייביקע שקלאַפֿן.

אויף אַזאַ אופֿן מוזן מיר דערוואַרטן, אַז די אייגנטימער זאָלן ממש האַלטן פֿאַר זייער חוב צו זײַן עגאָיסטיש און אין דעם צו דינגען אַרבעטער פֿאַר די מעגלעכסט נידריקסטע פּרײַזן. דאַן

ועט די אינדוסטריע בליען און די מענטשן, וואָס רייסן זיך צום לעבן וועלן געהאַלטן ווערן אונטער אַ כּסדרדיקן דריק צו אַרבעטן ביז זיי וועלן אינגאַנצן אויסגעמאַטערט זיין, אומפּעיק אַחוץ צו שנאָרעריי. די וואָס פאַרשטייען דעם סיסטעם, אַז ער שאַפט די אומגלייכהייט פון הכנסות, אַז אלץ וואָס אַרבעט ווערט אַלץ ביליקער מיטן וווּקס פון דער באַפעלקערונג און מוז ברענגען דערצו, עס זאָל זיך פאַרשפּרייטן אומצופרידנקייט, מרה־שחורה, פאַרברעכן און קראַנקהייטן — וואָס ענדיקן זיך תּמיד מיט געוואַלטמאַט און רעוואָלוציע, סיידן דער כּעס פונם פאָלק ווערט געשטעלט צו דער ריכטיקער צייט דורך דעם וואָס די אַרבעטס־געבער געפינען דערווייל אַרבעט פאַר זייערטוועגן. אָבער סיי־ווי־סיי מוזן מיר עס אַנטקעגנקומען, ווייל די מענטשלעכע נאַטור איז אומבאַדינגט אַן אייגנוציקע און אוז אַזוי גלייכגילטיק צו אַלץ. וואָס ברענגט אים נישט קיין אַבסאָלוטן נוצן. אַז קיין שום אַנדערן וועג אויף צו בויען אַ גרויסע מאָדערנע ציוויליזאַציע איז פאַר אונדזערטוועגן נישט אָפן.

דידאָזיקע לערע פלעגט מען רופן: די לערע פון דער מאַנשעסטער שול, נור אַזוי ווי דער נאָמען איז געוואָרן נישט פּאָפּולער, שטעלט איצט דידאָזיקע לערע מיט זיך פאַר דעם קאַפּיטאַליזם. קאַפּיטאַליזם מיינט אַלזאָ, אַז די איינציקע פליכט פון דער רעגירונג איז אויפצוהאַלטן פּריוואַט־אייגנטום, פון ערד און קאַפּיטאַל, און אויפצוהאַלטן פּאָליצייאישע כּוחות און אַ מאַגיסטראַט, וואָס זאָלן אָפּהיטן אַלע אינדיווידועלע קאָנטראַקטן, וואָס ווערן דורכגעפירט פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן, נישט אַריינגערעכנט פאַרשטייט זיך אָפּצוהיטן די ציווילע אָרדנונג און צו צוגרייטן אַ פלאָט און אַן אַרמעע פאַר מיליטערישער פאַרטיידיקונג און א. וו.

להפּוך דעם קאַפּיטאַליזם, האַלט דער סאָציאַליזם, אַז די ערשטע פליכט פון דער רעגירונג איז אויפצוהאַלטן גלייכהייט פון הכנסות. דער סאָציאַליזם פאַרלייקנט אַבסאָלוט יעדער פּריוואַטע רעכט אויף אייגנטום און וואָלט באַטראַכט יעדן קאָנטראַקט, ווי אַ זאַך, צו וועלכן די נאַציע איז אַ שותּף, און קאָן

צענומען ווערן אין אַכט נאָר אין דעם פאַל, ווען עס קאָן ברענ-
גען נוצן פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג. דער סאָציאַליזם
וואָלט אפילו איין רגע נישט טאָלערירט אַ קאָנטראַקט לויט וועלכן
איין פרוי זאָל ארבעטן פשוט ביז צום שטאַרבן און זאָל נאָך
דערצו ליידן הונגער און דערנידריקונג, כדי אַן אַנדער פרוי זאָל
אַרומגיין ליידיק און לעבן פאַרשווענדעריש פון יענערס אַרבעט.
עס איז דעריבער אמת, אַז סאָציאַליזם וועט אָפּשאַפן פריוואַט-
אייגנטום און פריוואַטע קאָנטראַקטן. פאַקטיש האָט ער שוין אַזוי
געטון אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב ווי מען שטעלט זיך עס פאָר.
וואָרן אַ פּאָליטישער קאַמף צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם
קומט פאָר שוין העכער אַ יאָר הונדערט, און אין משך פון דער
גאַנצער צייט האָט זיך קאַפּיטאַליזם ביסלעכווייז צוגעפּאַסט צו
געזעלשאַפטלעכע פאָדערונגען, ווייל זיי האָבן זיך געשראָקן פאַרן
גרימצאָרן פון פאָלק, וואָס איז געווען אַ פועל-יוצא פון די ערג-
סטע רעזולטאַטן; אָנעמענדיק ראַטעס פון סאָציאַליזם כדי אָפּצו-
שוואַכן דעם צאָרן פון פאָלק.

פאַרבייגייענדיק וויל איך אייך וואָרנען איר זאָלט נישט
צעמישט ווערן דורך די געוויינטלעכע גרענעצן אין פריוואַט-
אייגנטום, וואָס צייכענען אָן פערזענלעכע פאַרמעגנס. דאָס געזעץ
האָט פאַנאַנדערגעטיילט צווישן אמתן אייגנטום (ווי „לאָרדשיפּ”)
און פערזענלעכע פאַרמעגנס ביז וואַנען די אָנשטרענגונג צו
מאַכן אַ חילוק צווישן אייגנטום פון ערד און אייגנטום פון קאַ-
פּיטאַל האָט אָנגעמאַכט אַזאַ פאַרדרייעניש, אַז עס איז אינגאַנצן
רעזיגנירט געוואָרן אין יאָר טויזנט ניינהונדערט זעקס און צוואַנ-
ציק. סאָציאַליזם איז ווייט פון אַבסורדן אַנטקעגנצושטעלן זיך פער-
זענלעכע פאַרמעגנס, ווייסנדיק, אַז זיי זענען דורכויס נויטיק
און האָפט זיי זאָלן זיך פאַרמערן, אָבער עס שטימט נישט איין
מיטן אמתן אייגנטום וואָס רופט זיך „לאָרדשיפּ”.

כדי קלאָר צו מאַכן פאַר אייך דעם אונטערשיד, לאָזט
מיך די זאַך אילוסטרירן. איר רופט אייער שירם אייער פריוואַט-
אייגנטום און אייער מיטאָג אייער פריוואַט-אייגנטום אָבער אינ-
דעראמתן זענען זיי ביידע נישט אייער פריוואַט-אייגנטום; איר

באַזיצט זיי מיט געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען. איר קאָנט נישט טון מיט דידאָזיקע זאַכן, וואָס אייך געפעלט, מיט אייער שירם. טאָרט איר מיך נישט שלאָגן איבערן קאָפּ און אין אייער מיטאָג טאָרט איר נישט אַריינטון גיפט פאַר מייז און מיך אָפּסמען דערמיט אָדער אפילו זיך אַליין, וואָרן זעלבסטמאָרד איז לויט דעם בריטישן געזעץ אַ פאַרברעכן. אייער רעכט צו נוצן אייער שירם און אייער מיטאָג איז אַ פערזענלעך רעכט, דאָך באַגרענעצט פון געזעלשאַפטלעכער פאַרשטענדיקונג. אָבער ווען איר באַזיצט אַן ענגליש אָדער סקאָטיש דאָרף, מעגט איר אַרויסטרייבן די איינוווינער, אויב איר ווילט אפילו אין ים אַריין, אויב זיי האָבן נישט ערגעץ אַנדערש ווו צו גיין. איר קאָנט אַרויסוואַרפן אַ קראַנקע פרוי מיט אַ נייגעבוירן קינד אויף די הענט פון איר הויז, זי זאָל זיך מוזן אַרומדרייען אויף דער גאַס אין אַ שניי, פשוט דערפאַר, וואָס איר טראַכט, אַז שאָף און רינדער טראָגן אייך איין מער געלט איידער פרויען און מענער. איר האָט דאָס רעכט נישט צו דערלאָזן, אַז מ׳זאָל בויען אַ בריק פאַר אַ דאַמפשיף, וואָס איז נויטווענדיק צום האַנדל, ווייל אייער דאָרף איז נעבן וואַסער און דידאָזיקע בריק וועט קאַליע מאַכן דעם אויסזיכט פון דעם פענסטער אין אייער שלאָפצימער, אין וועלכן איר פאַרברענגט נישט מער ווי צוויי וואָכן אין יאָר און אָפטמאָל קומט איר נישט אַריין אַהין יאָרן־לאַנג. דאָס זענען נישט קיין פאַנטאַזיעס אָדער משלים. אַזעלכע זאַכן זענען פאָרגעקומען מער ווי איינמאָל. דאָס זענען אַ סך גרעסערע פאַרברעכנס איידער שלאָגן מיך מיט אייער שירם איבערן קאָפּ. און אויב איר פרעגט פאַרוואָס ערד־אייגנטימער מעגן טון מיט זייער לאַנד דאָס, וואָס איז אייך נישט דערלויבט צו טון מיט אייער שירם, ענטפערט מען אייך, אַז די ערד איז פריוואַט־אייגנטום אָדער ווי אַדוואָקאַטן פלעגן זאָגן אמתער אייגנטום, בעת דער שירם איז בלויז אַ פערזענלעך פאַרמעגן. איר וועט אַלזאָ נישט זיין איבעראַשט צו הערן די סאָציאַליסטן זאָגן, אַז וואָס גיכער פריוואַט־אייגנטום וועט אָפּגעשאַפט ווערן, איז אַלץ בעסער.

ביידע, סיי די קאַפּיטאַליסטן, סיי די סאָציאַליסטן טענהן,

אַז זייער ציל איז צו פאַרמערן דאָס, וואָס קאָן ברענגען דעם גרעסטן נוצן דער מענטשהייט. דער אונטערשיד איז בלויז אין דעם אופן ווי דורכצופירן די שליחותן פון אַ גוטער רעגירונג. זיי אונטערשיידן זיך אין זייערע געבאָטן, אויב איר ווילט עס אַזוי אָנרופן. פאַרן קאַפּיטאַליזם הייסט דאָס אויפהאַלטן פּריוואַט-אייגנטום, סיי אין ערד סיי אין קאַפּיטאַל-פאַרשטאַרקן די גילטיקייט פון פּריוואַטע קאָנטראַקטן נישט אַריינמישן זיך אין שטאַט-זאַכן אַחוץ אָפּצוהיטן די ציווילע אָרדנונג — הייסט אָפּהיטן די פליכטן פון אַ גוטער רעגירונג. פאַרן סאָציאַליזם הייסט דאָס אויסגלייכן פון הכנסות, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן פּראָבלעם פון פאַרבייטן פערזענלעכן אייגנטום פאַר פּריוואַט-אייגנטום און פון געזעלשאַפטלעך-רעגולירטע קאָנטראַקטן פאַר פּריוואַט-קאָנטראַקטן מיט פּאָליצייאישער אַריינמישונג ווי גיך מ'שטעלט אין סכנה די גלייכהייט, מיט אַן אַבסאָלוטן קאָנטראָל אויף דער אינדוסטריע און אירע שטאַטישע פּראָדוקטן — דאָס הייסט ביים סאָציאַליזם טון דאָס וואָס אַ גוטע רעגירונג דאַרף טון.

און וואָס שייך פּאָליטישע טעאָריע, קאָנט איר זיך קוים פאָרשטעלן אַ גרינגערע ווידערשפּרעכונג און אָפּאָזיציע ווי דידאָזיקע. און ווען איר גיט אַ קוק אויף אונדזער פּאַרלאַמענט, זעט איר פּאַקטיש צוויי קעגנזעצלעכע פּאַרטייען, די קאָנסערוואַטיווע און די לייבאָר-פּאַרטיי, וועלכע רעפּרעזענטירט אויבערפלאַכלעך דעם קאַפּיטאַליזם און דעם סאָציאַליזם, נור אַזוי ווי מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט זענען נישט געצווּנגען צו האָבן אַ וועלכע עס איז פּאָליטישע בילדונג אָדער בכלל בילדונג — האָבן נור אייניקע פון זיי ספּעציעל שטודירט סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראַגן, אַ שטייגער ווי איר טוט איצט, כדי צו פאַרשטיין די פּרינציפּן וועלכע זייער פּאַרטיי רעפּרעזענטירט. אַ סך פון די לייבאָר-מיטגלידער זענען נישט קיין סאָציאַליסטן און אַ סך פון די קאָנסערוואַטיוון זענען סתם אַריסטאָקראַטן, וואָס רופן זיך „טאָריעס", וועלכע וואָלטן פּונקט אַזוי איינגעגאַנגען, אַז דער שטאַט זאָל זיך אין אַלץ אַריינמישן ווי די סאָציאַליסטן; זיי בלאָנדזשען אַלע אַרום פון איין שווערקייט צו דער אַנדערער, באַשטימענ-

דיק זאַכן ווי ס'לאָזט זיך זיי, ווען זיי קאָנען עס שוין לענגער נישט אָפּלייגן, אָן אַ שום פּרינציפּ אָדער סיסטעם. דאָס העכסטע, וואָס איר קאָנט זאָגן איז, אַז אויף וויפיל די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי האָט בכלל אַ לאָזונג, איז עס אַ קאַפּיטאַליסטישע לאָזונג, און אויף וויפיל די לייבאָר-פּאַרטיי האָט אַ לאָזונג, איז עס אַ סאָציאַליסטישע. בכן, אויב איר ווילט שטימען פאַר סאָציאַליזם, זאָלט איר שטימען פאַר דער לייבאָר-פּאַרטיי און אויב אייך געפעלט צו שטימען קעגן קאַפּיטאַליזם, זאָלט איר שטימען פאַר דער לייבאָר-פּאַרטיי. דאָס זאָג איך אייך, ווייל עס איז נישט גרינג צו באַוועגן דעם עולם זיך צו פאַראינטערעסירן, ווי און פאַר וועמען צו שטימען. מ'גייט אין וואַל-ביוראָ און מ'שטימט קעגן עפּעס אנשטאָט פאַר עפּעס.

מיר קאָנען זיך איצט אַוועקזעצן און עקזאַמינירן דעם קאַפּיטאַליזם און זען וואָס ער טוט אויף פאַר אונדז. און איר מוזט מיר אנטשולדיקן, וואָס בעת איך וועל דאָס טון, וועיס איך נישט אייערע פּריוואַטע ענינים. מעגלעך, איר זענט אַ קאַפּיטאַליסט, מעגלעך אַ פּראָלעטאַריער אָדער אפשר אַביסל דאָס און אַביסל יענץ; האָבנדיק געווינס געלט זיך אויסצוהאַלטן און נישט גענוג כדי אָפּצושפּאָרן אַ קאַפּיטאַל. איך וועל מוזן רעדן וועגן אייך טיילמאָל ווי וועגן אַ מענטשן ביי וועמען דער חילוק אין פּרייז פון אַ טאָן קוילן וועט מאַכן אַ גרויסן לאָך אין אייער קעשענע און וועט זיין זייער אַן ערנסטער פּראָבלעם אין אייער באַלעבאַטישקייט און טיילמאָל ווי וועגן אַ מענטשן, וואָס איז אַזוי רייך, אַז זיין גאַנצע זאָרג איז נאָר ווי אַזוי אַריינצולייגן די אָפּגעשפּאָרטע טויזנטער, וואָס ער קאָן נישט מצר פאַרשווענדן.

עס איז גישטאָ קיין סיבה, פאַרוואָס איר זאָלט נישט וויסן ווער איך בין. עס איז גלייכער, איר זאָלט וויסן מיט וועמען איר האָט צו טון. איך בין אַ הויז-ווירט און אַ קאַפּיטאַליסט, גענוג רייך צו צאָלן ספּעציעל הויכע שטייערן און חוץ דעם, האָב איך אַ ספּעציעלן סאָרט פאַרמעגן, אַ ליטעראַרישן פאַרמעגן, פאַר וועלכן איך הייס מיר באַצאָלן די וואָס ווילן זיך באַנוצן דערמיט, פּונקט אַזוי ווי אַ לאַנדבאַזיצער הייסט זיך באַצאָלן פאַר

זיין ערד אָדער הויז. אַ קעגנער פון אַן אומגלייכער הכנסה־צעטיילונג בין איך נישט אַלס אַ מאַן מיט אַ קליינער הכנסה, נור אַלס איינער, וואָס האָט אַ גרויסע הכנסה; אָבער איך ווייס, וואָס דאָס הייסט צו זיין אַ פּראָלעטאַריער און נאָך דערצו אַן אָרעמער פּראָלעטאַריער. איך האָב געאַרבעט אין אַ ביוראָ און איך האָב דורכגעמאַכט יאָרן פון ארבעטסלאָזיקייט און אַ טייל פון זיי די שווערסטע, אויבן חשבן פון מיין מוטער. איך האָב געהאַט אַלערליי דערפאַרונגען פון דורכפאַל און פון דערפאָלג. דער קלאַס, פון וועלכן איך שטאַם, איז געווען דער אומגליקלעכסטער פון אַלע אַנדערע קלאַסן, דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך גערעכנט פאַר אַ פריצישע משפחה, וואָס דאַרף פירן אַ שטאַט און האָט נישט מיט וואָס. איך פאַרטרוי מיך פאַר אייך, ווייל ס'איז בעסער, איר זאָלט וויסן מיין פערזענלעך לעבן. די רייכע שרייבן אָפּטמאָל וועגן די אָרעמע און די אָרעמע וועגן די רייכע, נישט וויסנדיק באמת וואָס זיי שרייבן. איך ווייס אַלץ פון אייגענע דערפאַרונג, פון הונגער און היימלאָזיקייט, אַ דערפאַרונג, וואָס קיינער וואָלט נישט געדאַרפט האָבן. אויב איך שריי די וויינטרויבן זענען זויער דאַרפט איר מיך נישט חושד זיין, אַז עס איז דערפאַר ווייל איך קאָן זיי נישט דערגרייכן, דער אמת איז אַז איך האָב זיי אין האַנט און זיי זענען געשמאַק און רייף. און איצט לאָמיר זיך נעמען צו ווייטערדיקע ארבעט.

## XXIX

# אייער אײַנקויף

שטעלט אײַך אַליין די פראַגע; וואָס פאַר אַ שײַכות האָט אַ נישט גלײַכע נאַציאָנאַלע הכנסה-צעטיילונג מיט מײַן אַלטעגלעך לעבן? דער ענטפער איז גלײַך, פשוט און פראַקטיש. ווען איר גייט אין מאַרק אַרײַן אײַנקויפן, רירט עס אײַך אָן בײַ יעדער זאַך, וואָס איר קויפט, ווײַל יעדער הייפּטל קרויט, וואָס איר קויפט, יעדער ברויטל, יעדער שטיקל פלייש, יעדער פלאַש ביר, יעדער טאָן קוילן, יעדער טראַמוויי אָדער אָמניבוס-בילעט, יעדער בילעט אין טעאַטער אַרײַן, יעדער וויזיט פון דאָקטאָר אָדער פון דער פּאָדלאָגע-וואַשערן, יעדער עצה פון אייער אַדוואָקאַט — מוזט איר באַצאָלן נישט נור פאַר דאָס וואָס עס קאָסט, נאָר אַ ספּעציעלן צולאָג, וואָס גייט שפּעטער אַריבער צו אַזעלכע, וואָס האָבן אין זייער גאַנץ לעבן קיינמאָל גאָרנישט געטון פאַר אײַך. איצט פאַרשטייט יעדער אינטעליגענטע פרוי, אַז זי וועט קיינמאָל נישט קריגן קיין סחורה אָדער באַדינונג פאַר ווייניקער ווי זיי קאָסט בילדונג, מאַטעריאַלן, אַרבעט א. א. וו., אָבער קיין אייניציקע אינטעליגענטע פרוי וועט נישט באַשטיין, אויב זי וועט זיך נאָר קאָנען העלפן איבערצוצאָלן די אומפאַרמיידלעכע קאָסטן, כדי צו שאַפן לוקסוס פאַר ליידיקגיין און הולטייעס בפרט דאָן, ווען איר אַליין איז שווער אויסצוקומען מיט אירע פאַרדינסטן, הגם זי אַרבעט שווער און ביטער.

כדי זיך צו פֿאַרזיכערן פֿון איבערצאָלן, לייגן פֿאַר די סאָציאַליסטן, מ'זאָל פֿאַרזיכערן סחורות פֿאַר יעדן איינעם, דורך דעם וואָס מ'וועט נאַציאָנאַליזירן דעם האַנדל, וועלכער פּראָדוצירט די סחורות. דערפֿאַר שרעקן זיך די ליידיקגייער און זייערע יוצר־משרתים אַזוי שטאַרק, אַז זיי טוען אַלץ אין דער וועלט, איינצורעדן דער אינטעליגענטער פּרוי דורך זייערע צייטונגען, רעדעס, קירכן־דרשות א. א. וו.. אַז נאַציאָנאַליזירן דעם האַנדל איז אַן אומגעווינטלעך פֿאַרברעכן, וועלכער וועט אײַנגאַנצן רויִנירן דאָס לאַנד. דאָס זענען לויטער נאַרישקייטן! מיר האָבן שוין גענוג זאַכן ביז היינט נאַציאָנאַליזירט, און עס טוט קיינעם קיין שאָדן נישט. די אַרמעע, דער פֿלאָט, די ציווילע דינסט, די פּאָסט, דער טעלעגראַף און טעלעפֿאָן, די גאַסן, די בריקן, די לייכטורעמס, און די קייזערלעכע שיפֿן־סטאַנציע און דער אַרסענאַל זענען נאַציאָנאַליזירט; דאָך ווען עמעץ זאָל זאָגן אַז דאָס איז אַן אומנאַטורלעכער פֿאַרברעכן, וואָלט מען אים אָפּגעשיקט אין דעם שטאָטישן משוגעים־הויז — אויך אַ נאַציאָנאַליזירטע אינסטיטוציע.

און נאַציאָנאַליזירטע אַנשטאַלטן האָבן מיר נאָך אַ סך, וואָס געהערן צו קהל. דער איינציקער חילוק איז נאָר דאָס, וואָס אַנשטאָט דאָס צענטראַלע וועסטמינסטער פּאַרלאַמענט זאָל באַזיצן און אָנפֿירן מיט דער אינסטיטוציע לטובֿת דעם גאַנצן פֿאָלק ווי למשל די פּאָסט־פֿאַרוואַלטונג, געהערט זי און ווערט אָנגעפֿירט פֿון די סיטי־קאָרפּאָראַציעס אָדער פֿון דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג לטובֿת די לאָקאַלע שטייער־צאָלער אַזוי אַרום באַקומען מיר זאַכן, וואָס זענען דאָס אייגנטום פֿונם ברייטן עולם, אַ שטייגער גאַז, עלעקטריע, וואַסער, טראַמווייען, בעדער און וואַשהייזער, שפּיטעלער, ביבליאָטעקן, בילדער־גאַלעריעס, מוזעומס, קלאָזעטן, פּאַרקן, שפּאַציר־בריקן מיט פּאַוויליאָנען און אָרקעסטערן, אחוץ אַן אַ שיעור פֿאַרווײַלונגען אינם לאַנד, פֿון וועלכע דער עולם האָט קיין שום אַנונג נישט.

אַ סך פֿון די דאָזיקע זאַכן וואָלטן געקאָנט געטון ווערן פֿון פּריוואַט־געזעלשאַפֿטן. פּאַקטיש ווערן היינט צו טאָג טאַקע

אַ סך פון זיי געטון טיילווייז דורך פּריוואַטער פאַרמיטלונג און טיילווייז דורך דער פאַרמיטלונג פונם פּובליקום. און אויב עס ווערט ערלעך און גוט פאַרוואַלטעט מוז עס זיין ביליקער. איר וועט פרעגן פאַרוואָס עס מוז? גאַנץ פּשוט, ווייל עס צאָלט ווייניקער פאַרן קאַפּיטאַל, ווייניקער פאַרן פאַרוואַלטן און גאָרנישט פאַר פאַרדינסטן. די דרייפאַכיקע מעלה גיט דעם קאָנסומענט אַ געלעגנהייט צו האָבן די זאַכן ביליקער און מ׳קאָן עס, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרגלייכן מיט פּריוואַטע אונטערנעמונגען, וואָס ווערן דורכגעפירט דורך אַ גאַנצער ריי פאַרמיטלונגען. לאָמיר אָנהויבן פון נאַציאָנאַליזירטער דינסט. אַ נאַציאָנאַליזירטע פּאָסט-פאַרוואַלטונג איז אַזוי פיל ביליקער און אין אַ ברייטערן פאַרנעם ווי אַ פּריוואַטע בריוטרעגער-געזעלשאַפט האָלט עס געקאָנט טון. היינט פאַרוואָס איז אַזאַ אונטערנעמונג געזעצלעך פאַרבאָטן? די סיבה איז דאָס, וואָס אין די הוצאות פון בריוו-ליפערן איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד פון איין בריוו און דעם אַנדערן, די הוצאות פון איבערשיקן אַ בריוו אין דער זעלבער געגנט איז אַזוי קליין, אַז אין געלט האָט עס נישט קיין שום באַדייטונג, עס קאָסט כמעט גאָרנישט. כדי צו קאָנען באקומען עפּעס געלט דערפאַר. מען וואָלט געמוזט רעכענען פאַר טויזנט בריוו אנשטאט איינעם, אָבער די קאָסטן פון איבערשיקן דעם אייגענעם בריוו פון דער וועלס-אינזל קיין סאַן-פראַנציסקאָ, קאָסט שוין געלט. עס מוז איבערגעטראָגן ווערן פון דער באַן אויף דער שיף, צו קרייצן דער „סאָלענט". דאַן אַריבערגעטראָגן ווערן אויף אַן אַנדער שיף אין דרום-העמפּטן, אָדער ליווערפּאָל און נאָך אַ באַן רייזע ווידער דורכקרייצן דעם אַטלאַנטישן ים, דאַן דורך צפון-אמעריקע און דאַן ערשט אָפּגעליפערט ווערן פּונקט קעגנאיבער די אינזל פון וועלס, נור אין יענעם עק וועלט. איר וואָלט נאַטירלעך דערוואַרט, אַז דער הויפּט - פּאָסט - פאַרוואַלטער זאָל אייך רעכענען אַ פענע פאַר צוועלף בריוו דאָ אין שטאָט און אַ פונט פאַר איין בריוו קיין סאַן-פראַנציסקא. אָבער די פּאָסט-פאַרוואַלטונג רעכנט אייך פאַר די דרייצן בריוו צו דריי סענט אַ שטיק; מעגלעך, אַז ביז דאַן-

ווען די שורות, וואָס איך שרייב יעצט וועלן אָפּגעדרוקט ווערן, וועט מען אייך שוין רעכענען בלויז איין סענט אַ שטיק ווי עס פלעגט זיין פאַר דער מלחמה. מען רעכנט אייך ווייניקער ווי עס קאָסט אַוועקצושיקן בריוו אין ווייטע מקומות און מער ווי עס דאַרף קאָסטן צו שיקן נאָנטע בריוו. און האָבנדיק טויזנטער נאָנטע בריוו און נאָר צענדליקער ווייטע, דעקן די פּרייזן פון די נאָנטע בריוו די הוצאות פון די ווייטע. דאָס רעכענען פאַר אַלע בריוו איין פּרייז רופן עקאָנאָמיסטן באַשעדיקונגס-ערזאַץ.

און אָט איז די סיבה פאַרוואָס מ'דערלויבט נישט קיין פּריוואַטע געזעלשאַפטן אָדער פּערזאָנען צו פירן בריוו, ווייל אויב מ'זאָל זיי יאָ דערלויבן וואָלטן זיי אינגיכן אָנגעהויבן פאַר-קויפן צוועלף מאַרקעס פאַר דריי פּענעס און דער הויפּט-פּאָסט-פאַרוואַלטער וואָלט געקריגן אַלע ווייטע בריוו, דאָס הייסט בלויז די וואָס אָפּצוליפערן זיי קאָסטן אַ סך. ער וואָלט געמוזט העכערן דעם פּרייז פון מאַרקעס, און ווען ער וואָלט אויסגעפוגען, אַז דעם פאַרדינסט וואָס מיר האָבן דורך דעם וואָס מיר קאָנען אַוועקשיקן אַ בריוו אַ מייל אָדער צוויי פאַר אַ שיבוש, איז באַגלייט מיט אַ פאַרלוסט דורך דעם וואָס מיר מוזן צאָלן זעקס פּענעס אָדער אַ שילינג פאַר א בריוו, וואָס מיר וועלן שיקן צו עמעצן צען מייל ווייט; דאַן וואָלטן מיר געפילט, אַז מיר האָבן געמאַכט זייער אַ שלעכט געשעפט. די איינציקע וואָס וואָלטן געמאַכט גוטע געשעפטן, וואָלטן געווען די פּריוואַטע געזעלשאַפטן וועלכע וואָלטן חרוב געמאַכט אונדזער גאַנצן סיסטעם און שפּעטער וואָלטן זיי נאָך געהעכערט די פּרייזן פאַר נאָנטע בריוו אויף אַ פּענע אָדער אפשר נאָך מער.

איצט לאָמיר איבערגיין פון דער גוט איינגעאָרדנטער נאַציאָנאַליזירטער דינסט, צו אַזאַ, וואָס וואָלט געקאָנט נאַציאָנאַליזירט ווערן און וואָס רירט אָן זייער נאָנט יעדער הויזפרוי אין לאַנד. איך מיין דאָס צושטעלן קוילן. קוילן זענען געוואָרן אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט אין לאַנד, צוליב דעם קלימאַט אונדזערן און זיי זענען שרעקלעך טייער. איך שרייב די דאָזיקע שורות גראָד אין מיטן זומער, ווען קוילן זענען צום

ביליקסטן, אין זעכצנטן יאָר, האָט מען פאַרגעלייגט סאָלאָן־קוילן פאַר זעקסאונדרייסיק שילינג מיט דריי פענעס אַ טאָן און שטיינקוילן פאַר זיבעציק שילינג, דאָס איז אַ סך מער ווי דער נאָרמאַלער פּרייז וואָלט געדאַרפט זיין. פאַרוואָס מוז איך צאָלן? פּשוט, ווייל די קוילן־אינדוסטריע איז נאָך נישט נאַציאָנאַליזירט ס׳איז פּריוואַט־אייגנטום.

דער קאָסט־פּרייז פון קוילן איז פאַרשידן פון גאָרנישט ביז אַ פונט פאַר אַ טאָן, שוין נישט אַריינרעכנענדיק דאָס, וואָס עס קאָסט דאָס פאַנאַנדערפירן און צעטיילן איבערן גאַנצן לאַנד. אפשר גלויבט איר נישט, אַז קוילן וואָלט מען געקאָנט האָבן אומזיסט; אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז אין דער זאַנדערלאַנדאינזל קאָן מען קלויבן קוילן, ווען דאָס וואַסער פאַלט אָפּ פונקט אַזוי פריי ווי מ׳קאָן קלויבן מושלען. איך האָב אַליין געזען, ווי מ׳האָט עס געטון. אַ זאַק און אַ פאָר פלייצעס אויף צו טראָגן, איז אַלץ, וואָס מ׳ברויך צו האָבן, כדי צו קאָנען מאַכן זיך אַ קליין געשעפטל פון קוילן, ארומטראָגן זיי צי פאַרקויפן אָדער אָנפילן דעם אייגענעם קעלער מיט קוילן אויפן גאַנצן ווינטער. אין אנדערע מקומות איז אַזוי שווער צו באַקומען קוילן, אַז מ׳האָט געגראָבן צוואָנציק יאָר אָן אויפהער, געמאַכט מינעס מיילן־לאַנג, און עס האָט געקאָסט ריזיקע סומען, ביז מ׳האָט געפונען קוילן. צווישן די דאָזיקע צוויי עקסטרעמען זענען פאַראַן אַלערליי סאָרטן מינעס; אַ טייל גיבן אַזוי ווייניק קוילן און אַזוי פיל הוצאות, אַז עס לוינט זיך צו אַרבעטן ארום זיי דעמאָלט, ווען קוילן שטייען דעם העכסטן פּרייז און אנדערע גיבן אַזוי פיל קוילן און עס איז אַזוי גרינג זיי צו באַקומען, אַז עס לוינט זיך דאָרטן תמיד צו אַרבעטן, אפילו ווען דער פּרייז פון קוילן איז אויסערגעוויינטלעך ביליק. די הוצאות זענען פאַרשידענע: פון דרייהונדערט און פופציק פונט ביז אַ מיליאָן. אָבער א י ר מוזט תמיד צאָלן דעם פּרייז פון די מינעס, וואָס קאָסטן צום טייערסטן.

די סיבה איז אָט וואָס: זאַכן וואָס זענען נישט בנמצא, קאָסטן טייער און זאַכן וואָס זענען יאָ בנמצא, קאָסטן ביליק.

קוילן הייבן זיך און פאַלן מיטן פּרייז, פּונקט ווי טרושקאַווקעס. זיי זענען טייער, ווען זיי זענען נישט בנמצא און ביליק ווען זיי זענען פאַראַן. און יעדער אַרטיקל קאָן ווערן נישט בנמצא. פאַראַן אַ סך אופנים צו פאַרקלענערן עס אויפן מאַרק: דורך ווייניקער אַרבעטן אָדער אויפהערן צופּאַבריצירן; צווייטנס, צו פאַרמערן די צאָל מענטשן, וואָס ווילן קויפן דאָס באַשטימטע אַרטיקל און האָבן געלט צו באַצאָלן דערפאַר. נאָך אַן אופן קאָן זיין: אויסצוגעפינען אַ נייעם געברויך דערפאַר, אַ הונגער אין קוילן קאָן געשאַפן ווערן נישט בלויז דורך אַ פאַרגרעסערטער באַפעלקערונג, נאָר פון מענטשן, וועלכע האָבן פריער געדאַרפט אַ קעסטל-קוילן פאַר דער קיך און איצט דאַרפן זיי טויזנטער טאָנען פאַר גלאַנציקע אויוונס פון דאַמפשיפן. אָט די גרויסע געברויכן זענען די סיבה, פאַרוואָס קוילן זענען נישט בנמצא און דאָס האָט געהויבן דעם פּרייז אויף אַזאַ אופן, אַז עס לוינט צו גראָבן טונעלן אונטערן ים. אַזעלכע מינעס קאָסטן שווער געלט, קיינעם האָט נישט געגרייצט אונטערצונעמען אַזאַ אַרבעט, ביז די קוילן האָבן נישט געשטיגן צו אַזעלכע פּרייזן, וואָס זאָלן דעקן די הוצאות מיט פאַרדינסט. אויב די פּרייזן פאַלן אַזוי, אַז עס בלייבט נישט קיין פאַרדינסט, הערט מען אויף צו אַרבעטן און מ׳פאַרלאָזט די מינעס און וואָס זענען די קאָנסעקווענצן דערפון? מיטן אָפּשליסן די מינעס שטעלט מען במילא צו ווייניקער קוילן אויפן מאַרק, ווי פריער און דער מאַנגל פון קוילן הייבט באַלד צוריק די פּרייזן, ביז זיי זענען שוין אַזוי הויך, אַז עס לוינט צוריק אויפצועפענען די מינע און עס ברענגט נישט די אייגנטימער קיין שום פאַרלוסט.

אויף אַזאַ אופן איז תמיד די אינטעלעגענטע (און די נישט אינטעלעגענטע פרוי) פאַרמשפּט צו באַצאָלן דעם העכסטן פּרייז, וואָס עס קאָסט צו באַקומען די קוילן פון די טייערסטע מינעס, הגם זי ווייסט, אַז נור די אַרבעט און די צוליפערונג קומט פון די מינעס. דאָס איבעריקע קומט פון מינעס ווי די הוצאות זענען אַ סך קלענערע. מ׳וועט איר פאַרזיכערן, אויב זי וועט פּראָטעסטירן, אַז די פּרייזן זענען קוים געניג עס זאָל

לויבעז דעם מינעס-אייגנטימער פאַרצוויצן די אַרבעט און עס וועט זיין (גאַנץ אמת, מ׳וועט איר אָבער נישט זאָגן, וואָס איז אויך גאַנץ אמת, אַז די בעסערע מינעס ברענגען איבערגע-טריבענע רווחים אויף איר חשבון, נישט אַריינרעכנענדיק באַלע-באַטים און רויאַליסטן).

און דאָ קומט נאָך צו אַ קאָמפּליקאַציע: די מינעס-אַרבע-טער, וועלכע האַקן אויס די קוילן אין די בעסערע מינעס, באַ-קומען נישט קיין העכער שכירות פון די, וואָס אַרבעטן אין די ערגערע; דאָס הייסט די, וועלכע עס לוינט קוים צו האַלטן, ווייל דער מאַן קאָן גיין פון איין מינע צו דער אַנדערער, ער איז נישט ווי די קוילן, און דעם פרייז וואָס עס מוז אַקצעפּטירן דער אָרעמסטער מינעס-אַרבעטער מוזן אַלע אַרבעטער אַקצעפּטירן. אַזוי ארום זענען די שכירות פון אַלע מינעס-אַרבעטער אַזוי קליין, ווי פון די, וועלכע אַרבעטן אין די ערגסטע מינען, פּונקט אַזוי ווי די רעכנונגען פאַר קוילן, וואָס די הויזפרוי מוז באַצאָלן, בלייבן תמיד אַזעלכע גרויסע ווי פון די טייערסטע מינעס. די אומצופרידענע מינעס-אַרבעטער-סטרייקן דערפירן דערצו, אַז קוילן ווערן שטאַרק נישט בנמצא און טייערער ווי שטענדיק. די הויזפרויען באַקלאָגן זיך, זיי קאָנען אָבער נישט פאַרקלענערן די פרייזן און זיי באַשולדיקן דעם קליינהענדלער — און קיינער איז נישט צופרידן אַ חוץ די אייגנטימער פון די בעסערע מינעס.

די בעסטע רפואה וואָלט געווען, נאַטירלעך, דעם פּאָסט-הויפּט-פאַרוואַלטערס פּלאַן, אויסצומיטלען מיט באַשעדיקונגס-ערזאַץ. ווען אַלע קוילן-מינעס וואָלטן געהערט צו איין קוילן-הויפּט-פאַר-וואַלטער, וואָלט ער געקאָנט דעקן די קאָסטן פון די שלעכטע מינעס מיט די פאַרדינסטן פון די גוטע און אויסגלייכן די פרייזן לויט די קאָסטן פון דער גאַנצער צולייפערונג, אַנשטאַט צו פאַרקויפן זיי פאַר אַ פרייז וואָס עס קאָסטן די ערגסטע מינעס אויב אַ העלפט פון די צוגעשטעלטע קוילן קאָסטן אַפ דאָס אויסגראָבן אַ פונט אַ טאָן און די אַנדערע העלפט נור אַ האַלבע

קרוין, וואָלט ער געקאָנט פאַרקויפן אויף עלף שילינג און דריי פענעס אַ טאָן אַנשטאַט אַ פונט.

און דאָס וואָלט נישט געטון קיין שום פּריוואַטע קוילן־געזעלשאַפט, אפילו ווען אַלע מינעס וואָלטן געהערט צו זיי. וואָרן זייער אינטערעס וואָלט געווען אַרויסצובאַקומען, וואָס מער רווחים פאַר די אַקציאָנס־מיטגלידער, אַנשטאָט צו זאָרגן, אַז איר זאָלט האָבן קוילן פאַר אַזאַ ביליקן פּרייז, ווי עס איז נור מעגלעך. איין אייגנטימער בלויז איז פאַראַן, וועלכער וואָלט געאַרבעט פאַר אייערע אינטערעסן און וואָלט נישט געזוכט צו באַקומען קיין שום רווח פון אייך. אַזאַ אייגנטימער וואָלט געווען אַ רעגירונגס־קוילן־הויפּט־פאַרוואַלטער, וואָס וואָלט געאַרבעט לטובת דער נאַציע. דאָס הייסט, ער וואָלט געאַרבעט פאַר אייערטוועגן און פאַר אַלע אַנדערע הויזפרויען און געברויכער פון קוילן.

איצט פאַרשטייט איר פאַרוואָס אַלע קוילן־אַרבעטער און אינטעלעגענטע געברויכער פון קוילן, פאָדערן, אַז מ׳זאָל נאַציאָנאַליזירן די קוילן־גרובן און אַלע קוילן־אייגנטימער און סוחרים שרייען, אַז נאַציאָנאַליזירן די קוילן־גרובן וואָלט געהייסן שאָדן, אונטערגאַנג, רויִנירנדיקע הויכע פּרייזן, צעשטערונג פון אונדזער האַנדל און אינדוסטריע, דער סוף פון אונדזער קעניגרייך און וואָס זיי קאָנען נור צוטראַכטן אין זייער שרעק טאָמער פאַרלירן זיי די רווחים, וואָס זיי מאַכן דורך דעם, וואָס זיי צווינגען אונדז צו צאָלן פאַר קוילן אַ סך, אַ סך מער ווי זיי קאָסטן — שטעלן זיי זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך, אָבער אין זייער ליאַרם זענען זיי פונדעסטוועגן געניג פאָרזיכטיק גישט צו דערמאָנען דעם אמתן שטאַנדפונקט אין דעם גאַנצן עסק: דאָס איז די פראַגע פון שאַפן קוילן פאַר יעדן איינעם פאַרן קאָסטן־פּרייז. כדי אָפּצוציען דעם עולמס אויפמערקזאַמקייט פון דעם דאָזיקן פונקט ווילן זיי אייך דערקלערן, אַז נאַציאָנאַליזאַציע איז אַ פאַרברעכערשע אויסטראַכטעניש פון די באָלשעוויקעס און, אַז די בריטישע רעגירונג איז אַזוי פאַרדאָרבן און נישט קאָמפּעטענט אַז זי וואָלט נישט פעיק געווען אָנצופירן מיט אַ געשעפט פון

געבראָטענע קאַרטאָפל און נישט מיט קיין קוילן-מינעס. איר קאָנט איבערליינען צען וופוחים אין „הויז אָף קאָמאָנס" מכּוח דער קוילן-נאַציאָנאַליזאַציע און הונדערט אַרטיקלען אין די צייטונגען מכּוח די דאָזיקע דעבאַטן און נישט לערנען דאָס, וואָס איך האָב אייך איצט געזאָגט: דעם אונטערשיד פון די מינעס און ווי אַזוי די פרייזן וואָלטן געקאָנט אויסגעגלייכט ווערן און אַזוי אַרום ווערן קלענער. ווען די דאָזיקע פאַקטן וועלן באַוווּסט און פאַרשטאַנען ווערן, וועט נישט בלייבן קיין אָרט פאַר קיין שום אַנדערע אַרגומענטן. יעדערער, וואָס קויפט קוילן ווילט גלייך ווערן אַן אָנהענגער פון נאַציאָנאַליזאַציע, הגם יעדער קוילן-אייגנטימער וועט אויסגעבן דעם לעצטן סענט, וואָס ער וועט קאָנען אָפּשפּאָרן אויף צו מאַשמוצן און צו שטערן דעם פּלאַן פון נאַציאָנאַליזאַציע.

איר זעט שוין, ווי אַזוי פּריוואַט-אייגנטום פון קוילן-מינעס רירט אָן דער הויזפרוי יעדעס מאָל, וואָס זי קויפט קוילן; פאַרשטייט זיך, אַז עס רירט איר אויך אָן יעדעס מאָל וואָס זי קויפט אַ שער, אַ מעסער - גאָפּל אָדער אַ פּרעס-אייזן, וואָרן אייזן-מינעס און זילבער-מינעס זענען אויך נישט אַלע גלייך, פּונקט ווי קוילן-מינעס. עס רירט איר אויך אָן, ווען זי קויפט אַ ברויט, ווייל די פאַרמעס אונטערשיידן זיך אין פּרוכטבאַרקייט פּונקט ווי די מינעס. אַ שעפל ווייץ קאָן קאָסטן אין איין פאַרם אַ סך טייערער ווי אין דער צווייטער. עס רירט אָן יעדעס מאָל וואָס זי קויפט אַ זאַך, וואָס ווערט געמאַכט אין אַ פאַבריק, ווייל פאַבריקן אונטערשיידן זיך לויט זייער ווייטקייט פון באַנען אָדער קאַנאַלן, שיפפּאָרטן, גרויסע מאַרק-שטעט אָדער פּלעצער, וווּ זייערע רוי-מאַטעריאַלן זענען פאַראַן מער ווי געווינג, אָדער וווּ עס זענען פאַראַן נאַטורלעכע וואַסער-כּוחות צו טרייבן זייער אַרבעט. די דעטייל-פּרייזן אָבער זענען אַלע מאָל אויסגערעכנט אַזוי, אַז דער קויפער באַצאָלט פאַר די סחורות לויט יענעם אָרט וווּ זיי קאָסטן צום טייערסטן. זיי רעכנען קיינמאָל נישט אויס צוזאַמען מיט די וואָס קאָסטן ווייניק, נישט די מינע און נישט די פאַבריק, וואָס זענען באמת נאַציאָנאַלע

הוצאות. אַזויאַרום פאַרבלייבט זי אָרעם אפילו אין אַ רייך לאַנד ווייל דער גאַנצער חילוק צווישן דעם ערגסטן און דעם בעסטן אינעם לאַנד צופּט מען אַרום פאַר די אייגנטימער פון די מינעס און די פאַבריקן, דורך דעם וואָס מען רעכנט איר פאַר יעדן ארטיקל וואָס זי נוצט מער ווי עס קאָסט, און כדי צו באַשיצן איר פון אַזאַ אומגעלומפּערטער לאַגע, פאָדערן די סאָציאַליסטן און מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געחלומט אפילו צו רופן זיך סאָציאַליסטן, אַז די מינעס און די פאַבריקן זאָלן ווערן דאָס אייגנטום פון פאָלק אָנשטאָט פּריוואַט-אייגנטום. דער אונטערשיד צווישן די סאָציאַליסטישע און אַנטיסאָציאַליסטישע אָנהענגער פון נאַציאָנאַליזאַציע איז דאָס, וואָס די אַנטיסאָציאַליסטן פאָדערן בלויז ביליקע קוילן און די סאָציאַליסטן האָבן העכערע פאַרלאַנגען; זיי פאָדערן, די קוילן-גרובן זאָלן ווערן אַ נאַציאָנאַל-אייגנטום און זיי זאָלן אַזוי קאָנטראָלירט ווערן, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו זיין אַן אינסטרומענט פון אומגלייכער הכנסה-צעטיילונג, די נישט-סאָציאַליסטן זענען אויך איינשטימיק מיט אַ באַלדיקער נאַציאָנאַליזאַציע-פראַגע. דערפאַר קאָנען די סאָציאַליסטן אַוואַנסירן אָן אַ פּראָפעסיאָנעלע סאָציאַליסטישע מערהייט אין פּאַרלאַמענט אָדער אפילו אינגאַנצן אָן אַ מערהייט.

געדענקט-זשע, אַז דער חילוק צווישן די העכסטע קאָסטן פון פּראָדוקציע ביי די ערגסטע אומשטענדן און די קלענערע קאָסטן ביי בעסערע אומשטענדן — רופן די עקאָנאָמיסטן „רענט" (אָפּצאָל) מינעס-אָפּצאָל, און אָפּצאָל פון „קאַפּיריייט" (נאָכדרוק) און פּאַטענטן, רופן זיך „ראַאַליטיעס" מענטשן אָבער רופן קיין שום זאַך נישט מיטן נאָמען רענט אַ חוץ דאָס וואָס זיי צאָלן אָפּ פאַר דירות, הייזער אָדער ערד. אָבער באמת איז רענט אַ טייל פון די פּרייזן פון יעדער זאַך, וואָס האָט בכלל אַ פּרייז, אַ חוץ זאַכן וואָס זענען קאָמוניזירט און זאַכן וואָס ווערן פּראָדוצירט אונטער די ערגסטע פון אַלע ערגסטע באַדינגונגען.

# XXX

## צאַייערע שטייערן

אחוץ דאָס וואָס איר קויפט זאַכן אין די געשעפטן, מוזט איר צאָלן שטייערן, טעלעפאָן־רענט (אויב איר האָט אַ טעלעפאָן) און רענט פאַר הייזער און ערד. לאָמיר אויספאָרשן דעם טייל פון אייערע הוצאות און זען, צי עס רירט אייך נישט אָן אַלץ מער און מער.

מענטשן באַקלאָגן זיך שטאַרק אויף די שטייערן, ווייל פאַר דעם געלט וואָס זיי צאָלן אָפּ באַקומען זיי גאָרנישט פון דעם. און דאָס וואָס זיי באַקומען יאָ, מוזן זיי זיך טיילן מיט אַנדערע אַזוי, אַז זיי זעען נישט קיין פערזענלעכע פאַרדינסטן אין דעם, ווי זיי זעען למשל, אין זייערע קליידער, הייזער און מעבל. אָבער זיי ווייסן נישט, אַז זיי וואָלטן נישט לאַנג געטראָגן די מלבושים, די קליידער און דאָס מעבל, ווען עס וואָלטן נישט געווען קיין טרעטואַרן, באַלייכטונג און פּאָליציי אין די גאַסן, אַז זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין וואַסערלייטונג און אַלערליי אַנדערע נוצלעכקייטן, וואָס ווערן באַצאָלט מיט זייערע שטייערן. אויב אַן אינטעליגענטע פרוי הויבט אָן צו שטודירן דידאָזיקע ענינים געפונט זי באַלד אויס, אַז זי באַקומט אַ גרעסערן ווערט פאַר אירע שטייערן, ווי פאַר אַלע אַנדערע זאַכן און, אַז די קהלשה קאַנדידאַטן, וועלכע בעטן איר שטים בעת די וואַלן, באַשר זיי וועלן זען פארקלענערן אָדער איינגאַנצן

אָפּשאַפן שטייערן, (וואָס זיי קאָנען גליקלעכערווייז נישט טוןּ זענען אָדער נאַראָנים אָדער שווינדלער — אויב נישט ביידע צוזאַמען. און זי באַקומט די סאַטיספאַקציע, צו וויסן, אַז נישט נאָר זי באַקומט אַלערליי נוצן פאַר אַבסאָלוטע קאָסטפּרייזן, פון די לאָקאַלע אויטאָריטעטן, וועלכע נישט נאָר זיי פּראָפיטירן נישט, נאָר זיי מאַכן נאָך אַ סך זאַכן אומזיסט פאַר אירעטוועגן, וועלכע וואָלטן אין פּריוואַטע „ביזנעס" געקאָסט געלט. זי וואָלט דערפאַר געדאַרפט באַצאָלן; און ביי די איצטיקע אומשטענדן מוז מען באַצאָלן.

דעם אייגענעם נוצן, קאָן מען זאָגן, האָט זי פון די שטייערן דורך אַלערליי געזעלשאַפטלעכע נוצן, וואָס זי באַקומט און פאַר וועלכע זי צאָלט דער רעגירונג. מ'קאָן זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין שום דירעקטער פּראָפיט אין זיי. זי באַקומט זיי פאַר דעם וואָס עס קאָסט די רעגירונג, און עס וואָלט געקאָסט אַ סך טייערער, ווען עס וואָלט איינגעשטאַנען אין פּריוואַטע הענט. עס זעט אַלזאָ אויס, אַז צאָלנדיק אייערע שטייערן מיידט איר אויס די אַלע זאַכן, וואָס פאַרפאָלגן אייך יעדעס מאָל וואָס איר גיט אויס געלט אויף אַ וואָסער עס איז אופן איר הייבט שוין אפשר אָן פילן, אַז דאָס צווייטע מאָל ווען עס וועט קומען צו אייך דער שטייער-קאָלעקטער וועט איר דערהערן זיין קלאַפּ אין טיר מיט שמחה און איר וועט אים אָקעגנגיין מיט אַ שטראַלנדיק פּנים פון אַ מענטשן וואָס גיט מיט פאַרגעניגן.

עס טוט מיר לייד קאַליע צו מאַכן דאסדאָזיקע געפיל, נאָר דער אמת איז, אַז קאַפּיטאַליזם באַרויבט אייך דורך דער רעגירונג דורך קהל און דורך די שטאָט-ראַטן, פונקט אַזוי שטאַרק ווי דורכן געשעפטסמאַן. נאָר די רעגירונג און די לאָקאַלע אויטאָריטעטן מוזן, כדי אָנצוהאַלטן זייערע עפנטלעכע נוצן קויפן גרויסע סכומים פון אַלערליי סחורות פון פּריוואַטע פּראָפיטירער, וועלכע רעכענען זיי מער ווי קאָסט-פּרייזן און פאַר דידאָזיקע איבערגעזאָלצענע פּרייזן מוזט איר באַצאָלן מיט שטייערן. דאָס איז נישט צוליב דעם וואָס די רעגירונג פון לאַנד, וועלכע זאָרגט פאַר די מענטשן פון לאַנד קאָן זיך נישט באַ-

ניצן מיט דער ערד פונם לאַנד, סיידן זי צאָלט אָפּ שווערע פּרייזן עפּעס פּריוואַטע פּערזאָנען, כדי זיי זאָלן איר דערלויבן עס צו נוצן; עס זענען פאַראַן גענוג וועגן, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון די איבערצאָלונגען, ווי למשל: די רעגירונג זאָל קויפן אַ שטיק ערד פאַר אירע אָפּעראַציעס און זאָל באַקומען דאָס געלט צו באַצאָלן דערפאַר דורך אַ שטייער אויף הויזווירטן, אָדער אויף נישט אויסגעאַרבעטע און פאַרדינטע פאַרמעגנס. אויף אַזאַ אופן וואָלט זי געקאָנט, און טיילמאָל גיט זי טאַקע—אַבסאָלוטע קאָסט-פּרייז-נוצן. זי וואָלט עס אפילו געקאָנט געבן אומזיסט און זען, אַז די רייכע זאָלן באַצאָלן פאַר דעם.

אָבער איר צאָלט שטייערן נישט נאָר כדי צו באַצאָלן פאַר עפנטלעכע דינסטן, וועלכע זענען פאַר אַלע גלייך נוצלעך, נאָר פאַר אַ סך אַנדערע זאַכן אויך. און ווען עס קומט צו דעם קאָנט איר, אויב איר זענט אַ רייכע פרוי זיך באַקלאָגן, אַז איר ווערט באַרויבט פון די סאָציאַליסטן לטובת די אָרעמע און אויב איר זענט אַן אָרעמע פרוי — אַז איר ווערט באַרויבט פון די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע וואַרפן אַרויף אויף די שטייער-צאָלער אַ סך קאָסטן וואָס זיי וואָלטן געדאַרפט באַצאָלן פון זייערע אייגענע קעשענעס.

לאָמיר זען, וואָסער גרונט זיי האָבן זיך צו באַקלאָגן. לאָמיר אָנהויבן פון די רייכע. פון רייכע מענטשן נעמט די רעגירונג צו אַ פערטל אָדער אַ דריטל פון זייערע פאַרמעגנס דורך שטייערן און ביי זייער רייכע נעמט די רעגירונג צו מער ווי אַ העלפט נישט אויף קיין ספּעציעלע עפנטלעכע דינסטן (קאָמוניקאַציע) פון זייערע הכנסות דאָס ווערט געטון אין אַזאַ מאָס און אָן שום פאַרגיטיקונג און גאָר פּשוט – דורך צוואַנג. דאָס ווערט געטון אַלס אַזאַ אַבסאָלוטע זעלבסט-פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז די רייכע לייט חלומען אפילו נישט, צו פאָדערן פאַרגיטיקונג אָדער אָפּצוזאָגן זיך פון צאָלן ביז זייערע זאַכן וועלן אַוועקגענומען ווערן דורך צוואַנג אָדער אפילו אָנצורופן עס באָלשעוויסטישע קאָנפיסקאַציע. מיר זענען פעיק צו רעדן וועגן דעם, ווי אַזעלכע זאַכן וואָלטן קיינמאָל נישט געשען, אַחוץ אין דער פאַנ-

טאַזיע פון פאַרבּרעכערישע קאָמוניסטן, אָבער זיי געשעען אין גרויס-בּריטאַניע יעדן יאַנואַר, און דער אַקט וואָס גיט דערצו אויטאָריטעט ווערט אַריינגעבּראַכט יעדן אַפּריל דורך דער קאַנצעלאַריע פון דער שאַצקאַמער, הגם ער ווערט מיט אַזאַ זיכערקייט אָנגערופן אַן אַקט, וואָס גיט דאס רעכט אָפּצונעמען חובות איז עס אָבער אינדערעמתן אַן אַקט. וואָס גיט דאס רעכט צו צונעמען פאַרמעגנס.

עס איז נישט פאַראַן נישט אינם געזעץ, נישט אין דער קאָנסטיטוציע אָדער טראַדיציע אָדער אין פאַרלעמענטאַרישע מנהגים אָדער אין וועלכן עס איז טייל פון אונדזער אָנגענומענער מאָראַל אַזאַ זאַך, וואָס זאָל שטערן צו העכערן דעמדאָזיקן קאָנפיסקירטן דריטל אָדער העלפט ביז דריי-פערטל, ניין-צענטל אָדער גאָר אויפן גאַנצן פאַרמעגן. חוץ דעם, איז אָנגענומען, אַז אַ גאַנץ רייכע פּערזאָן שטאַרבּט קאָנפיסקירט די רעגירונג די גאַנצע איינקונפט פונם פאַרמעגן אויף אַ פעריאָד פון אַכט יאָר. די קלענסטע אַקציע-אייגנטימער מוזן אָפּגעבּן זייער איינקונפט צו דער רעגירונג צען הדשים צייט און דאָס איבּריקע אין פאַרשידענע פעריאָדן לויט דער פּראָפּאָרציע פונם באַטרעף.

פאַר אַ צולאָג צאָלן סיי רייכע סיי אָרעמע געוויסע טאַקסעס, וואָס רופן זיך אומדירעקטע אָפּצאָלונגען. אַ טייל פון זיי זענען טאַקסעס אויף געוויסע שפּייז-אַרטיקלען, אויף טאַבּאַק און אויף שפּירט, וועלכע איר צאָלט אין געוועלב, בעת איר קויפט דידאָזיקע אַרטיקלען. איר צאָלט זיי אַלס אַ טייל פונם פּרייז, וואָס זיי קאָסטן. אַנדערע זענען מאַרקע-פליכטן. אויף אַ רעכנונג וואָס באַטרעפט צוויי פונט אָדער איבּער צוויי פונט, מוזט איר אַרויפקלעבּן אַ מאַרקע פאַר צוויי פעניס, אויב איר מאַכט אַ געוויינטלעכן געשריבּענעם קאָנטראַקט — אַ מאַרקע פון זעקס פעניס. אין אויף געוויסע דאָקומענטן פאַר הונדערטער פונטן מאַרקעס, פון וועלכן מענטשן אָן פאַרמעגנס וויסן גאָרנישט, ווייל זיי נוצן קיינמאָ, נישט אַזעלכע דאָקומענטן. קיין איינציקע פון די דאָזיקע שטייערן זענען נישט אַריינגערעכנט צווישן די אַנדערע אָפּצאָלונגען, ווי וואַסער-שטייער אָדער פּאָליציי-שטייערן. זיי זע-

נען פשוט איבערגעטראָגענע הכנסות פון פריוואַטע קעשענעס, צו נאַציאָנאַלע קעשענעס. און זענען אַלס אַזעלכע ריינער קאָמוניזם. עס וועט אייך אפשר איבעראַשן, ווען איר וועט זיך דערוויסן, אַז אפילו נישט אַריינרעכנענדיק די שטייערן אויף עסנוואַרג, וואָס אַלע קלאַסן צאָלן, באַטרעפט דאָס פריוואַטע אייגנטום איבער אַ מיליאָן פונט אַ טאָג.

די רייכע וועלן פשוט נבהל־ונשתומם ווערן פון דער רי־זיקער סומע און פרעגן, וואָס טוט די רעגירונג מיט דעם אַלע־מען? וואָס באַקומען זיי פון דערדאָזיקער באַשטייערונג, וואָס זעט אויס אַזוי אויסטערליש פאַר דעם גרעסטן טייל פון אונדז, וואָס האָבן נור צו ציילן הונדערטער פונטן אַ יאר און נישט מיליאָנען אַ טאָג?

איר מוזט וויסן, אַז די רעגירונג פאַרזאָרגט אַן ארמיי און אַ פלאָט, אַ ציווילע־דינסט, געריכטן א. א. וו. און ווי מיר האָבן געזען, פאַרזאָרגט זי דאָס אַלץ אויף קאָסט־פרייזן אָדער אויף אַזעלכע פרייזן, וואָס קיין שום קאָמערציעלע אונטערנעמונג וואָלט עס נישט געטון. און איבער אַ הונדערט־מיליאָן פונט ווערט אַוועקגעגעבן אין מזומנים דורך פענסיעס, שטיצע פאַר ארבעט־לאָזע א. ד. גל. פאַר אומגליקלעכע מענטשן וואָס האָבן גאַנץ קליינע הכנסות אָדער בכלל קיין הכנסות נישט.

דאָס איז ריינע הכנסה־צעטיילונג. דאָס איז ריינער סאָציאַ־ליזם. די רעגירונגס־אָנגעשטעלטע נעמען דאָס געלט פון די רייכע און גיבן עס אַוועק צו די אָרעמע, ווייל די אָרעמע האָבן נישט גענוג און די רייכע האָבן צופיל, נישט רעכנענדיק זיך מיט זייערע פערזענלעכע פאַרדינסטן. און דאָ איז ווידער נישט פאַ־ראַן קיין קאָנסטעטוציאָנעלע גרענעץ. איך געדענק אַ צייט, ווען עס איז נישט געווען קיין ספּעציעלע שטייערן, און די הכנסה־שטייערן זענען געווען צוויי פענס פון פונט. אנשטאָט פיר און זעקס פענס אָדער פינף שילינג. און ווען גלאַדסטאָן האָט געהאָפט אינגאַנצן אונטערצוברענגען שטייערן, קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז שטייערן וועלן ווערן אַן אינסטרומענט פון אַ מער־ווייניקער גלייכע הכנסה־צעטיילונג. היינטיקע צייטן איז עס

איינס פון די הויפּטפּאָרדינסטן פון שטייערן. און עס וואָלט געקאָנט ברענגען צו אַן אַבסאָלוטע גלייכהייט ווען עס זאָל ברענגען אַ וואַסער עס איז ענדערונג אין אונדזער יערלעכער שאַצקאַמער־פּראַקטיק.

אַזוי ווייט כאַפּן הייסט עס די אָרעמע די מציאה. אָבער אַ טייל רייכע לייט מאַכן גאַנץ גוטע געשעפטן פון שטייערן. די שווערסטע אויסגאַבן, וואָס די רעגירונג האָט, זענען די פּראָצענטער פון די געלטער, וואָס די רעגירונג האָט געמוזט לייען אויף מלחמה־הוצאות; דאָס געלט איז שוין לאַנג נישטאָ, אָבער מיר מוזן נאָך אַלץ צאָלן די פּראָצענטער, ביז וואַנען עס וועט נישט זיין אינגאַנצן באַצאָלט. דער גרעסטער טייל פון די געלטער זענען געבאָרגט געוואָרן פון די רייכע, ווייל נור זיי האָבן געהאַט אָפּגעשפּאָרטע געלטער צו לייען. דער פּועל־יוצא איז, אַז די רעגירונג נעמט יעדעס יאָר אַ גרויסע סומע געלט פון דער גאַנצער רייכער געזעלשאַפט און גיט עס גלייך צוריק צו די רייכע וואָס האָבן איר אויסגעבאָרגט דאָס געלט אויף מלחמה־הוצאות. דער סך־הכל פון דערדאָזיקער טראַנזאַקציע איז איינפאַך מ׳צעטיילט הכנסות צווישן די רייכע, די וואָס פאַרלירן דערביי מאַכן אַ געוואַלט, זיי רופן עס די לאַסט פון נאַציאָנאַלן חוב אָבער די נאַציע איז נישט מיט קיין פּענע אָרעמער צוליב דעם, וואָס מ׳נעמט געלט פון איין פּרעכן בריטאַן און מ׳גיט עס צו אַן אַנדערן. צו דערדאָזיקער משא־ומתן איז לטובה אָדער לרעה, איז אָפּהענגיק דערפון צו עס פאַרגרעסערט אָדער פאַרקלענערט די עקזיסטירנדיקע אומגלייכהייט. ליידער פאַרגרעסערט עס נאָך די אומגלייכהייט, ווייל די רעגירונג, אַנשטאָט זי זאָל נעמען געלט פון אַ טייל קאַפּיטאַליסטן און עס צעטיילן צווישן אַלעמען, נעמט פון אַלעמען און צעטיילט עס צווישן איינציקע. דאָ ליגט דער חסרון פונם נאַציאָנאַלן חוב, וועלכער איז אין שייכות מיט אונדזערע מענטשן גאָר קיין חוב נישט. כדי צו אילוסטרירן דידאָזיקע זאַך קאָן מען זאָגן, אַז אַ העלפאַנט קאָן זיך נישט באַקלאָגן אויף צופיל לאַסט, ווייל זיינע פיס דאַרפן טראָגן זיין אייגענע לאַסט. נאָר ווען די גאַנצע משא וואָלט בעלעגן אין איין

זייט, אָנשטאָט צו זיין צעטיילט אויף אַלע פיר פיס, וואָלט דער העלפאַנט קוים געקאָנט דערשלעפּן די דראָזיקע משא, און ער וואָלט זיך איבערגעקערט ביים קלענסטן צוזאַמענשטויס: אונדזער האַנדל לייט טאַקע ביי דעם נישט גלייכן סיסטעם.

אַ טייל מענטשן זאָגן, אַז די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן געבאָרגט דאָס געלט אויף מלחמה־הצואות, פאַרדינען ערלעך די פּראָצענטער, וואָס זיי באַקומען, ווייל זיי האָבן זיך דעמאָלט מקריב געווען פאַרן לאַנד. אַזוי ווי איך בין אַליין געווען איינער פון זיי, קאָן איך אייך זאָגן אָן שום ביישוויליקייט, אַז דאָס איז נישט מער ווי סענטימענטאַלע נאַרישקייטן. זיי זענען געווען די איינציקע, וואָס מ׳האָט נישט גערופן צו ברענגען קיין קרבנות, פאַרקערט, מ׳האָט זיי פאַרגעלייגט אַ גאָלדן געשעפט, אַריינצולייגן זייערע געלטער דאָרט, וו זיי וועלן באַקומען פינף פּראָצענט אָנשטאָט פיר, וואָס זיי באַקומען געוויינטלעך. די מענטשן, וואָס זענען בלינד, צעמזיקט אָדער געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה, זיי זענען געווען די קרבנות. די וועלכע האָבן געאַרבעט און זיך געשלאָגן אויפן פראָנט זענען געווען די רעטער פונם לאַנד; בעת די מענטשן, וואָס האָבן גאָרנישט געטון, האָבן בלויז דערלאַנגט דאָס נאַציאָנאַלע ברויטל וואָס אַנדערע האָבן געמאַכט און פריער געגעבן אַ רעכטן ביס דערפון (זיי און זייערע משרתים) איידער זיי האָבן עס איבערגעגעבן צו די סאָלדאַטן. זיי האָבן נישט געלייסטעט קיין שום פּערזענלעכע דינסטן. זיי האָבן נור פאַרגרעסערט דעם מאַנגל אין שפּייז. דער מאָטיוו פאַרוואָס מ׳האָט זיי איבערגעשטאָפּט אויף אַזאַ אַבסורדן אופן איז נישט געווען פאַר אַ וועלכע עס איז פאַרדינסטן אָדער לייסטונגען פון זייער זייט. עס איז פּשוט דערפאַר, וואָס מ׳מוז האָבן אָפּגעשפּאָרט געלט און מ׳האָט מורא, אַז עס וועט נישט זיין קיין לאַגער־געלט אויב מ׳וועט נישט אָנשטאָפּן אַ קלאַס מיט מער געלט, ווי ער קאָן אויסגעבן. מיר וועלן זיך נאָך מוזן אָפּשטעלן דערויף שפּעטער, ווען מיר וועלן באַהאַנדלען דעם זין פון קאַפּיטאַל. דערווייל — אויב איר האָט געהאַט דאָס אומגליק צו פאַרלירן אַן אויג, בעת די לופט־אָנפאַלן; אויב איר האָט פאַר-

לוירן אייער מאַן אָדער אייער זון, אויב איר האָט געטון מיט חשק אייער פליכט (did your bit) אין דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה און איצט זענט איר אַ שטייער-צאָלער, מוז אייך ווייניקסטנס פאַרקומען משונהדיק, אַז די רעגירונג זאָל אוועקנע-מען געלט פון אייך און אוועקגעבן עס צו עפעס אַ דאַמע, וואָס האָט גאָרנישט געטון און געלעבט אַ גוטן טאָג אין דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה. מ'וועט אייך נישט קאָנען לייכט איינרעדן, אַז עס וואָלט געווען אַ שווערערע זאַך פאַר דער רעגירונג, צו באַפעלן איבער איר געלט ווי איבער אייער מאַנס אברים אָדער אייער זונס לעבן. יעדנפאַלס קאָן מען זאָגן, אַז עס וואָלט געווען פאַסיקער.

נאָך איין ביישפּיל, ווי אַזוי אייערע שטייערן ווערן פאַר-ברויכט רייכער צו מאַכן פּראָפיטירער, אַנשטאָט צו ברענגען אייך אַ וועלכן עס איז נוצן. אין אָנהויב פון דער מלחמה איז דער איינפלוס פון די פּראָפּעטירער אויף דער רעגירונג געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן זיך אויסגעפועלט, די רעגירונג זאָל זיי אוועקגעבן אַלע באַשטעלונגען אויף אַמוניציע, אַנשטאָט מ'זאָל זיי מאַכן אין נאַציאָנאַלע פאַבריקן. דער פּועל-יוצא איז געווען, אַז איר האָט געצאָלט שטייערן מיט וואָס צו צאָלן שכירות אַר-בעטער, וועלכע זענען געשטאַנען ליידיק אין וואָליטש-אַרסענאַל און האָבן גענומען אפילו געהאַלט, כּדי די פּראָפּיטירנדיקע פירמעס זאָלן האָבן די גאַנצע אַרבעט מיט אַ רווח. איר האָט גע-מוזט צאָלן זייער אַרבעט און דעם פּראָפּיט אַלס אַ צולאָג. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט אויס-אַרבעטן אפילו אַ העלפט באַמבעס און די וואָס זיי האָבן אויס-געאַרבעט, האָבן געקאָסט זייער טייער און האָבן נישט תּמיד עקספּלאָדירט. דער רעזולטאַט איז געווען אַ ריזיקע אויסשלאַכ-טונג פון אונדזערע סאָלדאַטן אויפן פלעמישן פראָנט, וועלכע זע-נען געבליבן כּמעט אָן פאַרט-יידיקונג אין די שוץ-גריבער צוליב מאַנגל אין אַמוניציע. מיר זענען שיער נישט געבליבן באַ-זיגט דורך איינפאַכער אויסראָטונג. ווען די רעגירונג האָט גע-נומען די זאַך אין אירע הענט אַריין, האָט געעפנט נאַציאָנאַלע

פאַבריקן (מעגלעך איר האָט געאַרבעט אין איינער פון זיי) און אַמוניציע איז פּראָדוצירט געוואָרן אין אַזאַ צאָל, אַז מיר זענען נאָך איצט נישט אינגאַנצן פּטור פון דעם וואָס איז איבערגעבליבן נאָך דער מלחמה. אַחוץ דעם, וואָס זי האָט קאָנטראָלירט די פּראָפיטירער, געלערנט זיי זייערע עסקים (זיי האָבן אפילו נישט געוווּסט ווי צו האַלטן רעכנונג און האָבן זיך געוואָרפן מיט געלט ווי מיסט), האָט באַגרענעצט די פּראָפיטן אויף אַ דראַסטישן אופן און דאָך—נאָך דערדאָזיקער דערפאַרונג (וועלכע איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען אַ גרויסער טריומף פאַר די אַדוואָקאַטן פון נאַציאָנאַליזירטע אינדוסטריעס) קוים די מלחמה האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט האָבן די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען ווידער אָנגעהויבן מיט זייערע נארישע און עקלהאַפטע בבא-מעשיות, אַז די רעגירונג איז נישט קאָמפּעטענט, אומפעיק, נישט ערלעך און אויסברענגעריש, און אַז פּריוואַטע פירמען זענען אַזוי פּראַכדיק און אַזוי אָפנהאַרציק-ערלעך, אַז די רעגירונג טאָר קיינמאָל נישט טון אַזאַ זאַך, וואָס קאָן געטון ווערן דורך פּריוואַטע פירמעס, וועלכע דאַרפן פּראָפיטירן און באַלד דערויף זענען אַלע נאַציאָנאַלע פאַבריקן פאַרקויפט געוואָרן פאַר גאָרנישט מיט גאָרנישט צו די פּראָפיטירער. און די נאַציאָנאַלע אַרבעטער זענען געבליבן אויף דער גאַס צוזאַמען מיט די דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן; צוויי מיליאָן זענען זיי געווען און געלעבט פון אַ געוויסע שטיצע פאַר אַרבעטסלאָזע.

דאָס איז בלויז אַ סענסאַציאָנעלער משל פון דעם, וואָס עס טוט זיך אָפּ כסדר. צום ביישפּיל, דאָס אויסברענגען אייער געלט דורך באַשיפּטיקן פּראָפיטירנדיקע אונטערנעמער, צו טון די אַרבעט, וואָס וואָלט געקאָנט געטון ווערן דורך די אויטאָריטעטן אליין, נישט רעכנענדיק אייך קיין פּראָפיט.

איר זעט אַלזאָ, אַז הגם איר צאָלט שטייערן און אָפּצאָלונגן, זענט איר נישט זיכער, אַז איר צאָלט נישט נאָר די קאָסט-פּרייזן פון עפנטלעכן דינסט, נאָר ריזיקע סומען, וואָס פאַלן אַריין אין די הענט פון פּריוואַטע אַרבעטסגעבער אַלס אומניטיקע אָדער איבערגעטריבענע פּראָפיטן פאַר די באַלעבאַ-

טים און קאפיטאליסטן, װעמעס לאנד און קאפיטאל די דאזיקע ארבעטסגעבער נוצן און די אייגנטימער פון גרויסע פארמעגנס װעלכע האבן אויסגעבארגט געלט אויף מלחמה-הוצאות און אנדערע לאגערן, װאס רעפרעזענטירן דעם נאציאנאלן חוב; אבער אזוי װי איר באקומט אפשר צוריק א טייל דערפון אלס א פענסיאנער אדער מקובל פון א געװיסער געזעלשאפטלעכער שטיצע אדער זייט איר אפשר גאר אליין איינער, װאס האלט מלחמה-הלװאה אדער איר קאנט גראד האבן אן אקציע אין איינעם פון די קאמערציעלע אונטערנעמונגען, װאס באקומען קאנטראקטן פון דער רעגירונג אדער קהל, איז מיר אוממעגלעך צו זאגן צי איר געװינט דערביי אלס גאנצעס אדער איר פארלירט, איך קאן נאר זאגן, אז די שאנסן זענען צען קעגן איינעם, אז איר פארלירט איין באלאנס, דאס הייסט, אז די רייכע קריגן מער ארויס פון אייך דורך דער רעגירונג, װי איר קריגט ארויס פון זיי. דאס איז מכּוח דער אפצאלונג. איצט װעלן מיר זיך נעמען צו די שטייערן.

## XXXI

# צײַערע שטײַערן

שטייערן צאָלן נישט אַלע גלייך. סיי לאָקאַלע אויטאָריטעטן, סיי די רעגירונג מוזן אנערקענען דעם פאַקט, אז טייל מענטשן קאָנען צאָלן מער ווי אַנדערע, און מ׳באַשטימט די צאָלונגען לויט די מעגלעכקייטן. זיי טוען דאָס דורך אויסרעכענען די שטייערן לויט דעם ווערט פונם הויז, וואָס דער שטייער־צאָלער באַוווינט; פונם געשעפט, וואָס ער באַנוצט, מיט דער השערה, אַז אַ מענטש, וואָס האָט אַ געשעפט און אַ הויז אין ווערט פון אַ הונדערט פונט אַ יאָר, איז רייכער ווי איינער, וואָס פאַרמאָגט אַ הויז מיט אַ געשעפט, וואָס איז נור ווערט צוואַנציק. און זיי באַשטייערן אים לויט דעמדאָזיקן ווערט.

אַזוי אַרום איז אייגנטלעך יעדער שטייער אַן אָפּגעמאָסטענער הכנסה־שטייער, צוזאַמען מיט אַן אָפּצאָל פאַר עפנטלעכן דינסט און דאַן זענען פאַראַן מוניציפּאַלע חובות פונקט ווי עס זענען פאַראַן נאַציאָנאַלע חובות און אַזוי ווי קהל איז פונקט אַזוי פויל און אַזוי אויסבערענגעריש ווי די צענטראַלע רעגירונגען אויפן געביט פון אוועקגעבן קהלשע אַרבעט צו פּראָפּיטירנדיקע אונטערנעמער — איז אַלץ וואָס קומט פאַר מיט די אָפּצאָלונגען קומט פאַר מיט די שטייערן נור אין אַ קלענערער מאָס.

אָבער עס זענען פאַראַן נאָך אומנאָרמאַלע דערשיינונגען, וואָס די שטייערן זענען גורם: וואָס קומט אַרויס ווען אפילו

דער ערלעכסטער טייל פון אונדזער נאציאָנאַלער און מוניצי-פּאַלער קאָמוניזם, וועלכער באַצאָלט פאַר אַלעמען ערלעך דורך באַשטייערן, איז אנגעוועבדט אַזוי, ווי מיר וועלן עס אָן לגבי מענטשן, וואס א טייל פון זיי זענען זייער ארעם און א צווייטער טייל זייער רייך? אויב אַ פרוי קאן זיך נישט דערלויבן צו עסן צו דער זעט כדי זי זאל קאנען זויגן איר קינד, קאן זי זיך זיכער נישט דערלויבן בייצושטייערן אויף אויסצוהאַלטן אַ סטאַדע קרעמפּאַרביקע לאשיקלעך אין די שטאַלן פון „בוקינג-העם פּאַלאַץ"; אויב זי מיט איר מאַן און קינדער וואוינען אין איין שטוב אין אַ וואוינונג, ווו מ'רייבט זיך אַ פּלייצע אין אַ פּלייצע, ערגעץ אין אַ לאך, וואס איז האפנוגנסלאז-ווייט פון די שטאטישע פּארקן מיט זייערע בלומען און ארקעסטערס, מיט זייערע טייכן, שיפלעך א. א. וו. איז איר, פאַרשטייט זיך, שרעקלעך שווער און עס איז גארנישט יושרדיק, מ'זאל איר הייסן צאָלן שטייערן כדי אויסצוהאַלטן די אַלע זאַכן, וועלכע ווערן מיינסטנס באַנוצט פון רייכע לייט, וועמעס פערד און אויטאמאבילן זענען דער בעסטער באַווייז, אַז זיי וואלטן גרינג געקאנט באַצאָלן פאַרן אַריינלאָזן זיי אין דידאזיקע מקומות. און דאס וואלט געבוג געווען זיי אויסצוהאַלטן און נישט קומען צו דער ארעמער פרוי, זי זאל צאָלן שטייערן פאַר זייערטוועגן.

הכלל, הגם קאמוניסטישע אויסגאַבן זענען אבליגאַטאריש, אַרויפגעצוווּנגען אויף אַלעמען גלייך, האָבן אבער נישט אַלע קיין גלייכע מיטלען צו דעקן די דאזיקע הוצאות, סיידן אַלע זאָלן האָבן גלייכע הכנסות אבער דאס הייסט נישט, אַז כדי דאס צו פאַריכטן דארף מען ליקווידירן די פארקן און אומברענגען די קרעם-לאשיקלעך, אדער צו זאגן דעם פרינץ-אָף-וועלס, אַז ער טארנישט האָבן מער ווי איין אַנצוג ביז יעדער ארעמער פרויס זון וועט נישט האָבן צוויי, דאָס וואלט געווען נישט נור אוממעגלעך נור אייפערזיכטיק און קמצניש. די עצה איז אויס-צוגלייכן די הכנסות. לעת-עתה מוזן מיר צאָלן אונדזערע שטייערן און אָפּצאָלונגען אויף אַ בכבודיקן אופן, וויסנדיק, אַז ווען מיר זאָלן פּרוּוון אַרויפברענגען די געזעלשאַפטלעכע הוצאות צו

דער מדרגה פון די ערגסטע פריוואַטע ארעמקייט, וואלט אונדזער לעבן געווען אומדערטרעגלעך אפילו פאַר ווילדע.

אבער דאס באַרעכטיקט נאך נישט דעם אופן, ווי אַזוי מען עקספּלאַטירט די שטייער-צאָלער. עקספּלאַטירן אַ פּערזאָן, הייסט מאַכן געלט אויף איר רעכנונג און נישט צוריקגעבן איר קיין גלייכן טייל. פּאַקטיש עקספּלאַטירט יעדער פּריוואַט-אַרבעטס-געבער די שטייערצאָלערין אויף אזא אופן, אז זי באמערקט עס אפילו נישט, סיידן זי שטודירט די זאך, ווי מיר שטודירן עס איצט, און אט איז דער וועג ווי אזוי זיי טוען עס:

אַ פרוי וועלכע באַשצפטיקט הויז-דינסטן, גיט זיי מערסטנס רעגולערע באַשעפטיקונג אבער אַ טייל גיט זי בלויז צייטווייליקע באַשעפטיקונג, דאָס הויזמיידל און די קעכן, למשל, זענען באַשעפטיקט אויף דער גאַנצער צייט. די גובערנאַנטקע איז צייטווייליק באשעפטיקט און די פרוי, וואס קומס אריין וואשן די פאדלאגעס א. א. וו. איז נור באשעפטיקט דעמאלט, ווען עס מאכט זיך איבריקע ארבעט, דאס הייסט מ׳נעמט זי צו אויף אַ טאג אדער גאר אויף א פאר שעה און דאן ווערט זי באַפרייט און זי מוז שוין ווייטער זוכן ערגעץ-ווו א ביסל ארבעט ווידער אויף די זעלבע באדינגונגען. אויב זי ווערט קראנק גייט עס קיינעם פון אירע צייטווייליקע ארבעטסגעבער נישט אן. זיי האבן נישט קיין שום פליכטן בנוגע איר, און ווען רייכע מענטשן זאגן טיילמאל אפ אין זייערע צוואות עפעס געלט פאר זייערע דינסטן, טראכטן זיי אפילו נישט וועגן אפזאגן עפעס פאר דער פאדלאגע וואשערין, וועמען זיי האבן געגעבן צייטווייליקע באשעפטיקונג.

פארשטייט זיך, אז עס איז זייער באקוועם צו דינגען א פרוי, ווי מ׳דינגט אן אויטאמאביל אויף א פאר שעה; באצאלן איר די פאר שילינג און דאן אן שום ווייטערדיקע פאראנטווארטלעכקייט שיקט מען איר אין גאס, אבער דאס הייסט גלייכצייטיק, אז דעמאלט, ווען די דאזיקע פרוי ווערט קראנק אדער זי קריגט נישט קיין באשעפטיקונג אדער זי ווערט, אזוי אלט, אז יונגערע און שטארקערע פרויען פארנעמען איר ארט, מוז

עמעץ זארגן פאר אירעטוועגן און דער עמעץ איז דער שטייער-צאלער, וועלכער גרייט אן דאס ארעמהויז און פארזארגט, עס זאל זיין געלט אויף ארויסגעבן שטיצע צו אזעלכע פרויען. אויב דער שטייערצאלער וואלט דאס נישט געטון, וואלט די הויז-פרוי געמוזט, אדער זיך באגיין אן איר, אדער צאלן איר א בעסערן פרייז פאר דער ארבעט. אפילו דינסטן מיט שטענדי-קער באשעפטיקונג קאנען נישט היינטיקע צייטן פארלאזן זייע-רע שטעלעס אן א פענסיע ווען זיי קאנען שוין מער נישט ארבעטן. אזוי ארום איז די הויזפרוי גורם, אז אן אנדער פרוי זאל מוזן צאלן שטייערן. א סך פרויען, וואס קאנען זיך נישט פארגינען צו האלטן קיין דינסט, צאלן פאר אן אנדער פרויס דינסטן. נור דאס איז נאך נישט קיין גענוגנדיקע ראיה, ווייל איר, א דערפארענע פרוי קאנט א מאל זאגן, אז די דאזיקע וואש-פרויען פארדינען גארנישט אזוי שלעכט ווי מ׳מיינט, אז מ׳קאן זיי קוים קריגן, און די שטענדיקע נעמען אויך אן פארשידענע אנ-דערע ארבעטן און זיי טוען אייך א גאנצע טובה. גיט-זשע אבער א טראכט מכוח די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמער, וויפיל זיי באשעפטיקן צייטווייליקע ארבעטער, גאנצע ארמייען, נעמט למשל די שיף-קאמפאניעס: די מענער, וואס לאדעווען-אן און לאדעווען-אויס די שיפן, נעמט מען אן אויף דער שעה צו הונדערטער מיטאמאל און זיי ווייסן קיינמאל נישט, צי זיי וועלן האבן אויף איין שעה ארבעט אדער אויף אכט. זיי ווייסן נישט, צי זיי וועלן האבן צוויי טאג ארבעט אין דער וואך צי זעקס. איך געדענק, ווען זיי האבן געארבעט פאר צוויי פענעס א שעה און ווי גרויס עס איז געווען זייער נצחון, ווען זיי האבן נאך א סטרייק אויסגעפועלט צו באקומען גאנצע זעקס פענעס א שעה. דער פראפיט פון דער שיף-געזעלשאפט; נאר די דא-זיקע מענער מיט זייערע ווייבער און קינדער לעבן פונדעסט-וועגן כסדר אלץ פון שטייערן.

איצט נעמט אזא מין ענין. די שטייערצאלער דארפן אויס-האלטן אן אינטערנאט פאר ארעמע לייט, אויב עמעץ מעלדעט זיך דארט אלס אן ארעמער פארלאזענער מענטש, מוז מען אים

אריינעמען, געבן אים עסן און טרינקען, אן אָרט ווו צוווינען און אַ מלבוש. אַ טייל מענטשן זענען שוין אַזוי געוווינט דער־מיט, אַז זיי וווינען דאָרט כסדר, סיידן עס פּאַרגלוסט זיך זיי שיכורן אַביסל. דעמאָלט פּאַדערן זיי מ׳זאָל זיי אויסשרייבן און מען מוז זיי אַרויסלאָזן כדי צו טון וואָס זייער האַרץ גלוסט. זיי לאַדעווען-אויס אַ שיף, פאַרשווענדן דאָס גאַנצע געלט מיט־אמאָל. און קערן זיך צוריק אום אינם אונטערגאַט אַריין, אַלס אָרעמע עלנטע מענטשן און באַקומען צוריק זייער אָרט אויפן שטייערצאָלערס חשבון. אַ פּרוי קאָן טון פּונקט דאָס איי־גענע, אויב זי קאָן גראד געפינען אַ צייטווייליקע אַרבעט. דאָס פאַרשטייט זיך זענען עקסטרעמע דערשיינונגען. אָרנטלעכע, אנשטענ־דיקע אַרבעטער טוען דאָס נישט. אָבער צופעליקע אַרבעט פּראָדוצירט נישט קיין אָרנטלעכע, אנשטענדיקע מענטשן; ווען זיי וואָלטן נישט געווען אומפּאַרזיכטיק און וואָלטן נישט געפּרוווט פאַר־טרייבן דאָס ביסל צרות, וואָלטן זיי נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די אייביקע זאָרג פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

נאָך עפּעס. שיף-אַרבעט איז אַ געפערלעכע אַרבעט, אין דער צייט, ווען די אַרבעט גייט מיטן גאַנצן ברען. און ביי גרויסע שיפן מאַכן זיך פאָרפאַלן יעדע צוואַנציק מינוט, אָבער די שיף-געזעלשאַפט האָט נישט קיין אייגענעם שפּיטאָל, וואָס זאָל אויסהיילן די פאַרוווּנדערטע דורך די צופאַלן. פאַר וואָס זאָלן זיי עס טון? עס איז פאַראַן אַ שפּיטאָל פאַר אָרעמעלייט, וואָס ווערט געשטיצט פון די שטייערצאָלער אָדער אַ שפּיטאָל, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פון צדקה וואָס זיי געבן און עס איז די גרינגסטע זאַך, אָוועקצופירן דעם קרבן פונם פאָרפאַל אין איינעם פון דידאָזיקע ערטער, מ׳זאָל אים דאָרטן היילן אויפן חשבון פונם כלל אנשטאָט צו פאַרשאַפן די טרחה דער שיף־קאָמפּאַני, עס איז נישט קיין חידוש, וואָס די דירעקטאָרן און די פּרעז־זעסן פון די שיף-געזעלשאַפטן זעט מען אָפט צווישן די פליסיקסטע פּאַרטיידיקער פון צדקה-אַנשטאַלטן, אין וועלכע זיי זענען אַליין שטאַרק פאַראינטערעסירט.

די אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס ווערט

אויסגעהאַלטן פון די שטייערצאָלער, איז די טורמע מיט איר פּאָליציי, מיט אירע געריכטס-הייזער, ריכטער און די אַלע איבעריקע קאָסטבאַרע הצטרכותן צו אויסצוהאַלטן. אַ ריזיקע פּראָפּאָרציע פון די, וואָס ווערן דאָרט געמשפּט ווערן אָנגעקלאָגט פאַר שיכּרות. אַז דער האַנדל מיט ביר, בראָנפן א. א. וו. איז אַ פּראָפיטירנדיקער, ווייסט יעדער איינער אויף אַזוי פיל, אַז אין ענגלאַנד רופט מען עס „דער מסחר פון אַלע מסחרים". אבער פאַרוואָס איז דערדאָזיקער מסחר אַזאַ פּראָפיטירנדיקער? ווייל דער סוחר נעמט צו דאָס גאַנצע געלט פון זיין קונה פאַרן ביטערן טראָפּן און ווען יענער שיכּורט זיך אָן, וואַרפט ער אים ארויס אויף דער גאַס, איבערלאָזנדיק פאַר דעם שטייער-צאָלער צו באַצאָלן פאַר אַלע שאדנס, וואָס ער מאַכט, פאַר אלע פאַרברעכנס, וואָס ער בעגייט שיכּורערהייט, פאַר אַלע קראַנקהייטן, וואָס ער ברענגט אויף זיך און זיין פאַמיליע און בכלל פאַר אַלע צרות, וואָס שיכּרות איז גורם. אויב די קאָסטן פון דעם אַלעמען וואָלטן אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דעם בראָנפן-האַנדל, אנשטאט צו מאַכן פּאָליציי-שטייערן און אָרעם-שטייערן, וואָלט דער פּראָפיט פון דעם דאָזיקן מסחר באַלד פאַרשוואונדן.

דערווייל אָבער האָט דער סוחר אַלע פאַרדינסטן, און דער שטייערצאָלער מוז אויסשטיין אַלע פאַרלוסטן, דערפאַר איז טאַקע אין אמעריקע דערדאָזיקער האַנדל פאַרבאָטן. מען האָט פאַרמאַכט די שענקן און מ'האָט אויסגעפונען, אַז מ'קאָן גלייכצייטיק פאַרשליסן אַסך פון די תּפיסות, אָבער ווען זיי וואָלטן געמאַכט די שענקן פאַר א קהלשן ענין, דאָס הייסט, אויב דער שטייערצאָלער וואָלט אויסגעהאַלטן די שענק, אַזוי גוט ווי די טורמע, וואָלט מען זיך שטאַרק באַמיט אויסצוואָרצלען שיכּרות, ווייל עס וואָלט געבּרענגט פאַרלוסט דער מוניציפּאַלער קאָסע אנשטאט פאַרדינסט. דערווייל ווערט דער שטייערצאָלער עקספּלאָאַטירט פונם שיכּרות-מסחר און די גאַנצע נאַציע ווערט אָפּגעשוואַכט און דעמאָראַליזירט, כּדי עטלעכע מענטשן זאָלן ווערן אויסערגעוויינטלעך רייך; עס איז אמת, אַז דידאָזיקע מענטשן האָבן צוריק אויפגעבויט אַ טייל פון אונדזערע איינגעפאַלענע קאַטעדראַלן פון צייט צו צייט,

אָבער זיי האפּן צו באַקומען דערפאַר טיטון. דערדאָזיקער בייט איז אַלזאָ א נאַרישער און אַ שלעכטער.

עס איז פאַראַן נאָך אַ פּילפּול מיט וואָס אַ קהל, אי די רעגירונג קאָנען אייך ווערן פאַרעדן די ציין, זיי זענען כּלומרשט געצוואונגען אייך צו געבן יעדע זאַך אויף קאָסט-פּרייז און נישט צו פּראָפיטירן, אָבער זיי טוען עס גאַנץ אָפן, זיי פאַרדינען אין אייך אַזוי פיל וויפיל עס לאָזט זיך נאָר און זיי באַרימען זיך נאָך דערמיט; דאָס באַווייזט אַז זיי זענען גוטע סוחרים. דאָס בעשעט גישט דאַן ווען איר באַצאָלט אייערע שטייערן אָדער טאַקסעס, נור בעת איר קויפט עפּעס, ווען איר ווילט אַוועקשיקן אַ בריוו מוזט איר באַצאָלן דריי האַלבע פּענעס אין פּאָסט פאַר דער טרחה. ווען איר ווינט אין אַ הויז, ווו עס איז פאַראַן עלעקטרישע באַלייכטונג, מוזט איר באַצאָלן דער שטאָט-פאַרוואַלטונג אַזוי פיל וויפל עלעקטרישע קראַפט איר פאַרנוצט, דאָס ווערט נישט אריינגערעכנט אין די שטייערן.

און עס טוט מיר לייד וואָס איך מוז אייך זאָגן, אַז דער הויפּט-פּאָסט-פאַרוואַלטער נוצט אייך אויס און נעמט פאַר אַ בריוו מער, ווי עס קאָסט אים און דעם פּראָפיט גיט מען איבער דעם קאַנצלער פון דער שאצקאַמער, וועלכער באַנוצט זיך מיט דעם געלט, כּדי קלענער צו מאַכן די הכנסה-שטייערן און די ספּעציעלע שטייערן. איר באַצאָלט אַלזאָ פאַר יעדער זאַך מער, וויפל עס קאָסט, כּדי די וואָס צאָלן הכנסה-שטייערן, זאָלן צאָלן ווייניקער. אַ קליינער טייל פון אייערע דריי האַלב-פּענעס פאַלט אריין אין די מיליאָנערשע קעשענעס. אמת, אויב איר זייט אַן הכנסה-שטייער-צאָלער, באַקומט איר עפּעס דערפון צוריק, נור אַזוי ווי ס'רוב מענטשן צאָלט נישט קיין הכנסה-שטייערן און כּמעט יעדער איינער קויפט ווייניקסטנס עטלעכע פּאָסט-מאַרקעס ווערט דער קויפער פון די פּאָסט-מאַרקעס עקספּלאָאַטירט דורך דעם הכנסה-צאָלער. אַזאַ פּרינציפּ איז פאַלש, און אַזאַ פּראַקטיק איז אַ געפערלעך אופן פון אויסניצונג און דאָס ווערט פונדעסטוועגן בעלויבט און פּראַקטיצירט אַלעמאָל איז אַ גרעסערער מאָס; אָט האָט

די רעגירונג לעצטנס צוגעשטיקעוועט דעם טעלעגראַף צו דער פּאָסט דעם טעלעפאָן צום טעלעגראַף און ראַדיאָ צו ביידע.

וואָס שייך דער מוניציפּאַלער עלעקטרישער באַלייכטונג, מוז איך זאָגן, אַז הגם פּאַקטיש מוז די שטאָט-פּאַרוואַלטונג אָנהויבן אָפּצוצאָלן פֿאַר די קאָסטן פֿון דער אַרבעט, אַזוי שנעל, ווי זי באָרגט דאָס געלט און מוז דעקן די גאַנצע סומע אין אַ געוויסער צייט, אַז הגם זי טוט דאָס און שטעלט צו פֿאַר אַ קלענערן פּרייז, ווי אַ וועלכע עס איז פּריוואַט-געזעלשאַפט, פּראָפיטירט זי נאָך אַלץ. זי ווענדט אָן דעם פּראָפיט כדי צו פֿאַרקלענערן די הכנסה-שטייערן, און די שטייער-צאָלער זענען דערפֿון גאַנץ צופֿרידן. זיי זענען אַזוי צוגעוווינט צו טראַכטן, אַז אַ מסחר, וואָס האָט גומע רווחים, מוז זיין דער אמתער מסחר אַז די שטאָט-פֿאַרוואַלטונג באַקומט נאָך מער חשק צו מאַכן פּראָפיטן אויף אַ גרויסן שטייגער, דעם קאָנסומירער צווינגט זי צו צאָלן מער, ווי עס קאָסט איר. אויף אַזאַ אופן באַצאָלן די שטייער-צאָלער וואָס ניצן עלעקטריע אַ טייל פֿון די שטייערן פֿון די, וואָס נוצן נישט. ווען אַפילו יעדער איינער וואָלט גענוצט עלעקטריע, וואָלטן דאָך נישט אַלע קאָנסומירט קיין גלייכע מאָס. אַ סוחר, וואָס מאַטערט זיך מיט דער פּרנסה און מוז פֿאָרט באַלייכטן זיין געוועלב, כדי עס זאָל ציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די קונים, מוז באַצאָלן אַ סך אַ גרעסערע סומע פֿאַר עלעקטרי, ווי רייכערע מענטשן פֿון אים, וועלכע דאַרפֿן נאָר באַלייכטן זייערע פּריוואַטע הייזער. מיר טאָרן נישט פֿאַרברענגען מער קיין צייט אויף אייערע אָפּצאָלונגען און שטייערן. ווען מען וואָלט זיי אינגאַנצן מבטל געווען (ווי פּאָפּולער דאָס וואָלט געווען!) און זייער אָרט וואָלט פֿאַרנומען געוואָרן בלויז פֿון פּראָפּיטירער, וואָס וואָלטן אייך געהייסן צאָלן פֿאַר יעדער שטאַטלעכע און מוניציפּאַלע דינסט, וואָלט דער פּועל-יוצא געווען נישט שטאַטלעכער און מוניציפּאַלער סאָציאַליזם, נור שטאַטלעכער און מוניציפּאַלער קאַפּיטאַליזם אָבער סיי-ווי-סיי קאָנט איר שוין זען, אַז אַפילו ביי שטייער-צאָלן ווו איר וואָלט שוין זיכער געדאַרפֿט זיין פֿריי

פונם אָפּצאָל פאַרן ליידיקגייער, מוזט איר ווערן און איר זענט טאַקע געוויסערמאַסן עקספּלאָאַטירט, אַזוי גיט ווי איר ווערט עקספּלאָאַטירט, בעת איר מאַכט אייער געוויינטלעכן איינקויף.

# XXXII

## צאייער דירה-געלט

ווען מיר גייען איבער פון אייערע אָפּצאָלונגען און שטייערן צו אייער דירה-געלט, איז דער פּאַרדראָס נאָך אַ גרעסערער. ווייל צאָלנדיק אייער דירה-געלט, מוזט איר דירעקט איבערגעבן אייער געלט אייער עקספּלאָאַטאַטאָר ער זאָל טון דערמיט וואָס ער אָדער זי ווילן אנשטאָט איבער־צוזגעבן אין די הענט פון אַ שטאָטישן קאַסירער וועלכער גיט אייך פּאַר אַ טייל דערפון עפּעס ווערטפולס דורך עפנטלעכע דינסטן. מיט וועלכע איר באַנוצט זיך, און ער דערציילט אייך גאָרנישט מכוח דעם איבריקן, וואָס ווערט אויסגעגעבן אויף אויסצוהאַלטן זקנים, גאַסןיינגען, ערד-אייגנטימער פּראָפּיטירנדיקע אונטערנעמער א. ד. גל., פון וועלכע אַ טייל זענען אָרעמער פון אייך, וואָס שאַפט געוויסערמאסן גלייכהייט אין הכנסות וועלכעס איז אַ שריט אויפן רעכטן וועג, און אַ טייל רייכער, וואָס שאַפט אומגלייכהייט און איז במילא אַ שריט אוף אַ פאַלשן וועג.

צאָלן רענט איז איינפאַכער. אויב איר דינגט אַ שטיקל ערד און איר אַרבעט דערויף, איז עס גאַנץ קלאָר, אַז דער באַלעבאָס לעבט פון אייערע פאַרדינסטן און איר קאָנט אים דאָס נישט פאַרווערן, ווייל דאָס געזעץ גיט אים דאס רעכט אַראָפּצוטרייבן אייך פון דעם, אויב איר באַצאָלט אים נישט דערפאַר, וואָס ער דערלויבט אייך עס צו נוצן. איר זענט אַזוי צוגעוווינט

דערצו, אַז עס פֿעלט אייך אפילו קיינמאָל נישט איין, איינצוזען די אויסטערלישקייט דערפון וואָס אַ פּריוואַט פּערזאָן זאָל האָבן די מאַכט אייך צו דראָען מיט דער ערד, ווי זי וואָלט געווען זיינע, הגם איר וואָלט אים באַטראַכט פאַר אַ משוגענעם, ווען ער זאָל אייך זאָגן, אַז ער באַזיצט די לופט, אָדער די זון, אָדער דעם ים. אַחוץ דעם, איר צאָלט אפשר דירה-געלט פאַר אַ הויז און עס איז אייך גאַנץ פאַרשטענדלעך אַז דער מענטש, וואָס האָט געבויט דאָס הויז זאָל נעמען דערפאַר געצאָלט. אָבער איר קאָנט לייכט אויסגעפונען, וויפיל עס האָט די ווערט דאָס, פאַר וואָס איר צאָלט. איר האָט אפשר פאַרזיכערט דאָס הויז קעגן פייער (עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז דער הויזווירט האָט אייך געצווונגען דאָס צו טון) קאָנט איר שוין וויסן, וויפיל עס קאָסט בויען אַזאַ הויז, ווייל איר ווייסט דאָך אויף וויפיל די פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט האָט עס אָפּגעשאַצט. אויב נישט — פרעגט אַ בוימייסטער, וויפיל עס קאָסט אויפבויען אַזאַ הויז. דער פּראָצענט, וואָס איר וואָלט געדאַרפט יעדעס יאָר אויסצאָלן ווען איר באָרגט געלט צו בויען דאָס הויז, איז דער ווערט פונם רענט פאַרן הויז, חוץ דער ווערט פון דעם פּלאַץ.

איר וועט זיך איבערצייגן, אַז דאָס וואָס איר צאָלט אויס אין דירה-געלט, שטייגט איבער דעמדאָזיקן ווערט, סיידן איר זענט אַן אָנגעשטעלטער ביים הויזווירט, אָדער דאָס הויז האָט פאַרלוירן דעם געוויינטלעכן נוצן, אָדער עפּעס אַן אַלטער פּלאַץ. אין גרויסע שטעט, ווי לאָנדאָן, איז דידאָזיקע דיספּראָפּאָרציע אַזאַ געוואַלטיקע, אַז עס איז לגמרי נישט ווערט צו דערמאָנען די קאָסטן פון אויפבויען אַ הויז אין פאַרגלייך מיט דעם פּרייז פון דירה געלט.

אַ ביסל אונטער דער שטאָט איז ווידער דער פּרייז פון דידה-געלט אַזאַ נישטיקער. אַז עס לוינט זיך קוים צו שפּעקולירן אין בויען דאָרטן הייזער; נור אין אַלגעמיין גענומען דערגייט עס צו הונדערטער מיליאָנען פונטן אַ יאָר אין לאַנד און דאָס זענען נישט די פּרייזן פאַר די הייזער נור פאַר הויזווירטס-

דערלויבניש צו וווינען אויף דער נאַטירלעכער ערד אויף וועלכער די הייזער זענען געבויט געוואָרן. עס וואָלט באמת געווען אַן אבסורד, ווען עמעץ זאָל האָבן די מאַכט צו פאַרווערן אַן ענגלישע פרוי, זי זאָל לעבן אין ענגלאַנד אָדער בעסער געזאָגט — בכלל לעבן; ווייל עס איז שוין אייגנטלעך געקומען דערצו. עס וואָלט געווען אַזוי משונהדיק קעגן יעדן נאַטירלעכן געזעץ פון גערעכטיקייט. יעדער אדוואָקאַט וועט אייך זאָגן, אַז עס איז נישט פאַראַן אַזאַ זאַך ווי פריוואַט לאַנד-אייגנטום און אַז דער קעניג, וועמען דאָס גאַנצע לאַנד איז אָנפאַרטרויט, קאָן צו יעדער מינוט צוריק נעמען עס פון די פריוואַטע אייגנטימער ווען ער האַלט, אַז עס איז די ריכטיקע צייט עס צו טון: נור אַזוי ווי די הויזבאַזיצער זענען אין משך פון אַ סך יאָר-הונדערטער געווען די, וועלכע האָבן געשאַפן דאָס געזעץ און האָבן באַשטימט דעם קעניג, האָבן זיי גוט אָפּגעהיטן, אַז „יאָ קעניג, נישט קעניג” זאָל דאָס לאַנד זיין אין דער פראַקטיק אויף אַזוי פיל פריוואַט אייגנטום ווי יעדער אַנדער זאַך. אויסער וואָס מ׳קאָן עס נישט קויפן אָדער פאַרקויפן סיידן מ׳באַצאָלט פריער אַ געוויסן לוין צו אַדוואָקאַטן און פאַר אַלערליי לעגאַלע דאָקומענטן. דידאָזיקע מאַכט איז געקויפט און פאַרקויפט געוואָרן אַזוי אָפט, אַז איר ווייסט קיינמאָל נישט צו אייער הויזווירט וועט זיין אַ פרעכער באַראָן, וועמעס אורעלטערן עס האָבן געלעבט ווי די קעניגן איבער זייערע איינוווינער אין וויליאַם דעם זיגערס צייטן, אָדער אַן אָרעמע אלמנה וועלכע האָט אריינגעלייגט אַלע אירע אָפּגעשפּאָרטע פעניגעס אין אַ שטיקל פּלאַץ מיט אַ הויז.

נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, בלייבט דער פאַקט, אַז די פאַרהעלטנישן צווישן ווירט און איינוווינער איז געקומען צו אַזאַ שטופע, אַז אַ ליידיקגייער, אַ שפּלער מענטש קאָן צוקומען צו אייך, בעת די פּאָליציי זעט גראָד נישט און זאָגן: „גיב מיר אַוועק אַ פערטל פון דיינע פאַרדינסטן טאָמער נישט וועסטו מוזן פאַרלאָזן מיין ערד” דער הויזווירט קאָן זיך אפילו אָפּזאָגן צו נעמען דירה-געלט און זאָגן: „דו מוזט זיך אַרויסציען אָן שום

טענות ומענות" און טיילמאָל טוט ער עס טאַקע. איר געדענקט אפשר ווען אין שאָטלאַנד איז אַ גאַנצע באַפעלקערונג פון פּי־שערס און ווירטשאַפטלעכע פאַמיליעס פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד און האָבן געמוזט אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע, ווייל די באַלעבאַטעס האָבן געדאַרפט די ערטער, וווּ זיי האָבן גע־וווינט כּדי צו פאַרזייען אַ וואַלד פאַר הערשן. אין ענגלאַנד האָט מען אַרויסגעטריבן אָן אַ שיעור מענטשן פון די דערפער, כּדי צו מאַכן אָרט פאַר שאָף, ווייל די שאָף האָבן איינגעבראַנגט דעם באַלעבאַס מער געלט ווי די מענטשן. ווען עס זענען גע־בויט געוואָרן די גרויסע באַנקטאַצ־עס אין לאָנדאָן, האָט מען צעוואָרפן אָן אַ שיעור הייזער און די איינוווינער האָט מען אַרויס־געטריבן אויף דער גאַס; דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז די גאַנ־צע געגנט איז געוואָרן אַזוי איבערגעפּאַקט מיט מענטשן, אַז אַ סך יאָרן איז די געגנט געווען דער צענטער פון קראַנקהייטן און האָט אָנגעשטעקט גאַנץ לאָנדאָן. אַזעלכע זאַכן געשעען נאָך איצט אויך און קאָנען אייך טרעפן יעדער מינוט. אמת, מען האָט דאָ עפּעס געשאַפן עטלעכע געזעצן וואָס דאַרפן מכלומרשט באַ־שיצן די שטאָט־איינוווינער אין אַ צייט פון דירות־מאַנגל, ווי עס איז געווען נאָך דער מלחמה אָדער אין אירלאַנד, ווען די רעגירונג האָט אָפּגעקויפט די אַגריקולטורעלע ערד און האָט זי פאַרקויפט צו די פאַרמערס.— דאָס האָט אַביסל פאַרלייכטערט די לאַגע אויף אַ שטיקל צייט — אָבער ביסלעכווייז איז דערפון גאָרנישט געוואָרן; עס האָט בלויז אויסגעטוישט איין בינטל באַ־לעבאַטים אויף אַ צווייטן.

אין גרויסע שטעט און אין זייער סביבה, קאָן אַן אינטע־ליגענטע פרוי דערגיין, נישט נאָר וויפיל דער ווירט קאָן איר צווינגען אים אָוועקצוגעבן, נור אויך ווי הייליק ער גלויבט אין אַ גלייכער הכנסה פאַר זיינע איינוווינער. אין סאַמע צענטער פון שטאָט וועט זי אויסגעפונען די רענטע, זייער הויך. אויב זי אָדער איר מאַן דאַרפן דאָרט אַרבעטן, וועט זיך איר דאַכטן, אַז ווען זי וואָלט געגומען אַ הויז אונטער דער שטאָט ווו די רענטע איז נידריקער אין פרייז און זיך באַנוצן מיטן טראַמוויי,

וואָס וועט זיי פירן פון און צו דער אַרבעט, וועט איר אויס-מאַכן ביליקער. אָבער זי וועט אויסגעפונען, אַז דער הויזווירט ווייסט וועגן דעם אַלעמען; אַז הגם וואָס ווייטער פון שטאָט – אַלץ ביליקער איז דאָס דירה-געלט; אָבער די באַן אָדער טראַמ-וויי-הוצאות וועלן אויסגלייכן דעם חשבון און עס וועט איר קאָסטן שיעור אַזוי פיל, ווי זי וואָלט געוווינט נאָנט פונם מאַרק און דער פאַבריק ווו זי וואָלט געהאַט נאָנט צוצוגיין איינקויפן און ער–צו דער אַרבעט. ווי אַזוי זי זאָל נישט פּרוּוון טון, וועט אַלץ דער הויזווירט אַרויסבאַקומען דאָס זייניקע. אפילו די פּשוט-סטע פרוי וואָלט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז אויב די ערד געהערט צו עטלעכע מענטשן, קאָנען זיי, פאַרשטייט זיך. שטעלן זייערע אייגענע תּנאים צו די, וואָס מוזן האָבן אָרט, ווו צו וווינען און אַרבעטן, אויב זיי ווילן נישט שטאַרבן אין די גאַסן אָדער דער-טרינקען ווערן אין ים. זיי קאָנען זיי אַזוי אַרומשינדן, אַז עס זאָל זיי קוים בלייבן גענוג צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן, כּדי צו האָבן כּוח צו אַרבעטן פאַרן אייגנטימער פונם פּלאַץ ווו זיי וווינען און אויסהאָדעווען פאַמיליעס וואָס זאָלן טון דאָס אייגענע אינם קומענדיקן דור.

עס איז גרינג צו פאַרשטיין, ווי אַזוי עס אַנטשטייט דער-דאָזיקער נאַרישער מצב. אַזוי לאַנג, ווי עס איז פאַראַן גענוג פּלאַץ פאַר יעדן איינעם, הויזן פּריוואַט-אייגנטום און לאַנד-אַר-בעטן זייער גוט צו זאמען. די לאַנדבאַזיצערס שטערן קיינעם נישט, צו פאַרמאָגן ערד, אַזוי גוט ווי זיי און זיי פילן זיך גאַנץ באַרעכטיקט צו שאַפן די שטאַרקסטע געזעצן, וואָס זאָלן זיי באַשיצן פון אָנפאַלן אויף זייער ערד און צונעמען די תּבואות ביי זיי מצד אויסוואורפן, וואָס ווילן שניידן דאָס, וואָס זיי האָבן נישט פאַרזייט. אָבער אַזאַ מצב קאָן נישט לאַנג אָנ-האַלטן דאָרט ווו די באַפעלקערונג וואַקסט, ווייל סוף-כּל-סוף ווערט די גאַנצע ערד פאַרנומען און די שפּעטערדיקע מענטשן זעען זיך מישב, אַז עס לוינט זיי בעסער צוצאָלן רענטע פאַר דער בעסטער ערד איידער צו באַזיצן מאָגערע ערד, ווייל דאָס וואָס די פעטע ערד ברענגט זיי איין, באַצאָלט זיי פאַר דעם,

וואָס זיי צאָלן אויס. אויף אַזאַ אופן קאָנען אייגנטימער פון גוטער ערד פאַרדינגען זי, אַליין אויפהערן אַרבעטן און לעבן פון רענטע, דאָס הייסט פון יענעמס אַרבעט אָדער ווי זיי רופן עס פונם פאַרמעגן.

ווען גרויסע שטעט און גרויסאינדוסטריען פאַרגרעסערן זיך שטייגן די פרייזן אויף אַזעלכע ערטער צו אַ ריזיקן ווערט. אין לאָנדאָן פאַרקויפט זיך אַ שטיקל פּלאַץ מיט אַ פראָנט אין אַן אָנגעזעענער גאַס פאַר אַ פרייז פון אַ מיליאָן פונט אַן אַקער. געניטע סוחרים וועלן מאַכן, אַז ער זאָל אים ווערט זיין, הגם זיי ווייסן, אַז פערציק קילאָמעטער פון לאָנדאָן, באַקומט מען אַן אַקער ערד פאַר האַלב-אומזיסט. מ׳דינגט דעם פּלאַץ, מ׳פאַר-דינגט אים איינמאָל און נאָכאַמאָל, ביז עס זענען פאַ-ראַן אַ טוץ אַרענדאַרן און סובאַרענדאַרן, וועלכע ציען אַרויס מער רענטע דערפון ווי דער באַלעבאָס אַליין און דער לאָקאַ-טאָר וואָס דאַרף דאָס אָרט האָבן מוז אויסאַרבעטן דאָס געלט פאַר זיי אַלע.

אין די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר זענען ווילי׳עס אין אייראָפּע און אין דאַטשע-שטעטלעך אין די מזרח-לענדער זיך צעוואַקסן אין גרויסע שטעט, וואָס האָבן געמאַכט געלט אין די הונדערטער מיליאָנען און דאָך זענען די איינוווינער, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט די מיליאָנען נישט רייכער, נור אַ סך פון זיי נאָך אָרעמער איידער עס זענען געווען דאָרפסלייט און די פּיאָנערן פון די דאַטשעס, וואָס האָבן געהאַלטן אין אַרענדע די דאָזיקע ערטער, דעמאָלט ווען זיי זענען נישט ווערט געווען קיין פונט אַן אַקער; דערפאַר אָבער זענען די באַלעבאַטעם געוואָרן פאַבלהאַפטיק רייך: אַ טייל פון זיי פאַרדינען יעדן טאָג פאַר גאָרנישט טון מער ווי אַ פּרוי פאַרדינט אין משך פון זעכצן יאָר שווערע אַרבעט.

און דאָס אַלץ וואָלט געקאָנט אויסגעמיטן ווערן, ווען מען וואָלט דאַן געהאַט דעם פאַרשטאַנד פונם „הרואה את הנולד" און מ׳וואָלט זיך געווען איינגעשפּאַרט, אַז די ערד זאָל בלייבן אַ נאַציאָנאַל-אייגנטום אין דער פּראַקטיק, ווי זי איז אין דער

לעגאַלער טעאָריע, און אַלע געלטער פאַר רענטע זאָלן געצאָלט ווערן אין אַן אַלגעמיינער קאַסע אַריין און גענוצט ווערן פאַר געזעלשאַפטלעכע באַדערפעניש. ווען מען וואָלט געווען דאָס געטון וואָלטן מיר נישט געהאַט דאָרטן קיין לעכער אנשטאט ווינונגען, קיין מיאוסע שמוציקע גאַסן און הייזער און נישט קיין אָפּצאָלונגען און שטייערן. אַלע וואָלטן געגאָסן פון דער רענטע, אַלע וואָלטן געמוזט ביישטייערן דורך אַרבעט און קיין שום ליידיקגייער וואָלט נישט געקאָנט לעבן פון יענעמס אַרבעט. די שפע פון אונדזערע גרויסע שטעט וואָלט געווען אַן אמתע שפע און אַ טייל פאַר יעדן איינעם און נישט ווי עס איז איצט, ווען ניין מענטשן דאַרפן זיין פאַרשקלאַפט און פאַראָרעמט, כדי אַ צענטער זאָל אַרומגיין ליידיק, זיין רייך, פאַרשווענדעריש און נישט ברענגען קיין שום נוצן דער געזעלשאַפט. די דאָזיקע צרה איז אַזאַ שרייעדיקע און לאָזט זיך בשום-אופן נישט מוחל זיין דורך פאַרזעענע נאַרישקייטן! דער טויגלעכסטער הויזווירט וועט מודה זיין, אַז אַ לאַנגע צייט נאָך איידער מען האָט בכלל געהערט וועגן סאָציאַליזם. איז אויפגעשווומען אַ פאָדערונג מען זאָל מבטל מאַכן אַלע שטייערן, אַחוץ שטייערן פון לאַנדבאַזיצער, און מיר האָבן נאָך איצט אויך צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס רופן זיך „סינגל-טעקסערס" דאָס הייסט, מענטשן וועלכע האַלטן, אַז מ׳דאַרף אונטערברענגען אַלע אַנדערע שטייערן, אַחוץ די אויבנדערמאָנטע און זיי פּראָפּאַגאַנדירן די דאָזיקע דאָקטרין.

# XXXIII

## קאַפּיטאַל

די „סינגל-טעקסערס" זענען פּרינציפּיעל נישט אומגערעכט, נאָר זיי זענען אָפּגעשטאַנען. אַ דאַנק ערד-אייגנטום האָבן מענטשן זיך צוגעוווינט צו זיין פוילענצער, לעבן פון יענעמס ארבעט און יענעם גאָרנישט געבן פאַר זיין אַרבעט. נור ערד איז נישט די איינציקע זאַך, וואָס ברענגט איר אייגנטימער אַ רענטע. אָפּגעשפּאָרטגעלט, אויב איר ווייסט נור, ווי אַזוי עס ריכטיק אויסצונוצן, וועט פאַר אייך טון פונקט דאָס אייגענע. אָפּגעשפּאַרט געלט הייסט קאַפּיטאַל. דער אייגנטימער דערפון הייסט קאַפּיטאַליסט, איבערלאָזן דאָס גאַנצע אָפּגעשפּאָרטע געלט פונם לאַנד אין פּריוואַטע הענט, אַזוי ווי די ערד — אַזאַ סיסטעם הייסט קאַפּיטאַליזם.

אזוי לאַנג, ווי איר וועט נישט פאַרשטיין דעם קאַפּיטאַליזם, קאָנט איר נישט פאַרשטיין די מענטשלעכע געזעלשאַפט אין איר איצטיקער עקזיסטענץ; קאָנט איר נישט די וועלט, ווי מ'זאגט, לעבט איר אינם נאַרס גן-עדן; און דער קאַפּיטאַליזם באַמיט זיך, איר זאָלט דאָרטן בלייבן וואָס לענגער. מעגלעך, איר פילט זיך גליקלעכער אין דעמדראָזיקן גן-עדן. און אַזוי ווי איך מוז איצט באַהאַנדלען און אויסטייטשן דעם סאָציאַליזם, וועט איר אפשר לייענען די ווייטערדיקע שורות פון דעם בוך, ריזיקירנדיק מיט אייער רו. איר וועט אפשר ווערן אומרויק און

רעוואָלוציאָנעריש געשטימט. עס וועט זיך אייך אפשר פאַרגלוסטן, אַרויסצולויפן אויף דער גאַס מיט אַ רויטן פאָן אין האַנט און מאַכן פון זיך נאָך אַ גרעסערן נאַר, ווי דער קאַפּיטאַליזם האָט ווען עס איז פון אייך געמאַכט. און ווידער פאַרקערט, אויב איר וועט נישט פאַרשטיין דעם קאַפּיטאַליזם, קאָן מען ביי אייך אויסנאַרן אייער געלט, אויב איר האָט עפּעס געלט. און אויב איר האָט נישט קיין געלט, וועט מען אייך איינרעדן, איר זאָלט ברענגען אַלערליי קרבנות אויף פאַרשידענע אופנים, כּדי אַלערליי דרייקעפּ און פילאַנטראָפּישע שווינדלער זאָלן קאָנען מאַכן פּראָפיט. מען וועט אייך איינרעדן, אַז אייערע מעשים זענען חשוב און איידל. מחמת דעם וועל איך מיך איינשטעלן און וועל אייך פּרוּוון דערקלערן, ווו איר זענט אין דער וועלט און וואָס ס'טוט זיך אַרום אייך.

נור אַ גאַנץ קליין מוחל קאָן אייך אָפּראַטעווען פון פאַר-צווייפלונג, ווען איר זעט די גאַנצע אָרעמקייט און טרויערקייט אַרום אייך און איר זעט נישט קיין שום אויסוועג אַרויסצוקומען דערפון. אָבער ווען איר וואָלט געווען אַזוי קליינקעפּיק וואָלט איר דאָך נישט געקויפט און נישט געלעזן דאָס בוך. צום גליק דאַרפט איר אייך נישט שרעקן, צו באַקענען זיך מיטן אמת וועגן אונדזער קאַפּיטאַליזם. קוים וועט איר זיך באַקענען מיט אים, וועט איר וויסן, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז נישט קיין אייביקער און איז אפילו נישט אַזוי אַלט; דאָס הייסט. עס איז נישט אַזוי לאַנג ווי ער איז אַנטשטאַנען; ער איז אויך נישט אומהיילבאַר און אפילו נישט אַזוי שווער צום היילן. איר וועט עס פאַרשטיין נאָך אַ וויסנשאַפטלעכן דיאַגנאָז, איך באַנוץ זיך מיט דעם וואָרט היילן, ווייל די ציוויליזאַציע, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן פונם קאַפּיטאַליזם איז אַ קראַנקייט, וואָס האט זיך גענומען פון קורצזיכטיקייט און שלעכטער מאָראַל. מיר וואָלטן שוין לאַנג געווען אַלע אויסגעשטאָרבן ווען אונדזער גע-זעלשאַפט וואָלט נישט געווען געבויט אויף די עשרת-הדברות, אויף דער עוואַנגעליע, אויף געשווירענע יוריסטן און אויף פי-לאָזאָפן, וועלכע זענען אַלע אָפענע קעגנער פון די קאַפּיטאַליס-

טישע פרינציפן. הגם קאַפּיטאַליזם האָט שוין צעשטערט אַ סך ציוויליזאַציעס און וועט אפשר צעשטערן אונדזערע אויך, אויב מיר וועלן נישט זיין פּאַרזיכטיק — איז ער ביי אונדז נאָך גאָרנישט קיין אַלטער גאַסט, העכסטנס צוויי הונדערט יאָר אַלט, הגם די זינד, וואָס זענען פון אים אויסגעוואַקסן און האָבן זיך אנטוויקלט זענען ווי די זיבן טויטלעכע זינד, וואָס זענען אַזוי אַלט ווי די מענטשלעכע נאַטור.

איך קאָן הערן ווי איר זאָגט: „ווי גאָט איז אייך ליב, וואָסזשע אייגנטלעך האָט דאָס אַלץ צו טון מיטן אָפּגעשפּאָרטן געלט פון איינפאַכע פרויען און מענער, וואָס איר זאָגט אַליין, אַז קאַפּיטאַליזם איז נישט מער ווי אָט דאָס?" און איך ענטפער אייך, ווי מאָדנע עס וועט אויסקומען, אַז אָט דער כּלומרשט אומשולדיקער אָנהויב איז די סיבה פון אָרעמקייט אומגליק, שיכּרות, פאַרברעכן, זינד און פריצייטיקער טויט. ווען מיר וועלן האָבן עקזאַמינירט די מעגלעכקייטן פון דעם דאָזיקן אין פּלוג פּשוטן ענין: קאַפּיטאַליזם, וועט איר זען, אַז קאַפּיטאַליזם איז דער שורש פון אַלדאָסביז, הגם ער וואָלט געדאַרפט און געקאָנט זיין דאָס מיטל צו אַ שענער און לייטישער לעבן.

וואָס איז דאָס אַזוינס אָפּגעשפּאָרט געלט? דאָס איז דאָס געלט, וואָס בלייבט אייך איבער, נאָכדעם ווי איר האָט איינגעקויפט אַלץ וואָס איר האָט נויטיק געהאַט לויט אייער לעבנס-אַרט. אויב איר קאָנט לעבן מיט צען פונט אַ וואָך לויט דעם ווי איר זענט געוווינט צו לעבן און זיין צופרידן און איר האָט אַן הכנסה פון פופצן פונט אַ וואָך, בלייבט אייך סוף וואָך פינף פונט אָפּגעשפּאָרט געלט, הייסט איר אַ קאַפּיטאַליסט פון אַזאַ סומע. צו זיין אַ קאַפּיטאַליסט, מוזט איר אַלזאָ האָבן מער ווי איר קאָנט פאַרברויכן. במילא קאָן אַן אָרעמאַן נישט זיין קיין קאַפּיטאַליסט. אַן אָרעמאַן האָט ווייניקער, ווי ער קאָן גע-ברויכן. איך געדענק, ווען אַ געוויסער בישאָף, וואָס וואָלט גע-דאַרפט פאַרשטיין אַן ענין, פלעגט אָנזאָגן די אָרעמעלייט אין די „איסטענד" פון לאָנדן אין אַ צייט ווען דער דחקות איז דאָרט געווען נאָך ערגער ווי היינט אפילו, אַז זיי זאָלן זען צו ווערן

קאַפּיטאַליסטן דורך שפּאָרן געלט. איך האַלט, אַז מען וואָלט געדאַרפט אָפּיציעל און אין די אויגן פונם גאַנצן פאָלק אַראָפּרייסן די סוטאַנע פון אים און טרעטן אויף זיין גלחיש היטל. פאַר אַזאַ אומגעהויער געמיינעם אַנזאָג. איך שטעל מיר נישט פאָר אַ פרוי, וואָס האָט נישט גענוג געלט צו שפּייזן די קינדער איַרע, ווי געהעריק, אָדער קליידן זיי ווי ס'דאַרף צו זיין, זיי זאָלן נישט קראַנק ווערן — זאָל לאָזן אירע קינדער נאָך מער פאַרהונגערן. לאָזן זיי אַרומגיין נאָך מער אָפּגעריסן און נאַקעט און זאָל אַריינלייגן געלט אין די בענק אָדער אין דער פּאָסט-פאַרזיכערונגס-באַנק און זי זאָל עס דאַרטן האַלטן אַזוי לאַנג ביז זי וועט קאָנען קויפן דערפאַר אַקציעס. מ'וואָלט זי פאַרמשפּט פאַר פאַרנאַכלעסיקן אירע קינדער און זי וואָלט עס אויך ערלעך פאַרדינט. אויב זי וואָלט זיך פאַרענטפערט, אַז דער בישאָף האָט איר באַוויזן, צו באַגיין אַזאַ אומנאַטירלעך פאַרברעכן, וואָלט מען איר נעזאָגט, אַז עס איז נישט מעגלעך, דער בישאָף זאָל האָבן געמיינט, אַז זי דאַרף אָפּשפּאָרן פון די קינדערס נאַרונג אָדער מלבושים אדער אפילו פון איר אייגנס. און טאָמער וואָלט זי געפרעגט, פאַרוואָס דער בישאָף האָט נישט דערקלערט, וואָס ער מיינט, וואָלט מען איר געהייסן האַלטן ס'מויל און מען וואָלט געהייסן דעם טורעם-וועכטער, ער זאָל איר אָפּפירן אין אַ תפיסה.

אָרעמעלייט קאָנען נישט שפּאָרן, און זיי דאַרפן עס אפילו נישט פּרוּוון. אויסגעבן איז נישט בלויז אַ נויטיקייט נור די ערשטע פליכט. ניין מענטשן פון צען האָבן נישט גענוג געלט צו שפּענדן פאַר זיך און פאַר זייערע פאַמיליעס. און פרעדיקן פאַר זיי, זיי זאָלן שפּאָרן איז נישט נור נאַריש נור געמיין. שול-לערערינס באַקלאָגן זיך שוין היינט, אַז די אַגיטאַציע, וואָס ווערט לעצטנס געפירט פון בוימייסטער־אונטערנעמער, אַז מענטשן זאָלן קויפן אייגענע הייזער אויף אויסצאָלן האָט געבראַכט דערצו, אַז די קינדער ווערן נישט גענערט ווי געהעריק. צום גליק טוען עס נישט די גרעסטע טייל אָרעמעלייט, זיי שפּאָרן נישט און פּרוּוון עס נישט. די אַלע אָפּגעשפּאָרטע געלטער, וואָס ליגן

אין די שפּאַרקאַסע, אין בוי-געזעלשאַפטן, אין קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן, פאַרזיכערונגס-בענק א. א. וו. — הגם עס וועט מאַכן אַ געוואַלטיקן איינדריק, ווען מ׳וועט עס צוזאַמענרעכענען און זען, אַז זיי באַטרעפן אין די הונדערטער מיליאָנען — וואָס איז צו פאַרדאַנקן דעם אַרבעטער-קלאַס — זענען אַלזאָ נישט מער ווי אַ טראָפּן אין ים אין פאַרגלייך מיט דער גאַנצער סומע וואָס ליגט אין די בענק, אַזוי, אַז די אָרעמע-מענטשן, וואָס באַזיצן דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט, וואָלטן אַ סך געוווּנען ווען זיי וואָלטן עס אַרייננגעוואָרפן אין אַן אַלגעמיינער קאַסע, אויב דער קאַפּיטאַל פון די רייכע וואָלט אויך דאָרט אַהין אַריינגעגאַנגען. די גרויסע מאַסע פונם בריטישן קאַפּיטאַל, דער קאַפּיטאַל פון באַדייטונג איז דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט פון די, וואָס האָבן מער ווי זיי דאַרפן צום לעבן, דאָס געלט וואָס שפּאָרט זיך פון זיך אליין נישט אָנרירנדיק דעם אייגנטימער אויף אַ האָר. די איינציקע פראַגע איז, וואָס זאָל מען טון דערמיט? דער ענטפער איז, האַלט עס אויף „אַ רעגנדיקן-טאָג״, דאָס הייסט אויף אַ שלעכטער צייט, וועסט זיך אפשר נאָך נויטיקן אין דעם. דאָס איז אַ גאַנץ פּשוטער ענטפער. אָבער לאָמער זיך פאָרשטעלן, אַז עס וועט זיך נישט דאַלטן! פאַרשטייט זיך, אַז באַנקנאָטן וועלן זיך האַלטן און באַנק-וועקסלען וועלן זיך האַלטן און מעטאַלענע מטבעות און טשעק-ביכלעך און אַלערליי סומען געלט און די היפּאָטעקן אין די בענק וועלן זיך האַלטן זיכער געווּנג. אָבער די דאָזיקע זאַכן זענען נישט מער, ווי לעגאַלע אָנווענדונגען פאַר די סחורות אין וועלכע מיר נויטיקן זיך, היפּאָטעקן שפּייז. שפּייז ווייסן אַלע, וועט זיך נישט האַלטן. דאָס ווערט קאַליע און וואָס פאַרע נוצן וועלן מיר האָבן פון די אָפּגעשפּאָרטע געלטער, אויב דאָס שפּייז וועט קאַליע ווערן.

די אינטעליגענטע פרוי, ווען זי וועט פאַרשטיין, אַז געלט מיינט באמת די זאַכן, וואָס מ׳קאָן פאַרן געלט קויפן, און אַז דאָס וויכטיקסטע פון דעם, וואָס מ׳קאָן פאַר געלט קויפן, קאָן מען נישט אויסהאַלטן, וועט זי איינזען, אַז אָפּשפּאָרן געלט

קאָן מען נישט. מען מוז עס גלייך אויסגעבן. בלויז זייער פּראָטעסט־פּרויען לייגן אַריין זייער געלט אין אַן אַלטן זאָק און באַהאַלטן עס אונטער אַ הויל ברעט אין דער פּאָדלאָגע; זי מיינט, אַז געלט איז תמיד געלט. אָבער זי האָט אַ גרויסן טעות. אמת, גאָלדענע מטבעות וועלן תמיד האָבן דעם ווערט פון דעם מעטאַל, וואָס זיי זענען געמאַכט געוואָרן. אָבער אין אייראָפּע איז היינטיקע צייט נישט צו באַקומען קיין גאָלדענע מטבעות, בלויז פּאַפּיר-געלט פונקציאָנירט אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן מיר געזען, ווי ענגליש געלט איז געפאַלן אין ווערט און עס איז געקומען צו אַזאַ שטופע, אַז פאַר איין שילונג קאָן מען נישט קויפן מער, ווי דאס וואָס מ'האָט געקאָנט קויפן פאַר דער קריג פאַר זעקס פּענעס (אַ האַלבן שילונג) און אין אויסלאַנד וואָלט מען פאַר טויזנט פונט נישט געקאָנט קויפן קיין פּאָסטמאַרקע. און באַנקנאָטן אין ווערט פון פופציק טויזנט פונט וואָלטן קוים באַצאָלט פאַר אַ טראַמוויי-בילעט. מענטשן וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי און זייערע קינדער זענען פאַרזאָרגט אויפן גאַנצן לעבן, זענען אַראָפּ צו אַ שטופע פון אָרעמקייט און פאַרלאָזנקייט. איבער גאַנץ אייראָפּע, און אַפילו אין ענגלאַנד זענען פרויען, וועמען די עלטערן האָבן פאַרזיכערט און זיי זענען געווען פיין פאַרזאָרגט–אַראָפּ צו אַזאַ מדרגה, אַז זיי זענען קוים דורכגעקומען, הגם זיי האָבן זיך נישט פאַרגינען דעם ביסן. אָט דאָס האָבן זיי געהאַט פון פאַרלאָזן זיך אויף אָפּגעשפּאָרטע געלטער!

בעת מענטשן זענען אָפּגענאַרט געוואָרן פון דער רעגירונגס גאַנצע בערג אָפּגעדריקטע פּאַפּירלעך וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום לעבנסמיטלען און סחורות אונטער זיך, זענען עטלעכע רייכע סוחרים אומגעהויער רייכער געוואָרן דורכדעם, וואָס זיי האָבן געהאַט אָנגעקויפט סחורות אויף קרעדיט, און האָבן באַצאָלט דערפאַר מיט געלט, וואָס האָט דאַן פאַרלוירן דעם גאַנצן ווערט. נאַטירלעך האָבן דידאָזיקע רייכע לייט אויסגענוצט זייער גאַנצן מאַכט און איינפלוס, כדי גורם צו זיין אַז די רעגירונג זאָל אַראָפּ פון שטופע צו שטופע דורך דעם וואָס זי וועט אָפּדריקן ריזיקע הויפנס באַנקנאָטן. און אַנדערע רייכע לייט, וועלכע

זענען נישט שולדיק געווען קיין געלט נור אנדערע זענען זיי שולדיק געווען, האָבן אויסגענוצט זייער איינפלוס אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג, אַזוי, אַז מען האָט נישט געוווסט, ווו מען איז אין דער וועלט. איין בינטל סוחרים האָט געצצהט דריקן וואָס מער און אַ צווייט בינטל — וואָס ווייניקער, און קיינער פון זיי האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז זיי שפּילן זיך מיט די לעבנסמיטלען פונם פאָלק.

דידאָזיקע שלעכטע עצה האָט אויסגענומען, ווייל די מלוכות גופא זענען שולדיק געווען געלט און זענען געווען צופרידן צו צאָלן מיט ביליק פּאַפּיר. זיי האָבן נאָך געפאָלגט דעם ביישפּיל פון העגרי דעם אכטן, וועלכער האָט אָפּגענאַרט זיינע בעלי־חובות מיט אַ קלענערער וואָג אין די זילבערנע מטבעות.

די אינטעליגענטע פרוי וועט דערפון לערנען און זי וועט קומען צום ריכטיקן אויספיר, אַז אַ געלט־רעזערוו איז נישט דער זיכערער וועג פון שפּאָרן; אויב איר געלט ווערט נישט גלייך אויסגעגעבן, קאָן זי קיינמאָל נישט וויסן, וואָס פאַר אַ ווערט עס וועט האָבן אין צען יאָר אָדער צען וואָכן אַרום אָדער אפילו צען טעג אָדער מינוטן אין דער צייט פון מלחמה.

אָבער איר, אַ פּאָרזיכטיקע דאַמע, וועט מיר זאָגן, אַז איר ווילט נישט אויסגעבן אייערע אָפּגעשפּאָרטע געלטער; איר ווילט זיי האַלטן און אויב איר וואָלט פאַרלאַנגט עפּעס, וואָס מען וואָלט נאָך געקאָנט קויפן פאַרן געלט, וואָלט עס דאָך נישט געווען קיין אָפּגעשפּאָרט געלט. אויב אַ פרוי האָט נורוואָס אָפּגעגעסן אַ גוטן מיטאָג, וואָלט געווען נוצלאָז צו ראָטן איר, זי זאָל באַשטעלן נאָך איינס, כדי זיך צו פאַרזיכערן, אַז זי באַקומט עפּעס פאַר איר געלט. זי וואָלט עס בעסער אַרויסגעוואָרפן דורכן פענסטער, זי וואָלט אָבער געוואָלט וויסן ווי אַזוי זי וואָלט עס געקאָנט אויסגעבן און דאָך פאַרזיכערן. דאָס איז נישט מעגלעך, נאָר זי קאָן עס אויסגעבן און דורך דעם פאַרגרעסערן די הכנסה. אויב איר וואָלט געוואָלט וויסן ווי אַזוי, לייענט דאָס ווייטערדיקע קאַפּיטל.

## XXXIV

# געלט אין די בענק און אונטערנעמונגען

אויב איר האָט איצט געענדיקט אייער מיטאָג און איר קאָנט געפֿונען אַ הונגעריקן, צו וועמען איר קאָנט האָבן פֿולשטענדיקן צוטרוי, אַז ער וועט אייך צוריק געבן אַ מיטאָג, לאָמיר זאָגן, אין אַ יאָר אַרום, קאָנט איר פֿאַרזיכערן אייער אָפּגעשפּאָרט געלט דורך דעם וואָס איר וועט געבן אַ מיטאָג אומזיסט. אויף אַזאַ אופֿן קאָנט איר אויסגעבן אייער געלט אויפֿן אָרט און, גלייכצייטיק אָפּשפּאָרן עס אויף איבעראַיאָר אָדער, אין אַנדערע ווערטער, איר קאָנט האָבן אייער איבעריק שפּייז אויפֿגעגעסן ווי לאַנג ס'איז פֿריש און האָבן פֿריש שפּייז אין אַ יאָר אַרום.

איר וועט מיר ענטפֿערן, אַז איר קאָנט זייער גרינג געפֿונען אפֿילו אַ מיליאָן הונגעריקע מענטשן. אָבער איר קאָנט זיך אויף קיין איינציקן פֿון זיי נישט פֿאַרלאָזן, זיי זאָלן אָנגרייטן אַ מיטאָג פֿאַר זיך און פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַ סך ווייניקער פֿאַר אייערטוועגן אין אַ יאָר אַרום. אויב זיי וואָלטן געקאָנט אָנגרייטן אַ מיטאָג, וואָלטן זיי נישט געווען הונגעריק. איר זענט גאַנץ גערעכט, אָבער עס איז פֿאַראַן אַן עצה: איר וועט נישט קאָנען געפֿונען מענטשן אויף וועמען מ'קאָן זיך פֿאַרלאָזן, וועמען מ'קאָן אָנטרויען, וואָס זאָלן זיין הונגעריק, אָבער אייער באַנקיר אָדער אייער אַדוואָקאַט וועט געפֿונען פֿאַר אייך גענוג מער

אָדער ווייניקער. פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, אויף וועמען מ׳קאָן זיך פאַרלאָזן. אַ טייל פון זיי אומגעהויער רייך, וואָס הגם זיי זענען איבערזאַט, גוויטיקן זיי זיך תמיד אין גרויסע קוואַנטומס אָפּגעשפּאָרט שפּייז.

צו וואָס זיי דאַרפן עס? — כּדי צו שפּייזן די הונגעריקע מענטשן אויף וועלכע מ׳קאָן זיך נישט פאַרלאָזן, אַז זיי וועלן זיי אָפּצאָלן מיט דער זעלבער מטבע דאָס צווייטע יאָר, נאָר אַז זיי וועלן טון אַ באַלדיקע אַרבעט, וואָס וועט שפּעטערצו אַריינברענגען געלט. קיין שום זאַך וואָלט נישט געשטערט אַן אינטעליגענטער פרוי צו טון אַזאַ זאַך, אויב זי האָט נור געניג איינפאַלן און פעיקייטן.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן: זי האָט אַ גרויס הויז אין דאָרף מיט אַ גרויסן פּאַרק, און איר פּאַרק האַקט איבער דעם קורצסטן וועג פון איין וויכטיקער שטאָט צו אַן אַנדערער. און דער אַלגעמיינער וועג, וואָס איז אַרום איר פּאַרק איז בערגיק, קרום און געפערלעך פאַר אויטאָמאָבילן. זי קאָן אָבער אויף אַזאַ אופן שפּייזן די הונגעריקע מענער בעת זיי מאַכן אַ וועג דורך איר פּאַרק און אַזוי אַרום פאַרנוצן איר אָפּגעשפּאָרט שפּייז. ווען די אַרבעט איז פאַרטיק, קאָן זי אַוועקשיקן די הונגעריקע מענער, זיי זאָלן זיך ערגעץ אָפּזוכן אַן אַנדער באַשעפטיקונג ווו עס איז און אַליין בלייבט זי איבער מיט אַ נייעם וועג, קאָן רעכנען אַ שילינג יעדן שאָפער דערפאַר וואָס זי לאָזט אים אַדורכפאָרן איר פּאַרק, וואָס ער וועט גערן טון, כּדי איינצופּרענגען זיך צייט, ריזיקע, און שווועריקייטן; איינעם פון די הונגעריקע מענער קאָן זי איבערלאָזן, ער זאָל איינקאַסירן די שילינגס פאַר אירעטוועגן. אויף אַזאַ אופן וועט זי האָבן אויסגעגעבן איר אָפּגעשפּאָרט שפּייז אויף צו באַקומען אַ שטענדיקע הכנסה. אויף דער סיטי־שפּראַך וועט עס הייסן „זי איז אַריינגעגאַנגען אין ביזנעס" ווי אַזעלכע וואָס האָט דורכגעשניטן אַ גאַס מיט איר אייגענעם קאַפּיטאַל.

איצט, אויב דער פּאַרקער אין איר נייער גאַס איז אַזוי גרויס, אַז די שילינגס און דאָס אָפּגעשפּאָרט שפּייז וואַקסט אין

אירע הענט, שנעלער ווי זי קאָן עס אויסגעבן, וועט זי מוזן געפֿונען נייע מיטלען, ווי אַזוי נישט צו דערלאָזן, אַז דאָס נייע אָפּגעשפּאָרט שפּייז זאָל קאַליע ווערן. זי וועט ווידער מוזן צוגעמען די הונגעריקע מעגער און געפֿונען ווידעראַמאָל פֿאַר זייערטוועגן עפּעס צו טון. זי קאָן זיי אַוועקשטעלן מויערן הייזער דורך דער גאַנצער לענג פֿון דער גאַס; דערנאָך, אַוועקגעבן די גאַס צו די לאָקאַלע אויטאָריטעטן זי זאָל אויסגעהאַלטן ווערן דורך די שטייער־צאָלער, ווי אַן אַלגעמיינע גאַס, מיט וועלכער די גאַנצע באַפֿעלקערונג זאָל זיך קאָנען באַנוצן, און דעמאָלט אויך פֿאַרגרעסערן איר הכנסה דורך פֿאַרדינגען די הייזער. זי קאָן אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרגרעסערן די סומע פֿון אָפּגעשפּאָרט געלט אויף מער ווי זי האָט ווען עס איז געהאַט. זי וואָלט געקאָנט איינפֿירן אַ שטענדיקן אָמניבוס אָדער עטלעכע אָמניבוסן, כּדי צו געבן אירע איינוווינער אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן און אירע אַרבעטמענער צו וווינען אין דער דערבייאיקער שטאָט. זי וואָלט געקאָנט לאָזן איינאָרדנען עלעקטריע און גאַז אין אירע הייזער, זי וואָלט געקאָנט מאַכן אַ האָטעל פֿון איר גרויס הויז, אויפֿצובויען אויף דעם אָרט פֿון פּאַרק נייע הייזער און גאַסן די גאַנצע אַרבעט פֿאַר אירעטוועגן וואָלטן דורכגעפֿירט די הונגעריקע, אַלץ וואָס זי וואָלט געהאַט צו טון, וואָלט געווען צו געבן די נויטיקע באַפֿעלן און צו זען, אַז זיי זאָלן זיך אין משך פֿון דער צייט, דערנערן מיט איר אָפּגעשפּאָרט שפּייז.

אָבער איר וועט זאָגן, אַז נאָר אַן אויסערגעוויינטלעכע שווער־אַרבעטנדיקע און פֿעיִקע געשעפֿטס פֿרוי וואָלט געקאָנט דאָס אַלץ פּלאַנעווען און דערנאָך אָנפֿירן מיט דער אַרבעט דאָס צו פֿאַרווירקלעכן. לאָמיר זיך, פֿאָרשטעלן, אַז זי וואָלט געווען צו פֿויל אָדער צו נאַריש צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן; אָדער זי וואָלט געווען אַ זשעני, פֿאַרנומען מיט קונסט, וויסנשאַפֿט, רעליגיע אָדער פּאָליטיק — ס׳וואָלטן זיך שוין געפֿונען הונגעריקע פּרויען, אָדער מענער מיט די שאַרפֿסטע פֿעיִקייטן, וואָס וואָלטן געקומען צו איר און וואָלטן איר פֿאָרגעלייגט צו אַנטוויקלען איר פֿאַרמעגנס (דאָס גוט) און צו צאָלן איר אַזויפֿיל און אַזוי־

פיל אַ יאָר פאַרן באַנוצן איר לאַנד און איר אָפּגעשפּאָרט געלט. דאָס אַלץ וואָלט געקאָנט דורכגעפירט ווערן דורך איר אַדוואָקאַט אַזוי, אַז זי אַליין וואָלט נישט געדאַרפט איינטינקען אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער אחוץ אַמאָל אונטערצושרייבן איר נאָמען. אין געשעפטס לשון וואָלט עס געהייסן: זי לייגט אַריין איר קאַפּיטאַל אין דער אַנטוויקלונג פון איר גוט.

איצט באַרעכנט וויפיל דידאָזיקע אָפּעראַציעס וואָלטן זיך געקאָנט אויסברייטן, פון איין דאָמעס אַריינגעלייגטן קאַפּיטאַל און די אַנטוויקלונג פון איין דאָמעס גוט אויפן דאָרף. גרויסע קאָמפּאַניעס וועלכע נעמען צוזאַמען מיליאָנען אָפּגעשפּאָרטע גרויסע אָדער קליינע סומען פון מענטשן איבערן גאַנצן לאַנד, וועלכע ווילן געוועהרן קויפן אַקציעס לויט זייערע מעגלעכקייטן, וואָלטן געקאָנט אַוועקשטעלן די הונגעריקע גראָבן די מינעס אונטערן ים, וואָס פאָדערן צוואַנציק יאָר אַרבעט ביז מ'וועט דערגרייכן קוילן. זיי קאָנען מאַכן באַנען און טראַנספּאָרט שיפן, זיי קאָנען בויען פאַבריקן און באַשעפטיקן טויזנטער מענטשן און אויסריכטן זיי מיט מאַשינען. זיי קאָנען אויסלייגן טעלעגראַף דורכן ים... עס איז נישטא פאַראַן קיין שיעור וואָס זיי וואָלטן אַלץ געקאָנט טון, אַזוי לאַנג, ווי זיי קאָנען נור אויסלייען אָפּגעשפּאָרט שפּייז צו געבן די הונגעריקע צו עסן. ביז וואַנען די אַלע פּאַרברייטונגען וועלן פאַרטיק ווערן און דאָס געשעפט וועט זיי אָנהויבן אויסצוהאַלטן פון זיך אַליין.

טיילמאָל איז דער פּלאַן נישט געראָטן. און די אייגנטימער פון דעם אָפּגעשפּאָרטן שפּייז פאַרלירן, אָבער זיי מוזן ריזיקירן, ווייל דאָס שפּייז וועט במילא קאַליע ווערן, וועלן זיי עס סיי־ווי־סיי פאַרלירן אויב זיי וועלן עס נישט אַריינלייגן. עס איז תמיד פאַראַן אָפּגעשפּאָרט געלט, וואָס ווערט פאַרגעלייגט צו גרויסע געשעפטס מענטשן און זייערע קאָמפּאַניעס און אַזוי אַרום וואַקסט ווי איר זעט אונדזער אומגעלומפּערטע ציוויליזאַציע מיט איר גרויסער מאַסע אָרעמעלייט און געציילטע עשירים, מיט אירע געוועלבן, פאַבריקן, באַנען, מינעס, שיפן, אַעראָפּלאַנען טעלעפאָנען, פּאַלאַצן, גרויסע הייזער, וווינונגען און דאָרפישע

הייזלעך אחוץ דאָס פונדאַמענטאַלע זייען און שניידן דאס שפייז פון וואָס אַלץ איז אָפּהענגיק.

אָט דאָס איז דער מאַגנעט פון אָפּשפּאָרן חיונה, וואָס מ'רופט קאַפּיטאַל; אַזוי אַרום ווערן געבוירן ליידיקגייער, וועלכע פאַרמאָגן לאַנד און אָפּגעשפּאָרטע חיונה, זענען אומגעהויער רייך בישט ווייסנדיק אַפילו ווי אַזוי און זיי מאַכן זייערע קינדער רייך ווען זיי ליגן נאָך אין די וויגלעך, בעת די וואָס פאַרמאָגן בישט קיין לאַנד און קיין געלט אַרבעטן ווי די שקלאַפן פון זון־אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג און ווען זיי האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן בלייבן זיי פונקט אַזוי אָרעם ווי זיי זענען געווען בשעת זיי האָבן אָנגעהויבן.

## XXXV

# די באַגרענעצונגען פון קאַפּיטאַליזם

אַ סך מענטשן זענען אַזוי שטאַרק אונטערן איינדרוק פון די דערגרייכונגען פונעם קאַפּיטאַליזם, אַז זיי גלויבן, אַז אויב איר זאָלט אָפּשאַפן דעם קאַפּיטאַליזם, מאַכט איר אַ תּל פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע. זיי האַלטן, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט. מיר מוזן דעריבער באַטראַכטן ערשטנס, אין וואָס באַשטייען די פעלערן פון דעם וועג, וואָס מיר גייען? צווייטנס צי איז פאַראַן אַן אַנדער וועג?

פון איין שטאַנדפונקט איז נישטאָ קיין אַנדערער וועג: אַלע געשעפטן, וועלכע פאָדערן אַ סך וואָכן אָדער חדשים אָדער יאָרן אַרבעט, ביז זיי וועלן אָנהייבן צו טראָגן עפּעס רווח, דאַרפן האָבן גרויסע קוואַנטיטעטן אָפּגעשפּאָרטע חיונה. אויב עס דאַרף דויערן צוואָנציק יאָר, ביז מ'גראָבט אויס אַ קוילן-מינע, וועלן דאָך די מענער, וואָס גראָבן די מינע דערווייל אויפעסן זייערע אייגענע קעפּ. דעריבער מוזן אַנדערע זיי פאַרזאָרגן מיט שפּייז, מיט מלבושים, וווינונגען א. ד. ג. און נישט וואַרטן זיי זאָלן עס באַלד אומקערן, פּונקט ווי עלטערן פאַרזאָרגן זייערע קינדער, וואָס האַלטן אין וואַקסן. אין דעם פאַל איז נישטאָ קיין שום אונטערשיד, צי מיר שטימען פאַר קאַפּיטאַליזם אָדער סאָציאַליזם. דער דאָזיקער פּראָצעס איז אַ נאַטירלעכע נויטווענ-

דיקייט, וואָס קיין שום פּאָליטישע רעוואָלוציע וועט נישט קאָנען אויסמיידן.

אָבער דערפון איז בשום־אופן נישט געדרונגען, אַז די זאַמלונגען און די באַשעפטיקונג פון אָפּשפּאָרן חיונה זאָלן מוזן געטון ווערן דווקא פון פּריוואַטע קאָמפּאַניעס, וועלכע שטעלן אויס אויפן געלט. וואָס רייכע מענטשן, צופיל איבערגעשטאָפּטע מיט לוקסוס זאָלן עס האָבן וווּ אַוועקצולייגן און מענטשן מיט קלענערע מיטלען, וואָס ווילן אַוועקלייגן זייער געלט אויף אַ רעגנדיקן טאָג.

דערמיט הויבט זיך עס אָן. עס זענען פאַראַן אַ סך זייער נויטיקע זאַכן, וואָס די פּריוואַטע געזעלשאַפטן און אַרבעטס־געבער וועלן נישט טון, ווייל זיי קאָנען נישט באַהעגן מענטשן צו באַצאָלן פאַר זיי, ווען די אַרבעט איז פאַרטיק. נעמט למשל אַ לייכטטורם. אָן לייכטטורמס וואָלטן מיר זיך נישט דערוועגט צופאָרן אויפן ים און די האַנדלס־שיפן וואָלטן געמוזט גיין אַזוי פּאַמעלעך, און אַזוי פיל פון זיי וואָלטן צעבראָכן געוואָרן, אַז די קאָסטן פון די סחורות, וואָס זיי פירן, וואָלטן אויסגעמאַכט אַ סך טייערער, ווי איצט. דעריבער געניסן מיר אַלע אַ סך פון די לייכטטורמס. אפילו יענע, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געזען דעם ים און האָבן אפילו נישט קיין האָפנונג אים ווען עס איז צו זען. פונדעסטוועגן וואָלטן די קאַפּיטאַליסטן נישט געבויט קיין לייכטטורמס. אויב דער לייכטטורם־וועכטער וואָלט געקאָנט נעמען אַ געוויסן אָפּצאָל פון יעדער שיף, וואָס גייט פאַרביי, וואָלטן זיי געבויט אָן אַ שיעור טורמס, ביז דער ברעג וואָלט געווען אַזוי העל באַלויכטן ווי דער ים־פראָנט אין ברייטאָן, נור אַזוי ווי דאָס איז נישט מעגלעך און דער לייכטטורם מוז שיינען פאַר יעדער שיף גלייכצייטיק, נישט צווינגענדיק דעם קאַפּיטאַן אַריינצושטעקן די הענט אין די קעשענעס — לאָזן די קאַפּיטאַליסטן דעם ברעג אין דער טונקלקייט. דערפאַר מישט זיך אַריין די רעגירונג און גרייט אָן אָפּגעשפּאָרטע חיונה אין אַ פאָרם פון שטייערן פאַר יעדן איינעם (און עס איז גאַנץ ריכטיק, ווייל יעדער איינער געניסט דאָך דערפון) און זי בויט

פאַר די געזאַמלטע געלטער די לייכטטורעמס. דאָ זעען מיר ווי דער קאַפּיטאַליזם מיידט אויס צו פאַרזאָרגן אַ ים-פאַרנדיקע נאַציאָן, ווי אינדזערס איז, מיט אַ זאַך, וואָס איז אונדז אַזוי נויטיק, ווי דאָס לעבן. (ווייל אָן אונדזערע שיפן וואָלטן מיר געשטאָרבן פון הונגער) און צווינגען אונדז אַזוי אַרום זיך אָנצוכאַפּן אינם קאָמוניזם.

אָבער אַ חוץ דעם זאָגט זיך דער קאַפּיטאַליזם אָפּטמאָל אָפּ פון נויטיקע אַרבעט ווען אפילו זי פאַרשפּרעכט זיך באַלד צו באַצאָלן.

אַ לייכטטורם, למשל, דערמאָנט אונדז אָן אַ האַפן, וואָס איז אויך זייער נויטיק. יעדער שיף וועט זי לאַנדעט אינם האַפן מוז אָפּצאָלן אַ געוויסע סומע האַפן-שטייערן; דעריבער וואָלט יעדער, וואָס וואָלט געבויט אַ האַפן פאַרדינט געלט. אָבער גרויסע האַפנס מיט זייערע ברייקוואַסערן, מיט זייערע בריקן דוירן אַזוי פיל יאָרן אויפצובויען און שטייען אונטער אַזוי פיל סכנות געשעדיקט און אפילו צעשטערט צו ווערן פון שטורמס, אין דאָס וואָס מ׳קאָן די שיפן אוועקשיקן לאַנדן אין אַנדערע האַפנס אויב מ׳הייסט זיך געבן אַ צוטייערן פרייז — איז גורם, אַז פּריוואַט-קאַפּיטאַל קערט זיך אָפּ דערפון צו זאָכן, וואָס וועלן זיך בעסער לוינען און זיי וועלן זיין זיכערער; למשל, דיסטילערייס, וואָס האָבן גרויסע פּראָפיטן. דאָ איז נישט פאַראַן יענע אומזיכערקייט. די קאָסטן אויפצובויען און איינצוריכטן אַ דיסטילעריע, זענען אויך קלענער, און דערצו ווייסט מען אייך, אַז עס וועט תמיד זיין ווו אַ הינצוטון דעם בראָנפן, דערויף קאָן מען זיך פאַרלאָזן. אַ חוץ דעם קאָן מען מיט אַ פּאָר הונדערט פונט וויסן, וויפל עס וועט קאָסטן אויפצושטעלן אַ דיסטעלעריע. אָבער ביי אַ האַפן קאָן מען אפילו מיט קיין מיליאָן נאָך נישט וויסן, ווו מ׳האַלט אין דער וועלט. די אַלע חשבונות באַאיינפלוסן נישט די רעגירונג, וועלכע דאַרף נור באַשלוסן, וואָס איז נויטיקער פאַר דער נאַציע אָדער אַ דיסטעלעריע. אָבער די פּריוואַט-געזעלשאַפטן גייט נישט אָן, וואָס איז גוט פאַר דער נאַציע, זיי אינטערעסירט דאָס, וואָס איז גוט פאַר זייער

אייגענע קעשענע און פאַר זייערע פאַמיליעס, וועלכע דאַרפן אויסקלויבן דעם זיכערסטן אופן, וויאזוי צו פאַרזאָרגן די אָפגעשפאָרטע געלטער. פאַרשטייט זיך, אַז זיי קלויבן אויס די דיסטעלעריע. און ווען מיר זאָלן זיין אָפהענגיק פון פריוואַטע קאַפיטאַליסטן אַליין, וואָלט דאָס לאַנד געהאַט אַזוי פיל דיסטעלעריעס, וויפל דער בראָנפן־מאַרק וואָלט נור געקאָנט אויסהאַלטן, און קיין האַפנס בכלל נישט. און נאָכדעם ווי זיי וואָלטן פאַרטיק געהאַט זייערע דיסטעלעריעס, וואָלטן זיי אויסגעגעבן ריזיקע סומעס אויף רעקלאַמען, איינצורעדן דעם עולם, אַז זייער בראָנפן איז בעסער און געזונטער און עלטער און באַרימטער פון דעם בראָנפן וואָס ווערט אויסגעאַרבעט אין אַנדערע פאַבריקן און אַז יעדער איינער דאַרף יעדן טאָג טרינקן בראָנפן אַלס אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך. אַזוי ווי קיין איינציקע פון די אַלע דערקלערונגען זענען נישט אמת, איז דער כלומרשטער א מ ת לויטן שטאַנדפונקט פון דער נאַציאָן אַ שאָדן צום געזונט און אויסברענגעריי פון אַרבעט און אַ פראָפּאַגאַנדע פון געמיינסטן שווינדל.

די פריוואַטע קאַפיטאַליסטן קלויבן נישט אויס בלויז דאָס, וואָס וועט זיי אַריינברענגען צו מערסטן געלט, נאָר דאָס וואָס קאָן געטון ווערן אָן שוועריקייטן. דאָס הייסט, זיי וועלן טון דערפאַר אַזוי ווייניק, ווי מעגלעך, אויב זיי פאַרקויפן אַן אַרטיקל אָדער לייסטן עפּעס אַ דינסט, וועלן זיי זיך הייסן באַצאָלן דערפאַר אַזוי טייער ווי מעגלעך, אָנשטאָט אַזוי ביליק ווי מעגלעך. דאָס וואָלט נישט געשאָדט, ווען עס וואָלט געווען אמת דאָס, וואָס פשוטע מענטשן מיינען, אַז וואָס בידריקער דער פרייז, אַלץ גרעסער דער פאַרקויף און אַז עס איז פאַראַן אַלץ מער פראָפיט, וואָס גרעסער ס'איז דער פאַרקויף; עס איז אמת אין מאַנכע פאַלן, אַז וואָס בידריקער דער פרייז, אַלץ גרעסער דער פאַרקויף אָבער עס איז נישט אמת, אַז וואָס גרעסער דער פאַרקויף, אַלץ גרעסער דער פראָפיט. עס קאָנען זיין אַ האַלבטוץ פרייזן און במילא זיך פאַרקויפן, אָבער די פאַרדינסטן וועלן זיין די אייגענע

נעמט דעם פאַל פון אַ טעלעגראַם, וואָס ווערט געשיקט איבערן ים, איבערצוגעבן ידיעות אין פרעמדע לענדער. וויפיל דאַרף די קאָמפּאַניע רעכנען פאַר אַ וואָרט? אויב זי וועט רעכענען אַ פונט פאַר אַ וואָרט וועלן גאַנץ ווייניק מענטשן זיך קאָנען דערלויבן צו שיקן אַ טעלעגראַם, אויב מ'וועט אָבער רעכענען אַ פּעני פאַר אַ וואָרט, וועלן די טעלעגראַם-ביוראָס זיין פאַרוואָרפן גאַנצע טעג און נעכט מיט ידיעות. דאָך קאָן דער פּראָפיט זיין דער אייגענער און אויב דער פאַרדינסט איז דער אייגענער איז שוין גרינגער צו שיקן אַ וואָרט פאַר אַ פונט איידער צווייהונדערט און פערציק ווערטער צו פּעני פאַר אַ וואָרט. דאָס אייגענע איז אמת אין שייכות מיט די געוויינטלעכע טעלעגראַמען; ווען זיי זענען געווען אין די הענט פון אַ פּריוואַטער געזעלשאַפט האָבן זיי געקאָסט טייער, ווען די רעגירונג האָט עס איבערגענומען האָט זי נישט בלויז איינגעאָרדנט מ'זאָל קאָנען שיקן טעלעגראַמען אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך, נור זי האָט עס אפילו ביליקער געמאַכט, אַרבעטנדיק אָן אַ שום פּראָפיט. זי האָט דורכגעפירט די דאָזיקע דינסט, מ'קאָן זאָגן, מיט פאַרלוסט, ווי די פּריוואַטע געזעלשאַפט וואָלט עס אָנגערופן. זי האָט דאָס געטון, ווייל דידאָזיקע דינסט איז געווען אַ גרויסע טובה פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג, סיי די מענטשן, וועלכע שיקן קיינמאָל נישט קיין טעלעגראַם און סיי די וואָס שיקן צוועלף אַ טאָג — עס איז געווען אַ טובה פאַר דער נאַציע און עס איז געווען אַ גערעכטע זאַך ביליקער צו מאַכן פאַר די וואָס שיקן כסדר טעלעגראַמען און דעם דעפּיציט האָט מען געדעקט מיט שטייערן, וואָס יעדער איינער האָט געצאָלט דערויף.

די דאָזיקע זייער געוווּנטשענע תקנות קאָנען פון קיין פּריוואַטער געזעלשאַפט נישט געמאַכט ווערן, ווייל זיי באַמיען זיך נישט בלויז צו האַלטן די פּרייזן אַזוי הויך ווי מעגלעך נור איבער די קאָסט-פּרייזן פון פּראָדוקציע און דינסט, כדי צו מאַכן, וואָס מער געלט — נור זיי האָבן נישט די מאַכט צו צעטיילן עס אַזוי, אַז אַלע זאָלן געניסן פון דעם, גיי שט נור

די, וואָס באַניצן זיך דערמיט. עס איז אמת, אַז סוחרים קאָנען אַרויפרעכענען די טעלעגראַם־און־טעלעפאָן־קאָסטן אויף די סחורות וואָס זיי פאַרקויפן. אָבער אַ גרויסער טייל טעלעגראַמען זענען נישט קיין געשעפטלעכע און די, וואָס שיקן זיי, האָבן נישט וועמען אַרויפצורעכענען. דער איינציקער מאָטיוו קעגן דעם, אַז מען זאָל די קאָסטן פון טעלעגראַף און טעלעפאָן אַרויפוואַרפן אויף דער באַפעלקערונג דורך שטייערן, איז דער, אויב מיר וואָלטן אַלע געקאָנט שיקן לאַנגע טעלעגראַמען אָן אַ באַשטימטער נאָרמע אויסער יעדער אָפּצאָל, וואָלט מען געהאַלטן אין איין שיקן טעלעגראַמען צי מען וואָלט געדאַרפט צי נישט; און וואָס וואָלט אונדז געשטערט נישט צוצוגעבן אַ פּריינטלעכן גרוס פון אַלע צו אונדזער טייערע מומע דזשעני און אַ קוש פון קינד. ביז ביים סוף פון אַ טעלעגראַם וואָלט די ליניע געווען אַזוי געפּאַקט, אַז מ׳וואָלט בכלל נישט געקאָנט שיקן מער קיין טעלעגראַמען. און וואָס שייך דעם טעלעפאָן, וואָלטן טייל פרויען געהאָנגען אַ גאַנצן טאָג ביים אַפּאַראַט, ווען עס וואָלט זיי נישט געקאָסט קיין געלט. אפילו ביי די היינטיקע באַדינגונגען לייגט מען אַרויף צו פיל נישט נייטיקע אַרבעט אויף דער טעלעגראַף־דינסט פון מענטשן, וואָס טראַכטן צו אַ פּאָר ווערטער. אָבי זיי זאָלן האָבן גאַנצע צוועלף. ווייל זיי ווייסן, אַז צוועלף ווערטער זענען דער מינימום פאַרוואָס זיי מוזן באַצאָלן. עס פאַלט זיי אפילו נישט איין, אַז די טעלעגראַף־פאַרוואַלטונג ברענגט זיך אויס אַרבעט און אָנגעשטעלטע, אַ חוץ דעם, וואָס זי פאַרגרעסערט דורך דעם די שטייערן. אמת, עס מאַכט אויס אַ קלייניקייט, אָבער געזעלשאַפטלעכע ענינים באַשטייען פון קלייניקייטן, וואָס ווערן צוזאַמענגערעכנט פון אַזוי פיל מיליאָנען, וויפיל עס זענען פאַראַן מענטשן אין לאַנד און קלייניקייטן הערן אויף צו זיין קלייניקייטן, ווען זיי ווערן צוזאַמענגערעכנט אין אַזאַ סקאַלע.

שניי־קוילן, וואָס די אָרעמע אידיאָטן וואַרפן אַריין אין די פּאָסט־קעסטלעך און זען אויס ווי אַ פריינטלעכער וויץ — וואָלטן אַ תל געמאַכט פון אונדזער פּאָסט־סיסטעם, ווען אָרנטלעכע

פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן וואָלטן זיי נישט באַצייטנס אַריינגע־וואָרפן אין מיסט־קערבל.

מ׳דאַרף די דאָזיקע זאַכן גוט פאַרשטיין, ווייל דער גרעס־טער טייל מענטשן זענען אַזוי תמעוואַטע און האָבן אַזוי נישט קיין באַגריף אין קיין גרויסע געשעפטס־ענינים, אַז די פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן רעדן זיי באמת איין, אַז קאַפּיטאַליזם איז אַ טובה פאַרן מענטשן, ווייל ער גיט פּראָפיטן און עפּענטלעכן דינסט און קאָמוניזם איז אַ רעה, ווייל ער גיט נישט קיין שום רווחים. אָט די תמעוואַטע לייט פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע רווחים שטאַמען פון זייערע אייגענע קעשענעס, אַז דאָס וואָס ס׳איז לטובה די קאַפּיטאַליסטן איז לרעה זייערע קונים, אַז אַזוי גיך ווי עס וועלן פאַרשווינדן די גרויסע פּראָפיטן וועלן אויך פאַרשווינדן איבערגעזאַלצענע פּרייזן.

# XXXVI

## די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע

איצט זעט איר פאַרוואָס די נאַציע קאָן נישט זיין אָפּהענגיק פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל; ווייל עס זענען פאַראַן אַזוי פיל לעבנס-נויטווענדיקייטן, פון שטאָטישער וואַסער-ליַיטונג ביז לייכטורעמס, וואָס ער. דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל וועט בכלל נישט צושטעלן. און וואָס איז מכוח דעם וואָס זיי שטעלן שוין יאָ צו? זיי שטעלן עס צו אין א שרעקלעך-אומגעלומפּערטער אָרדנונג, זיי זאָגן זיך אָפּ צו מאַכן אַ האַפּן ביז זיי וועלן נישט האָבן אָנגעגרייט אַזויפיל בראָנפן-דיסטילעריעס, ווי דער בראָנפןמסחר קאָן נור אויפהאַלטן און זיי בויען פינף לוקסוריעזע הייזער פאַר איין רייכן פּאַרשוין, בשעת אַן אומגעהויערער טייל קינדער פון דער נאַציע שטאַרבן אויס פון איבערבאַפעלקערונג אין קליינע שמוציקע הייזלעך.

בקצור, אנשטאָט די פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן זאָלן טון די נויטיקסטע אַרבעט הויבן זיי צום ערשטן אָן פון דער פאַרקערטער זייט. וועגן אַזאַ פּאָליטיק קאָן מען זאָגן: אויב איר הויבט אָן פון דער פאַרקערטער זייט, וועט איר געטריבן ווערן אָנצוהויבן פון דער רעכטער בעת עס וועט שוין זיין צו שפּעט, ווען איר וועט זיך שוין נישט קאָנען רירן. פאַקטיש איז דאָס די פּאָזיציע וועלכע אַ סך פון אונדזערע רעספּעקטפולע קאַפּיטאַליסטן זענען דורך אומשטענדן שוין היינט געצוווּנגען געוואָרן צו פאַר-

נעמען; ווען די אָרעמע לייט האָבן אָן אויפהער געקויפט אַזויפיל שטאַרקע געטראַנקען פאַר וויפיל זיי האָבן נאָר געהאַט צו באַצאָלן און די גבירים האָבן געקויפט שטאָלן מיט רייט-פערד און אַזויפיל פערל וויפיל אָרט זיי האָבן נאָר געקאָנט געפונען אויף זייערע ווייבערס העלדזער. זענען די קאַפּיטאַליסטן געצווונגען אָנצווענדן זייער גאַנצן אָנגעזאַמלטן קאַפּיטאַל פונם קונפטיקן יאָר פאַר דער פּראָדוקציע פון מער נויטיקע זאַכן.

איידער מ'קאָן אַוועקשטעלן די הונגעריקע צו דער אַרבעט ביים בויען פאַבריקן און מאַכן מאַשינען, אויסצוריכטן זיי, מוז עמעץ, (מעגלעך אַ פּרוי) דערפינדן די מאַשינען. די קאַפּיטאַליסטן וועלן קויפן איר דערפינדונג, אויב זי איז אַ גוטע געשעפטס-פרוי — זייער ווייניק צווינגען צו באַצאָלן אַזאַ פּרייז, אַז זיי זאָלן איר אויך מאַכן פאַר אַ קאַפּיטאַליסטן, אָבער אין מערסטע פאַלן מאַכט זי זייער אַ שלעכט געשעפט, ווייל זי מוז פאַרקויפן די „ליאָנס-אַקציע" און איר דערפינדונג פאַר אַ פאָר פונט כדי זי זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו באַצאָלן פאַר די נויטיקע מאַדעלן און פּרוּוון. בלויז אין גאַנץ גרויסע מאָדערנע געשעפטן ווו די דערפאַרונג סיי אין מעטאָד סיי אין אָרגאַניזאַציע זענען חריפותדיקע קאָן די מעכאַנישע דערפינדונג האָבן אַ באַדייטונג לגבי דעם קאַפּיטאַל; אויב איר פאַרמאָגט אָט דעם טאַלאַנט וועלן זיי אים נישט פּרוּוון אָפּקויפן פון אייך, זיי וועלן אייך אַליין קויפן פאַר אַ גוטן פּרייז און אַריינעמען אייך אינם געשעפט. אָבער דער פּשוטער מעכאַנישער דערפינדער האָט נישט אַזאַ מזל. אַלנפאַלס האָבן די קאַפּיטאַליסטן געמאַכט אַ קאָמוניסטישן געזעץ: זיי נאַציאָנאַליזירן אַלע דערפינדונגען נאָך אַ צייט פון פערצן יאָר, דער קאַפּיטאַליסט קאָן זיך דאַן פראַנק און פריי באַנוצן מיט דער דערפינדונג און דעם דערפינדער אפילו קיין גראָשן נישט געבן דערפאַר. זיי רעדן זיך באַלד איין אָדער פּרוּוון איינרעדן, אַז זיי האָבן אַליין דערפונדן די מאַשינען און פאַרדינען די רייכטימער אַ דאַנק זייער חריפות און אַ גאַנץ גרויסע צאָל מענטשן גלויבן זיי.

און אַזוי פאַרזאָרגט מיט מאַשינען און פלענער וואָס פאַר

די קליינע פראָדוציר֜ער זענען זיי בלויז אַ ווייטער חלום. הויבן אָן די גרויסע קאַפּיטאַליסטן צו פאַרטרייבן די קליינע פאַבריקאַנטן פון דער ערד. זיי נעמען אַוועק די אַרבעט פון דעם קליינעם וועבער, וואָס אַרבעט אויס זיין סחורה מיט אַ האַנט־וועבשטול אין זיין דאָרפישער כאַטקע, זיי מאַכן עס אַ סך ביליקער מיט גרויסע קאָסטבאַרע דאַמפּמאַשינען. זיי זענען אַוועק פון די אַרבעט פונם אַלטמאָדישן מילנער מיט זיין ווינטמיל אָדער וואַסערמיל און מאָלן אין ריזיקע געביידעס מיט גרויסע שטאָלענע וואַלצן, מיט מעכטיקע דאַמפּמאַשינען. קעגן דעם געווינטלעכן שמיד שטעלן זיי אַוועק אַ ריזיקן האַמער וועלכן טויזנט וואָלקאַנען וואָלטן נישט געקאָנט אויפהויבן און אַ פּאָר שערן וועלכע שניידן שטאָלענע ליילעכער און בייסן אָפּ שווערע שטאַבעס אַ סך גרינגער ווי ער, דער קאָוואַל, וואָלט געקאָנט אויפמאַכן אַ קעסטל קאָנסערוון־מילך; זיי בויען גרויסע שטאָלענע שיפן וועלכע ווערן געטריבן פון מאַשינען וואָס די שיפבויער פון „קאָלומבוס” וואָלטן אָנגערופן טייוולאָנים; זיי בויען הייזער און הימלקראַצערס פון אַ הונדערט וויגוונגען איינער איבער דער אַנדערער פון שטאָל און בעטאָן, אַזוי, אַז אויפן אָרט פון איין האָריזאָנטאַלער גאַס האָט איר אַ גאַנץ בינטל צוזאַמענגעפלאָכטענע גאַסן; זיי מאַכן טול מיט מאַשינען, זיי אַרבעטן אויס מער אין אַ טאָג ווי צען טויזנט פרויען וואָלטן געקאָנט אויסאַרבעטן מיט די הענט; זיי מאַכן שיך מיט מאַשינען, זייגערס מיט מאַשינען, שפּילקעס און נאָדלען מיט מאַשינען, זיי פאַרקויפן אייך מאַשינען צו באַנוצן זיך מיט זיי אין אייער הויז ווי אַ שטייגער אַ שטויב־זויגער, וואָס פאַרנעמט דאָס אָרט פון אייער אַלטער קער־באַרשט מיט די טיי־בלעטלעך; זיי ציען אַריין עלעקטריע אין אייער הויז פונקט ווי אין זייערע פאַבריקן, אַזוי ווי וואַסער און גאַז, אַז איר קאָנט באַלייכטן און באַהייצן אייער הויז; אַז איר ווילט — מאַכן זיי ווינדעס אין אייער הויז און איר פאַרשפּאָרט צו גיין, מען טראָגט אייך אַרויף פון קעלער ביזן בוידעם־שטיבל; איר קאָנט אויפקאָכן דעם טשייניק און אָפּקאָכן אייער מיטאָג איר וואָלט אפילו געקאָנט מאַכן „טאָאַסט” דערביי

זיי פאַרקויפן אייך אַזאַ אַפּעציעלע מאַשינקע) ווען איר זאָלט נישט תמיד פאַרגעסן אַרויסצונעמען דאָס פּעניצל, איידער ס'ווערט פאַרברענט אויף קויל.

אויב די מאַשין-אויסגעאַרבעטע סחורות האָט מען אין אַנ-הויב באַטראַכט פאַר נישט אַזוי גוט ווי האַנט-אַרבעט, ווייזט זיך אַרויס אַז אַ סך פון זיי זענען נאָך בעסער. און אַ טייל פונקט אַזוי גוט ווי האַנט-אַרבעט לוינט סתם צו קויפן, ווייל זיי קאָסטן אַ סך ביליקער אין פאַרגלייך מיט יענע. איבעריקנס מוזן מיר זיי שוין איצט קויפן ווייל מיר האָבן שוין פאַרגעסן, ווי אַזוי אויסצואַרבעטן זאַכן מיט די הענט און מיר זענען אָפּהענגיק פון די גרעסערע מאַשין-אינדוסטריעס צו להכעיס די קליינע גרופן אַרטיסטן וועלכע פּרוּוון מיט אַלע כּוחות אויפצוהאַלטן די פאַרשידענע האַנטאַרבעטן. וויליאַם מאָריס, אַ גרויסער אַרטיסט, האָט אויסגעטראַכט אַ מעשה, אַז אין אַ דאָרף איז קאַליע געוואָרן אַ גראַבליע האָט מען גע-מוזט ברענגען אַ מאַשין מיט אַכט אינזשינירן פון לאָנדאָן זי צו פאַריכטן. אָט די מעשה קלינגט נישט אַזוי אויסטערליש היינטיקע צייטן ווי אין די טעג פון קעניגין אַנאַ. נאָר אונדזער גליק באַשטייט אין דעם וואָס די מאַשינען מאַכן אַזוי ביליק גראַבליעס, אַז עס לוינט זיך זיי אַוועקצוואַרפן און קויפן נייע אַנשטאָט צו פטרן צייט ביים פאַריכטן די אַלטע. דאָס געווינס איז גרעסער ווי דער היזק און אויב די מענטשן, וואָס אַרבעטן ביי דער מאַשין מאַכן דערביי אַ בעסער לעבן איידער יענע אַלטע פיינע בריות — איז דאָך דער טויש צום גוטן.

נור וואָרט, פונדעסטוועגן זאָג איך נישט. אַז דידאָזיקע געווינסן זענען תמיד בעסער. דער גרעסטער טייל פון אונדז נוצן ביליקע און געמיינע סחורות און לעבן אַ ביליק און אַ שלעכט לעבן אָבער אין דעם זענען נישט שולדיק די מאַשינען אָדער די גרויסע פאַבריקן און אפילו נישט די אָפּגעשפּאָרטע געלטער מיט וועלכע מען בויט זיי. עס איז די שולד פון דער אומגלייכער צעטיילונג פון די פּראָדוקטן און די איבעריקע צייט, וואָס בלייבט אַ דאַנק דער איינשפּאָרונג פון אַרבעט.

נו, דידאָזיקע גישט גלייכע צעטיילונג וואָלט נישט עק-זיסטירט, ווען די אָפּגעשפּאָרטע געלטער וואָלטן זיך נישט גע-

פונען אין פריוואַטע הענט; ווען זיי וואָלטן זיך געפונען אין נאַציאָנאַלע און אין מוניציפּאַלע בענק, וועלכע זאָלן קאָנטראָלירן זייער נוצן און אונדזער אַלעמענס אינטערעסן. דאָס קאַפּיטאַליזירן די אינדוסטריע אין אַ גרויסן פאַרנעם וואָלט געווען אַ באַזונדער ברכה, אַנשטאָט דעם וואָס עס איז איצט אַ ברכה געמישט מיט אַזוי פיל פאַרשידענע קללות, אַז אין סאַמועל באַטלערס באַרימטער אוטאָפּיע וואָס רופט זיך ערעוואָן, ווערט מען באַשטראָפט ווי פאַר אַ פאַרברעכן; פאַר מאַכן, אָדער אפילו באַזיצן מאַשינעריע.

אַ טייל פון אונדזערע קלוגסטע אַנטיסאָציאַליסטן לייגן פאָר, מ׳זאָל זיך אומקערן צו די פריסטע צייטן פון די אַכצעטנער יאָרן, ווען עס זענען נאָך נישט געווען קיין מאַשינען און קיין פאַבריקן, אָבער דאָס וואָלט געהייסן, אומקערן זיך צו דער קליינער באַפעלקערונג פון יענער צייט, ווייל יענע אַלטע מעטאָדע וואָלט נישט פראָדוצירט גענוג פאַר אונדזערע צוויי און פערציק מיליאָן. הויכע ציוויליזאַציע אין דער אינדוסטריע, ווו אַ מיליאָן פונם אָפּגעשפּאָרטן געלט ווערט אויסגעגעבן אויף פיר פּענעדיקע קלעצלעך פאָדעם — איז געקומען, כדי מיט אונדז צו פאַרבלייבן. נור אויב סאָציאַליזם וועט פאַרווירקלעכט ווערן, וועט דער מיליאָן זיין אַ געזעלשאַפטלעכע און נישט קיין פּריוואַט-אייגנטום און די קלעצלעך פאָדעם וועלן קאָסטן ווייניקער פון צוויי פּענעס, אַנשטאָט פיר. כדי צו מאַכן עס בקיצור וועלן מיר זאָגן: קאַפּיטאַליזאַציע און קאַפּיטאַליזם זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. קאַפּיטאַליזאַציע רירט אונדז נישט אָן אַזוי לאַנג, ווי קאַפּיטאַל איז אונדזער דינער און נישט אונדזער הערשער. קאַפּיטאַליזם איז אונדזער אומפאַרמיידלעכער הערשער, אַנשטאָט אונדזער דינער; אַנשטאָט מיר זאָלן זיין געזעלשאַפטלעכע דינער זענען מיר פּריוואַטע שקלאַפן.

גיט אַכטונג, אַז די גרויסע ענדערונג פון האַנד-אַרבעט אין דאָרפישע כאַטקעס ביז פאַבריקן און מאַשין-אינדוסטריעס אין די אַכצענער און ניינצענער יאָרן ווערט ביי די עקאָנאָמיסטן און היסטאָריקער אָנגערופן די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע.

## XXXVII

## דאָס אַרויסשיקן קאַפּיטאַל פונם לאַנד.

ביז איצט האָבן מיר באַטראַכט דעם וווּקס פונם קאַפּיטאַליזם. אינדערהיים, אָבער קאַפּיטאַליזם האָט נישט קיין היים אָדער, ריכטיקער געזאָגט, ער איז אומעטום אין דער היים. עס איז אַ פאַקט, אַז הגם פּראָפעסיאָנעלע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן רופן זיך אונטערנאַציאָנאַליסטן און טראָגן אַ רויטן פאָן וואָס איז די פאָן ביי אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנען און הגם די גרעסטע טייל קאַפּיטאַליסטן זענען באַרימעריש־נאַציאָנאַל און שטעלן אַרויס דעם יוניאָן־דזשעק ביי יעדער מעגלעכער געלעגנהייט וואָלט איר זיך איבערצייגט דעמאָלט ווען די אַלע שיינע ווערטער זאָלן דאַרפן ווערן פאַקטן, אַז יעדע פּראַקטישע מאָס וואָס עס געבן אייך די בריטישע סאָציאַליסטן וואָלט געהאַט איר ווירקונג אַזוי אַז מ׳וואָלט אייגעהאַלטן דעם בריטישן קאַפּיטאַל אין בריטאַניען און ער וואָלט אויסגעגעבן געוואָרן אויף אויסבעסערן דעם מצב פון זייער אייגן לאַנד, אין דער צייט ווען בריטישע קאַפּיטאַליסטן ליפערן אַרויס הונדערטער מיליאָנען יעדעס יאָר פון בריטאַניען און צעשיקן עס אויף אַלע עקן וועלט, זיי וואָלטן געווען געצווינגען אויסצוגעבן דאָס גאַנצע אָפּגעשפּאָרטע בריטישע געלט וואָס ליגט אין זייערע הענט—אויף בריטישע אינזלען, אָדער זיי וואָלטן געווען גענייג פּאַטריאָטיש עס צו טון אַזוי פרייוויליק. נישט געצוווּנגענערהייט — וואָלטן זיי זיך ווייניקסטנס

בעקאָנט אָגרופן פּאַטריאָטן, וואָס ווייזן אַרויס אַ ביסעלע באַ-גייסטערונג פאַר זייער אייגן לאַנד. ליידער דערלויבט מען זיי עס אויסצודריקן ווי עס ווילט זיך זיי, און אויפן ערשטן אָרט שטייט ביי מיר, ווי מיר האָבן געזען, דאָס לאַנד, וואָס וועט זיי אַריינברענגען די גרעסטע הכנסה במילא, ווען זיי האָבן ביי זיך אין דער היים אָנגעהויבן צו גיין אויף אַ פאַלשן וועג און האָבן קאַליע געמאַכט אַלע מעגלעכקייטן, פּרוּוון זיי נישט צו-ריק גיין אויפן ריכטיקן וועג, ביז זיי האָבן נישט קאַליע גע-מאַכט אין אויסלאַנד אויך. נעמט נאָכאַמאָל דעם בראָנפן-האַנדל, דער דייטלעכסטער מוסטער פון אומערלעכקייט: אַ גרויסער קאָ-מערציעלער מסחור, מיט, גוטע, פאַקטיש די בעסטע פאַרדינסטן. עס איז געוואָרן אַזוי זיכער, אַז פרייער קאַפּיטאַליזם און טרינקען וועט אַ תל מאַכן פוו ענגלאַנד, אַז די רעגירונג איז געצוווּנגען געווען זיך אַריינצומישן. שפּירט קאָן דיסטאָלירט ווערן אַזוי בי-ליק, אַז עס איז גאַנץ לייכט אָנצושיכורן אַ פרוי פאַר איין פּענע און מאַכן איר טויט-שיכור פאַר צוויי פּענעס און דערביי נאָך גוט פאַרדינען. ווען מ'האָט עס דערלויבט די קאַפּיטאַליסטן צו טון האָבן זיי עס געטון אָן שום געוויסן. זיי האָבן נישט געהאַט וועגן וואָס צו טראַכטן, אַ חוץ זייערע פּראָפיטן. די רעגירונג האָט זיך אַרומגעזען אַז מאָסן מענטשן פאַרסמן זיך, רוינירן זיך, ווערן משוגע פון ביליקן בראָנפן און אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז יעדער דיסטילירער מוז אָפּצאָלן דער רעגירונג אַזוי פיל פאַר יעדן גאַלאָן שטאַרקן בראַנפן, וואָס ער אַרבעט אויס, און דאָס האָט געמאַכט דעם ביטערן טראָפּן אַזוי טייער, אַז הגם שיכרות איז נאָך אַלץ פאַרשפּרייט געווען און אַרבעטער-פרויען האָבן געליטן דערפון, וואָס עס איז אַוועקגעגאַנגען צופיל געלט אויף ביער און בראָנפן פאַרן מאַן האָבן זיי דאָך נישט געקאָנט זיך דערלויבן צו טרינקען אַזוי פיל אָן זאָרג צו רוינירן זיך אַזוי ווי אין יענע טעג, ווען האָגאַרט'ס בילד פון „גין-ליין" איז געווען געמאָלן. אין די פאַרייניקטע אַמע-ריקאַנער שטאַטן איז די אַריינמישונג מצד דער רעגירונג בנוגע דעם דעמאָראַליזירנדיקן איינפלוס פונם פּריוואַטן האַנדל מיטן

ביטערן טראָפּן געווען אַ מער צופרידנשטעלנדיקע. די שטאַטן האָבן אויך געפרווווט אָפּשטעלן שיכּרות דורך אַרויפלייגן גרויסע שטייערן אויף משקאות אָבער ווען זיי האָבן איינגעזען אַז דאָס גיט זיך זיי נישט איין, זענען זיי געווען געצוווּנגען צו פאַרבאָטן דעם דאָזיקן האַנדל ביסלעכווייז, ביז ס׳איז סוף־כּל־סוף פאַרבאָטן געוואָרן אין אַזוי פיל שטאַטן, אַז עס האָט זיך באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַרפאַסן אַ פעדעראַל־געזעץ (דאָס הייסט אַ געזעץ פאַר אַלע שטאַטן), וואָס פאַרווערט דעם פאַרקויף אָדער אַפילו דאָס רעכט צו באַזיצן וועלכן ס׳איז שאַרפן געטראַנק אין וועלכן ס׳איז ארט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די גוטע ווירקונג פונם דאָזיקן געזעץ האָט זיך תּיכּף געלאָזט פילן אַזוי שטאַרק אַז אַפילו די אַמעריקאַנער, וועלכע קויפן בראָנפן, ווען זיי האָבן נור די מעגלעכקייט פון שמוגלערס, שטימען כּסדר פאַרן „פּראָהיבישן״־געזעץ און אַזוי טוען אויך די שמוגלערס, פאַרשטייט זיך וועלכע פאַרדינען אַדאַנק אָט דעם געזעץ שטיקער געלד („פּראָהיבישן״ זאַ געזעץ וואָס פאַרווערט דעם פאַרקויף פון בראָנפן) וועט פריער אָדער שפּעטער מוזן איינגעפירט ווערן אין יעדן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד אַלס נויטווענדיקע פאַרטיידיקונג קעגן דעם רויִנירנדיקן עפעקט פון פּריוואַטן פּראָפיט אינם ביטערן טראָפּן די איינציקע פּראַקטישע עצה איז צומיניציפּאַליזירן דעם דאָזיקן האַנדל. דאָס איז סאָציאַליזם.

ווען אונדזער טרינק־האַנדל פּראָפיטירט און זיינע סוחרים פילן אָן די צייטונגען מיט מעשיות, אַז „פּראָהיבישן״ איז אַ דורכפאַל אין אַמעריקע; אַז די אַמעריקאַנער הויבן אָן זוכן אַלערליי „דראגס״ (פאַרשיכּורונגס־מיטלען) צום טרינקען, דערפאַר ווייל זיי קאָנען נישט באַקומען קיין בראָנפן און אַז זיי, טרינקען היינט להכעיס דעם געזעץ מער בראָנפן ווי פריער. און ווען זיי ציטירן אַ נאַריש ווערטל פון אַ געוועזענעם פעטערבאָרער בישאָף אַז ער וואָלט ליבער געוואָלט זען ענגלאַנד פריי איידער ניכטער (ווי אַ שיכּור וואָלט געקאָנט זיין פריי אויף וועלכן געביט עס זאָל נישט זיין, ווען ער דרייט זיך אַפילו אַרויס פון פּאָליציי־אַרעסט). מוזט איר געדענקן דעם פאַקט, וועלכן זיי היטן זיך צו דערמאָנען אַז

מיליאָנען אַ מעריקאַנער וועלכע זענען נאָך קיינמאָל אין זייער
לעבן נישט געווען שיכּור אין גלויבן נישט, אַז דאָס וואָס זיי
פלעגן נוצן אַ ביסל פון דעם פאַרטומלענדיקן טראָפּן, וועלכן זיי
געפונען פאַר אַזוי געשמאַק האָט זיי עפּעס געשאַדט — האָבן
דאָך געשטימט קעגן דעמדאָזיקן פאַרגעניגן צוליב דער אַלגע-
מיינער טובה פון זייער לאַנד און פאַר די אינטערעסן פון מענטש-
לעכער ווירדיקייט און ציוויליזאַציע געדענקט איך, אַז אונדזערע
פּראָפּיטירער האָבן זיך פאַרנומען מיטן שמוגל-פאַך און האָבן זיך
פּאַקטיש פאַרמאָסטן קעגן די מיטלען פון דער אַמעריקאַנער
רעגירונג, מיט דער טענה אַז זי אטאקירט די ענגלישע פריי-
הייט. ווען אַמעריקע וואָלט געווען אַזוי שוואַך אין אירע מילי-
טערישע כּוחות ווי כינא איז געווען אינם יאָר 1840, וואָלטן זיי
אונדז אַריינגעפירט אין א מלחמה, וואָס זאָל אַרויפצווינגען בראָנפן
אויף אמעריקע. איילט זיך נישט צו פונדעסטוועגן מיטן בעשלוס
אַז פּראהיבישן—דערפאַר וואָס דאָס איז אַ געוואלטיק פעלד
פאַר געוויסנלאָזער קאָמבינאַציע אין שייכות מיטן פּראָפּיטירנדיקן
מקשה-האנדל — איז די אידעאַלסטע מעטאָדע צו באַהאנדלען די פּראַ-
גע אויב בכלל זענען מיר נישט זיכער, צי עס וואָלט גאָר געווען
א שיכּרות פראגע, ווען מיר וואָלטן אָפּגעשאַפט דעם קאַפּיטאליזם,
דאָס וועלן מיר שפּעטער בעטראכטן. אונדזער איצטיקע הנחה
איז א פשוטע, אַז קאַפּיטאל האָט נישט קיין געוויסן און קיין
לאנד. קאפּיטאליזם וואָס איז באקעמפט געוואָרן אין א ציווילי-
זירט לאַנד פון פּראָהיבישן, קאָן אריבערשיקן זיין קאַפּיטאל אין
אן אומציווילזירט לאַנד, ווו ער וועט קאנען טון וואָס ער וועט
וועלן. אונדזערע קאפּיטאַליסטן האָבן אויסגעראָטן מיליאָנען שוואַרצע
מענטשן דורך דער פּעטלע (אַזאַ מין בראָנפן, די ענגלענדער רופן
עס gin) אין דער צייט ווען די רעגירונג האָט דאָס אייגענע
פאַרבאָטן צו טון מיט זייערע לאַנדסלייט. זיי וואָלטן געווען
געמאכט אפריקא פאַר „א ווייסן אינזל” א בית-עולם מיט די
ביינער פון שיכּורים, ווען זיי וואָלטן נישט געווען אנטדעקט,
אז פון פארקויפן מענער און פרויען קאָן מען מאכן מער געלט
ווי דורך אָפּסמן זיי, דער האַנדל מיט משקאות איז געווען רייך

אָבער דער שקלאַפן־האַנדל איז נאָך רייכער געווען! ריזיקע פאַרמעגנס זענען געמאַכט געוואָרן פון דעם, וואָס מ׳האָט אַוועקגעכאַפּט און אָנגעלאָדעוועט שיפן מיט נעגערס און פאַרקויפט זיי פאַר שקלאַפן. אַזעלכע שטעט ווי בריסטאָל זענען געבויט געוואָרן אויף דעם שוואַרצן־פונדאַמענט. ווייסע קעניגינס האָבן אַריינגעלייגט געלט אין דעם! דער שקלאַפן־האַנדל וואָלט נאָך אַלץ געווען אַן ענגלישער מסחר, ווען ער וואָלט נישט געזעצלעך פאַרבאָטן געוואָרן דורך דער איגטערווענץ מצד די ענגלישע פילאַנטראָפן, וואָס זייער ווייטער קוק דערגרייכט פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער און האָבן נישט געוווסט, אַז ענגלישע קינדער ווערן פונקט אַזוי פאַרמאַטערט דורך שווערע אַרבעט און ווערן געשלאָגן אין ענגלישע פאַבריקן, ווי די נעגער־קינדער אין די פּלאַנטאַציעס.

אויב איר זענט אַ ווייכהאַרציקער מענטש, טאָ זייט פאָרזיכטיק נישט צו פאַרלירן זיך בעת איר לייענט מכּוח די אַלע שרעקלעכקייטן. איידעלער גרימצאָרן איז אַ מעכטיק רייצמיטל, אָבער אַ געפערלעכע דיעטע. האָט אין זינען דאָס אַלטע ווערטל: „כּעס איז אַ שלעכטער יועץ". אונדזערע קאַפּיטאַליסטן האָבן נישט אָנגעהויבן האַנדלען אין דעם פּרט, ווי געמיינע, נידערטרעכטיקע מענטשן. זיי האָבן נישט פאַרפלעקט זייערע אייגענע הענט מיט דער אַרבעט. זייערע הענט זענען אָפט געווען די ווייסע הענט פון איידעלע, וווילטעטיקע, קולטורעלע דאַמען פון דעם העכסטן ראַנג. אַלץ וואָס זיי האָבן געטון, אָדער האָבן געקאָנט טון איז געווען, אַריינצולייגן זייערע אָפּגעשפּאָרטע געלטער דאָרט וווּ ס׳האָט זיי געבראַכט דעם גרעסטן איינקונפט. אויב מילך וואָלט זיך באַצאָלט בעסער ווי פעטלעך אָדער גין; אָדער אָפּשמדן נעגערס פאַר קריסטן, וואָלט זיך באַצאָלט בעסער ווי פאַרקויפן זיי פאַר שקלאַפן, וואָלטן זיי פונקט אַזוי גערן אָדער, בעסער געזאָגט, פונקט אַזוי הילפלאָז געהאַנדלט מיט מילך און ביבלס, ווי מיט גין און שקלאַפן.

ווען מיט דעמדאָזיקן בראָנפן־האַנדל איז שוין געגאַנגען אַביסל צו ווייט און מ׳האָט אים אונטערגערעגעבגט און דער

שקלאַפן-האַנדל איז אויך אונטערדריקט געוואָרן, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט געווינטלעכער אינדוסטריעלער אַרבעט און זיי האָבן אויסגעפונען, אַז מ'קאָן מאַכן פונקט אַזעלכע גוטע עסקים דורך באַשעפטיקן שקלאַפן, ווי דורך אַוועקגנבענען און פאַרקויפן זיי; און זיי האָבן אויסגענוצט זייער גאַנצן איינפלוס צו באַוועגן דער ענגלישער רעגירונג צו אַנעקסירן גרויסע טיילן פון אַפריקע און אַרויפלייגן אויף דער אָרטיקער באַפעלקערונג אַזעלכע שטייערן, וואָס זיי וועלן נישט קאָנען באַצאָלן, סיידן זיי וועלן אַרבעטן פאַר די קאַפּיטאַליסטן גלייך מיט די ענגלישע אַרבעטער, נאָר פאַר קלענערע שכירות און נישט געניסן פונם שוץ פון ענגלישן פאַבריקן-אַקט און פון דער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג. גרויסע רייכטימער זענען געמאַכט געוואָרן אויף דעם וועג. דאָס קעניגרייך איז פאַרגרעסערט געוואָרן, דער מסחר איז נאָכגעגאַנגען דעם פאָן; זיי האָבן געזאָגט און באמת האָבן זיי געמיינט, אַז די פאָן איז נאָכגעגאַנגען דעם האַנדל און דאָן איז שוין במילא דער האַנדל נאָכגעגאַנגען דעם פאָן. בריטישער קאַפּיטאַל האָט אַנטוויקלט די גאַנצע וועלט (אַ חוץ ביי זיך אינדערהיים). די צייטונגען האָבן דערקלערט, אַז אַלץ איז פּראַקטיק און אַזעלכע גענעראַלן ווי לאָרד ראָבערטס האָבן אויסגעדריקט זייער גלויבן, אַז גאָט האָט אייגנטלעך געמיינט, דריי פערטל פון דער ערד זאָל זיין באַהערשט פון יונגע דזשענטלייט, וואָס לערנען אין אונדזערע הויך-שולן אין וועלכע מ'האָט דרך-אגב גישט געטון די מינדסטע זאַך כדי אויפצוקלערן זיי, אַז דאָס באַליידיקנדיקע אויספּלינדערן זייער אייגן-לאַנד פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער ערד, אַ חוץ זייער אייגענעם טייל, מיינט באמת נישט מער און נישט ווייניקער, ווי באַרייכערן זייער אייגענעם קליינעם קלאַס.

קיין שום זאַך אין אונדזער פּאָליטישער היסטאָריע איז נישט מער אומפאַרגעבלעך ווי די אומפאָרזיכטיקייט, מיט וועלכער מיר האָבן דערלויבט, אַז די ענגלישע אָפּגעשפּאָרטע געלטער, וואָס מ'דאַרף אַזוי נייטיק האָבן אינדערהיים, אויסצונוצן אונדזערע אייגענע כוחות און פּראָדוקציע, כדי אויסצוראַטעווען דעם אָרעמען

צענטער פון סאָציאַלער פאַרדאָרבנקייט,—זאָל אַרויסגעפירט ווערן קיין אייסלאַנד אין אַ סומע פון צוויי הונדערט מיליאָן פונט אַ יאָר און איבערפּאַקן אונדז מיט אַרבעטסלאָזע, דערטרינקען אונדז דורך עמיגראַציע, אַרויפלייגן אויף אונדז גרויסע מיליטערישע כּוחות און אַ פלאָט, פאַרשטאַרקן דאָס אויסלענדישע מיליטער, פאַר וועלכן מיר האָבן מורא און צוגרייטן אַלערליי פאַרלייכטע־רונגען פאַר דער אויסלענדישער אינדוסטריע, וואָס צעשטערט אונדזערע אייגענע כּוחות; זיך אויסצוהאַלטן דורך דעם, וואָס מיר וואָלטן געקאָנט און געדאַרפט טון אַליין. ווען כאָטש אַ טייל פונם אָפּגעשפּאָרטן בריטישן געלט, וואָס אונדזערע קאַפּיטאַליסטן האָבן אויסגעגעבן צו פאַרזאָרגן דרום־אַמעריקע מיט באַנען, מינעס און פאַבריקן וואָלט אויסגעגעבן געוואָרן צו מאַכן וואַסער־דאַמבעס צו אונדזערע נאַטירלעכע ברעגעס און זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג וועגן די גיגאַנטישע וואַסער־קרעפטן, וואָס גייען לאיבוד בעת דעם שטייגן און פאַלן פון די וואַסער־שטראָמען, ביי די נישט פרוכטבאַרע ווילדע קוסטן פון שאָטלאַנד און אירלאַנד, אָדער אפילו זען מאַכן אַ סוף צו די קאַפּיטאַליסטישע אַבסורדן, ווי אַוועקשיקן פאַרם־פּראָדוקטן פון איין ענגליש דאָרף אין אַן אַנ־דערן דורך אַמעריקע, וואָלטן מיר זיך היינט נישט געדאַרפט באַקלאָגן, אַז די לענדער, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט מיט אונדזערע אָפּגעשפּאָרטע געלטער, קאָנען פאַרקויפן זייערע סחורות ביליקער פון אונדז און אַזוי־אַרום אַרויסוואַרפן אונדזערע אַרבעטער אויף דער גאַס, אויסשטעלן זיי אויף צדקה, צוליב מאַנגל אין אַרבעט.

# XXXVIII

## שטיצע פאַר אַרבעטסלאָזע, אַנטפעלקערונג און פּאַראַזיטישע גן־עדנס

איך בין געוואָרן אַביסל אויפגעבראַכט אינם סוף פונם לעצטן קאַפּיטל ווי סאָציאַליסטן וועלן ווערן, ווען זיי וועלן זיך ווי איך, אונטערנעמען צו רעדן פאַר דער עפנטלעכקייט. איך האָף אַז איך האָב אייך נישט אָפּגעשרעקט אַזוי ווייט, אַז איר זאָלט אין אייער אויפגעבראַכטקייט פאַרזען דעם פאַקט, אַז אינדערצייט ווען אָט די אַלע שרעקלעכע זאַכן האָבן דאָ געטון זייער ווירקנדיקע אַרבעט, זענען די פּראָפיטן פון די קאַפּיטאַלן, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין אויסלאַנד, צוריקגעקומען מיט דאַנקבאַרקייט. און די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיי אויסגעגעבן דאָ אין לאַנד. זייערע אויסגאַבן שאַפן דאָ אַרבעט. דעם קאַפּיטאַל פירט מען אַרויס, אָבער די הכנסות קומען צוריק אַריין און עס אַנטשטייט די פראַגע; צי איז אונדזער מצב ערגער דערמיט, וואָס מיר זענען אָנגעשטאָפּטע שלימזלניקעס, וואָס לעבן אויף דער אַרבעט פון אַנדערע גאַציאָנען? אויב דאָס געלד, וואָס עס קומט אַריין אין הכנסה איז מער, ווי דער קאַפּיטאַל, וואָס מ׳פירט אַרויס — צי איז עס נישט בעסער פאַר אונדז?

מיר דאַרפן גאָרנישט טראַכטן, כדי צו ענטפערן: געוויס־

נישט! ווייל ווען מ׳זאָל דאָס אייגענע געלט פאַרווענדן אינדערהיים אַלס קאַפּיטאַל, וואָלט עס אונדז אַריינגעבראַכט פונקט אַזאַ גרויסן רווח און אפשר נאָך א גרעסערן, ווי עס ברענגט אונדז פון אויסלאַנד, הגם די קאַפּיטאַליסטן וואָלטן אפשר נישט באַקומען אַזויפיל דערפון. זיי וואָלטן אפשר גאָרנישט געהאַט דערפון, ווען די געלטער וואָלטן אויסגעגעבן געוואָרן אויף עפנטלעכע אַרבעט, ווי רייניקן די אָרעמע געגנטן, אַרומצוימען טייכן, בויען גאַסן, פאַרקלענערן דעם רויך אין שטאָט, מאַכן פרייע שולן און אוניווערסיטעטן און נאָך גוטע זאַכן, פאַר וועלכע מען קאָן נישט נעמען באַצאָלט, סיידן דורך א קאָמוניסטישן אופן דורך שטייערן, אָבער די דאָזיקע פראַגע איז שטאַרקער קאָמפּליצירט ווי ס׳קאָן זיך אויסדוכטן.

שטעלט זיך פאָר: איר למשל זענט א פאַבריק-מיידל, צוגעוווינט צו אַרבעטן ביי א מאַשין און צו וווינען מיט אייער פאַמיליע אין אַן אָרעמער געגנט פון א פאַבריק-שטאָט — פּלוצלינג געפינט איר זיך באַפרייט פון אייער אַרבעט, די פאַבריק ווערט געשלאָסן, ווייל דער גאַנצער האַנדל צוזאַמען מיט די אַרבעט האָט זיך אויף א מיסטעריעזן אופן אַריבערגעטראָגן קיין אויסלאַנד, נור ס׳איז גאָר א מאַנגל אין קאַמער-מיידלעך אין עלעגאַנטע עקספּעדיענטקעס אין רייכע געשעפטן אַריין, אין קעלנערינס פאַר ביליקע גורקיכן און מאָטאָרינג-רעסטאָראַנען אין שיף-קעלנערינס, און שניידערינס, וועש-מיידלעך, און גוטע קעכינס (וואָס ליגן באַהאַלטן אין קיך און רופן זיך שעף), ס׳איז א מאַנגל אין אַלע מינים פרויען וואָס זענען נויטיק צו באַדינען די פוילע ליידיקגייער פון דער געזעלשאַפט, אָבער איר קאָנט די דאָזיקע אַרבעט נישט אָננעמען, ווייל איר קאָנט נישט די אַרבעט און איר זענט נישט דער סאָרט מענטש, איר האָט נישט דאָס לשון, די קליידער, די מאַניערן, וואָס זענען באַטראַכט פאַר אַבסאָלוט נויטווענדיק. נאָך א לאַנגער אָפּקומעניש פון הונגער און פאַרצווייפלונג, געפינט איר באַשעפטיקונג אין א שאָקאָלאַד-קרעם-פאַבריק אָדער אין א מאַרמעלאַד און קאָנסערוון-פאַבריק, אָדער איר ווערט א פּאָדלאָגע-וואַשערין און אויב איר האָט א

טאָכטער דערציט איר זי צום שאָקאָלאַד־קרעם, אָדער אַלס קאַמער־מיידלעך אין „ביזנעס" און נישט צו וועבן און שפּינען.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז לסוף זאָל אייער „טאָכטער באַקומען בעסער שכירות, זאָל זיין בעסער אָנגעטון, זאָל קאָנען שענער רעדן, און זאָל זיין מער דאַמע ווי איר זענט געווען אין דער אַלטער פאַבריק; עס קאָן זיין, אַז איר וועט אפשר דאַנקען גאָט, וואָס עפּעס אַן אינדיאַנער, כינעזער, אָדער נעגער, אָדער סתם אַן אייסלענדער טוט די אַרבעט וואָס איר פלעגט טון און באַפרייט אייער טאָכטער פון דער אַרבעט, צו אַן אַרבעט וואָס ווערט באַטראַכט פאַר אַ שענערע, וואָס צאָלט זיך בעסער און איז בכבודיקער. אייער זון קאָן מאַכן בעסער אַלס אַדערציער פון רייס־פערדלעך, ווי זיין פאָטער האָט געמאַכט, אַלס אַ שטאַל־גיסער און דערביי זיין אַ סך גרעסערער דזשענטלמען. איר וועט אפשר, אויב איר וועט לעבן לאַנג, זען דאָס מיאוסע פאַבריק־שטעטל פון די מאַנשעסטער שעפיעלד און בירמינגהאַם־געגנטן; איר וועט אפשר זען, ווי די טעפּערייען ווערן בטל און אויף זייער אָרט ווערן געבויט שיינע בירגערלעכע שטעט און פאַרגעניגנס־ערטער, ווי באַרמוט, שטעלטענהעם און די מאַלווערן; איר וועט אפשר זען, די אַלעען פון וועילס צוריקבאַקומען זייער שיינקייט, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט איידער די מינעס האָבן פון זיי אַ תּל געמאַכט; אָנרופן אָט די אַלע ענדערונגען: גוטע דערגרייכונג און איר זאָלט שטימען פאַר זיי און איר זאָלט זיך ערנסט אָוועקדרייען פון איינעם, וואָס וועט קומען צו אייך און וואָרנען, אַז דאָס אַלץ באַדייט, אַז די נאַציאָן, איז געוואָרן אַ פּאַראַזיט אויף פרעמדע אַרבעט און זי גייט מיט דער גרעסטער שנעלקייט באַרג אַראָפּ. און דאָך וואָלט דידאָזיקע וואָרנונג געווען אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט. אויב אַ נאַציע פאַרבייט אירע פאַבריק־הענט אויף גוט געבילדעטע שיין אָנגעטוענע, שיין רעדנדיקע איידעלע פאַבריק־אַרבעטער, וואָס ווערן ווי געהעריק רעספּעקטירט, וועמען מען גיט אַ גערעכטן טייל פון די רייכקייטן וואָס זיי העלפן פּראָדוצירן, איז זי אַ דאַנק דידאָזיקע ענדערונג וואָס אַמאָל שטאַרקער, רייכער, גליקלעכער און הייליקער. אָבער אויב זי

פארבייט זיי אויף קאמער-מיידלעך, אָדער אויף עקספעדיענטקעס צו פארקויפן צוואנציק-גינעדיקע הוט, צעברעכט זי איר אייגענעם חוט-השדרה און זי פארבייט איר בלעטל ערנהאַפטע געשיכטע אויף א קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון רוּיִנירטע קעניגרייכן. אזא נאציע ווערט צופיל צוגעוווינט צו לוקסוס כּדי צו זיין פעיִק צו צווינגען די פרעמדע לענדער, זיי זאָלן איר צושטעלן דאָס, אויף וואָס זי לעבט. און ווען די פרעמדע לענרער הערן אויף זי צו שפּייזן, האָט זי שוין פארלוירן די פעיִקייט זיך אליין צו שפּייזן און זי צעפאלט זיך אינמיטן פון איר איידעלן גלאַנץ.

אָבער דאָסדאָזיקע טרויעריקע צוקונפטס-בילד פון אזעלכע לענדער, וואָס דערלאָזן אז זיי זאָלן ווערן אָפּהענגיק פון אויסלענדישע ארבעט און אָרדנען זיך איין אין א מין באקוועמען דאַמישן פאראזיטיזם, איז באמת נאָך אלץ געמאָלן אין צו ליכטיקע פארבן. ווען אלע אונדזערע פאבריק-אָנגעשטעלטע, וואָלטן געקאָנט מיט א ריר פון ס׳נדערעלאס טויפמוטערס פאַלקע פארביטן ווערן אויף הויפט-קעלנער. וואָלטן אפשר נישט זיי, נישט זייערע ווייבער געהאט עפּעס קעגן דעם, אָבער דאָס נישט. דער פאבריק-אָנגעשטעלטער קאָן דערציִען זיין זון, ער זאָל זיין א קעלנער, אָבער ער אליין ווערט ארבעטסלאָז, אויב ער איז נישט פעיִק אָנצונעמען איינע פון די נייע ארבעטן און איז צו אלט זיי צו לערנען און זיין פאך איז נישט גראָד צייטווייליק שלעכט, ווי ס׳טרעפט אמאָל, נור ס׳האָט פארלאָזט דאָס לאנד אויף שטענדיק. ער ווערט א שטענדיקער ארבעטסלאָזער און במילא א שטענדיק הונגעריקער און א הונגעריקער מאן איז א געפערלעכער מאן, עס איז נישט קיין חילוק ווי אנשטענדיק זיינע פּאָליטישע מיינונגען זענען; א מאן וואָס האָט אָפּגעגעסן א גוטן מיטאָג, איז קיינמאָל נישט קיין רעוואָלוציאָנער; זיין פּאָליטיק איז בלויז מוילמלאכה, אָבער הונגעריקע מענער ווען — איידער צו שטארבן פון הונגער, אויב זיי זענען נור א גענוגנדיקע צאָל — באהערשן די פּאָליציי, אָנהויבן מיט בונטן, פּלינדערן און פארברענען גבירישע הייזער, אומוואַרפן די רעגירונג און שטערן די ציווי-

ליזאציע, און די פרויען — איידער צו זען ווי זייערע קינדער שטאַרבן פון הונגער — ווילן צורעדן זייערע מענער, זיי זאָלן טון אזוי און מען קאן זיי אויך דערפאר נישט באשולדיקן.

דער פועל-יוצא איז, אז די קאפיטאליסטן, וואָס האבן אוועקגעשיקט זייער קאפיטאל קיין אויסלאנד, אנשטאט צו געבן מיט זיין הילף פסדרדיקע באשעפטיקונג ביי זיך אין לאנד, ווי זיי זענען ביי זיך אינדערהיים ארומגערינגלט מיט מאסן פארצווייפל־טע מענטשן, פאר וועמען זיי קאנען בשום-אופן נישט געפונען קיין פאסנדיקע באשעפטיקונג, מוזן — אדער שפייזן זיי אומזיסט אָדער ריכטן זיך אויף א רעוואָלוציע. און אָט באקומען מיר אלזא דאָס וואס מיר רופן דא „דאָל" (שטיצע פאר ארבעטסלאָזע) און איצט, ווי קליין די דאָזיקע שטיצע זאָל נישט זיין, מוז עס זיין גענוג צום לעבן, און אויב צוויי אָדער דריי נפשות אין איין פאמיליע לייגן צוזאמען זייערע „דאָלס", פארלירן זיי ביסלעכווייז דעם געוואלטיקן חשק צו געפונען ארבעט און אנט־וויקלען ביי זיך א געשמאק צו לעבן ווי „ליידעס" און „דזשענ־טללייט", דאָס הייסט — ווייזן זיך אויף יענעמס חשבון און גארנישט טון, כדי עפעס צו פארדינען. מיר פלעגן אראפלערנען א מוסר-השכל פון דעם אלטן רוים, וואָס אט די דאָזיקע זאכן האָבן געשפילט א געוואלטיקע ראל אין איר אונטערגאנג, אבער מיר אליין האבן זיך געלאָזט אריינשלעפן אין אזא סארט לעבן נאָך מיט א לאנגער צייט צוריק און די מלחמה האָט נאָר די צרות גרעסער געמאכט. ווארן נאָך דער מלחמה האבן די קאַ־פיטאליסטן נישט באוויזן צו געפונען ארבעט פאַר נישט ווייני־קער ווי צוויי מיליאָן דעמאָבליזירטע סאלדאטן, וועלכע מען האָט פיר יאָר נאכאנאנד נישט נור גוט גענערט און אנגעטון, נור געלערנט ווי אזוי זיך צו באגיין מיט געווער, בעת זיי וועלן זיין פארנומען מיט שעכטן, ברענען, צעשטערן און זיך אויסשטעלן אויף דער גרויסער שרעקלעכער ריזיקע, אליין צע־שמעטערט צו ווערן. אויב מען וואָלט נישט געגעבן די דאָזיקע מענער קיין געלט, פון וואנען צו לעבן, וואָלטן זיי עס גענומען מיטגעוואלט. דעריבער האָט די רעגירונג געמוזט נעמען ביי

די קאפיטאליסטן מיליאנען פונם אפגעשפארטן געלט און עס געבן צו די דעמאבליזירטע מענער און זיי טוען עס נאך איצט אויך, מיט דעם נישט ווילנדיקער הסכם מצד די קאפיטאליסטן גופא, וועלכע באקלאגן זיך ביטער, נור האבן מורא, אז אויב זיי וועלן נישט־וועלן געבן, וועלן זיי אלץ פארלירן.

ביי דעם דאזיקן פונקט איז דער קאפיטאליזם פארצווייפלט געווארן און האט אנגעהויבן עפנטלעך צו זוכן עצות, ווי אזוי זיך צו ראטעווען פון די ארבעטסלאזע. דאס איז צו באפרייען די מדינה פון א טייל פון איר באפעלקערונג, זיי רופן אן איבערבאפעלקערונג. ווי אזוי זאל עס געטון ווערן? אזוי ווי די ארבעטסלאזע ווילן זיך נישט לאזן פארהונגערן און נאך ווייניקער ווילן זיי זיך לאזן טויטן דורך גאז אדער אפסמן אדער שיסן, וואס וואלט ביי די קאפיטאליסטן געווען אייגנטלעך דער לאגישסטער וועג פטור צו ווערן פונם גאנצן ענין — וועלן אבער זיי זיך אפשר לאזן באוועגן צו פארלאזן דאס לאנד און פרובירן זייער גליק ערגעץ אנדערש, אויב די רעגירונג וועט באצאלן פאר די הוצאות, אדער אזא טייל וואס זיי קאנען אליין נישט צוזאמענקראצן. בשעת איך שרייב די דאזיקע ווערטער אנאנסירט די רעגירונג, אז אויב וועלכע עס איז ענגלענדערין אדער ענגלענדער וועלן באשליסן צו זיין אזוי פריינטלעך און זיך אפצוטראגן פון ענגלאנד, כדי אוועקצולאזן זיך ערגעץ אין יענעם עק וועלט, וועט זיי די רייזע קאסטן בלויז דריי פונט אנשטאט פינף מאל אזוי פיל און די רעגירונג וועט זארגן פאר די איבריקע צוועלף פונט. און אויב עס וועלן זיך נאך דער מודעה נישט א לאז טון א גענוגנדיקע צאל ארבעטסלאזע וועט די רעגירונג מסתמא פארלייגן אוועקצושיקן זיי אומזיסט און וועט זיי נאך צוצאלן צען פונט אין קעשענע אריין, מיט וואס אנצוקומען אינם נייעם לאנד זייערן. דאס וועט נאך אלץ אויסמאכן ביליקער ווי צו האלטן זיי אינדערהיים אויף שטיצע.

אזוי באקומען מיר, א דאנק דעם קאפיטאליזם, דעם וווּנ־דערלעכן און פאנטאסטישן רעזולטאט, אז די מענטשן פונם לאנד ווערן אן איבריקע זאך און מען מוז זען פטור ווערן פון

זיי, ווי פון אומפּלייט (העפּלעכע מענטשן רופן דעמדאָזיקן פּראָ-צעס הילף פאַר עמיגראַנטן) און איבערצולאָזן אין לאַנד בלויז קאַפּיטאַליסטן, הויזווירטן און זייערע געהילפן, וועלכע לעבן פון אימפּאָרטירט שפּייז. און פאַבריקאַנטן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אויסאַרבעטן סחורות פאַר עלעגאַנטע געברויכער און רע-אַליזירן דער דאַמעס און דעם העררס חלום פון אַ לאַנד ווי עס איז פאַראַן אַן אויסבערענגערישע קאָנסומירונג און קיין שום פּראָדוקציע, אַ לאַנד מיט פּראַכטפולע פּאַרקן און הערלעכע וווינונגען אָן פאַבריקן, מינעס, אַ רויך און פעבל אָדער וועלכע עס איז אַנדערע אומאַנגענעמלעכקייטן פון וועלכע מ׳קאָן זיך באַפרייען מיט הויפנס דאַנקבאַר געלט און אויך דורך כסדרדיקע מיטלען צו פאַרמיידן אויף ווייטער וועלכן עס איז צוווּקס פון דער באַפעלקערונג.

איר וועט זיכער זאגן, אויב קאַפּיטאַליזם פירט טאַקע נאָר צו דעם, פירט עס דאָך צו אַן ערדישן גן-עדן, נישט איבער-טראַכטנדיק צי אָט דער גן-עדן וואָלט נישט געווען אַמאָל אַ גן-עדן פאַר נאַראָנים (ווייל עס איז מיר שוין איבערדריסיק צו זאָגן, אַז מיר זענען אַלע צופיל אויפגעבראַכט צו באַטראַכטן אַזאַ צושטאַנד, אַלס די גאַנצקייט פון דער מענטשלעכער געזעל-שאַפט) און צו געבן, אַז עפּעס ענלעכס האָבן מיר שוין הייגט אין אַ סך ערטער פון מאָנטע-קאַרלאַ ביז גלעניגעלס און פון גלעניגעלס ביז פּאַלם-ביטש, וועט דאָך אַזאַ גן-עדן קיינמאָל נישט רעאַליזירט ווערן אין אַ גאַנץ לאַנד. עס איז אבער אפּט-מאָל דערגאַנגען געוויג ווייט צו מאַכן א תל פון אַזעלכע מעכ-טיקע לענדער, ווי רוים און שפּאַניע. עס האָט זיי דערפירט צו אַ מצב פון דעמאָראַלעזירטער אימפּאָטענץ, אין וועלכער זיי זע-נען באַרויבט און צעבראָכן געוואָרן דורך די אויסלענדער, פון וועלכע זיי זענען געוואָרן אָפּהענגיק; אָבער עס האָט נאָך קיינ-מאָל נישט אויפגעבויט און עס קאָן קיינמאָל נישט אויפבויען אַ שטאַנדהאַפטיקן פּאַראַזיטישן שטאַט אין וועלכן אַלע אַרבעטער זאָלן זיין גליקלעך און צופרידן, ווייל זיי טיילן די רייכטימער פון די קאַפּיטאַליסטן. און כדי זיי זאָלן זיין געזונט אָנגענעם און

פֿיין צוליב דעם וואָס די קאַפּיטאַליסן זענען קולטעווירט גענוג, פֿיינט צו האָבן דאָס פֿעבל און די אָפּגעריסענע מאַסע מענטשן אַרום זיך און אויסמיידן די סכּנה אָנגעשיקט צו ווערן פֿון זייערע קראַנקייטן. ווען קאַפּיטאַליסטן זאָלן זיין גענוג אינטעליגענט, כּדי עס זאָל זיי אינטערעסירן צי די גאַנצע געזעלשאַפֿט איז געזונט, גליקלעך און צופֿרידן אַפֿילו דאַן, ווען די אומאָנגענעמלעכקייטן דערגרייכן נישט זייער אייגענע פּערזאָן וואָלטן זיי געוואָרן סאָציאַליסטן בלויז צוליב דעם אויסגעצייכנטן מאָטיוו, אַז עס איז קיין שום פֿאַרגעניגן נישט, צו זיין אַ קאַפּיטאַליסט, ווען איר מוזט אַכטונג געבן אויף אייערע דינסטן און קרעמער (וואָס באַדייט, טיילן מיט זיי אייער הכנסה) מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט, ווי זיי וואָלטן, אַ שטייגער, אָנגעקערט צו אייער אייגענער משפּחה. אויב אייער געשמאַק און אייער געוויסן וואָלטן געווען אַזוי שטאַרק קולטיווירט, וואָלט אַזאַ פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט געווען פֿאַר אייך אומדערטרעגלעך, ווייל איר וואָלט געווען געצוווּנגען צו טראַכטן אָן אויפֿהער וועגן אַנדערע, נישט בלויז ביז צו דער נויטיקער און מעגלעכער מדרגה: אָפּצוהיטן זיך, אַז אייערע אייגענע האַנדלונגען און באַקוועמלעכקייטן זאָלן זיך אָן אַ מאָטיוו און אויף א נישט-אָנגענעמען אופֿן זיך אָנשלאָגן אָן זייערע — נור ביז צו אַ נישט נויטיקער און אוממעגלעכער מדרגה: איר זאָלט קלערן פֿאַר זייערטוועגן און טון דאָס, וואָס זיי וואָלטן אויפֿן בעסטן אופֿן געקאָנט טון אַליין פֿאַר זיך. איר וואָלט זיי, הייסט עס געדאַרפֿט פֿאַרזאָרגן און זיי וואָלטן זיך געווען פֿרייע פֿייגל. עס איז גרינג צו זאָגן, אַז מ'דאַרף גוט באַהאַנדלען דינסטן, נישט בלויז דערפֿאַר ווייל דער הומאַניזם פֿאָדערט עס, נור ווייל אין קעגנפֿאַל וועלן זיי זיין אומאָנגענעם, נישט ערלעך און נישט קיין איבערגעגעבענע דינסטן. אָבער אויב איר זאָלט באַהאַנדלען אייערע דינסטן גלייך ווי זיך אַליין, וואָס דאָס באַדייט אייגנטלעך, אַז איר זאָלט אויסגעבן אויף זיי אַזויפֿיל געלט, וויפֿיל איר גיט אויס פֿאַר אייערטוועגן — טאָ וואָס איז דאַן די פּעולה פֿון האָבן דינסטן? זיי ווערן אַן אמתע לאַסט. זיי ווילן איר זאָלט זיין פֿאַר זייערטוועגן אַ מין

ערדישע השגחה, דאָס הייסט, אַז איר דאַרפט איין העלפט פון אייער צייט פאַרברענגען מיטן טראַכטן פאַר זייערטוועגן און די אַנדערע העלפט מיטן רעדן וועגן זיי. און דאָס וואָס איר האָט די מעגלעכקייט אָנצורופן אייערע דינער אייער אייגנטום איז זייערס אַ קליינע פאַרגיטיקונג פאַר דער אוממעגלעכקייט צו קאָנען אָנרופן אייער אייגנטום, אייער נשמה. דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס איר לויפט שוין איצט אפילו ביי די היינטיקע באַדינגונגען אוועק פון אייער באַקוועם הויז אין האָטעלן אַריין (אויב איר קאָנט זיך פאַרגינען אַזאַ זאַך), ווייל קוים האָט איר דאָרט באַצאָלט אייער רעכנונג און געגעבן טרינקגעלט דעם קעלנער' זענט איר פאַרטיק מיט זיי און איר דאַרפט נישט ווערן זייער באַשיצערין.

לכל-הדעות איז דער גרעסטער טייל פון די וואָס פאַראינטערעסירן זיך מכלומרשט מיט אייערע באַדערפעניש׳ן, נישט פאַרבונדן מיט אייך פערזענלעך. זיי זענען די באַשעפטיקער פון אייערע קרעמער, און אַזוי ווי אייערע קרעמער, האַנדלען אויף אַ קאַפּיטאַליסטישן אופן, באַקומט איר אַ נישט-גלייכע הכנסה, אַרבעטסלאָזיקייט, איבעראַרבעטונג, קלאַסן-צעטיילונג, געצוווּנגענע חתונות און די אַלע איבריקע אומגליקן, וועלכע דערלאָזן נישט, אַז אַ קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט זאָל דערגרייכן פרידן אָדער דויערהאַפטיקייט. אַ קאַפּיטאַליזם וואָס וואָלט זיך געקאָנט אַליין אויסהאַלטן, אַליין שטיצן, וואָלט ווייניקסטנס געוועזן פאַרזיכערט נישט אויסצושטאַרבן פון הונגער, ווי דייטשלאַנד אין דער לעצטער מלחמה, נישט געקוקט אויף מיליטערישע זיגן. אבער אַן אבסאלוטער פאַראַזיטישער קאַפּיטאַליזם, ווי מאָדערן ער זאָל נישט זיין, איז א קאַפּיטאַליזם, וואָס שטייט זייער שטאַרק אונטער אַזאַ מין געפאַר.

## XXXIX

# דער אויסלענדישער האַנדל און די פּאָן

איצט לאָמיר זיך אומקערן, כדי נאָכצופאָרשן, אויב ארויסשיקן אונדזער קאַפּיטאל קיין אויסלאַנד; מסכּים זיין צו צאָלן שטייערן און צו באַצאָלן די הוצאות, אַבי פּטור צו ווערן פון פּרויצן און מענער, וועלכע זענען, אַ דאַנק דאָס אַרויסשיקן פון די קאַפּיטאַלן, געבליבן אָן ארבעט — איז אַלץ וואָס דער קאַפּיטאַליזם קאָן טון. ווען אונדזערע אַרבעטסגעבער וועלכע פירן די אינדוסטריעלע געשעפטן פאַר אונדזערע קאַפּיטאַליסטן און זענען מער אָדער ווייניקער אליין קאַפּיטאַליסטן אין דער פריסטער צייט פון קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג, געפונען, אַז זיי קאָנען נישט מער פאַרקויפן זייערע סחורות מיט קיין גוטן פּראָפיט אָדער לחלוטן פאַרקויפן אין זייער אייגן לאַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז אַרויסשיקן קיין אויסלאַנד די קאַפּיטאַלן, וועלכע זיי האָבן שוין דאָ איינגעלייגט קאָנען זיי נישט, ווייל זיי זענען שוין אלע אויפגעגעסן געוואָרן פון די אַרבעטער איבערלאָזנדיק אויף דעם אָרט פון דידאָזיקע קאַפּיטאַלן פאַבריקן באַנען, מינעס א. ד. גל. און דאָס, פאַרשטייט זיך, קאָן מען נישט ארויפלאַדעווען אויף אַ שיף און אוועקשיקן קיין אפריקע. דעם איצט נישטלאַנג אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל אָבער קאָן מען יאָ ארויסשיקן פונם לאַנד און ער, ווי מיר האָבן געזען, גייט טאַקע קיין אויסלאַנד חמרימווייז. אָבער דער בריטישער ארבעטסגעבער

וואָס ארבעט מיט קאַפּיטאַל אין דער פאָרם פון ארבעט, צוגע־פּאַסט צו די באַדאַרפענישן פון בריטישן לאַנד, מוז דעמאָלט ווען ער האָט שוין איינמאָל פאַרקויפט אינדערהיים די אַלע סחורות וועלכע זיינע בריטישע קונים קאָנען זיך דערלויבן צו קויפן — אָדער פאַרמאַכן זיין פאַבריק ביז די קונים זיינע וועלן האָבן אויסגענוצט דעם גאַנצן אָנגעקויפטן לאַגער; אַ זאַך וואָס וואָלט אים דערפירט צו באַנקראָט, אָדער פאַרקויפן זייערע איבער־געבליבענע סחורות ערגעץ־אַנדערש, דאָס הייסט, אַז ער מוז זיי אַרויסשיקן קיין אויסלאַנד.

עס איז אָבער נישט אַזוי גרינג אַרויסצושיקן זיי אין ציוויליזירטע לענדער, וועלכע האָבן איינגעפירט געוויסע צינזן אויף פרעמדע סחורות, און אָפטמאָל זענען דאָס זייער שווערע שטייערן. נישט ציוויליזירטע לענדער, וועלכע האָבן נישט קיין אָפּצאָל־שטייערן אויף פרעמדע סחורות און זענען באַוווּנט פון זייערע איינגעבוירענע וואָס ביי זיי איז פּראָסטע לייוונט און ביליקע גלאַנציקע בלעכענע סחורות אַן אויסערגעוויינטלעכער יקר־המציאות — זענען די בעסטע ערטער פון וואַנען אָנצוהייבן.

אָבער געשעפט פאָדערט אַ שטאַנדהאַפטיקע רעגירונג, וואָס זאָל אָפּשאַפן די געוווינהייט, צו באַרויבן פרעמדע. אָט דאָס איז נישט קיין געוווינהייט פון אַ פּשוטן שבט, וועלכער איז אָפּט־מאָל פריינטלעך און ערלעך, דאָס טוען ציוויליזירטע מענטשן דאָרט ווו עס איז נישט פאַראַן קיין געזעץ וואָס זאָל עס זיי פאַרווערן.

ביז דאָ גאָרנישט לאַנג צוריק איז געווען שטאַרק געפּער־לעך אַ שיף־ברוך אויף אונדזערע אייגענע ברעגעס, ווייל אַ שיף־ברוך האָט באַדייט פּלינדערן צעבראָכענע שיפן און נישט צו־לייגן קיין האַנט צו ראַטעווען די לעבנס פון דער מאַנשאַפט, דאָס איז אויף אַ סך פון אונדזערע ברעגן געווען אַ גוט עטאַב־לירט ביזנעס. די כינעזער געדענקען נאָך גאַנץ גוט אַ סך דער־שטוינענדיקע אויסברוכן און שפּיצלעך וואָס עס האָבן אָפּגעטון ענגלישע דאַמען פון דער הויכער געזעלשאַפט, אין אַ מאָמענט, ווען דאָס געזעץ איז נישט געווען אין קראַפט און טייערע קונסט־

אויסאַרבעטונגען האָט מען געקאָנט באַקומען בלויז פון פליגדערן; ווען האַנדל מיט אַבאָריגינעס הויבט זיך אָן מיט אַ באַזוך פון אַן איינציקער שיף און דאָס געווער וואָס זי פירט מיט זיך איז גאַנץ גענוג בייצוקומען די איינגעבוירענע. אויב זיי ווערן אומרויק און דרייען צופיל אַ קאָפּ. די אמתע שוועריקייטן הויבן זיך אָן ווען עס קומען זיך צונויף אַזויפיל שיפן, אַז עס וואַקסט אויס אַ קליינע האַנדלס־סטאַציע פון ווייסע מענער און צו די ווייסע האַלבע עשירים און רויע באַנדיטן, וואָס זענען אַ געווינטלעכער פּראָדוקט פון ציוויליזאַציע און מאַנגל פון אַ יושרדיקע געזעצלעכע אָרדנונג; אָט דידאָזיקע פאַרשוינען פאַרוואַנדלען די ערטער אין אַ מין גיהנום אין וועלכן עס ווערן פריער אָדער שפּעטער געהרגעט די מיסיאָנערן און סוחרים וואָס האָבן זיי באַרויבט. זייערע רעגירונגען בעטן זיי, אָפּצושטעלן דידאָזיקע געוואַלטאַטן; אַ באַוואָפנט שיפל ווערט אַרויסגעשיקט עס ווערן געמאַכט אָנפראַגן אין באַריכט, וואָס קומט נאָך דער אויספאָרשונג און זאָגט, אַז עס קאָן גאָרנישט געטון ווערן סיידן מ׳זאָל איינפירן אַ ציוויליזירטע רעגירונג מיט אַ פּאָסט, פּאָליציי, מיליטער און אַ פלאָט — בקצור דאָס אָרט ווערט אַ טייל פון עפעס אַ ציוויליזירטער מדינה; דער ציוויליזירטער שטייערצאָלער באַצאָלט די קאָסטן פון דעם אַלעם און באַקומט גאָרנישט פון די פּראָפּיטן.

פאַרשטייט זיך, אַז די געשעפטן הערן דאָרט נישט אויף. די פאַרשוינען, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די פּאָרפאַלן ציען זיך אַרויס אַביסל אויסער די גרענעצן פון דער פאַרנומענער טעריטאָריע און זענען פונקט אַזאַ שטערונג פאַר די סוחרים ווי פריער, ווען יענע האָבן אנטוויקלט דעם קויף און פאַרקויף צווישן די ביידע איינגעשלאָסענע איינגעבוירענע און זוכן פרישע קונים; זיי ווענדן זיך ווידעראַמאָל צו זייער היימישער רעגירונג, אַז זי זאָל ציוויליזירן אַ ווייטערדיקן פלאַץ און אַזוי וואַקסט די ציוויליזירטע רעגירונג ביסלעכווייז אויף די הוצאות פון די היימישע שטייער־צאָלער אָן וועלכן עס איז נוצלעכן ציל אָדער אויסבעסערונג פון זייער זייט; אַזוי לאַנג ביז לסוף נישט געקוקט אויף זייער אמתן פּאַטריאָטיזם וואָס האָט אין זינען בלויז דאָס גליק

פון זייער אייגן פאָלק און וויל זיך ווידמען זייער אייגן לאַנד זייער אייגענע געזעצגעבער און זייער אייגענעם גלויבן — גע־פונען זיי, אַז דער צענטער פון זייער געליבטן קעניגרייך האָט זיך אַריבערגערוקט אויף אַן אַנדער האַלבקוגל, אויף אַזאַ אופן טאַקע האָבן מיר אין די בריטישע אינזלען פלוצלינג געפונען אונדזער צענטער אַריבערגעצויגן אויף דעם סועץ־קאַנאַל, און מיר זענען איצט אין אַזאַ לאַגע, אַז פון יעדער הונדערט ענגלישע מיטבירגער פאַר וועמעס פאַרטיידיקונג מען דערוואַרט אונדזער גרייטקייט צו פאַרגיסן אונדזער לעצטן טראָפּן בלוט, זענען בלויז עלף ווייסע אָדער אפילו קריסטן, אין אונדזער צעמישטקייט דער־קלערן אַ טייל פון אונדז, אַז די מלוכה איז אַ לאַסט און אַ טעות, בעת אַנדערע ווידער האַלטן עס פאַר אַ גלאָריע און אַ טריומף... די בריטישע אימפּעריע איז געווען שרעקלעך ציללאָז. אנשטאָט צו זיין אַן אונטערנעמונג פון אַ פּאַרזיכטיק־באַטראַכטע, פּאָליטישע אַנטוויקלונג, איז עס געווען אַ סעריע פון קאָמערציע־לע איבונגען אַרויפגעצוווּנגען אויף אונדז דורך קאַפּיטאַליסטן, דורך זייער סיסטעם צו פאַרזאָרגן זיך מיט נייע קונים, בעת די באַדאַרפענישן פון זייער אייגן לאַנד זענען אפילו אויף איין צענטל נישט געווען באַפרידיקט.

## XL

# אימפעריעס און צוזאַמענשטויסונגען

ווען די בריטישע אימפעריע וואָלט געווען דער איינציקער שטאַט אויף דער ערד, וואָלט אפשר דער פּראָצעס געווען אַ פרידלעכער (מיט אַן אויסנאַם פון געוויינטלעכן פּאָליצייאישן צוואַנג), ביז די גאַנצע ערד וואָלט זיך ציוויליזירט אונטער דעם בריטישן פאָן. דאָס איז דער חלום פון בריטישן אימפּעריאַליזם, אָבער נישט פון דער וועלט. אויף דער וועלט זענען פאַראַן אַ סך אנדערע שטאַטן, גרויסע און קליינע, מיט זייער אימפּעריאַליסטישע טרוימער מיט זייערע פּראַקטישע סוחרים, וואָס יאָגן זיך נאָך אַן אויסלענדישן מאַרק מיט זייער פלאָט און זייער אַרמעע, וואָס זאָל שטיין אונטער זייערע פליצעס און אַנעקסירן פאַר זיי דידאָזיקע מאַרקן פריער אָדער שפּעטער און אַזוי ווי זיי שטופּן אַלע אַריין זייערע גרענעצן אין אַפריקע און אין אַזיען, באַגעגענען זיי זיך איינער מיט דעם אַנדערן. אַזאַ מין צוזאַמענשטויס (וואָס מיר רופן מיט נאָמען „פאַשאָדאַ-אינצידענט") האָט אונדז שיער נישט אַריינגעשלעפּט אין אַ מלחמה מיט פראַנקרייך. צום גליק האָט פראַנקרייך אָפּגעטראָטן, ווייל זי איז גראָד דאַן נישט געווען גרייט צו פירן מיט אונדז קיין מלחמה. אָבער פאַר פראַנקרייך און בריטאַניע איז איבערגעבליבן דאָס גאַנצע סודאַן, מיט וועלכן זיי האָבן זיך צעטיילט. פאַר דעם איז פראַנקרייך אַריינגעקראָכן און אַנעקסירט אַלזשיר און

טוניס. שפּאַניע איז געקראָכן קיין מאַראָקאָ. איטאַליע האָט זיך דערשראָקן, טאָמער וועט גאָרנישט איבערבלייבן פאַר אירעטוועגן האָט זי זיך אַ לאָז געטון און האָט אַנעקסירט טריפּאָליס. ענגלאַנד איז געווען אין עגיפּטן אַזוי גוט, ווי אין אינדיע.

איצט שטעלט זיך פאָר אַ רגע אין דער ראָל פון אַ דייטשן סוחר מיט מער סחורה, ווי איר קאָנט פאַרקויפן אין דייטשלאַנד וואָס מוז, אָדער אָפּשטעלן די אַרבעט אין פאַבריק און רויניִרט ווערן, אָדער געפינען אַ פרעמדן מאַרק אין אַפריקע. שטעלט אייך פאָר ווען איר קוקט אויף דער מאַפּע פון אַפריקע: דער גאַנצער מעדיטעריאַנער ברעג, דער גאַנצער שמאָלץ, ווי מ׳זאָגט: איז ענגליש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש און שפּאַניש. דאָס היניטערלאַנד, ווי איר רופט עס, איז ענגליש און פראַנצויזיש; איר קאָנט אין ערגעץ נישט אַריינקומען, סיידן איר גייט דורך דעם ענגלישן סועץ-קאַנאַל אָדער איר גייט אַרום דעם קעפּ צו עפּעס אַ וויטן אָרט אַרויפצו אין דרום — און איר וועט איצט פאַרשטיין וואָס דער דייטשער קייזער האָט געמיינט, ווען ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז פאַר דייטשלאַנד איז נישט געבליבן קיין אָרט אונטער דער זון? די נידערטרעכטיקע עקלהאַפטע מלחמה פון 1914 — 18 איז אין גרונד גענומען געווען אַ קריג צווישן די קאַפּיטאַליסטן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע פון איין זייט און די דייטשע קאַפּיטאַליסטן פון דער אַנדערער זייט פאַרן באַזיץ פון די אַפריקאַנער מאַרקן. איבערפלעכלעך איז עס, פאַרשטייט זיך, געווען צוליב אַנדערע מאָטיוון; צוליב דעם, כלומרשט, וואָס עסטרייך האָט אינספּירירט דעם מאָרד פונם הערצאָג, אַן אויסרייד אינטערצוזאָגן סערביען; צוליב דעם וואָס רוסלאַנד האָט מאָביליזירט איר אַרמעע קעגן עסטרייך און דאָס נישט צודערלאָזן, צוליב דעם וואָס דייטשלאַנד איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דער רוסיש-עסטרייכישער מחלוקה, אַ דאַנק איר פאַרבינדונג מיט עסטרייך; צוליב דעם וואָס פראַנקרייך איז אַריינגעצויגן געוואָרן אַדאַנק איר פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד; צוליב דעם, וואָס די דייטשע חילות האָבן געמוזט מאַכן אַ פאַרצווייפלטן פרווו צו באַזיגן די פראַנצויזישע אַרמעע איידער די רוסישע חילות וועלן

איר קאָנען דערגרייכן; צוליב דעם, וואָס ענגלאַנד איז געווען
געצוווּנגען צו אַטאַקירן דייטשלאַנד, ווייל זי איז געווען פאַרבונדן
מיט פראַנקרייך און רוסלאַנד, און צוליב דעם, וואָס די דייטשע
אַרמעע האָט זיך גענומען דעם קורצסטן וועג און האָט דורכגע-
שניטן בעלגיע נישט וויסנדיק, אַז בעלגיע האָט אַ געהיימען אָפּ-
מאַך מיט ענגלאַנד צו שיקן אַן ענגלישע עקספּעדיציע, וואָס זאָל
איר פאַרטיידיקן אין פאַל ווען דייטשלאַנד זאָל אַהין אַריינדרינגען...
פאַרשטייט זיך, אַז אין דער רגע, וואָס עס איז געפייערט געוואָרן
דער ערשטער שאָס זענען אַלע בריטן, בעלגיער, דייטשן, פראַנ-
צויזן, עסטרייכער און רוסן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַנדע
צערייצטע שאָף און האָבן אין דער פאַנטאַזיע געבוירן אַלערליי
מאָטיוון פאַר מלחמה אַ חוץ יענע אמתע מאָטיוון, וואָס אויב
טאָמי און פאַול און איוואַן וואָלטן נישט דערהרגעט האַנסן און
פריצן, וואָלטן האַנס און פריץ דערהרגעט טאָמין פאַולן און
איוואַנען. די קעגנזייטיקע שחיטה האָט זיך נישט לאַנג געהאַט
אָנגעהויבן און שוין זענען די טערקן, די בולגאַרן די יאַפּאַנע-
זער און אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן געהאַט אַזאַ שייכות מיט
דעם אָנהויב פון דער מחלוקה ווי איר. די גאַנצע וועלט איז
משוגע געוואָרן. נור זי האָט מיט קיין איין וואָרט נישט מרמז
געווען וועגן אָפּזאָץ-מאַרקן אַהוץ דאַן, ווען זיי האָבן לעכערלעך
געמאַכט דעם קייזער מיט זיין דערקלערונג וועגן אַן אָרט אונ-
טער דער זון.

און נאָך אַלעמען וואָלט דאָך קיין מלחמה נישט געווען
ווען נישט די קעגנזייטיקע פאַרבאַנדן, מחמת די אַליאַנסן וואָלטן
זיך נישט געקאָנט שלאָגן ווען זיי וואָלטן נישט געהאַט אָנגע-
גרייט קיין גרויסע האָפנונגען, ספּעציעל דער נייער דייטשער
פלאָט וואָס איז געווען אָנגעגרייט צו באַשיצן זיינע אויסלענדי-
שע מאַרקן און פראָנטן. דידאָזיקע באוואָפנונג האָבן געשאפן
דעם געפיל פאַר פאַרזיכערן זיך, וועלכע האָט געשאפן אַזאַ מין
פסיכאָז, אַז קיין שום נאַציע האָט נישט געוואַגט צו בלייבן אומ-
באוואָפנט, סיידן זי איז געווען צו קליין צו האָבן וועלכע עס
איז אויסזיכטן קעגן די גרויס-מאַכטן און זי האָט זיך געקאָנט

פאַרלאָזן אויף זייער אייפערזיכטיקייט פון איינער צו דער צווייטער. באַלד האָבן זיך די נאַציעס, וועלכע האָבן נישט געוואַגט צו בלייבן אומבאַוואָפנט, נאָך מער דערשראָקן און האָבן נישט געוואַגט צו בלייבן אַליין; זיי זענען געווען געצוווּנגען אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען און צו גיין צוזאַמען צו צוויי און צו דריי אַזוי ווי פּאָליציאַנטן און גנבים, אַוועקשטעלן דייטשלאַנד און עסטרייך אין איין גרופּע און ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד אין אַ צווייטער; ביידע פּרוּוון זיי ווירקן אויף איטאַליען, טערקיי און אַמעריקע, זיי זאָלן זיך פאַרבינדן מיט זיי. דידאָזיקע מחלוקתן זענען נישט געווען צוליב די אייגענע לענדער: דער דייטשער פלאָט איז נישט געבויט געוואָרן, כדי צו באָמבאַרדירן פּאָרטסמוט און נישט דער בריטישער פלאָט, כדי צו באָמבאַרדירן ברעמער-האַפן, אָבער ווען דער דייטשער פלאָט האָט זיך אַריינגעמישט אין צפון-אַפריקע, וואָס צוליב דעם איז ער טאַקע געבויט געוואָרן און די פראַנצויזישע און ענגלישע פלאָטן האָבן אים פאַריאָגט פון דעמדאָזיקן „מאַרק אונטער דער זון” די קאַפּיטאַליסטישע דיפּלאָמאַטן פון יענע נאַציעס, האָבן איינגעזען אַז די ערשטע זאַך, אויף וואָס מ'דאַרף זיך קאָנצענטרירן, איז נישט דער מאַרק, נאָר די מפּלה פון דעם דייטשן פלאָט דורך די פאַרבינדעטע ענגלישע און פראַנצויזישע פלאָטן. און מ'מוז געפינען אַ וואָסערן ס'איז אויסרייד, כדי דאָס זאָל אויסקומען גלאַטיק — און אַזוי ווי איר קאָנט נישט דערלאָזן, אַז פלאָטן זאָלן זיך שלאָגן אויפן ים אויב איר האָט נישט קיין אַרמעען וואָס שלאָגן זיך און העלפן זיי אויף דער יבשה, זענען דעריבער די אַרמעען געוואַקסן צוזאַמען מיט די פלאָטן; די געווערּאיבונגען זענען געוואָרן אַזאַ היימישע זאַך ווי די דערבי; אַלע נאַטירלעכע צווישן זיך פריינטלעכע סענטימענטן פון די ווייסע ציוויליזירטע נאַציאָנען זענען פאַרביטן געוואָרן אויף האַלב-געמאַכטן האַלב-אמתן שרעק, וואָס איז געוואָרן דער אבות-הטומאה פון האַס, שנאה, אומגערעכטיקייט, און לסוף, ווען דידאָזיקע עקספּלאָדירנדיקע פאַרמישוג האָט אויפגעריסן און האָט אַ טראָג געטון מיליאָנען מענטשן מיט זיך, איז עס גאָרנישט געווען צוליב

די אַפריקאַנער מאַרקן נאָר צוליב אַ מחלוקה צווישן עסטרייך און סערביע, וואָס די אַנדערע מלוכות וואָלטן געוועז געקאָנט לייכט ליקווידירן, נישט פאַרגיסנדיק אפילו קיין איין טראָפּן בלוט, ווען זיי וואָלטן געוועז צוזאַמען אין אָרנטלעכע, מענטשלעכע באַציונגען, אַנשטאָט אין קאַפּיטאַליסטישע סתירהדיקע אינטערעסן.

איצט זייט אַזוי גוט און פאַרגעסט נישט צו נאָטירן, אַז אין די יונגע יאָרן פונם קאַפּיטאַליזם, האָבן די קאַפּיטאַליסטן אונדז גופא בכלל נישט געצוווּנגען צו קעמפן פאַר זייערע מאַרקן, נור געדונגען דייטשע לייבקנעכט און ברייטישע פּרייוויליקע, פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטן צו דער אַרבעט. איצט זענען זייערע מלחמות געוואָרן אַזוי אומגעהויער, אַז יעדער מאַן פון אַ פרוי פאָטער, זון, ברודער, אָדער חתן, אויב ער איז נור יונג און געזונט שטאַרק צו טראָגן אַ ביקס, מוז גיין אין די שוץ-גרובער, אַזוי הילפלאָז ווי בהמות אין שעכטהויז אריין, איבערלאָזן ווייב און קינדער, די היים און די געשעפטן, אָפּלייקענען די נאָרמאַלע מענטשלעכע מאָראַל און הומאַניטעט טענהנדיק אָן אויפהער, אַז אַזעלכע מעשים זענען שיין און העלדיש און אז דער נאָמען וועט ווערן אומשטערבלעך, — הגם ער קאָן אפשר שרעקלעך מורא האָבן פאַר מלחמה און זיין פּוליקים פעיק זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון, אַז דעם שונאס סאָלדאַטן, קעגן וועמען ער שלאָגט זיך, זענען פּונקט אין אַזאַ שלעכטער לאַגע ווי ער און וואָלטן קיינמאָל נישט געחלומט אים אָדער די זייניקע שלעכטס צו טון, די גיריקייט נאָך נייע אָפּזאַץ-מערק וואָלט אויפגעהערט פון ביידע צדדים.

איך האָב אייך בכיוון צוגעפירט צו דער פראַגע מכּות מלחמה, ווייל פון דערדאָזיקער פראַגע מוז שטאַרק ליידן אייער געוויסן. איר האָט געזען, ווי איינראָפּעישע יונגעלייט, זענען אויפגעשטאַנען און האָבן זיך קעגנזייטיק אויסגעשאָכטן אין די מיליאָנען אויף אַ שרעקלעכן אופן. אייער אייגענער זון האָט אפשר באַקומען אַ מיליטערישן קרייץ פאַר אויפהויבן זיך אין אַ לופטשיף און אַראָפּוואַרפן אַ באָמבע אויף אַ שלאָפנדיקן דאָרף, צערייסן עטלעכע קינדער אויף שטיקער און פאַרקריפּלען, אָדער

הרגענען זיינע עלטערן. פון אַ מיליטערישן, נאַציאָנאַליסטישן, אָדער אייגננוציק-פּאַטריאָטישן שטאַנדפּונקט, קאָנען אפשר אַזעלכע טאַטן אָפּגעשאַצט ווערן פאַר באַרימטע אויפטועכצן, אָבער פון אַן אַלגעמיינעם פעסטן מאָראַלישן שטאַנדפּונקט, לאָמיר זאָגן דעם שטאַנדפּונקט פון אַ גאָט, וועלכער איז אַ גלייכער פאָטער צו די ענגלענדער, דייטשן, פראַנצויזן און טערקן, מוז אַזאַ מין אויסברוך באַטראַכט ווערן, ווי אַ שרעקלעך אומדערהערטע געמיינהייט און אַלס אַזעלכע, האָבן זיי גורם געווען, אַז אַ סך פון אונדז האָבן פאַרלוירן דעם צוטרויען צו דער מענטשלעכער נאַטור בכלל. אַ ביטערער ציניזם האָט זיך אַריינגעריסן און פאַרנומען דאָס אָרט פון דעם געוואַלטיקן האַס. אַזעלכע וואָס זענען בכלל נישט פעיק צו דענקען, אָדער עטלעכע אומהיילבאַרע גייסטיק-פאַרקריפּלטע פונם אומגליקלעכן מלחמה-פיבער, נעמט אַלעמען אַרום אַ געפיל פון בושה צוליב דעם שרעקלעכן ציניזם. איך קאָן קוים גלויבן, אַז אייך האָט די דאָזיקע צעשמעטערנדיקע אילוזיע אויסגעמיטן. אויב איר זענט הומאַניסטיש, אַזוי גוט ווי אינטעליגענט, מוזט איר האָבן אַ מיינונג וועגן אייער מין, אַזוי ווי דער קעניג פון בראָבדינגנאָג האָט געהאַט ווען ער האָט גענומען גאַליווער אין זיינע הענט אַריין, ווי אַ קינד נעמט אַ בלעכן זעלנערל און הערט זיין באַרימערישן פּאַטריאָטישן געשפּרעך מכוח דער גלאָריע פון מיליטערישער געשיכטע.

אפשר וויל איך אייך פאָרט קאָנען טרייסטן אַביסל, ווען איר וועט זען דעם האַנדל אין דעם ליכט ווי מיר האָבן אים נור וואָס שטודירט, וועט איר זען, גלויב איך, אַז דער חסרון ליגט נישט אַזויפיל אין אונדזער כאַראַקטער ווי אין דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, וועלכן מיר האָבן דערלויבט צו באַהערשן אונדזער לעבן אַזוי לאַנג, ביז עס איז געוואָרן אַ מין בלינדער מאָנסטער, וועלכן נישט מיר און נישט די קאַפּיטאַליסטן קאָנען קאָנטראָלירן. עס איז אַן אַבסורד צו טראַכטן, אַז די אייראָפּעישע יונגע-לייט האָבן דאָס אַזוי שטאַרק חשק געהאַט אַריינצויאָגן איינער דעם אַנדערן אין לעכער פון דער ערד און אין אָט די לעכער אַריין וואַרפן באָמבעס, כּדי זיך צו מאַכן איינער

דער אַנדערן פֿאַר קאַליקעס, אָדער צו דאַרפֿן באַהאַלטן זיך דאָרט ביז דאָס אומפּלייט וועט זיי אויפֿעסן און זיי וועלן קראַנק ווערן פֿונם עיפּוש און דער פֿאַרדאַרבענער לופֿט פֿון די נישט באַגראָ־בענע מתים און שרעקלעכער אומבאַקוועמלעכקייט, צרות און אויסערגעוויינטלעכע שרעק. עס איז אויך אָן אומזין צו מיינען, אַז וועלכע עס איז פּרוי האָט געוואָלט אָנטון אירע יום־טובדיקע מלבושים און זיך פֿילן באַפֿרידיקט מיט דעם כּבוד, וואָס מ'האָט צוגעטיילט איר זון פֿאַר הרגענען אַן אַנדערע פּרויס קינדער, ווי די קאַפּיטאַליסטן און זייערע צייטונגען פּרוּוון איינרעדן און אַזוי האָבן מיר זיך אויך געפּרוּווט איינ־רעדן און אַזוי וועלן מיר זיך תּמיד איינרעדן זאַכן, וואָס נישט געשטויגן נישט געפֿלויגן. אָבער ס איז נישטאָ אין דעם קיין טראָפּן אמת. פֿאַקטיש זענען די ...לע שרעקלעכקייטן געשען צוליב דעם, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה. מיר האָבן זיך געפֿונען אין אַזאַ קלעם און מיר האָבן עס געמוזט טון נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר האָבן עס אַזוי נישט שטאַרק געוואָלט. עס איז אונדז געווען אַזוי פּאַסקודנע, אַזוי שרעקלעך, אַז ווען די מלחמה האָט זיך ענדלעך געענדיקט, זענען אונדזערע העלדישע פּרעטענציעס אַוועק פֿון אונדז ווי די אַראָפּגעפֿלויגענע הוט אין אַ שטאַרקן ווינט און מיר האָבן געטאַנצט אין די גאַסן וואָכן־לאַנג, מיר זענען ממש געווען משוגע פֿון שמחה, ביז די פּאָליציי האָט אונדז געמוזט אָפּשטעלן כּדי צוריק צושטעלן דעם פֿאַרקער אין די גאַסן. מיר פֿייערן נאָך אַלץ מיט אַ צווייminוטיקן באַציאָנאַלן שווייגן נישט דעם טאָג אין וועלכן די מלחמה האָט אויסגעבראָכן נור דעם טאָג אין וועלכן דערדאָזיקער שרעקלעכער שדים־טאַנץ האָט זיך געענדיקט. מיר פֿייערן נישט דעם נצחון וואָס מיר האָבן אָוועקגעוואָרפֿן דורך מיסברויכן אים אַזוי הילפֿלאָז, ווי מיר האָבן זיך געשלאָגן פֿאַר אים, נור דעם וואָפֿנשטילשטאַנד, דעם אויפֿ־הער, דאָס אָפּשטעלן פֿון די רויטע קרייץ־וועגענער פֿונם וואָקזאַל צו די קאַנאַל־באַנען מיט זייער האַרץ־רייסנדיקע משאות פֿון צע־קריפּלטע מענער. צוליב דעם האָבן מיר געטאַנצט אַזוי ווילד און רחמנותדיק. עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז מיר זענען נישט

געווען מער דירעקט שולדיק אין דער קריג ווי און דער ערד־ציטערניש אין טאָקיאָ. מיר און די פראַנצויזן און די דייטשן און די טערקן און די אַלע איבריקע מלוכות, האָבן זיך געפונען פאַרשריבן צו אַן אויסשעכטונגס־מעטש, וואָס האָט באַדייט דעם אונטערגאַנג פאַר אונדז און פאַר דער ציוויליזאַציע. אפילו די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך אַזוי געשראָקן דערפאַר, אַז נור אַן אויסערגעוויינטלעכע לעגאַלע אומזיכערקייט פון אַלע פינאַנציעלע אָבליגאַציעס האָט באַוועגט די סיטי איינצושטעלן זיך. דער פּרווו צו קעמפן אין דער מלחמה מיט פרייוויליקע סאָלדאַטן, האָט זיך נישט איינגעגעבן; זיי זענען נישט געקומען אין קיין געניגנדיקער צאָל. די איבריקע זענען געגאַנגען, ווייל זיי זענען געצוווּנגען געווען זיך צו שלאָגן. די פרויען האָבן זיי געלאָזט גיין, טיילווייז ווייל זיי האָבן זיך נישט געקאָנט העלפן, טיילווייז ווייל זיי האָבן געלייענט די צייטונגען, וועלכע האָבן זיי נישט געטאָרט זאָגן דעם אמת און טיילווייז צוליב דעם, וואָס די מערסטע פון זיי זענען געווען אַזוי אָרעם, אַז זיי האָבן געהאָפט אויף דעם שכירות א דאַנק וועלכן, א טייל פון זיי האָבן געקאָנט לעבן בעסער האָפנדיק די מענער אין די שוץ־גריבער ווי דאַן בעת זייערע מענער זענען געווען מיט זיי צוזאַמען.

וויאַזוי זענען זיי געקומען צו אַזאַ מצב? פּשוט, צוליב דער זינד פון דערלויבן, אַז זייערע לענדער זאָלן געפירט ווערן, זיך באַוועגן, שפייזן און קליידן נאָכיאָגנדיק זיך נאָך פּראָפיט פאַר קאַפּיטאַליסטן אנשטאָט זיי זאָלן זיך נאָכיאָגן נאָך דעם וואָס איז גערעכט און ערלעך: דעם וווילשטאַנד פון אַלע איינוווינערס אויף דער ערד. די ערשטע שיף, וואָס איז אַרויסגעפאָרן קיין אַפריקע, כדי צו פאַרקויפן סחורות צו די דאָרטיקע איינגעבוי־רענע־טייערער ווי דעם קאָסטן־פּרייז, ווייל זיי האָבן דאָ נישט געהאַט קיין אָפּזאַץ, האָט נישט נאָר צוגעבראַכט צו דער איצ־טיקער מלחמה, נור צו א סך ערגערע מלחמות וואָס וועלן נאָך קומען אויב מיר וועלן איינשטימען, אַז אונדזער לעבן און אונ־דזער מאָראַל זאָל זיין אָפּהענגיק פון קאַפּיטאַליזם. די גרעסטע אומגליקן אויף דער וועלט האָבן זיך אָנגעהויבן אויף אַן אומ־

באַדייטנדיקן און אויסערלעך נישט שעדלעכן אופן. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אז אויב א נאַציאָן, וואס פארמאָגט פינף שילינג צום צעטיילן, גיט פיר שילינג צו פענין און איי-נעם צו סאראַן, אנשטאט זי זאָל זיי ביידע געבן צו האַלבע קרוין, און צו זען אז זיי זאָלן עס פארדינען – פאַרזייט די זאָמען פון אלדאָסבייז, וואָס איז גורם, אז דענקענדיקע און וויטזועענדיקע מענטשן זאָלן זיך ארויסזאָגן וועגן דער קאַפּי-טאַליסטישער ציוויליזאַציע ווי וועגן אן אומגליקלעכע קראַנ-קייט אנשטאט א ברכה.

## XLI

# דעם מכשפס געהילף

פונדעסטוועגן דאַרפט איר נישט קוקן אויפן אויסלענדישן האַנדל ווי אויף אַ שלעכט געשעפט. דער אויסלענדישער האַנדל אַלס אַזעלכער איז אַ גאַנץ גוטע זאַך. מיר וואָלטן נישט געהאַט קיין גאָלד, ווען נישט דער אויסלענדישער האַנדל און גאָלד איז נוצלעך צו כל־המינים זאַכן און האָט אין זיך אַ סך שיינקייט. איך וויל שוין נישט צוגעבן אַז מיר וואָלטן שוין נישט געהאַט קיין טיי, ווייל איך רעכן, אַז עס וואָלט געווען בעסער, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט דידאָזיקע נערוון־רייצנדיקע כינעזישע סחורה. עס איז זיכערער און וואַרשיינלעך געזונטער פאַר אַ נאַציע צו לעבן פון די שפּייזן און געטראַנקען וואָס זי קאָן אַליין פּראָדוצירן, ווי למשל די עסקימאָסן קומען דורך, הגם זיי לעבן ביי אַ סך שווערערע באַדינגונגען. אָבער פאַר אַ הויכער ציוויליזאַציע זענען פאַראַן אַ סך נויטיקע זאַכן, וואָס נאַציאָנען קאָנען נישט געפינען אין זייערע אייגענע גרענעצן און זיי מוזן קויפן איינער ביים צווייטן. מיר מוזן האַנדלען און וואַנדלען און קאָנען איינער דעם אַנדערן איבער דעם גאַנצן באַוווינטן גלאָבוס. מיר מוזן איינאָרדנען אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, אַזוי גוט ווי נאַציאָנאַלע, אָנהויבנדיק מיט האַנדלס־אָפּמאַכן, פּאָסט־קאָנווענציעס און נאַכדריק־קאָנווענצן און דערגיין ביז צום פעלקער־פאַרבאַנד. די נויטווענדיקייטן פון האַנדלס־נסיעות און די אַלגעמיינע אינ-

טערעסן פון אלע נאַציאָנען בנוגע ארבעט און דערפינדונגען פון קונסט ליטעראַטור און וויסנשאַפט, האָט זיי געצוווּנגען צו מאַכן אינטערנאַציאָנאַלע באַציונגען; אָפּמאַכן צווישן זיך, וואָס מאַכט א סוף צו דער אָפּגעזונדערטקייט און צו ווארפן שטיינער אויף אויסלענדער און פרעמדע. ערלעכער אויסלענדישער מסחר, וואָלט אונדז קיינמאָל נישט פארשאפט קיין אומגליקן.

אויך זענען די פארבינדונגען פון קליינע שטאַטן און גרויסע פעדעראַציעס נישט אומגעווּנטשן; פארקערט, וואָס ווייניקער גרענעצן אַלץ בעסער. דאָס אריינפירן גזעץ און אָרדנונג אין די נישט ציוויליזירטע לענדער האָט נישט געדארפט גורם זיין זייער שנאה צו אונדז. עס האָט אונדז געדארפט העלפן ווערן פאָפּולער און אָפט איז עס טאקע געווען אזוי — קודם־כל האָט דאָס אַנעקסירן די אנדערע לענדער אונטער אונדזער פאָן, דעמאָלט ווען עס איז באמת געווען נויטווענדיק, געדאַרפט זיין אן אָנגעלייגטע פריווילגיע און א שותפות וואָס האָט די איינוווינער פון די אַנעקסירטע מקומות גוטס געטון. פאַקטיש האָבן מיר תמיד געוואָלט, אז דאָס וואָס מיר געפינען זיך אין די פרעמדע לענדער זאָל זיין לטובות די איינגעבוירענע, נישט פאר אונדזער אייגענער טובה וועגן. צום אומגליק האבן מיר לסוף קיינמאָל נישט באוויזן, אז דידאָזיקע פרעטענציעס זאָלן האָבן עפּעס ממשותדיקס, און מיר זאָלן זיי קאָנען דורכפירן. ווי איידל די אַספּיראַציעס פון אונדזערע אימפּעריאַליסטן־אידעאַליסטן זאָל נישט זיין, אונדזערע קאַפּיטאַליסטישע הענדלער זענען דאָרט געווען, כדי ארויסצוציען אַזויפיל פראָפיט פון די איינגעבוירענע, וויפיל עס האָט זיך נור געלאָזט. און נישט צוליב קיין שום אנדער מאָטיוו. זיי האָבן פארלאָזט זייער אייגן לאַנד, ווייל עס איז דאָרט נישט געווען מער פון וואָס צו פראָפיטירן אָדער נישט אַזויפיל צו פראָפיטירן און מיקאָן פון זיי נישט דערוואַרטן אז זיי וועלן ווערן אידעאַליסטן און נישט פאראינטערעסירט זיין אין זייערע געשעפטן די רגע וואָס זיי לאַנדן ביי פרעמדע ברעגן זיי פאראַכטן די היימזיצערס, די נישט אויסברייטערער, די קליינע ענגלענדער, וועלכע זענען פריינט פון יעדן לאַנד א חוץ

זייער אייגנס, אָבער זיי אַליין זענען געווען די שונאים פון יעדן לאַנד־זייער אייגנס איינגעשלאָסן. זיי האָבן געוואָלט איינרעדן, אַז די ציוויליזאַציע פון די אַנעקסירטע לענדער איז געווען דעם „ווייסן מאַנס לאַסט", זיי האָבן געמאַכט א מינע ווי ריזן, וואָס אויף זייערע אַקסלען איז קעגן זייער ווילן אַרויפגעלייגט געוואָרן די עפנטלעכע אַרבעט פון אַנדערע נאַציאָנען, ווי א פליכט וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון דער השגחה. אָבער ווען די איינוווינער זענען שוין געווען א ביסל ציוויליזירט און האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען שוין גרייט אַליין צו רעגירן זייערע לענדער, האָבן די קאַפּיטאַליסטן זיך געהאַלטן ביי זייערע מאַרקן, ווי אַן אָדלער האַלט פעסט זיין רויב און אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די מאַסקע פון אַפּאָסטאָלן האָבן זיי פאַרטיידיקט דאָס, וואָס זיי האָבן אַנעקסירט מיט פייער און שווערט. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פאַר דער אומבאַרירלעכקייט פון דער אימפּעריע. און זיי האָבן פאַקטיש באַצאָלט א סך טויזנטער הונגעריקע מענער, אַז זיי זאָלן קעמפן פאַר זייערטוועגן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט... אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָט זיך א העלפט פון צפון־אַמעריקע, אָפּגעריסן נאָך א מלחמה וואָס האָט געלאָזן נאָך זיך א ווולקאַן פון האַס, וואָס טליעט נאָך עד־היום. און נאָך א יאָרהונדערט פון אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, האָט דאָס קאַטוילישע אירלאַנד, דרום־אַפריקע און עגיפּטן צוריק באַקומען זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון אונדז. אינדיע טוט דאָס אייגענע, אָבער זיי אַלע דאַנקען אונדז נישט דערפאַר, ווייל זיי ווייסן ווי גערן אונדזער קאַפּיטאַליזם איז געווען אָפּצולאָזן זיי.

און פאַרקערט, זעט אויסטראַליען, ניי־זעלאַנד און קאַנאַדע, מיר האָבן נישט געוואַגט צו צווינגען זיי נאָך אונדזער דורכפאַל אין צפון־אַמעריקע. מיר האָבן געבויט א רייכן פלאָט און אומזיסט באַשיצט זיי קעגן דעם אַריינדרינגען פון פרעמדע אין זייערע פאָרטן. מיר גיבן זיי אַלע זכיות אין האַנדל און דערלאָזן אַז זיי זאָלן אַרויפלייגן שווערע אָפּצאָל־פליכטן קעגן אונדז. מיר דערלאָזן, זיי זאָלן זיין פאַרטרעטן אין אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן, גלייך

ווי זיי וואָלטן געווען אומאָפּהענגיקע נאַציעס. מיר דערלויבן זיי אפילו א צוטריט צום קעניג אומאָפּהענגיק פונעם לאָנדאָנער קאַבינעט — און דער פּועל-יוצא איז, אז זיי האַלטן זיך אין אונדז מיט טיראַנישער ליבשאַפט און פלאַטערן מיט דעם יוניאָן-דזשעק פונקט אזוי ענטוזיאַסטיש ווי די אַמעריקאַנער מיט די שטערן און פּאַסיקלעך און דאָס איז נישט דערפאַר ווייל זיי זענען פון אונדזער ראַסע; די אַמעריקאַנער זענען דאָס געווען און דאָך האָבן זיי זיך אפגעריסן, אזוי זענען אויך געווען די אירלענדער און זייערע פירער, דאס פראַנצויזישע קאַנאַדע, וואס באַשטייט פון דיזעלבע ראַסע וואָס אונדזערע בלויז אינם זין וואָס מיר זענען אלע אַ הומאַניסטישע ראַסע, האַלטן זיך מיט אונדז פונקט אזוי פעסט ווי יענע. אלע גייען זיי ארויס אין אונדזערע מלחמות אַזוי פלייסיק, אז מען הויבט אָן פילן א געוויסן פאַ־דאַכט: עס דאַכט זיך אויס, אז אין א געוויסן טאָג, וועלן מיר דאַרפן אַרויסגיין קעמפן אין זייערע מלחמות. לסוף וועט אפשר דאָס פּראָטעסטאַנטישע ענגלאַנד אליין אָנהויבן שטרייקן פאר אומאָפּהענגיקייט און אולסטער און שאָטלאַנד אלס זיינע פארבונדעטע. און דער אירלענדישער פריישטאַט וועט אָנפירן מיט זיינע אימפּעריאַליסטישע קעגנער.

אָבער מען קאן זיך פארלאָזן אויפן קאַפּיטאַליזם. ער איז פעיִק קאַליע צו מאַכן דעמדאזיקן שלום און לאָיאַליטעט. אמת, מיר טוען איצט גאָרנישט אויף אין די קאָלאָניעס אויפן קאַפּיטאַליסטישן געביט. מיר לאָזן דאָס איבער פאר זיי אליין און מיר דערלויבן זיך אָנצורופן דעמדאָזיקן פּראָצעס זעלבסטפאַרוואַלטונג. ווען מיר האָבן זיי רעגירט, האָבן זיי אונדז באשולדיקט אין אלע אומגליקן וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט אויף זיי אַרויפגעבראַכט און זיי האָבן זיך לסוף אינגאַנצן אפגעזאגט צו זיין אונטערגעוואָרפן אונדזער רעגירונג. ווען מיר האָבן זיי איבערגעלאָזט זיי זאָלן זיך אליין רעגירן, זענען זיי געוואָרן אלץ ווייניקער און ווייניקע־ פיינטלעך-געשטימט צו אונדז, אָבער די ענדערונגען שוואַכן זיי תמיד אָפּ און לאָזן זיי איבער אין א געוואַלטיקער אומאָרדנונג. די קאַפּיטאַליסטישע אומגליקן, אין וועל-

כע זיי האָבן אונדז באַשולדיקט אונטערדריקן זיי נאָך אַלץ. זייער אייגענע רעגירונג איז אַ סך טיראַנישער ווי אונדזער רעגירונג האָט ווען עס איז געוואָגט צו זיין. זייער נייע באַציונג צו דעם אימפּעריאַליסטישן שטאַט, ווערט אַ מער געפערלעך־אָנגעשטרענגטע ווי עס איז געווען פריער. פונקט ווי די באַציונג פון ענגלאַנד צו דייטשלאַנד איז געווען אַ מער געפערלעך אָנגעשטרענגטע אין יאָר 1913 ווי די באַציונג פון ענגלאַנד צו אירלאַנד. די גרעסטע ליבעראַלע הנחות קאָנען נישט באַוועגן מענטשן צו לאָזן זיך לאָזן איבערבעטן, כּל־זמן די קאַפּיטאַליסטן קאָנקורירן דאָרט מיט די מערק. נאַציאָנאַליזם קאָן מאַכן פראַנצויזן און ענגלענדער, ענגלענדער און אירלענדער פאַר ווילדע שונאים, ווען מען איז עובר אויף זייערע פונקטן. פראַנצויזן און אירלענדער האָבן געשטעלט זייערע אייגענע לענדער אין געפאַר כּדי פּטור צו ווערן פון דער ענגלישער הערשאַפט. קאַפּיטאַליזם מאַכט אַלע מענטשן פאַר שונאים תּמיד אָן אונטערשייד פון ראַסע אָדער קאָליר. ווען אַלע נאַציאָנען וועלן זיך האָבן באַפרייט, וועט דער קאַפּיטאַליזם זען, אַז זיי זאָלן זיך נאָך שלאָגן פאַרביסענער ווי פריער, אויב מיר וועלן זיין נאַריש גענוג עס צו דערלאָזן.

האָט איר ווען עס איז געזען די משונהדיקע זאַך וואָס מ׳רופט „פּרינץ רופּערטס דראָפּ״? דאָס איז אַ קאָפּ פון גלאָז אין אַ צושטאַנד פון שטענדיקער אָנשטרענגונג, אַז ווען איר וועט אָפּברעכן דאָס קלענסטע שטיקעלע, וואָלט דער גאַנצער קאָפּ זיך צעפאַלן אויף שטיקער. אייראָפּע איז געווען אַזוי אין יאָר 1914. עטלעכע מענטשן זענען אין סערביע באַגאַנגען אַ מאָרד און גלייך אויפן אָרט האָט האַלב אייראָפּע געמאָרדעט די אַנדערע העלפט. דער דאָזיקער שרעקלעכער מצב פון אייביקער אָנגעשטרענגטקייט און נישט־שטאַנדהאַפטיקייט איז נישט באַשאַפן געוואָרן פון מענטשלעכער נאַטור. עס איז געווען אַ מצב פון כראָנישער שרעק, וועלכע איז סוף־כּל־סוף געוואָרן אומדערטרעגלעך, אַזוי ווי אַ פרוי וואָס באַגייט זעלבסטמאָרד, ווייל זי קאָן שוין לענגער נישט פאַרטראָגן די מורא פאַרן טויט, און דאָס איז באַשאַפן געוואָרן פונעם קאַפּיטאַליזם. איר וועט זאָגן, אַז עס איז סוף־כּל־

סוף נישט מער ווי גיריקייט און דאָס ליגט אין דער מענטשלע-
כער נאַטור — אמת, אָבער דאָס איז נישט די גאַנצע מענטשלע-
כע נאַטור, עס איז נור א טייל פון איר וואָס פארשווינדט, ווען
זי איז באפרידיקט, אַזוי ווי הונגער נאָך א מאָלצייט, וואָס איז
אויך ביז א געוויסער מאָס געזונט און נויטיק; אונטער קאַפּיטאַ-
ליזם ווערט דידאָזיקע גיריקייט א מין מורא פאר אָרעמקייט און
פארשקלאַפונג, וועלכעס איז נישט געזונט און נישט נויטיק און
אַזוי ווי מיר האָבן איצט געזען, ווערט קאפּיטאַליזם געטראָגן פון
זיין אייגענער נאַטור אויסער דער קאָנטראָל מצד דער מענטש-
לעכער גיריקייט און מענטשלעכן געוויסן, מאַרשירנדיק בלינדער-
הייט און אויטאָמאַטיש, ביז מיר געפונען פון איין זייט די
מענטשלעכע מאַסע פארמשפּט אויף אָרעמקייט וואָס איז גע-
מילדערט בלויז דורך שרעקלעכע פּאַראָקסיזמען פון בלוט-פּאַרגי-
סונגען, און פון דער אַנדערער זייט-עטלעכע צוזאַמענגעשלאָגע-
נע קאַפּיטאַליסטן וואָס גאַפן אויף דער משא פון זייערע וואַקסנ-
דיקע מיליאָנען און געבן זיי אַוועק הויפנסווייז אין א פארצווייי-
פלטן פּרוּוו, טיילווייז פּטור צו ווערן דערפון און דאָך נישט
אייגעשפּאַרט צו ווערן אלס משוגעים פאר ארייווארפן עס אין
ים אַריין און טיילווייז, כדי דאָס פאנאנדערצובינדן, גרינדן זיי
ראָקפעלער-אינסטיטוטן און קארנעדזשי-ביבליאָטעקן, שפּיטאָלן, אוי-
ניווערסיטעטן, שולן און קירכן. דער פּועל-יוצא דערפון איז, —
אומוויסנהייט און דלות, וואָס זייער סיסטעם האט פּראָדוצירט
און אונטער וועלכן דאָס האָט זיך אָנגעקליבן. אָנצורופן דידאָזי-
קע אומגליקלעכע מיליאָנערן מאָנסטערס פון באַגעריקייט, וואָלט
געווען נאַריש; מ'וואָלט זיי גיכער געקאָנט פארגלייכן צו דעם
מכשפס געהילף, וועלכער האָט אַרויסגערופן א דעמאָן, ער זאָל
אים ברענגען אַ טרונק און נישט וויסנדיק דעם סוד פון אָפּ-
שטעלן אים, ווען ער האָט געהאַט גענוג, איז ער דערטרינקען
געוואָרן אין אַ ים פון וויין.

XLII

# ווי אַזוי עס קלייבן זיך אָן רייכטימער און מענטשן ווערן פאַרדאָרבן

איך וועל פאַרשטאַרקן די פּערזענלעכע אומבאַהאָלפנקייט, מיט וועלכער מיר זענען אַלע געשלאָגן געוואָרן, אַלס אַ סיסטעם, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אָן אונדזער וויסן און קאָנטראָל. כּדי זיך נענטער צו באַקענען דערמיט, לייג איך פאָר, מיר זאָלן אויפהערן צו באַהאַנדלען גרויסע זאַכן, ווי אימפּעריעס און זייערע מלחמות און איבערגיין צו קליינע היימישע זאַכן, נעמט למשל שפּילקעס. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך נוץ זעלטן אַ שפּילקע בעת מיין ווייב קאָן זיך נישט באַגיין אָן זיי, זי מוז תמיד האָבן גאַנצע שאַכטלען מיט שפּילקעס. אָבער אַזוי איז עס. איך וועל דערפאַר נעמען שפּילקעס, ווייל זיי זענען עפּעס צוליב געוויסע סיבות זייער אַ וויכטיקער געגנשטאַנד פאַר פרויען.

עס איז געווען אַ צייט ווען שפּילקע-פאַבריקאַנטן האָבן געקאָנט קויפן די מאַטעריאַלן, פאָרמען זיי, מאַכן דעם קאָפּ און דעם שפּיץ, פאַרפּוצן, אַוועקפירן זיי אין מאַרק אָדער פאַר אייער טיר צום פאַרקויפן; זיי האָבן געמוזט זיין באַהאַוונט אין דריי פאַכן: קויפן, אויסאַרבעטן און פאַרקויפן, און דאָס אויסאַרבעטן האָט געפאָדערט געניטקייט אין עטלעכע אָפּעראַציעס. זיי האָבן נישט בלויז געוווסט, ווי אַזוי דער געגנשטאַנד ווערט געמאַכט פון אָנהויב ביזן סוף, נור זיי האָבן עס געקאָנט אַליין מאַכן.

אָבער זיי האָבן זיך נישט געקאָנט דערלויבן צו פאַרקויפן; אייד ז. טעוועלע שפּילקעס פאַר אַ פאַרדינג. שפּילקעס האָבן געקאָסט אַזוי טייער, אַז דאָס געלט וואָס אַ פרוי קריגט אויף איר גאַר־דעראָב פלעגט מען רופן שפּילקע־געלט.

ביים סוף פונעם אַכצטן יאָר־הונדערט האָט זיך אדאַם סמי באַרימט, אַז צו מאַכן אַ שפּילקע דאַרף מען האָבן אַכצן מענטשן יעדער איינער האָט געטון עפּעס אַן אַרבעט ביי דער שפּילקע און איבערגעבן זי דעם אַנדערן, און קיינער פון זיי האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי צו מאַכן אַ גאַנצע שפּילקע אָדער צו קויפן די מאַטעריאַלן אָדער פאַרקויפן זיי, ווען זיי זענען פאַרטיק געוואָרן. חעכסטנס, האָט איר געקאָנט זאָגן, אַז זיי האָבן אַ שטיקל ידיעה, ווי אַזוי זי ווערט געמאַכט, הגם זיי אַליין האָבן זי נישט געקאָנט מאַכן. אויב איר מיינט דעריבער, אַז זיי זענען געווען ווייניקער פעיק און געהאַט ווייניקער וויסן, ווי די אַלטע שפּילקע־מאַכער. וועט איר דאָך פרעגן, פאַרוואָס אַדאַם סמיט האָט זיך באַרימט דערמיט ווי מיט אַ טריומף פון דער ציוויליזאַציע, בעת דער פּועל־יוצא איז גאָר געווען אַ נעגאַטיווער. — ער האָט עס געזאָגט דערפאַר ווייל מיט דעם וואָס מען האָט אַוועקגעשטעלט די אַרבעט אַזוי, אַז יעדער זאָל עפּעס טון אין דער שפּילקע און קיין שום אַנדער אַרבעט, ווי דער טייל וואָס איז פאַר אים באַשטימט געוואָרן, האָט ער באַקומען אַ סך פּראַקטיק און איז געוואָרן זייער געניט. מ'זאָגט, אַז די מענער קאָנען אויסאַרבעטן פינף טויזנט שפּילקעס אַ טאָג יעדער און אַזוי אַרום האָט מען באַקומען שפּילקעס אַ סך און ביליק; דאָס לאַנד האָט אַזוי אַרום געמוזט ווערן רייכער, ווייל עס האָט געהאַט מער שפּילקעס, הגם עס האָט פאַרוואַנדלט פעיקע מענער אין מאַשינען, וועלכע האָבן געטון זייער אַרבעט אויטאָמאַטיש אָן שום אינטעליגענץ און זענען געשפּייזט געוואָרן פון דעם, וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן אָפּגעשפּאָרט, אַזוי ווי אַ דאַמפּמאַשין ווערט געשפּייזט מיט קוילן און אייל... עס איז געווען דער פאַקט גאָלדסמיט, וועלכער איז, אַ חוץ אַ פּאָעט געווען אַ וויטזעגדיקער

עקאָנאָמיסט, וואָס האָט געקלאָגט, אַז „רייכטימער קלויבן זיך אָן מענטשן ווערן פאַרדאָרבן".

פון אַדאַם סמיטס אַכצן מענער איז שוין נישטאָ קיין שריד ופליט. די אַכצן פלייש־און בלוט־מאַשינען זענען שוין לאַנג פאַרביטן געוואָרן אויף מאַשינען פון שטאָל און אייזן, וועלכע שפייען אויס שפילקעס אין די הונדערטער מיליאָנען. אפילו דאָס אַריינשטעקן זיי אין ראָזע קאַרטן ווערט געטון דורך דער מאַשין. דער פועל־יוצא דערפון איז, אַז אַחוץ עטלעכע מענטשן וועלכע צייכענען און פאָרמען די מאַשינען ווייסט קיינער נישט ווי אַזוי צו מאַכן אַ שפילקע, אָדער ווי אַזוי זי ווערט געמאַכט. דאָס הייסט אַלזאָ, אַז דער מאָדערנער אַרבעטער אין שפילקע־פאַבריק דאַרף נישט זיין קיין צענט חלק אינטעליגענט, געניט און געלערנט, פון דעם אַלטן שפילקעמאַכער. און די איינציקע פאַרגיטיקונג, וואָס מיר האָבן פאַר דערדאָזיקער פאַרמינערונג פון מענטשלעכן וויסן איז דאָס, וואָס מיר באַקומען ביליקע שפילקעס און דאָס וואָס אַן איינציקע שפילקע האָט נישט קיין שום ווערט. אפילו נאָך דעם וואָס זיי רעכענען אַראָפּ פאַר זיך גרויסע פאַרדינסטן באַקומט מען נאָך אַלץ עטלעכע טוץ שפילקעס פאַר אַ פאַרדינג. שפילקעס וואַרפט מען אוועק מיט דער גרעסטער לייכטקייט. מ׳מוז אָנשרייבן פערזן, כדי איבערצוצייגן קינדער (אָבער אָן דערפאָלג), אַז עס איז אַן עבירה צו גנבנען אַ שפילקע.

אַ סך ערנסטע דענקער, ווי דזשאָן ראַסקין און וויליאַם מאריס, האָבן זיך דעריבער פונקט ווי גאָלדסמיט שטאַרק געזאָרגט. זיי האָבן זיך געפרעגט, צו הייסט דאָס אַ שריט פאָרויס צו פאַרלירן אונדזער געניטקייט און דערנידעריקן אונדזערע אַרבעטער, כדי מ׳זאָל זיך קאָנען וואַרפן מיט שפילקעס? מיר וועלן זען שפעטער, ווען מיר וועלן זיך נעמען באַטראַכטן דאָס איינטיילן פון דער פרייער צייט, אַז די רפואה איז נישט מ׳זאָל זיך אומקערן צו דער אַלטער צייט, ווייל אויב די אָפּגעשפּאָרטע צייט וואָלט דורך דעם, וואָס מיר באַנוצן זיך מיט מאָדערנע מאַשינען, צעטיילט געוואָרן צווישן אונדז אין גלייכע טיילן, וואָלטן מיר געוווּנען אַ סך פרייע צייט, וועלכע מיר וואָלטן גע־

קאָנט או סנוצן ... ארבעט, איידער שפּילקעס מאַכן א. ד. גל. דעווייל בלייבט דער פאַקט, אַז שפּילקעס ווערן היינט צו טאָג אויסגעאַרבעט פון מענער און פרויען, וועלכע קאָנען אליין גאָרנישט אויסאַרבעטן, און זיי וואָלטן נישט געקאָנט איינאָרדנען קיין פאַבריק, ווען יעדער זאָל אפילו טון איין חלק פון דער ארבעט זיי זענען אומוויסנדיק און הילפלאָז און זיי קאָנען נישט אויפהויבן קיין פינגער, ביז אַלץ איז נישט צוגעגרייט פאַר זיי ערטוועגן דורך די באַלעבאַטים, וועלכע ווייסן אַליין אויך גאָרנישט וועגן די מאַשינען וואָס זיי קויפן; זיי באַצאָלן איינאַך מענטשן, זיי זאָלן אָנשטעלן די מאַשינען און דאָס ווערט עטין פשוט: מען פאָלגט די אָנווייזונגען פון מאַשיניסט.

דאָס אייגענע איז מיט דער קליידער-אויסאַרבעטונג. פריער פלעגט די גאַנצע ארבעט פון קליידער מאַכן, פונם שערן די שאָף ביזן אויספּאַ טיקן דאָס מלבוש, געטון ווערן אין דאָרף. דער מאַן און די פרוי, ספּעציעל די פרוי, האָבן זיי געמוזט אַליין כן. עד־היום רופט מען אַן אומפאַרהייראַטע פרוי „אספינסר" (אַ שפּינערן). היינט צו טאָג איז פאַרבליבן נישט מער, ווי שאָף־שערן, און אפילו דאָס ווערט שוין, אַזוי ווי קו־מעלקן, טון מיט מאַשינען אַזוי גוט ווי דאָס נייען. גיט היינטיקע צייטן שאָף צו אַ פרוי און הייסט איר, זי זאָל אייך אויספּאַרטיקן פון א וואָלן קלייד גרייט אָנצוטון, איז נישט נאָר זי וועט נישט קאָנען מאַכן, נאָר זי וועט אפילו נישט וויסן וואָסער ייכות עס האָט אַ שאָף מיט אַ קלייד.

ווען זי קויפט מלבושים, וועלכע זי באַקומט אין ספּעציעלן אַקטור־געשעפט, ווייסט זי, אַז עס איז פאַראַן אַ חילוק צ ישן וואָל, קרעטאָן און זייד, צווישן פלאַנעל און באַרכנט. אפשר יך צווישן סטאַקינעט און אַנדערע סחורות, אָבער ווי אַזוי זיי ן געמאַכט און פון וואָס זיי ווערן געמאַכט און ווי אַזוי זיי ן אין געשעפט אריין, כדי זי זאָל זיי קויפן, ווייסט זי כמעט גאַרנשט. און די עקספּידענטקע, ביי וועמען זי קויפט די סחורות יז נישט באַהאַוונט מער פון איר. די מענטשן, וואָס זענען באַשעפטיקט מיטן מאַכן די מלבושים, ווייסן נאָך ווייניקער פון זיי

ביידען, ווייל אַ סך פון זיי זענען צו אָרעם אויסצוקלויבן די מאַטעריאַלן בעת זיי קויפן זיך מלבושים.

אַזוי האָט דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם פּראָדוצירט כּמעט אַן אוניווערסאַלע אומוויסנהייט מכּוח דעם, ווי אַזוי זאַכן ווערן אויסגעאַרבעט און אויסגעפּאַרטיקט, בעת אין דער אייגענער צייט האָט אָט דער סיסטעם גורם געווען, אַז זיי זאָלן געמאַכט ווערן אין אַ גיגאַנטישער צאָל. מיר זענען געצוווּנגען צו קויפן ביכער און ענציקלאָפּעדיעס, כּדי זיך צו דערוויסן, וואָס מיר טוען אַ גאַנצן טאָג. און אַזויווי די ענציקלאָפּעדיעס ווערן געשריבן פון מענטשן, וועלכע טוען עס נישט אַליין, נור באַקומען אינפאָרמאַציעס פון אַנדערע ביכער, איז דאָס וואָס זיי זאָגן אונדז פון צוואַנציק ביז פופציק יאָר שוין נישט אַקטועל און במילא נישט פּראַקטיש, דערצו איז דער גרעסטער טייל מענטשן צו מיד ווען זיי קומען אַ היים פון דער אַרבעט, אוועקצוזעצן זיך לייענען וועגן אָט די זאַכן; וואָס זיי דאַרפן נאָך דער אַרבעט, איז קינאָ, וואָס זאָל זיי אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דעם אַלטעגלעכן הו–האַ און שפּייזן אַביסל די פאַנטאַזיע.

עס איז מאָדנע דאָס וועלטל פון קאַפּיטאַליזם מיט איר געוואַלטיקע פאַרשפּרייטונג פון אומוויסנהייט און מיט איר כּסדרדיקער באַרימערייַ, אַז זי פאַרשפּרייט בילדונג און ליכט אויף דער וועלט, אָט שטייען די טויזנטער אייגנטימער, באַזיצער, מיט די מיליאָנען לוין-אַרבעטער, און קיינער פון זיי איז נישט פעיִק עפּעס צו מאַכן. קיין איינער פון זיי ווייסט נישט, וואָס צו טון ביז עמיץ ווייזט אים נישט וויאַזוי, קיין איינער פון זיי האָט נישט דעם מינדסטן באַגריף, פאַרוואָס מען צאָלט אים געלט, און וויאַזוי עס קומען די זאַכן אין די געשעפטן וואָס מען קויפט פאַרן געלט... און ווען זיי רייזן, זענען זיי איבעראַשט צו געפונען, אַז ווילדע, עסקימאָסן און דאָרפסלייט, וועלכע מוזן אַלץ אַליין אויסאַרבעטן פאַר זיך, זענען מער אינטעליגענט און האָבן מער מיטלען! דער חידוש אָבער וואָלט געווען, ווען זיי זאָלן זיין עפּעס אַנדערש, מיר וואָלטן געשטאָרבן פון אידיאָטיזם, ווען מיר באַנוצן אונדזערע גייסטיקע פעיִקייטן און מיר פילן נישט

אָן די מוחות מיט ראָמאַנטישע שטותים. וואָס מיר באַקומען אַרויס פון אילוסטרירטע צייטונגען, נאָוועלן, טעאַטערס און קינאָס. אָט דער שטאָף דערהאַלט אונדז ביים לעבן. די צרה איז נאָר דאָס וואָס אַלץ ווערט געפעלשט אויף אַזאַ אבסורדן אופן, אַז עס לאָזט אונדז איבער ווי אמתע לונאַטיקער אין שייכות מיטן וועלטלעכן וויסן:

זייט מיר מוחל פאַרוואָס איך דריק זיך אַזוי אויס, נור אַזוי ווי איך אַליין שרייב ביכער און דראַמען, זענען מיר גיכער באַקאַנט די שטותים און די סכנות פון אָט דעם אַלעמען איידער אייך. און ווען איך זע, אז אין דעם מאָמענט פון אייער גרעסטער אומוויסנהייט, הילפלאָזיקייט, אילוזיע און שטות, זענט איר געשטרויכלט געוואָרן דורך די בלינדע כוחות פונם קאַפּיטאַליזם און גיט אַוועק אייערע שטימען צוועמען עס זאָל בישט זיין, אַזוי, אַז די פּאָר קלוגע פּרויען ווערן האָפנונגסלאָז באַהערשט פון די טויזנטער פרויען, וועמעס פּאָליטישע געדאַנקען, אויב זיי האָבן איבערהויפּט פּאָליטישע געדאַנקען, האָבן זיך אויסגעפאָרמט אין קינאָ האב איך זיך מישב געווען, אז איך וויל ליבערשט אויף אַ שטיקל צייט אויפהערן שרייבן דראַמען און וועל דיסקוטירן אין דעם בוך איבער פּאָליטישע און סאָציאַלע ענינים מיט די חעלכע זענען גענוג אינטעליגענט מיך אויסצוהערן.

## XLIII

## אומפעיקייט אויף אַלע געביטן

איר דאַרפט נישט אַרויסדרינגען פון דעם, וואָס איך האָב באַר וואָס געזאָגט, אַז איך פאַרגין נישט די מענטשן, זייערע פאַרווײַלונגען. איך האָב געמאַכט די גרעסטע טייל פון מיין געלט פון ווײַלן זיי. איך אנערקען מער ווי יעדער איינער נישט נור, אַז „בלויז ארבעט און נישט קיין שפּיל" מאַכט דזשילן פאַר אַ טעמפּ מיידל, נור אַז זי אַרבעט, כדי זי זאָל טאַקע האָבן די מעגלעכקייט צו ווײַלן זיך און האָבן פאַרגעניגן פון לעבן, פּונקט אַזוי גוט, ווי כדי נישט צו שטאַרבן פון הונגער און עלנט. זי פאַרלאַנגט און נויטיקט זיך אין פרייע צייט, אַזוי גוט, ווי אין שכירות. אָבער פאַרדינען און ברויט מוז קומען פ אַ ר שפּאַציר-אויטאָס און קינאָס. איך פאַרשטיי זייער גוט און איך רעכן, אַז איר פאַרשטייט אויך דעם פראַנצויזישן דזשענטלמען, וואָס האָט געזאָגט, אז ווען ער וואָלט געקאָנט האָבן דעם לוקסוס פון לעבן, וואָלט ער זיך שוין באַגאַנגען אָן די נויטווענדיקייטן. אָבער ליידער פאַרשטייט די נאַטור אַנדערש ווי מיר און זי האָט זיך איר געזעץ, אַז פאַרדינען אויף ברויט, איז דער ערשטער באַדינג פון לעבן און איז נאָך דערצו פאַרבונדן מיט מסירות-נפש. דער פראַנצויזישער דזשענטלמען האָט אַ קלענערע באַדייטונג פון די פרויען, וואָס פאָדערן אָן אַכט-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג אינדערמתן פאָדערן זיי אַ פּאָר שעה פרייע צייט, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך

אויפגעשלאָגן, אויסגעדרוט, געקאָכט, געגעסן און אָפּגעוואַשן נאָכן עסן, ווייסן זיי, אַז אָט די פרייע צייט קאָן מען נאָר באַקומען דורך אַרבעט, אַז קיין שום פרוי, קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פון טון אַ געוויסע אַרבעט, סיידן זי זאָל אַרויפוואַרפן איר טייל אַרבעט אויף אַן אַנדער פרוי.

דערפאַר קאָנט איר מיר נישט אָפּלייקענען דאָס וואָס איך זאָג אייך, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט דערנידעריקט אונדזערע מענטשן צו אַ מצב פון אמתער הילפלאָזיקייט און אומוויסנהייט אויפן געביט פון פראָדוציר-פעיקייט. הגם איר קאָנט מיר אָנווייזן, אַז פאַבריק-מיידלעך זענען נישט קיין נאַראָנים אויפן געביט פון פלוידערן און ווילן זיך; אַז זיי ווייסן גאַנץ גוט, וויאַזוי מען פאַרבט זיך די ליפּן אין דער וועבעריי בעת דאָס קלאַפּעריי פון די וועבשטולן פאַרטויבט די אויערן און מען הערט קוים, וואָס איינער רעדט צום אַנדערן; אַז זייערע דאַנסינגס און שפּאַציר-אויטאָ-אויספלוגן, זייער אָנטון זיך, זייערע ראַדיאָ-קאָנצערטן א. א. וו. לערנט זיי און קולטיווירט זיי אין אַזאַ מאָס, וואָס זייערע באָבעס האָט זיך אפילו נישט געחלומט; אַז זיי קאָנסומירן ריזיקע קוואַנטומס שאָקאָלאַד און אַז זיי באַגרענעצן דעם וווקס פון זייערע פאַמיליעס זיי זאָלן נישט דאַרפן צופיל פאַרנעמען זיך מיט קינדער. נאָר דאָס אַלץ איז קאָנסומירונג אָבער נישט פּראָדוקציע. ווען זיי זענען אפילו פאַרנומען מיטן פּראָדוצירן די אַלע פאַרוויילונגען, ווען זיי קאָסירן איין דאָס געלט פאַר בילעטן, אָדער טוען אַביסל פון דער אַרבעט ביים שאַפן דעם שפּאַציר-אויטאָ, אָדער וויקלען אַרום די דראָטן אויף דעם ראַדיאָ-קנויל, זענען זיי נישט מער ווי מאַשינען, וואָס נעמען אַן אָנטייל אין אַ געוויסן מאַרשרוט, נישט וויסנדיק וואָס קומט פריער און וואָס יועט נאָך קומען.

דערמיט וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם גיט די גאַנצע אַרבעט איין קלאַס און די גאַנצע פרייע צייט אַן אַנדער קלאַס, אויף אַזויפיל, וויפיל דאָס געזעץ דערלאָזט, איז ער גורם, אַז די רייכע זאָלן ווערן פונקט אַזוי אומפעיק ווי די אָרעמע, דורך דעם וואָס זיי פאַרדינגען זייער לאַנד און זייערע אָפּגע-

שפּאָרטע געלטער (קאַפּיטאַל) צו אַנדערע. זיי קאָנען האָבן איבער־געניג שפּייז און פּאַרוויילונגען און נישט צו דאַרפן איינטינקן אַ האַנט אין קאַלט וואַסער. זייערע אַגענטן מאָנען איין די רענ־טע פון לאַנד און לייגן עס אַוועק אין די בענק פאַר זייערט־וועגן. די געזעלשאַפט, וועלכע דינגט זייערע געלטער, לייגן אַוועק די האַלב־יאָרלעכע דיווידענדן אויפן זעלבן אופן. ביסמאַרק האָט געזאָגט וועגן זיי, אז זיי דאַרפן בלויז נעמען א שער און אָפּ־שערן די קופּאָנען, אָבער ער האָט א טעות געהאַט, זיי דאַרפן דאָס אויך נישט טון. די בענק טוען שוין דאָס פאַר זייערטוועגן. אַלץ וואָס זיי האָבן צו טון, איז צו חתמענען די טשעקן, מיט וועלכע זיי צאָלן פאַר אַלעם; זיי דאַרפן גאָרנישט טון, נור זיך אַמוזירן, זיי וואָלטן סייווי באַקומען זייערע הכנסות, ווען זיי וואָלטן אפילו דאָס אויך נישט געטון. זיי קאָנען זיך נור פאַר־טיידיקן דערמיט, וואָס זייערע עלטערזיידעס האָבן געאַרבעט אינ־טענסיוו, אַ שטייגער ווי יעדן אייגעמס עלטערזיידעס וואָלטן נישט געאַרבעט אינטענסיוו, אָדער ווי דאָס א שטייגער וואָלט׳ געווען אַן אַנטשולדיקונג, פאַרוואָס זיי טוען נישט אַזוי ווי יענע האָבן גע־טון און פאַלגן נישט נאָך זייער ווונדערלעכן ביישפּיל. מיר קאָ־נען נישט לעבן פון די מצוות וואָס עס האָבן געטון די עלטער־באָבעס. זיי האָבן אפשר אליין געאַרבעט און אכטונג געגעבן אויף זייערע פאַרמעס, און אויסגעפונען די מיטלען, וויאַזוי אַרויס־צובאַקומען פון דער ערד דאָס וואָס האָט פאַרגרעסערט זייערע רייכטימער, אָבער דערנאָך האָבן זייערע נאָכפאָלגער זיך מישב געווען, אַז דאָס קאָן אַלץ געטון ווערן מיט פרעמדע הענט און זיי פאַרדינגען זייער ערד און לאָזן אויך אַרויס זייערע אָפּגע־שפּאָרטע געלטער צום פאַרדינגען.

א טייל פון אונדזערע גרויסע ערד־באַזיצער האָבן געירשנט זיין לאַנד פון די פעאָדאַלע צייטן, ווען עס איז נאָך נישט גע־ווען קיין פאַבריקן און קיין באַנען און שטעט זענען אזוי קליין געווען, אז מ׳פלעגט זיי ארומצוימען, ווי מען צוימט היינט ארום גערטנער. אין יענע צייטן פלעגן די לאַנד־באַזיצער מיטן קעניג אינדערשפּיץ מוזן צוזאמענשטעלן אַרמייען און פאַרטיידיקן דאָס

לאנד אויף אייגענע קאָסטן. זיי האָבן געמוזט שאַפן געזעצן און אַליין פאַרוואַלטן מיט זיי. זיי האָבן געדאַרפט טון מיליטערישע אַרבעט, פּאָליציייִשע און אַלערליי רעגירונגס־אַרבעטן. הענרי דער 4־טער, וועלכער איז געשטאָרבן פון איבעראַרבעטן זיך, האָט זיך איבערגעצייגט, וויפיל אמת עס איז דעמאָלט געלעגן אינם ווערטל אז: „דער גרעסטער פון אונדז מוז זיין א דינער צו אלע איב־ריקע", הייינטיקע צייטן איז פּונקט פאַרקערט: דער גרעסטער איז דער, צו וועמען אַלע איבריקע זענען דינער. אַלע דינסטן און פליכטן פון די פעאָדאַלע באַראָנען ווערן היינט דורכגעפירט דורך באַצאָלטע באַאַמטע, א חוץ אין די דערפער. דאָרטן קאָן מען נאָך אפשר געפונען א פּאָר נישט באצאָלטע פרידנסריכטער און עס האַלט זיך די טראַדיציע, אז זייערע זין טרעטן אריין אין דער אַרמיי אלס אָפיצירן. א פּאָר געציילטע, פאַרוואַלטן מיט דער הילף פון אדוואָקאַטן און אַגענטן זייערע אייגענע גיטער, אָדער זיי דערלויבן, אז זייערע פרויען זאָלן עס טון. אָבער דאָס זע־נען אלץ איבערגעבליבענע רעשטלעך, אַזוי צו זאָגן, פון אוראַל־טע מנהגים, וואָס ווערן אויפגעהאַלטן על־פּי־רוב פון רייכע לייט, וועלכע קויפן זיך לאַנד און זענען צופרידן צו האָבן א ביסל מי, כּדי צו באַקומען דעם ראַנג פון א פּריץ, אָדער פּריצטע. דאָס זענען תמיד אויפגעקומענע גבירים, וואָס זענען גרייט גוט צו באַצאָלן פאַר א נחלא פון אַן אמתן פּריץ, כּדי איבערצונעמען זיין אָרט אין דאָרף. זיי זענען גרייט אויך איבערצוצאָלן פאַר אָט דעם ביסל פּוסטן שטאָלץ, אבער דידאָזיקע פּריצים־גוטבאַזי־צער קאָנען צו יעדער רגע פאַרקויפן זייער אייגנטום, זייערע הייזער און פאַרקן און זיך באַזעצן ווו עס ווילט זיך זיי, אין דער גרויסער ציוויליזירטער וועלט און נישט האָבן קיין שום עפנטלעכע פליכטן אָדער אחריות; דאָס טוען זיי טאַקע, פריער אָדער שפּעטער. און אַזוי־אַרום רייסן זיי איבער די לעצטע פע־דים, וואָס בינדט זיי מיט דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע, א חוץ זייערע נעמען און טיטולן. מיט די אינטערעסן פון דער הייינטי־קער וועלט, האָט די אלטע פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע קיין שום שייכות נישט. זי מישט זיך אויס מיט דער אינדוסטריעלן קאַ־

פּיטאַליסטישן קלאַס. מיט וועלכע זיי האָבן פאַרבינדונגען, מיט וועמען זיי זענען זיך משדך נישט קוקנדיק אויף קיין יחוס. געלט פאַרענטפערט שוין אַלץ, אויב מ׳דאַרף נאָך אָנרופן די רייכע אַ וואָסער עס איז „קראַטיע" מוז מען זיי רופן פּ ל ו ט אָ ק ר אַ ט י ע, וואָס סיי די עלצטע פירשטלעכע גיטער, סיי די רייכטימער וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך געשעפטן, זענען בלויז פאָרמען פון קאַפּיטאַל, וועלכער לייגט נישט ארויף קיין שום געזעלשאַפט־לעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויפן אייגנטימער.

פאַר די, וועלכע זענען שטאַרק איבערגעאַרבעט און ווייניק צופרידנגעשטעלט, קאָן זיך אַזאַ אָרדנונג אויסווייזן ווי אַ זייער גוטער פאַר דער פּלוטאָקראַטיע. זיי קאָנען זיך גאָר בעסער נישט פאָרשטעלן ווי אַ לעבן פון איין לאַנגן יום־טוב. אָבער אָט דער אייביקער יום־טוב האָט דעם חסרון, וואָס ער לאָזט איבער די פּלוטאָקראַטן אַזוי הילפלאָז ווי ניי־געבוירענע קינדער, דאַן ווען עס קומט זיי אויס אַמאָל צו מוזן אַליין פאַרדינען אויף פּרנסה. איר ווייסט, עס איז נישטאָ קיין ערגערע רחמנותדיקערע בּרואים אויף דער וועלט — אַ חוץ קראַנקע, ווי געבוירענע לײדעס און דזשענטל־לייט, וועלכע פאַרלירן פּלוצלינג זייער פאַרמעגן, אָדער, האָט איר זיך נישט איבערגעצייגט, אַז עס וואָלט נישט געווען ווייניקער רחמנות אויף זיי, ווען מ׳זאָל זיי איבערגעבן זייער פאַרמעגן צו טון דערמיט וואָס זיי ווילן? זיי וואָלטן נישט געוווּסט, וואָס צו טון דערמיט. זיי וואָלטן נישט געקאָנט פאַרוואַלטן מיט זייערע גיטער, באַאַרבעטן זייערע מינעס, זיי וואָלטן נישט געוווּסט, ווי אָנצופירן מיט זייערע באַנען און שיפן, זיי וואָלטן אונטערגעגאַנגען מיט זייער רייכטום און אילוזיעס פון מעגלעכ־קייטן. ווען נישט די הונגעריקע, וואָס זוכן עפּעס צו פאַרדינען, וואָלטן זיי געמוזט זאָגן: „גראָבן קאָן איך נישט און בעטן (ווען איך וואָלט אפילו געוווּסט וויאַזוי) שעם איך זיך. די הונגעריקע וואָלטן זיך געקאָנט באַגיין אָן זיי און נאָך געווינען דערביי, אָבער זיי וואָלטן נישט געקאָנט באַגיין זיך אָן די הונגעריקע. דאָך וואָלטן דער גרעסטער טייל הונגעריקע, ווען מ׳זאָל

זיי איבערלאָזן אליין, געוועז אזוי אומבאהאָלפן, ווי די פּלוטאָ־קראַטן. נעמט למשל א הויז־מיידל, וואָס איז באקאַנט דער אינ־טעליגענטער פרוי, וועלכע קאָן זיך דערלויבן איר צו האַלטן. א פרוי קאָן זיין זייער א גוטע הויז־פרוי, דאָך מוזס איר אָנגרייטן א הויז און פארוואַלטען דאָס הויז, ביז זי קאָן אָנהויבן ארבעטן דאָרט אַלס הויז־פרוי. א סך גוטע הויז־מיידלעך, ווען זיי האָבן חתונה, ווערן שלעכטע באַלעבאָסטעס אין זייערע אייגענע וווינונ־גען. לייגט זיי פאַר צו פארוואַלטן א גרויסן האָטעל, ווו עס זע־נען באשעפטיקט צענדליקער הויז־מיידלעך, וועלן זיי אייך אָנ־קוקן ווי משוגע, זיי וועלן מיינען, אַז איר לאַכט פון זיי. איר וואָלט פּונקט געקאָנט פּאַרלייגן דעם פּאָרטיער פון די „באַנק אויף ענגלאַנד", ער זאָל פארוואַלטן די באַנק. א שווארץ־ארבע־טער קאָן זיין א גאַנץ גוטער מוליער און זייער געשיקט לייגן די ציגל צום הויז, אָבער ער וועט אייך נישט אויפבויען קיין הויז אָדער אפילו מאכן די ציגל, מיט וועלכע ער העלפט אויפ־בויען דאָס הויז. א וואַסער עס איז ארבעטער וועט קאָנען לייגן א ברעט איבער א טייך, אָדער איינמויערן א ריי שטיינערנע טרעפּ אינם שטראָם. לייגט אים אָבער פאָר ער זאָל אייך אויפ־בויען א בריק, מעג דאָס זיין דאָס איינפאַכסטע בריקל איבער א פּשוטן קאַנאַל, אָדער א גיגאַנטישע קאָנסטרוקציע ווי די פאָרט־בריק — איר וואָלט פּונקט אזוי גוט געקאָנט הייסן אייער קינד, ער זאָל זיך אליין אויפשטעלן א וויגל, אויסשטריקן א לייבל, אָדער בעטן אייער קעכין, זי זאָל אליין פאָרמען און קאָנסטרוק־טירן א קירכן־געביידע און א וואַסער־קאָמוניקאַציע. דידאָזיקע אומבאהאָלפנקייט ווערט אַלץ מער און מער קאָמפּלעט וואָס מער די ציוויליזאַציע גייט פאָרויס. אויף די דערפער קאָנט איר נאָך היינט געפונען סטאָליאַרעס און שמידן, וועלכע קאָנען אויסאַר־בעטן גאַנצע זאַכן. זיי קאָנען אפילו אויסקלייבן און קויפן די נויטיקע מאַטעריאַלן און דערנאָך פארקויפן די פאַרטיקע אַרטיק־לען. אָבער אין די שטעט פון וועלכע אונדזער איצטיק לעבן איז אָפּהענגיק, דרייען זיך ארום אָן א שיעור ארבעטער און פּלוטאָקראַטן, וואָס קאָנען גאָרנישט מאכן, ווייסן נישט וויאַזוי

עס ווערט עפּעס געמאַכט און זענען אזוי נישט געניט אין קויפן און פאַרקויפן, אַז ווען עס וואָלטן נישט געווען קיין פאַסיקע פרייזן, וואָלטן זיי זיך פּשוט פאַרלוירן.

XLIV

## דער מיטל־שטאַנד אין לעבן

און איצט ווען דער לאַנדאייגנטימער און קאַפּיטאַליסט קאָן אַליין אַרבּעט טון און קאָן אפילו נישט אָנווייזן אַנדערע וואָס צו טון, ווי אַזוי עפּעס צו מאַכן און אויב די אַרבּעטער קאָנען גאָרנישט טון, סיידן מ׳ווייזט זיי און מ׳לערנט זיי, טאָ ווי אַזוי האָט די וועלט אַ קיום? מוז דאָך זיין אַ דריטער קלאַס וואָס זאָל שטיין צווישן די רייכע אייגנטימער און די אָרעמע וואָס פאַרמאָגן גאָרנישט כּדי איבּערצונעמען דאָס לאַנד, צו דינגען דעם קאַפּיטאַל און זאָגן די אַרבּעטער וואָס צו טון דערמיט.

אַזאַ קלאַס איז טאַקע פאַראַן. איר קאָנט אים אַליין זען. דאָס איז דער מיטלקלאַס, וואָס טוט די גאַנצע פאַרוואַלטונגס־אַרבּעט אַלס דירעקציע און אַרבּעטס־באַשטימערן פאַר די נאַציאָנען, אַחוץ דעם, וואָס זיי טוען כּמעט די גאַנצע בילדונגס־אַרבּעט פאַרנעמען זיך מיט די ליטעראַרישע און אַרטיסטישע פּראָפעסיעס... לאָמיר באַטראַכטן ווי אַזוי דערדאָזיקער קלאַס איז אַנטשטאַנען און ווי אַזוי ער ווערט כּסדר צוגעשטעלט פון די קאַפּיטאַליסטי־שע פאַמיליעס.

די קאַפּיטאַליסטן טוען עפּעס מער ווי סתּם באַזיצן אייגנ־טום, נעמלעך, זיי האָבן חתונה און האָבן קינדער און אַ פאַר־מעגן, וואָס איז איבּער גענוג פאַר צוויי מענטשן קאָן זיין צו ווייניק פאַר דריי אָדער פיר קינדער; אָפּגערעדט פון דער מעג־

לעכקייט, עס זאָל צוקומען צווי אָדער דריי מאָל אַזוי פיל, און ווען די דריי אָדער פיר קינדער האָבן חתונה און האָבן צו דריי אָדער פיר קינדער, קומט אָפּט אויס, אַז דאָס וואָס איז געווען רייכקייט פאַר די זיידעס איז אָרעמקייט פאַר די אייניקלעך.

כדי ס'זאָל נישט קומען דערצו, לאָזן אָפּט רייכע אייגנטימער איבער זייער גאַנצע ירושה צום עלצטן זון און די אַנדערע בלייבט איבער צו זוכן אַן אייגענע עקזיסטענץ און פאַר די טעכטער בלייבט איבער איינס: חתונה צו האָבן מיט רייכע מענער, אויב זיי קאָנען, דאָס הייסט: (Primogenituve) ביז 1926 איז עס געווען אַ געזעץ אין ענגלאַנד, אויב עס איז געשטאָרבן אַ גוטבאַזיצער און האָט נישט איבערגעלאָזט קיין צוואה. אין קעגנזאַץ האָט זיך די גאַנצע פאַמיליע צעטיילט און אַלע קינדער האָבן באַקומען גלייכע חלקים, ווי עס טוען נאָך היינט די פויערים־פאַמיליעס מיט זייערע פאַרמעגנס. זיי טיילן אין יעדן אַ שטיקל לאַנד אָדער פאַרקויפן עס און לאָזן איבער די אייגנטימער יעדן מיט אַ פּאָר פונט אין קעשענע, וואָס האַלט זיך ביי זיי נישט לאַנג. דערפאַר זענען זיי כמעט תמיד איינשטימיק, אַז דער עלצטער זון זאָל נעמען דאָס לאַנד און זאָל עס באַאַרבעטן און די יינגערע זאָלן לעבן פון אַרבעט אַזוי ווי די הונגעריקע. דאָס קאָן נישט געטון ווערן מיט אַנדערע פאַרמעגנס למשל מיט ערד, נור מיט קאַפּיטאַל וואָס ווערט פאַרדינגען און פון די צינזן לעבט די גאַנצע פאַמיליע. עס קאָנען זיך געפונען אַ טייל עלטערן, וואָס לאָזן איבער זייער גאַנץ געלט צו איין קינד און גאָרנישט צו די איבריקע, אָבער אין מערסטע פאַלן טוט מען עס נישט און די געלטער ווערן צעטיילט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צו קינדער און אַנדערע נאָענטע יורשים, ביז די יורשים קאָנען נישט לעבן פון זייער פאַרמעגן.

אָבער ביטע נאָטירן, אַז די יינגערע זון וועלכע ווערן אַזויאַרום אַרויסגעשטופּט אין דער וועלט צו פאַרדינען זייער חיונה האָבן דעם געשמאַק, די מאַניערן, די געוווינהייטן, בילדונג אויסזען פון די רייכע. זיי האָבן גוטע פאַרבינדונגען, ווי מיר רופן עס, זייערע נאָענסטע קרובים קאָנען זיין גראַפן, אַ טייל

פון זיי האָבן באַקומען זייער בילדונג אין איטאַליע און הערנאַוו און האָבן אַרויסבאַקומען דיפּלאָמען אין אָקספאָרד און קעמ־בריטש; אַנדערע האָבן ווייניקער יחוסדיקע פאַרבינדונגען, זייערע עלטערן און אורעלטערן האָבן אפשר געמאַכט זייערע פאַרמעגנס דורך ביזנעס און זיי זענען אפשר געגאַנגען אין די גרויסשטאָ־טישע שולעס, אָדער אין טאָג־שולן, אנשטאָט איטאָן אָדער אפשר זענען זיי געגאַנגען אין איינע פון די דעמאָקראַטישע אוניווער־סיטעטן, אָדער אפשר זענען זיי בכלל נישט געגאַנגען אין קיין אוניווערסיטעטן און זייער גרעסטער יחוס באַשטייט אין דעם, וואָס זייערס אַ נאָנטער קרוב איז אַ מאַיאָר אָדער אַן אָלדערמען אָבער זיי האָבן אַלנפאַלס געהאַט אַ מיטלשול־בילדונג, אַלנפאַלס העכער פון אַן עלעמענטאַרער בילדונג און הגם זיי זענען נישט, ווי זיי אַליין זאָגן, קיין גרויסע „סוועלס״, האָבן זיי אויך די מאַניערן, דעם אויסזען, דאָס רעדן און די געוווינהייטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, ווערן פאָרגעשטעלט פאַר דזשענטללייט און מ׳וועבדט זיך צו זיי מיט אַן „עסקווייער״ אויפן אדרעס אנ־שטאט סתם מיסטער, אָט דידאָזיקע מענטשן, הגם זיי פאַרמאָגן גאָרנישט, האָבן די מאַניערן און די קולטור פון די רייכע, זיי מוזן זען צו לעבן פון זייער שאַרפקייט, זיי טרעטן אַריין אין דער אַרמיי און פלאָט אַלס אָפיצירן, אָדער נעמען אָן הויכע פּאָסטנס אין דער ציווילער דינסט, זיי ווערן גלחים, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, מחברים, אַרטיסטן, מאַלערס, סקולפּטאָרן, אַרכיטעק־טאָרן, שוללערערס, אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָרן, אַסטראָנאָמען, א. ד. ג. זיי שטעלן צוזאַמען דעם קלאַס, וואָס מיר רופן פרייע פּראָפעסיע. מען באַנעמט זיך צו זיי אומעטום מיט אַ ספּעציעלן רעספּעקט, אָבער זיי זען, ווי סוחרים וואָס שטיין א סך נידעריקער פון זיי אין וויסנשאַפט, טאַלאַנט. כאַראַקטער און גייסטיקע פעיִקייטן, האָבן א סך גרעסערע הכנסות פון זיי. די העכסטע גייסטיקע ארבעט באצאָלט זיך אזוי שלעכט, אז עס איז אוממעגלעך צו האָבן פּרנסה פון פּראַקטיצירן איר. שפּינאָזא האָט געלעבט פון מאָלן אַרבעס און ראָזועאַ, פון קאָפּירן מוזיק, איינשטיין לעבט דערפון, וואָס ער איז א פּראָפעסאָר א. א. וו. ווען די פּראָפעסיע

איז אפילו אזא וואָס טראָגט אריין אַ גרעסער געהאַלט און איז געווען פּאָפּולער, זעען נאָך אַלץ די פאַרדינסטן באַגרענעצטע, מחמת אַ כירורג קאָן נישט באַשעפטיקן קיין טויזנט געהילפן, וואָס זאָלן באַהאַנדלען אַ מיליאָן קונים מיטאַמאָל, ווי עס קאָן טון דער זייפן־קעניג. דער פּרעזעס פון דער קעניגלעכער קונסט־אַקאַדעמיע, קאָן נישט איבערגעבן צו מאַכן זיין בילד פאַר צוויי טויזנט גינעס צו זיין סעקרעטאַר. דער אָנהויב צו אַ פּראָפעסיאָנעלער קאַריערע הויבט זיך תמיד אָן מיט מאַטערניש צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט; מיך אַליין האַלט מען פאַר אַן אָנגעזעענעם מוסטער פון דערפאָלג אינם העכסטן לוקראַטיוון צווייג פון ליטעראַרישער פּראָפעסיע. ביז דרייסיק יאָר האָב איך נישט געקאָנט מיט מיין פען פאַרדינען אויף קיין פּרנסה און ווען איך בין אַלט געוואָרן אַכטאונדרייסיק יאָר, האָב איך מיך געהאַלטן פאַר אַן עושר, ווען איך האָב פאַרדינט פון זעקס ביז זיבן פונט אַ וואָך, און היינט, ווען איך בין זיבעציק יאָר אַלט און האָב דערגרייכט דאָס העכסטע, וואָס קאָן קאָמערציעל ביי מיין באַשטעטיקונג דערגרייכט ווערן, לייען איך יעדן טאָג אין די ציימונגען צווישן די קעפּלעך צווישן צוואות און ירושות, אַז די אלמנה פון אַ געוויסן דערפאָלגרייכן סוחר, וועלכער האָט גאָר קיין רום נישט געהאַט און איז נישט כמעט באַקאַנט געווען, האָט איבערגעלאָזט אַ ירושה, וואָס רעדוצירט מיין פאַרמעגן ביז אַ נול.

דער פּועל־יוצא איז, אַז דער מענטש פון דער פרייער פּראָפעסיע און דער ציוויל־דינער, אַבי ער איז נור נישט קיין אומהייל־באַרער אַלטמאָדישער סנאָב, וואָס באַטראַכט האַנדל פאַר אַ זאַך וואָס איז אונטער דעם כבוד פון זיין משפחה, ראָט זיין זון צו ווערן אַ סוחר. אַ ביזנעס־מאַן קאָן אפשר נישט האָבן קיין גרויסן שאַנס אויף אַן עפנטלעכע סטאַטוס סיידן ער באַצאָלט דערפאַר און דערלאַנגט עס צוזאַמען מיט אַ פיינעם פּאַרק פאַר דער באַפעלקערונג פון זיין געבורט־שטאָט, און זיין באַשטעטיקונג קאָן אפשר זיין פאַר זיך גופא אַ טרוקענע, נישטקוקנדיק אויף דער אויפרעגונג פון דער גיריקייט צו מאַכן וואָס מער געלט, מיט וועלכן געשעפט איז געוויינטלעך פאַרבונדן, אָבער דערפאַר

קאָן ער מאַכן געלט נישט נאָר פֿון זיין אייגענער אַרבעט, נאָר
פֿון דער אַרבעט פֿון טויזנטער אַנדערע מענטשן און אויך זיין
אַרבעט איז נישט אומבאַדינגט קיין טרוקענע. מאָדערנע געשעפֿטן
ווערן וואָס אַמאָל מער אינטערעסאַנט און וויכטיק און אַפֿילו
מער וויסנשאַפֿטלעך, ווי געוויינטלעכע פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבעט. די
אַקטיוויטעט איז אַ מער פֿאַרשידנאַרטיקע, עס איז אַ פֿאַקט, אַז
מאָדערנע קאָמערציעלע מאַגנאַטן, ביים נאָכזען אַ טוץ פֿאַרשידנ-
אַרטיקע געשעפֿטן, ווערן גייסטיק בעסער אַנטוויקלט און מער
אינפֿאָרמירט, ווי מ'ווערט פֿון טוכלע ציפֿערן-פּראָפֿעסיעס. נאָך מער,
זיי קריגן אַריין די פֿעיִקסטע אוניווערסיטעטס-סטודענטן און צי-
ווילע דינער און מאַכן מיט זיי שותּפֿות, נישט אַלס בריאָ-פֿאַר-
וואַלטער, נאָר אַלס דענקער, דיפּלאָמאַטן און קאָמערציעלע וויסנ-
שאַפֿטס-מענער. און אין אינדוסטריעלע נישט אַנטוויקלטע לענ-
דער ווערן געשעפֿטס-לייט אַוועקגעשטעלט אין אַ נידעריקן מצב,
איידער געלערנטע און פּראָפֿעסיאָנאַלן. אין אייראָפּעיִשע מלוכות
אָבער, בילדן די געשעפֿטס-לייט אַ גרעסערן קולטורעלן צענטער
פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע לייט. אַ פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאָטער אָדער ציווי-
לער דינער זאָגט דעריבער זיין זון, אַז צו מוזן אויפֿשטיין אינ-
מיטן דער נאַכט כּדי צו גיין צו אַ קראַנקן איז אַ הינטיש לעבן
און ער פּרוּווט אים אויפֿווייזן דעם קאָנטראַסט אין די אומצאָלי-
קע פּערספּעקטיוון, וואָס עס זענען פֿאַראַן פֿאַר אַ סוחר מיט אַ
סך איניציאַטיוו און ער ראָט אים צו פֿאַריכטן דאָס, וואָס זיין
טאַטע האָט קאַליע געמאַכט און נעמען זיך צו געשעפֿט.

און וואָס איז אַזוינס געשעפֿט בכלל? געשעפֿט איז דינגען
ערד פֿון ערדאייגנטימער און אָפּגעשפּאָרט געלט פֿון קאַפּיטאַ-
ליסטן און באַשעפֿטיקן די הונגעריקע, כּדי צו מאַכן געלט פֿון
זיי, טאָג-טעגלעך צו באַצאָלן פֿאַר זייער לעבן און דאָך נאָך
מאַכן נישקשהדיקע פּראָפֿיטן. אַ דאַנק זיי קאָנען מענער און
פֿרויען מיט די נויטיקע פֿעיִקייטן און אַנטשלאָסנקייט, וועלכע
זענען דערצו נאָך שאַרף און געגוג פֿרעך אויף אַזאַ אופֿן מאַכן
ריזיקע פֿאַרמעגנס. און נאָך גרעסערע פֿאַרמעגנס ווערן אָפּטמאָל
געמאַכט צופֿעליק. עס טרעפֿט, אַז דער סוחר האָט גראָד אַריינ-

געקריגן עפעס א ניי אַרטיקל, וואָס געפעלט דעם עולם. מיליאָנען ווערן געמאַכט פון מעדיצינען וואָס פאַרדאַרבן דאָס געזונט אָנ-שטאָט צו פאַרבעסערן עס (לייענט Tono Bungay) און פון מיט-לען אַז די האָר זאָלן וואַקסן, פון וועלכע דער קויפער קריגט נאָך א גרעסערן פּליך ווי פריער; אַרטיקלען וואָס קיינער האָט זיי נישט בּויטיק, פון איינגערעדטע פאַרגעניגנס, וואָס גיבּן אייך בּלויז מי און קאָפּ-פאַרדרייעניש פאַר איבּערגעטריבּענע פּרייזן. דאָס רעקלאַמירט מען אַזוי לאַנג, בּיז מענטשן ווערן אריינגעצויגן און הייבּן אָן גלויבּן, אַז זיי קאָנען נישט עקזיסטירן אָן זיי.

אָבּער דער הויפּט-ציל אין מסחר איז פונדעסטוועגן ערנ-האַפטיקע און נוצלעכע אַקטיוויטעט, ווי למשל: זייען תבואה, בּויען הייזער, מאַכן מלבּושים, פאַבּריצירן גראָבּ-אייזנס און ניי-מאַשינען, פאַרציען טעלעגראַף ארום דער וועלט, בּויען גיגאַנטי-שע שיפן, כּדי צו פאַרוואַנדלען דעם ים אָדער די לופט אין א מין דורכפאָר-שאָסיי, פּראָיעקטירן דאָס אַלץ און אָנפירן מיט דעם — אָט דאָס שאַפט אַרבּעט פאַר פעיקע און ענערגישע מע-נער, וועלכע האָבּן נישט קיין פאַרמעגנס נור באַזיצן פונקט אַזא בּילדונג און סאָציאַלע באַנעמונג, ווי די רייכע, און די וואָס האָבּן בּילדונג נור זענען נישט אַזוי פעיק און ענערגיש און האָבּן נישט קיין באַשטימטע פּראָפעסיע, באַקומען באַשעפטיקונג אַלס אַגענטן אָדער בּיוראַליסטן, זיי פירן דורך די געשעפטלעכע אָפּעראַציעס און האַלטן די בּיכער פון געשעפטן, וואָס פעיקע האָבּן עטאַבּלירט און זענען דאָרט די דירעקטאָרן. די פרויען פון זייער קלאַס לעבּן אויף דעם זעלבּן אופן דורך הייראַט. אַזוי-אַרום באַקומען מיר צווישן דעם רייכן קלאַס און דעם הונגעריקן קלאַס אַ מיטל-קלאַס, וואָס איז ווי א מין השגחה צווישן ביידע קלאַסן. דער מיטל-קלאַס קולטיווירט דאָס לאַנד און פונקציאָנירט דעם קאַפּיטאַל פון די רייכע אייגנטימער. זיי צאָלן זיי רענטע פאַר זייער ערד און פּראָצענטער פון זייערע אָפּגעשפּאָרטע געלטער און פאָדערן נישט פון זיי איינצוטונקען אפילו אַ האַנט אין קאַלט וואַסער; זיי צאָלן די הונגעריקע שכירות און פאָדערן נישט פון זיי, זיי זאָלן טראַכטן אָדער באַשטימען, פאַרשטיין, אָדער

וויסן עפעס, אַ חוץ דעם טייל אַרבעט, וואָס זיי האָבן אין האַנט. זיי, די הונגעריקע, דאַרפֿן נישט קויפֿן די מאַטעריאַלן און נישט פֿאַרקויפֿן זייערע פּראָדוקטן. זיי דאַרפֿן נישט אָרגאַניזירן די דינסטן און נישט זוכן די קונים. אַזויווי קינדער, זאָגט מען זיי וואָס צו טון און מ׳גיט זיי עסן, דירה און מלבושים אָנצוטון, בעת זיי טון דאָס, וואָס מ׳הייסט זיי. זיי באַקומען נישט תּמיד אַלץ פֿונם בעסטן, אָבער גענוג צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן אויפֿברענגען אַ נייעם דור הונגעריקע, צו פֿאַרנעמען זייער אָרט, ווען זיי וועלן אויסגעמאַטערט ווערן.

עס זענען תּמיד פֿאַראַן עטלעכע אויסנאַמען, ווי קינדער פֿון נישט רייכע עלטערן, נור פֿאַרקערט, די הונגעריקסטע פֿון די הונגריקע, וואָס ווייזן זיך אַרויס צו זיין גאונים און קאָנען זאַכן, וואָס אַנדערע דאַרפֿן זיך לאַנג לערנען, און זיי בילדן זיך אַליין, אויף וויפֿיל זיי נויטיקן זיך אין בילדונג. אָבער די דאָזיקע זענען אַזוי ווייניק אין צאָל, אַז מ׳דאַרף זיי גאָרנישט אַריינרעכנען. אין גרויסע סאָציאַלע פֿראַגן האַנדלען מיר מיט די מעגלעכקייטן פֿונם דורכשניטלעכן בירגער. דאָס הייסט, מיט די מעגלעכקייטן, וואָס מיר קאָנען דערוואַרטן פֿון יעדן איינעם אַ חוץ קאַליקעס און אידיאָטן. בלויז אין עטלעכע פֿאַלן האָבן מענטשן, געבוירן אין אָרעמקייט און אומוויסנהייט, זיך דערהויבן צו הויכע שטופֿעס, געמאַכט גרויסע פֿאַרמעגנס און זענען באַוווּסט געוואָרן פֿאַר גרויסע פֿילאָזאָפֿן, אַנטדעקער, מחברים און אפֿילו הערשער פֿון קעניגרייכן, שוין נישט רעדנדיק פֿון הייליקע און מאַרטירער. מיר קאָנען אָננעמען, אַז מסחרים און פּראָפֿעסיעס זענען אויסגעשלאָסן פֿאַר די, וואָס קאָנען נישט לעזן און שרייבן, רייזן און פֿירן רעכנונגען, אַ חוץ קליידן זיך, רעדן שיין, באַנעמען זיך, אומגיין און אויסגעבן געלט, מער אָדער ווייניקער, ווי דער פֿאַרמעגלעכער קלאַס.

דאָס איז נאָך אַ סיבה פֿאַרוואָס מ׳דערציילט, אַז ביז מיט פֿופֿציק יאָר צוריק, איז אַ גרויסע מאַסע פֿון אונדזערע מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט פֿאַר וואָך־שכירות געווען אַזוי קאָמפּלעט אויסגעשלאָסן פֿון די פּראָפֿעסיעס און פֿון מסחר פּונקט, ווי ס׳וואָלט

געהערשט אַ געזעץ, וואָס האָט זיי פאַרבאָטן, אונטער אַ דראָונג פון טויט־שטראָף, נישט צו פּרוּוון זיך פאַרנעמען דערמיט. איך געדענק, ווען איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל, פלעג איך זיך תמיד וווּנדערן אויף דעם מאַן, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט ביי מיין פאָטער אַלס אַ מילנער. ער האָט נישט געקאָנט שרייבן, נישט לעזן, נישט אויפשרייבן אפילו קיין ציפער (מאַכן אַ רעכנונגל אויף פּאַפּיר) נור זיין נאַטירלעכע פעיקייט צו חשבונען אויפן קאָפּ איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער פלעגט אין איין רגע באַרעכענען אַלע חשבונות, וואָס זענען אויסגעקומען צו מאַכן אין משך פון זיין אַרבעט. למשל, אויב מ'האָט געדאַרפט באַרעכענען וויפיל פונט עס מאַכט אויס פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל זעק מעל אויף אַזאַ און אַזאַ פּרייז, האָט ער זיך אפילו נישט פאַרטראַכט און גלייך געזאָגט די סומע. נישט מיין פאָטער און נישט קיין איינער פון זיינע אָנגעשטעלטע האָט דאָס געקאָנט באַווייזן. פונדעסטוועגן, דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט דעם אַלף־בית און האָט נישט געקאָנט אויפשרייבן ביז צען אויפן פּאַפּיר און נישט געהאַט דאָס לשון, די באַנעמונג, נישט געקאָנט זיך אַזוי אַנטון, און נישט געהאַט די געוווינהייטן, אָן וועלכע ער האָט נישט געקאָנט אַריינגענומען ווערן אין דער געזעלשאַפט פון סוחרים און פאַבריקאַנטן אָדער פון אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים און גלחים, האָט ער געלעבט און איז געשטאָרבן אַן אָרעמער אַרבעטער, אָן דעם מינדעסטן האָפענונג צו דערהויבן זיך צו דעם מיטל־קלאַס, און אָן דער גרינגסטער פּרעטענציע אויף סאָציאַלער גלייכהייט מיט מיין פאָטער; און מיין פאָטער, ווידער, הגם ער האָט נישט געהאַט קיין פאַרמעגן און האָט געאַרבעט אַלס אַ מיטלקלאַס־ציווילער באַאַמטער און שפּעטער אַלס אַ סוחר איז אויף אַ האָר נישט שטאָלץ געווען דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ מיטגליד פון דעם מיטלקלאַס; פאַרקערט, ער האָט זיך געפילט ווי באַליידיקט דערפון. ער האָט מיט אַלע כּוחות אָנגעהאַלטן די באַקאַנטשאַפטן זיינע מיט דעם העכערן קלאַס. אַלס אַ יונגערער זון פון אַ סך פּריערדיקע יונגערע זין. און הגם ער איז אומגליקלעך דערנידעריקט געוואָרן, געהאַט אַ נישט

זייער קיין דערפאָלגרייך לעבן צוליב דעם, וואָס עס איז אים נישט געלונגען דורך שאַרפקייט צו דערגרייכן אַ העכערע שטעלונג, האָט ער געלעבט, ווי אַ פאַמיליען־פאָטער און אַ דזשענטלמען.

אָבער דאָס איז געווען מיט זעכציק יאָר צוריק. זינט דע־מאָלט איז איינגעפירט געוואָרן קאָמוניזם בגוגע בילדונג. ווען מיין פאָטערס מילנער וואָלט היינט געווען אַ יינגל, וואָלט ער געגאַנגען ניין יאָר אין שול אַריין, אַלציינס צי זיינע עלטערן וואָלטן געווען דערפון צופרידן אָדער נישט. אויף די הוצאות פון דער גאַנצער געמיינדע, און זיין פעיקייט צו מאַטעמאַטיק וואָלט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו געווינען „אַ סקאָלארשיפּ" און אַריינצוטרעטן אין אַ העכערער שול. דאַן, נאָך אַ סקאָלאַר־שיפּ, וואָס וואָלט אים געגעבן די מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט און אים קוואַליפיצירט פאַר אַ פּראָפעסיע, וואָלט ער געוואָרן דער ערשטער בוכהאַלטער אָדער ווען ער וואָלט אפילו געווען נור אַ בוכהאַלטער אָדער אַ ביוראַליסט, וואָלט ער שוין געווען קוואַליפיצירט אַלס אַ מיטלקלאַס־אַרבעטער און וואָלט אַריינגעטרעטן אין דעמדאָזיקן קלאַס.

די סאָציאַלע באַדייטונג פון דעם, איז דאָס, וואָס פריער האָבן די אַזוי גערופענע יונגערע זון און זייערע קרובים גע־האַט אַלע בעסטע שטעלעס און באַשטעטיקונגען, אויסשליסלעך פאַר זיך אַליין און איצט טרעטן אין אָט דעם מיטלקלאַס אַריין אויך קינדער פון דעם אַרבעטער־קלאַס. דידאָזיקע רעקרוטן, וואָס טראָגן זיך נישט אַרום מיט קיין דזשענטלמענישן נאָנסענס, זע־נען נישט נור בעסער געלערנט פון יענע בחורים, וואָס באַזוכן ביליקע מיטלקלאַס־שולן, נור זענען בעסער צוגעגרייט צו באַגע־גענען דאָס רעאַלע לעבן. אויך איז דער חילוק אין קליידן, באַנעמען און ריידן אַ סך אַ קלענערער, ווי ער פלעגט צו זיין אַ מאָל, טיילווייז, דערפאַר וואָס דער אַרבעטער קלאַס כאַפּט אויף די מאַניערן פון דעם מיטלקלאַס אָבער נאָך מער דערפאַר, וואָס זיי צווינגען אַרויף זייער אייגענע מאַניערן און ארט רעדן אויף דעם מיטלקלאַס. אַזאַ מאַן, למשל, ווו מיין פאָטער, א האַל־בער סוחר, וואָס שעמט זיך מיט זיין סוחרישקייט און איז נישט

פעיק איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו באַשליסן, אַז דערמיט מוז ער זיך פאַרנעמען, און אַ האַלבער דזשענטלמען, וואָס האָט נישט קיין פאַרמעגן ער זאָל קאָנען לעבן לויט זיין געוווינהייט און לויט זיינע פּרעטענציעס, וואָלט היינטיקע צייטן אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך דער קאָמפּעטיציע פאַר לאַנד-קאַפּיטאַל און פּאָסטנס אין דער ציוויל-דינסט דורך אַזעלכע מענער וועמעס עלטערזיידעס וואָלטן אַפילו נישט געחלומט צו זיצן ווען עס איז נאָנט נעבן זיי. די קענס פּוסטע אומפאַרמעגלעכע איידלקייט פון דער ציווילער דינסט, וואָס האָבן נאָרנישט געטון און זענען געווען געוואַלטיק חוצפּהדיק, מוזן זיך היינטיקע צייטן צופרידנשטעלן מיט אַזעלכע פּאָסטנס וואָס פון דעם מיטלקלאַס בלייבט איבער. זיי באַקלאָגן זיך, קעמפן, זענען אומצופרידן, אומגליקלעך. זיי מאַטערן זיך מיט אַ פאַלשער פּאָזיציע, באָרגן געלט (בעטלען אייגנטלעך) ביי די משפּחה, קאָנען בשום-אופן נישט רעאַליזירן, אָבער ווילן נישט מודה זיין, אַז זיי זענען דערנידעריקט געוואָרן פון דער פאַרמעגלעכער קלאַס נישט צו אַ צווישן-קלאַס, ווו אַלע בעסטע שטעלעס, אַלע בעסטע באַשעפטיקונגען, ווו עס פאָדערט זיך נור אַ ביסל בילדונג און אַ ביסל מאַניערן, האָבן געהערט צו זיי, נור גלייך אַראָפּ צו די שיכטן פון די סאַמע אָרעמסטע, די הונגעריקסטע, וואס נור אַן זייער פאַר-האַרטעוועטקייט, מאַכט פאַר די הונגריקע דאָס לעבן אַ ביסל דערטרעגלעכער.

און וואָס איז מכּוח די טעכטער? זייער אויפגאַבע איז זען צו טון אַ שידוך און חתונה האָבן. איך געדענק גאַנץ גוט די צייטן, ווען עס איז נישט געווען קיין שום האָפנונג אויף קיין אַנדער אויסוועג אין לערן פאַר זייערטוועגן; אויב עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן צו קריגען קיין מאַן און זיי זענען צופעליק נישט געווען פאַרזאָרגט מיט קיין ירושה, זיינען זיי גע-וואָרן גובערנאַנטקעס אָדער שול-לערערנס אָדער „געזעלשאַפטערינס" אָדער איידעלע בעטלערינס אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען פון „אָרעמע משפּחה". זיי זענען געווען גענוג פאָרזיכטיק דערצויגן, כּדי צו פילן אַז עס איז נישט שיין צו אַרבעטן, אַז ס'איז נישט

מעשה־דאַמע און נאָך ווייניקער פֿאַסיק פֿאַרצושלאָגן אַ מאַן צו הייראַטן. די פּראָפֿעסיעס זענען געווען פֿאַר זיי געשלאָסן. די אוניווערסיטעטן אויך, די געשעפֿטס־ביוראָס אויך, זייער אָרעמקייט האָט זיי אָפּגעשניטן פֿון דער העכערער. דער רייכערער געזעלשאַפֿט, זייער איידלקייט האָט זיי אָפּגעשניטן פֿון דעם פּשוטן אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז אַזוי אָרעם ווי זיי. זיי האָבן זיך מיט אַזעלכע נישט געקאָנט משדך זיין, און דאָס לעבן זייערס איז געווען אַ שפּיל פֿאַרן טייוול.

היינטיקע צייטן זענען פֿאַראַן אַ סך מער קאַריערעס פֿאַר פֿרויען. מיר האָבן פֿרויען אַדוואָקאַטן און פֿרויען דאָקטוירים וואָס פּראַקטיצירן. אמת אַז די קירך איז פֿאַר זיי געשלאָסן, צי איר אייגענעם שאָדן, מחמת זי וואָלט לייכט געקאָנט געפֿונען אויכדערווײלטע פֿרויען וואָס זענען פֿעיִקע פּרעדיקערינס אויף דער בימה און טויגלעכע געמיינדע־פֿירערינס און וואָלטן געקאָנט פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון אַ טייל ווייניקער פֿעיִקע מענער, מיט וועלכע מיר מוזן זיך אָפּטמאָל צופֿרידנשטעלן, אָבער פֿרויען קאָנען אויסקומען אָן קירכלעכע קאַריערעס אויך. היינט צוטאָג, ווען אַלע טירן זענען פֿאַר זיי אָפֿן פֿון אַפֿילו דעם ציוויל־דינסט, דאָס שליסן פֿון באָקסינג־ערטער פֿאַר פֿרויען איז אַ סאָציאַלע נויטווענדיקייט. טייל פֿרויען זענען פֿיל צו טייער, מיר זאָלן זיך קאָנען דערלויבן איינצושטעלן זייער לעבן, אחוץ דעמאָלט, ווען מיר קאָנען זיך נישט העלפֿן, ווי למשל ביי קינדער האָבן אויב עס וואָלטן געהרגעט געוואָרן ניינציק פֿון יעדער הונדערט יונגע לייט וואָלטן מיר נאָך געקאָנט דעקן דעם שאָדן, אויב אָבער ניינציק, פֿון יעדע הונדערט יונגע פֿרויען וואָלטן געהרגעט געוואָרן, וואָלט געווען אַ סוף צו דער נאַציע. דערפֿאַר זענען די מאָדערנע מלחמות וואָס זענען נישט באַגרענעצט צו האַלטן זיך אויף די שלאַכטפֿעלדער, נאָר רעגענען מיט אויפֿרייסנדיקע שטאָפֿן און פֿאַרסמטע גאַזן אויף ציוויל־מענער און פֿרויען אין זייערע פֿרידלעכע היימען, אַזוי פֿיל געפֿערלעכער ווי אַמאָליקע מלחמות פֿלעגן צו זיין.

אחוץ דעם באַקומען פֿרויען היינט צו טאָג בילדונג אַזוי־

גוט ווי די מענער. זיי באַזוכן אוניווערסיטעטן און טעכנישע שולן, אויב זיי קאָנען זיך נור דערלויבן און אזוי ווי די הויז־דינסט איז איצט אַ סוביעקט פון בילדונג און עס זענען פאַראַן ספּעציעלע שולן, ווו פרויען קאָנען זיך לערנען דידאָזיקע אַרבעט, קאָנען זיי זיך לערנען צו זיין פירעריגס פון האָטעלן אַזוי גוט ווי זיי קאנען זיך לערנען פּראַקטיצירן יוריספּאדענץ, מעדיצין, הויפּט בוכהאַלטעריע א. א. וו. בקיצור. קיין שום זאַך פאַרשטעלט נישט היינטיקע צייטן דער פרוי דעם וועג צום מסחר אָדער פּראָפּעסיאָנעלן לעבן סיידן פּאָראורטייל, אבערגלויבן, אַלטמאָדישע עלטערן שעמעוודיקייט, סנאָביזם, אומוויסנהייט לגבאי דער איצטיקער וועלט און אָפּגעשטאַנענקייט, צו וועלכן עס איז נור פאַראַן צוויי רפואות. דאָס איז מאָדערנע אידעען און אַ פעסטער כאַראַקטער.

עס איז נאַריש צו פּרווען באַגעגענען דאָס היינטיקע מאָדערנע לעבן מיט אידעען פון פאַר הונדערט יאָר, ווען עס איז געווען כמעט אַ געזעץ, אַז אַ פרוי, סיידן זי איז געווען אַ זשעני, טאָר נישט אַליין פאַרדינען אויף לעבן, ווייל טאָמער האָט זי געהאַט אַ געוועלב אָדער זי האָט זיך געחברט מיט אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ געוועלב, איז זי געסטעמפּלט געוואָרן פאַר נישט קיין דאַמע. איך וייס בעסער פון אייך (ווייל איך בין מסתמא אַ סך עלטער פון אייך). אַז די טראַדיציע פון יענע שלעכטע אַלטע צייטן פירן איבער מער ווי איין איידעלע נישט פאַרהייראַטע פרוי נאָך ביזן היינטיקן טאָג. נישט געקוקט אויף דעם זעען מיר יעדעס יאָר אַ פאַרגרעסערונג פון דער צאָל איידעלע פרויען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט מסחר, מיט פּראָפעסיעס און אפילו מיט געפערלעכע פּראָפעסיאָנעלע פאָרשונגען און איבונגען מיט קינאָמאַטאָגראַפישע אַפּעראַטן צו זייער דיספּאָזיציע.

אָט דעם דאָזיקן צוווקס איז גורם די גיגאַנטישער פאַנאַנדערשפּרייטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע וועלכע, ווי מיר האָבן געזען, רעדוצירט די אַלטע היימישע מלאכות פון קאָכן און באַקן, וועבן און שפּינען פון פריערדיקן איינקויפן אין באַזונדערע געשעפטן צום איצטיקן טעלעפאָנירן אין איין גרויסן סקלאַד אריין און באַשטעלן אַלץ, וואָס זי ברויך. מיר האָבן אויך

געזען, ווי אַזוי דער קאַפּיטאַליזם פירט צו געבורט־קאָנטראָל, וואָס האָט רעדוצירט די צאָל קינדער אין די היימען פון דעם מיטל־קלאַס אויף אַן אַנזעעוודיקן אופן. אַ סך פרויען פון דעם מיטל־קלאַס, וועלכע האָבן פריער מיט רעכט זיך געקלאָגט באַקלאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין סוף צו אַ פרויס אַרבעט אין הויז, האָבן היינט געווינג פרייע צייט. הגם עס איז שווער צו באַקומען דינסטן. עס איז גאַנץ באַגרייפלעך פאַרוואָס מ׳טענהט, אַז פרויען ווילן נאָך ארויסשטופן די מענער פון אַלערליי מיטלקלאַס־אַרבעטן, אַזוי ווי זיי האָבן שוין אַרויסגעשטופּט פון אַ סך סיטי־ביוראָס. מיר האָבן זיך שוין אָפּגעוווינט צו באַטראַכטן מסחרים און פּראָפעסיעס ווי אַ ספּעציעלע באַשעפטיקונג פאַר מענער.

הגם מענער זענען אַ שרעקלעכע מערהייט אין דידאַזיקע אָפּטיילונגען און וועלן דאָרט מוזן בלייבן אַזוי לאַנג, ווי עס וועט דויערן די פאַמיליע אָרדנונג, ווייל דאָס טראָגן, האָבן און דערציען קינדער, איינגעשלאָסן הויז־אַרבעט פאַרנעמט אַ גרויסן טייל פון איר צייט און די דאָזיקע אַרבעט איז דער פרויס נאַטירלעכער מאָנאָפּאָל און אַזוי ווי איר אַרבעט באַשטייט אין ברענגען לעבן אויף דער וועלט — איז עס די וויכטיקסטע פונקציע פון מענטשלעכן מין; עס גיט דער פרוי אַזאַ מאַכט און חשיבות, וואָס קאָן נישט דערגרייכט ווערן אין קיין שום פּראָפעסיע און מענער קאָנען עס בכלל נישט דערגרייכן און אויף וויפיל עס איז שקלאַפעריי, איז עס אָבער אַ שקלאַפעריי צו דער נאַטור און נישט צו קיין מענער! פאַקטיש איז עס גאָר אַ מיטל פאַר דער פרוי צו פאַרשקלאַפן דעם מאַן און שאַפן אַזוי אַרום אַ מענער־פּראָגע, וואָס ווערט אָנגערופן מיט דעם זייער נישט פּאַסיקן נאָמען „די פרויען־פּראַגע״. די פרוי אַלס ווייב און מוטער נעמט דאָ נישט קיין שום אָנטייל אין דער אַנטוויקלונג פון דעם, וואָס מיר גייען דאָ באַהאַנדלען איצט קאַפּיטל, וועלכעס וועט אַרומרעדן דאָס שטייגן פון דעם מסחר און די פּראָפעסיעס אין דעם מיטלקלאַס, וואָס איז אַנטשטאַנען פון דער פאַרמעגלעכער קלאַס. דאָס איז אַ גע־שלעכטלאָזע אַנטוויקלונג, מחמת ווען די נישט פאַרהייראַטע

טעכטער און די ייִנגערע זין ווערן דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, פאַרנעמען שטעלן אינם גייסטלעכן פּערסאָנאַל, אין די קירכן, ווערן געשעפטס-פירער, הויפּטבוכהאַלטערס. סוחרים, געשעפטס-אָנגעשטעלטע און סטענאָגראַפיסטן לאָזן זיי גאר איבער די געשלעכט-פראַגע אונטער זיך אַזוי ווי מענער טוען. אין געשעפט און פּראָפעסיעס איז נישט פאַראַן קיין פרויען און מענער. פונם עקאָנאָמ׳שן שטאַנדפונקט זענען זיי אַלע נייטראַל אויף וויפיל ס׳איז מענטשלעך מעגלעך. דער איינציקער שאָדן, וואָס דער פרוי קומט אויס צו ליידן, בעת זי פירט אַ קאָנקורענץ מיטן מאַן, איז דאָס, וואָס דער מאַן מוז אָדער דערגרייכן אַ געוויסן דערפאָלג אָדער האָבן אַן אבסאָלוטן דורכפאַל אין לעבן, בעת די פרוי האָט נאָך אַ שטריקל צו איר לעבנס-שלייף. דאָס איז די אויסזיכט חתונה צו האָבן. אויב אַ ייִנגע פרוי אַרבעט מיטן געדאַנק, אַז זי וועט בלויז אַרבעטן ביז זי וועט געפונען אַ פּאַסנדיקן שידוך, וועט זי קיינמאָל נישט באַהערשן די אַרבעט, ווי אַ מאַן מוז זי באַהערשן.

# XLV

אין ערשטן אויגנבליק קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז דער קלאַס אַרבעטערגעבער איז דער מעכטיקסטער קלאַס אינדערוועלט, ווייל אַלע אַנדערע קלאַסן קאָנען אָן אים נישט טון און זיי זענען עס טאַקע געווען מיט הונדערט יאָר צוריק. דער הערשנדיקער מאַן איז דעמאָלט געווען, נישט דער קאַפּיטאַליסט, נישט דער לאַנדווירט, נישט דער אַרבעטער נור דער אַרבעטסגעבער, וועלכער האָט געקאָנט באַוועגן דעם קאַפּיטאַל און דאָס לאַנד צו אַרבעט. דידאָזיקע אַרבעטסגעבער האָבן אָנגעהויבן זייערע קאַריערעס אַלס ביוראָ־אָנגעשטעלטע, ווייל דער מסחר איז צו יענער צייט געווען אַזוי שוואַך אַנטוויקלט, אַזוי מיניאַטור־מעסיק, אַז יעדער מיטלקלאַס־אָנגעשטעלטער, וועלכער האָט געלערנט דעם גאַנג פון מסחר אַלס אָנגעשטעלטער אָדער געהילף אין זיין פאָטערס געשעפט אָדער ערגעץ אַנדערש, האָט, אויב עס איז אים געלונגען צוזאַמענצוקראַצן אַ פּאָר הונדערט פונט, געקאָנט אַריינטרעטן אין שותפות מיט אַן אַנדערן פלייסיקן געשעפטס־אָנגעשטעלטן, עפענען צוזאַמען אַ וואָסער עס איז געשעפט און ווערן אַן אַרבעטסגעבער.

נור אַזוי ווי אָפּגעשפּאָרטע געלטער זענען זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן אין אַלץ גרעסערע און גרעסערע סומען און אונטערנעמונגען זענען אַ דאַנק דעם גרעסער געוואָרן, האָט זיך דער

מסחר אַנטוויקלט אין אַ ריזיקן פאַרנעם, און אַזעלכע קליינינקע פירמעס האָבן מער כּמעט קיין אָרט נישט געהאַט, ווייל די גרויסע פירמעס האָבן דירעקט און אומדירעקט אַוועקגענומען זייערע קונים; ווייל די גרויסע פירמעס מיט זייערע ריזיקע לאַגערן סחורות האָבן נישט נור געהאַט די מעגלעכקייטן צו פאַרקויפן ביליקער פון זיי, נור דערביי אפילו נאָך צו מאַכן גרעסערע פראָפיטן פון זיי. פרויען קאָנען דאָס אַליין זען, ביים איינקויפן. פריער פלעגן זיי קויפן זייערע שירעמס אין אַ ספּעציעל שירעם-געשעפט, זייערע שיך — אין אַ שיך-געשעפט, די ביכער — אין אַ בוכהאַנדלונג און זייערע מאָלצייטן — אין אַ רעסטאָראַציע. היינט צו טאָג קויפן זיי אַלץ אין איין געשעפט אפילו עסן באַקומען זיי דאָרט. ריזיקע באַזאַרן, ווי סעלפרידזשעס און ווייטלעס אין לאָנדאָן און די גרויסע וואַקסנדיקע געשעפטן אויף דער פּראָווינץ זענען די איינציקע ערטער, וווּ איר קאָנט באַקומען אַלץ, ווייל זיי נעמען צו דעם האַנדל פון די קליינע באַזונדערע געוועלבלעך און רויִנירן די קליינהענדלער. די אייגנטימער פון אָט דידאָזיקע געוועלבער, האַלטן זיך פאַר גליקלעך ווען זיי באַקומען שטעלעס אין די גרויסע, וואַקסנדיקע געשעפטן, אַלס אָנגעשטעלטע, פאַרקויפערס און פירער פון געוויסע דעפּאַרטאַמענטן, אויב זיי זענען נאָך נישט צו אַלט פאַר דערדאָזיקער ענדערונג אין לעבן.

טיילמאָל לאָזט זיך דידאָזיקע ענדערונג נישט אַזוי שטאַרק באַמערקן, געוויסע לאחדים-געשעפטן מוזן געפירט ווערן אין אַ קליינעם פאָרמאַט. קליינע געוועלבלעך זענען צעוואָרפן איבערן גאַנצן מאַרק, ווי למשל נאַפט-געוועלבער, שענקן און טאַבאַק-געוועלבער (דיסטריבוציעס). דידאָזיקע געוועלבער זעען-אויס ווי באַזונדערע קליינע געשעפטן; אָבער אינדעראמתן זענען זיי עס נישט. די שענקן געהערן מערסטן-טייל, טוצנווייז צו די ברויער-אייגנטימער און אַ הונדערט נאַפט-אָדער טאַבאַק-געוועלבלעך געהערן אָפט צו איין גרויסער געזעלשאַפט, וואָס רופט זיך „טראָסט“; פּונקט ווי די קליינע געשעפטלעך, וואָס פלעגן געפירט ווערן פון צוויי שותּפים, ווען מעס פאַרמעגן מ'האָט געקאָנט

ציילן אין הונדערטער איבערצייגיין צו גרויסע אונטערנעמער מיט געלט, וואָס האָט זיך געציילט אין טויזנטער, אַזוי מוון די הײנטיקע גרויסע געשעפטן אַריינגיין אין די טראָסט-געזעלשעפטן, ווו געלט ווערט שוין געציילט אין די מיליאָנען.

דידאָזיקע ענדערונגען פאַרוויקלען זיך איינס מיטן אַנדערן, אַ זאַך, וואָס פּאָליטיש איז זייער וויכטיק. ווען די אַרבעטסגעבער פלעגן קאָנען טון, וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט און האָבן געפירט געשעפטן אינגאַנצן פאַר זיך, באַזונדער און אומאָפּהענגיק — פלעגן זיי אַרבעטן מיט קליינעם קאַפּיטאַל און זיי האָבן גישט געהאַט קיין שוועריקייט עס צו באַקומען. מ׳האָט זיי פּשוט באַוואָרפן מיט געלט. די באַנקירן, וועלכע האָבן געהאַט אָפּגעשפּאָרט געלט און האָבן עס געמוזט האַלטן ביי זיך, ווי איר וועט שפּעטער זען, זענען צופרידן געווען עס צו אויסבאָרגן. דאָס זענען געווען די טעג פון די יחוסדיקע באַוול-לאָרדן און האַנדלספּרינצן. דער מענטש, וועלכער האָט געהאַט די פעיקייט אָנצופירן אַ געשעפט האָט גוט פאַרדינט. ער האָט זיך אַרויסגענומען דאָס געלט פון שופלאָד, באַצאָלט דעם הויזווירט און דאָס איבעריקע איז געווען זיין. דער קאַפּיטאַליסט (וואָס איז אין רוב פאַלן געווען טאַקע ער אַליין) האָט באַקומען זיינע פּראָצענטן און די אָנגעשטעלטע זייער שכירות; אויב ער איז געווען פעיק פלעגט ער זיך כמעט תמיד אַרויפאַרבעטן. דאָס וואָס איז געבליבן פון געשעפט איז גענוג געווען, אַז ער זאָל אַזוי רייך ווערן, אַז ער זאָל קאָנען אַריינטרעטן אין פּאַרלאַמענט, אויב ער האָט חשק געהאַט. טיילמאָל איז דאָס גענוג געווען, ער זאָל באַקומען די מעגלעכקייט צו שאַפן זיך אַ וועג צווישן די באַראָנען. אַזוי ווי קאַפּיטאַל איז געווען אומניצלעך און אַרבעט איז געווען הילפלאָז אָן אים, איז ער געווען, ווי אַן אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט האָט עס אַמאָל אָנגערופן, דער מייסטער פון דער סיטואַציע.

ווען די פּאַרטייניקטע אַקציאָן-געזעלשאַפטן, וואָס מ׳האָט פריער געמיינט, אַז זיי זענען פעיק אָנצופירן נאָר מיט בענקאַקציעס און פאַרזיכערונג זענען אַריינגעטרעטן אין אַלגעמיינעם

כּסחר, האָט זיך דער מצב פון די אַרבעטסגעבער אָנגעהויבן צו ענדערן. אין אַ פאַרייניקטער אַקציען־געזעלשאַפט האָט איר היינט אָנשטאָט איין אָדער צוויי קאַפּיטאַליסטן, הונדערטער קאַפּיטאַליסטן. זיי רופן זיך אַקציאָנערן. יעדער לייגט אַריין. אַזויפיל, וויפיל זי אָדער ער קאָן זיך דערלויבן; עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט הונדערט פונטיקע אַקציעס און שפּעטער האָבן זיי אנגעהויבן אָנצונעמען צען און איין פונטיקע אַקציעס, אַזוי אַז אַן איינציק געשעפט קאָן היינט צו טאָג געהערן צו אַ האָפטע קאַפּיטאַליסטן אייגנטימער, וואָס אַ סך פון זיי זענען אָרעמער פון מענטשן, וועלכע וואָלטן פאַר דידאָזיקע קאָמפּאַני־צייטן נישט געחלומט אפילו צו זיין אייגנטימער. דאָס האָט געבראַכט צוויי רעזולטאַטן: דער ערשטער איז געווען דאָס, וואָס אַ פרוי, וועלכע האָט געקאָנט אָפּשפּאָרן פינף פונט, האט געקאָנט דערלויבן אַ געזעלשאַפט, זי זאָל עס אויסגעבן און אַזוי אַרום האָבן דאָס רעכט צו זאָגן, אַז פינף שילינג אַ יאָר פון די פאַרדינסטן פון דער און דער געזעלשאַפט אַזוי לאַנג ווי זי וועט עקזיסטירן, געהערן איר. אויף אַזאַ אופן איז דער קאַפּיטאַליזם געשטאַרקט געוואָרן דורך דער אויסברייטונג פון קאַפּיטאַל און אינדוסטריע, פון רייכע מענטשן מיט גרויסע סומען אָפּגעשפּאָרט געלט, ביז אָרעמע מיט קליינע סומען. אָבער די אַרבעטסגעבער זענען שוואַכער געוואָרן. זיי האָבן לסוף אינגאַנצן פאַרלוירן זייער אויבערהאַנד און זענען אַליין געוואָרן אַרבעטער.

אויף אַזאַ אופן איז געשען, אַז דער פאַרייניקטער אַקציען־געזעלשאַפט־סיסטעם האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו זאַמלען אַ סך גרעסערן קאַפּיטאַל, מיט וואָס אָנצוהויבן געשעפט, ווי עס האָבן געקאָנט טון די פריערדיקע איינצלנע פירמעס. עס איז שוין פריער באַוווּסט געווען, אַז אַן אַרבעטסגעבער, וואָס האָט פאַרמאָגט פאַר טויזנט פונט מאַשינען און אַנדער געצייג צו דער אַרבעט האָט געקאָנט אָפּגעקויפט און אַרויסגעטריבן ווערן פון אַן אַרבעטסגעבער, וואָס האָט פאַרמאָגט צוואָנציק טויזנט פונט. דער אַרבעטסגעבער האָט אָבער גרינג געקאָנט באַקומען געבאָרגט די צוואָנציק טויזנט פונט, אויב מ׳האָט נור געגלויבט,

אַז עס שטייט אים פֿאַ ... פֿאַרדינען ביים געשעפֿט. אָבער ווען אויף דער אַרענע זענען אויפֿגעקומען די געזעלשאַפֿטן און האָבן אָנגעהויבן צו טרייבן די געשעפֿטן מיט הונדערטער טויזנטער פֿונטן און האָבן אָנגעהויבן מאַכן קאָמבינאַציעס, „טראַסטן" אין וועלכע ס'זענען אַריינגעלייגט געוואָרן מיליאָנען פֿונטן, זענען די קליינע אונטערנעמער אונטערגעגאַנגען. זיי האָבן נישט געקאָנט באַקומען אַזעלכע סומען פֿון זייערע באַקאַנטע, קיין שום באַנק האָט נישט דערלאָזט, אַז זיי זאָלן נעמען אַזויפֿיל מער, איבער דער קאָנטאָ, כּדי צו באַקומען מער קאַפּיטאַל, האָבן זיי געמוזט פֿאַרוואַנדלען זייערע געשעפֿטן אין פֿאַראייניקטע אַקציע-געזעלשאַפֿטן.

אין פֿלוג זעט עס אויס צו זיין פּשוט, אָבער פֿאַר די אונטערנעמער האָט זיך עס אַרויסגעוויזן צו זיין נישט אַזאַ לייכטער ענין. איר וואָלט, האָף איך, נישט געקויפֿט קיין אַקציעס אין אַ נייער געזעלשאַפֿט, סיידן איר וואָלט געזען „גוטע נעמען", ווי מ'זאָגט, פֿאַרבונדן מיט דער אונטערנעמונג, וואָס וואָלטן געוויזן, אַז אַ האַלב טוץ פֿון זיי, וועמען איר גלויבט צו זיין רייך, ערלעך, געניטע סוחרים און אין אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן סאָציאַלן מצב, אויב איר וואָלט יאָ געקויפֿט, וואָלט איר זיכער חרטה געהאַט.

נו, און די קונץ פֿון קריגן פּונקט די מענטשן מיט די גוטע נעמען און צו קאָנען זיי פֿאַראינטערעסירן איז אַזאַ קונץ, וואָס איז פֿאַרן גרעסטן טייל אונטערנעמער פֿרעמד. דערפֿאַר זענען זיי געצוווּנגען צו גיין צו מענטשן, וואָס האָבן זיך עס געמאַכט פֿאַר אַ ספּעציעלער פּראָפֿעסיע; אויב זיי ווילן באַקומען געלט אויף אַ מאָדערנעם שטייגער מוזן זיי וויסן וווּ צו גיין און ווי אָנצוהויבן. דידאָזיקע מענטשן רופֿט מען אוואַנסירער, הגם זיי רופֿן זיך אָפּטמאָל פֿינאַנסיסטן. זיי רעכנען פֿאַרשטייט זיך זייער אַ הויכן פּראָצענט פֿאַר זייערע טובֿות און די בוכפֿירער און אַדוואָקאַטן, וועמעס רעפּוטאַציעס עס פֿאָדערן קאָמפּעטענץ צורעכענען אַ הויכן פּרייז פֿאַר זייערע נעמען. זיי אַלע געפֿונען, אַז זיי קאָנען מאַכן אַזעלכע גוטע געשעפֿטן דורך אַרויסגעבן

גרויסע קאַפּיטאַלן, אַז עס לוינט זיך זיי נישט אָפּצוגעבן מיט קיין קליינע. און דער פּועל־יוצא דערפון איז, אַז אַן אונטער־נעמער באַקומט גיכער אַ גרויסע סומע, איידער אַ קליינע; אויב ער וויל נישט מער ווי צוואָנציק טויזנט פונט, ווייזן אים די אַוואַנסירעס און פינאַנסיסטן די טיר; אַזאַ קליינע סומע שענקן זיי גאָרנישט קיין אויפמערקזאַמקייט. אויב ער וויל הונדערט טויזנט פונט וועלן זיי זיך איינהערן מיט אינטערעס און וועלן עס אפשר קריגן פאַר אים. די מעשה איז דאָס, וואָס הגם ער מוז צאָלן פּראָצענט פון הונדערט טויזנט פּינט און ער איז אַ בעל־חוב אויף הונדערט טויזנט פונט, איז ער גליקלעך, אויב ער קריגט זיבעציק טויזנט פונט אין געלט, די „פּראַמאָטערס" און פינאַנסיסטן צעטיילן די איבעריקע דרייסיק טויזנט פונט צווישן זיך, ווי שכר פאַר זייערע בעמען און זייער אַרבעט, צו באַקומען פאַר אים דאָס געלט. די אונטערנעמער זענען הילפלאָז. עס איז אַ פאַל פון נעם עס אָדער לאָז עס איבער. אויב זיי באַשטייען נישט אויף די קאָנדיציעס, באַקומען זיי נישט קיין קאַפּיטאַל. אַזוי אַרום זענען היינט די באַנקירן און זייערע מעקלער די מייסטערס פון דער סיטואַציע און די מענער וועלכע פירן און האַלטן פאַקטיש אויף די אינדוסטריע פונם לאַנד, וועלכע האָלטן געווען גרויסע מאַגנאַטן אין דער קעניגין וויק־טאָריעס צייטן, זענען איצט אונטער די נעגל פון מענער, וועל־כע האָבן קיינמאָל אין זייער לעבן נישט באַשעפטיקט קיין אינדוסטריעלן אַרבעטער, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט איבערגע־ט־עטן די שוועל פון אַ פאַבריק, אָדער אַ מינע און חלומען קיינמאָל נישט וועגן דעם.

און דאָס איז נאָך נישט אַלץ. ווען אַן אַרבעטסגעבער פאַרבינדט זיין געשעפט מיט אַן אַקציען־געזעלשאַפט, ווערט ער אַליין אַן אַרבעטער. ער קאָן זיין דער הויפּט־אָנגעשטעלטער און האָבן צו שאַפן איבער אַלע איבעריקע אָנגעשטעלטע, אָננע־מען און אָפּזאָגן זיי, ווי ער געפינט פאַר נויטיק, אָבער ער איז דאָך אַן אָנגעשטעלטער און די אַקציאָנערן קאָנען אים אָפּ־זאָגן און צונעמען אַן אַנדערן אויף זיין אָרט, אויב זיי האַלטן,

אַז ער נעמט צופיל פאַר זיין דינסט. קען מען אָט אַזאַ מעגלעכקייט פאַרזיכערט ער זיך אָפּט דערמיט, וואָס ער פאַרקויפט זיין געשעפט צו דער געזעלשאַפט, תחילת פאַר אַ געוויסע צאָל אַקציעס, וואָס זאָלן זיין גענוג צו קאָנען איבערלויפן מיט שטימען די אומצופרידענע אַקציאָנערן (יעדער אַקציע מיינט אַ שטימע). אלנפאַלס איז זיין פּאָזיציע, אַלס דער וואָס האָט געגרינדעט דאָס געשעפט, וועלכעס האָט געבראַכט אַ גוטן רווח, אָדער ווי ער רעדט איין די איבריקע אַקציאָנערן, אַז עס האָט געבראַכט — נאָך גענוג שטאַרק, אָבער ער לעבט דאָך נישט אייביק...

ווען ער שטאַרבט אָדער ווערט צו אַלט צו אַרבעטן, מוז מען געפינען אַ נייעם געשעפטספירער און דער ממלא־מקום איז נישט זיין יורש, נור אַ פרעמדער, וועלכער טרעט אַריין אַלס אַן אָנגעשטעלטער, וועמען מ׳קאָן צו יעדער צייט אָפּזאָגן. וועלכער פירט דאָס געשעפט פאַר שכירות און אפשר אַ געוויסן פּראָצענט פון די פאַרדינסטן.

קומט אויס, אַז אַ פעיקער אָנגעשטעלטער, געשעפטס־פירער קאָן פאַרדינען הויכע שכירות און האָבן אַ גרויסן כוח, ווייל כל־זמן ער איז נאָך נישט אויסגעאַרבעט, איז ער זייער נויטיק, אָבער ער קאָן נישט זיין אזוי אַבסאָלוט נויטיק ווי עס זענען געווען די אַלטע אַרבעטסגעבער, וועלכע האָבן אַנטדעקט זייערע אייגענע מעטאָדן און האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערע „געשעפטס־סעקרעטן" מיט אייפער. הגם זייערע מעטאָדן האָבן זיך נישטווילנדיק געמוזט פון זיך אַליין אַנטדעקן, ווייל זיי האָבן זיך דאָך געמוזט אויפלייזן אינם געשעפטס־מאַרשרוט האָט במילא יעדער אָנגעשטעלטער — ער האָט געמעגט זיין לחלוטין נישט אינטעליגענט — זיך באַקענט מיט אָט די סודות. דער איינציקער געשעפטס־סוד, וואָס האָט געהאַט עפּעס אַ ממשות, איז געווען די נייע מאַשינעריע, וואָס איז איינגטלעך גאָר קיין סוד נישט געווען, מחמת אַלע גרויסע מעכאַנישע דערפינדונגען, ווערן באַלד קאָמוניזירט דורכן געזעץ. דאָס הייסט, אַז אנשטאָט דער דערפינדער זאָל האָבן דאָס רעכט צו האַלטן זיין דערפינדונג פאַר זייגס

אַ פּריוואַט-אייגנטום אויף שטענדיק און ער זאָל צווינגען די אַלע וואָס ווילן זיך באַנוצן דערמיט, צו צאָלן אים אַ טייל פון די פאַרדינסטן — האָט ער נישט דאָס רעכט אויף אַזאַ אָפּמאַך אונ־טער אַ פּאַטענט פאַר פערצן יאָר. דערנאָך קאָן עס יעדער איינער געברויכן. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן דעם אומפאַרמיידלעכן רע־זולטאַט. מען דאַרף זיין אַ גאון, לאָמיר זאָגן צו אנטדעקן אַ דאַמף-מאַשין, אָבער קוים איז זי אַנטדעקט, קאָן יעדער פּשוטער בעל־מלכה זי פירן און ווען זי ווערט אָפּגענוצט, קאָן יעדער געוויינטלעכער פירער פון מאַשינען, קאָפּירן אָט די מאַשין און אוועקשטעלן אַ נייע אויף איר אָרט. דאָס אייגענע איז מיט אַ מסחר, הגם מ׳דאַרף אפשר האָבן אַ באַזונדערן טאַלאַנט, איניציאַ־טיוו, ענערגיע און קאָנצענטראַציע צו אַנטוויקלען אַ ניי געשעפט, ווען מ׳האָט עס איינמאָל אָוועקגעשטעלט און דער סדר וויאַזוי צו אַרבעטן אין דעם, איז עטאַבלירט — קאָן עס געפירט ווערן פון גאַנץ געוויינטלעכע מענטשן, אַבי נור זיי האָבן זיך אויסגע־לערנט דעם אופן וויאַזוי עס דאַרף געפירט ווערן און זיי רע־כענען זיך מיט אַ באַשטימטן געזעץ.

אויב דו ביסט אין ספק וועגן עפּעס, זע וויאַזוי מ׳האָט זיך בוהג געווען פריער און טו דאָס אייגענע נאָכאַמאָל. אַזוי־אַרום קאָן אַן אויסערגעוויינטלעך קלוגער און פּעזקער סוחר, עפענען און אַנטוויקלען אַ געשעפט און איבערלאָזן עס פאַר זיין פּשוטן זון, ער זאָל עס פירן נאָך זיין טויט. און דער זון קאָן עס גאַנץ גוט פירן, הגם ער האָט באמת קיין טויזנטס חלק דערפאַרונג נישט אין מסחר ווי זיין פעזקער פאָטער, אָדער דער פאָטער קאָן איבער־לאָזן דאָס געשעפט צו זיין טאָכטער מיט דער זיכערקייט, דאָס אויב זי אַליין וועט נישט קאָנען זיין די דירעקטאָרשע, וועט זי קאָנען דינגען אַן אָנגעשטעלטן געשעפטס־פירער, וועלכער וועט עס פאַר אַ געהאַלט פּלוס אַ געוויסן פּראָצענט גערן פירן פאַר אירעט־וועגן. די באַרימטע קרופּ־פאַבריק אין דייטשלאַנד געהער צו אַ דאַמע. איך וועל נישט גיין אַזוי ווייט און זאָגן, אַז די אָנגע־שטעלטע געשעפטס-פירער זענען געוואָרן אַ מין מאַניע אויפן מאַרק, הגם אין די קליינע געשעפטן, וועלכע ווערן נאָך אַלץ

געפירט אויפן אַלטן שטייגער אין די אָרעמע געגנטן, צאַלט אָפּט־מאָל דער סוחר זיינע גוט־געלערנטע אָנגעשטעלטע מער ווי ער אַליין ציט אַרויס פון זיין געשעפט. אָבער דער מאָנאָפּאָל פאַר־געשעפטס־טעכניק, וועלכער האָט געגעבן דעם קאַפּיטאַליסטן אַר־בעטסגעבער די אויבערהאַנט אינם נייצנטן־יאָרהונדערט, איז אַוועק אויף תמיד. אַרבעטסגעבער זענען היינט־צו־טאָג נישט דווקא קיין קאַפּיטאַליסטן און זיי האָבן נישט דעם מאָנאָפּאָל פאַרן געשעפט־לעכן באַרוף. די פּאָליטישע און סאָציאַלע מאַכט פון וואָס זייערע פאָרגייער האָבן גענאָסן איז אַריבער צו די פינאַנסיסטן און באַנ־קירן, וועלכע מאָנאָפּאָליזירן די קונסט פון זאַמלען מיליאָנען אָפּגעשפּאָרט געלט. דערדאָזיקער מאָנאָפּאָל וועט צעטרייסלט ווערן און זיין צייט וועט קומען דורך קאָמוניזירן די בענק, צו וועלכן מיר וועלן זיך בכלל אומקערן.

דערווייל קאָנט איר צוזאַמענגעמען די אַלע פאַזן פון אַנט־וויקלונג אין אייער מוח און א טראַכט טון מיט שכל מכוח דעם מיטלקלאַס, איר ווייסט שוין איצט, וויאַזוי ס'איז אַנטשטאַנען פון דעם פאַרמעגלעכן קלאַס א מין געבילדעטע יינגערער זון־קלאַס, וואָס האָט נישט קיין פאַרמעגן און האַלט זיך אויס דורך פּראַק־טיצירן די פּראָפעסיעס און די געשעפטן פון דעם הויכן קלאַס. איר ווייסט שוין וויאַזוי ער האָט זיך דערהויבן צו דער העכס־טער מאַכט און רייכקייט און עס איז געקומען די מאָדערנע מאַשינעריע, וועלכע מ'רופט: די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע און אויפגעהויבן דעם מסחר צו אזא גרויסע קאָמפּליצירטקייט אַז נישט דער פאַרמעגלעכער קלאַס און נישט דער אַרבעטער־קלאַס, האָבן אים געקאָנט פאַרשטיין און דער מיטעלער קלאַס וואָס האָט אים יאָ פאַרשטאַנען (זיי רופן זיך אין אַלגעמיין אַרבעטסגעבער), איז געוואָרן דער מייסטער פון דער סיטואַציע. איר ווייסט, אַז ווען די ערשטע גענעראַציע אַרבעטסגעבער האָבן אויסגעפונען, וויאַזוי צו טון דידאָזיקע אַרבעט און זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די אַר־בעט אַזוי, אַז דער פאַרשטענדיקער מענטש האָט זי זיך געקאָנט לערנען און דערנאָך פּראַקטיצירן, און ווען אַלץ וואָס איז גע־בליבן צו טון איז געווען צו קריגן מער און מער קאַפּיטאַל, כדי

צו שפּייזן דעם מסחר, וואָס איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג — איז די אויבערמאַכט איבערגעגאַנגען פון די אַרבעטסגעבער צו די פינאַנסיסטן, וועלכע האַלטן אים ביז היינט צו טאָג אין זייערע הענט. איר ווייסט אויך, אַז די לעצטע ענדערונג איז באַגלייט געוואָרן פון אַן ענדערונג אינם אַרבעטסגעבערס סאָציאַלן שטאַנד און אנשטאט צו דינגען דאָס לאַנד און דעם קאַפּיטאַל פון דעם רייכן קלאַס פאַר א באַשטימטע רענטע און באַשטימטע פּראָצענטער און נעמען אַליין, וואָס בלייבט איבער אַלס פּראָפיט — איז ער איצט באַשעפטיקט אַלס אָנגעשטעלטער צו פירן די געשעפטן פאַר די געזעלשאַפטן און טרעסטן און די אַקציאָנערן נעמען אַליין, וואָס בלייבט איבער נאָכדעם ווי זיי האָבן באַצאָלט רענטע און שכירות (זייער שכירות איינגעשלאָסן). איר זעט, אַז זוכנדיק אַזעלכע פּאָסטנס, מוז ער אַקעגן קומען די קאָנקורענץ נישט בלויז מצד אַנדערע מענער פון מיטל-קלאַס, נור אויך מצד די קלוגע זין פון דעם אַרבעטער-קלאַס, וועלכע האָבן זיך דערהויבן צום מיטל-קלאַס דורך בילדונג וואָס זיי האָבן באַקומען אויף די הוצאות פונם כלל. א דאַנק אונדזער סיסטעם פון „סקאָלאַרשיפּס” סובסידיעס, וועלכע איז אייגנטלעך א מין לייטער, וואָס פירט פון די עלעמענטאַר-שולן צו די אוניווערסיטעטן, אָדער פּאָליטעכניקומס. איר זעט ווייטער, אַז דאָס רירט נישט אָן בלויז די אַרבעטסגעבער, נור אויך די אַלערליי אָנגעשטעלטע און בוכהאַלטערן. בוכהאַלטעריע איז פריער געווען דער מאָנאָפּאָל פון די ווייניקער ענערגישע זין פון דעם מיטל-קלאַס; איצט ווען יעדער איינער מוז באַזוכן א שול, איז דער מאָנאָפּאָל פון דעם מיטל-קלאַס איבערצושרייבן, לעזן און רעכנען, שוין א זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. און פעיקע האַנט-אַרבעטער באַקומען בעסער שכירות פון בוכהאַלטערס, ווייל זיי זענען נישט אַזוי בנמצא. וואָס שייך קאַמער-מיידלעך, איז וועלכע געווינטלעכע סטענאָגראַפיסטין זיי נישט מקנא, צוליב זייערע באַקוועמלעכקייטן? דער מיטלשטאַנד אין לעבן שטעלט שוין היינט נישט צופרידן דעם טריומף-געזאַנג, וואָס דאַניעל דעפאָע האָט אויפגע-

הויבן, מחמת דער וואָס האָט נישט קיין ספּעציעלן טאַלאַנט צו עפּעס. אַ העכערע אַרבעט איז הײַנטיקע צײַטן דער אומוויכטיק־סטער עלעמענט און געהערט צו דעם נידעריקסטן קלאַס.

# XLVI

## דער פּראָל־עטאַריאַט

מיר האָבן קאָנטראָלירט אביסל דעם מיטל-קלאַס. איצט לאָמיר זיך ארומקוקן מכּוח די נידעריקע קלאַסן. די הונגעריקע, די אַרבעטנדיקע, די מאַסן, דער המון-עם אָדער, ווי איר רופט זיי דאָרטן; די קלאַסישע קולטור האָט אַנטדעקט אַן אַלגעמיינעם נאמען פאַר אַלע מענטשן פון יעדער נאַציע, קאָליר געמיינדע סעקטע, אָדער סאָציאַלע פּרעטענציע, וואָס האָבן נישט קיין לאנד, קיין קאַפּיטאַל, (קיין אייגנטום) און מוזן זיך פארדינגען אויף צו פאַרדינען אַ שטי„ל ברויט; זייער נאָמען איז פּראָלעטאריער, אָדער אין אַלגעמיין גענומען, דער פּראָלעטאַריאַט. קאַרל מאַרקס, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין רהייניש דייטשלאַנד אין 1818 און איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן אין 1883 נאָכדעם ווי ער האָט פאַרבּרענגט די לעצטע פיראונדרייסיק יאָר פון זיין לעבן אין ענגלאַנד, ווו ער האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט שטודירן די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם דאָ ביי אונדז, איז געווען און איז נאָך היינט אויך דער באַרימטסטער שאַמפּיאָן פונם פּראָלעטאַריאַט, זינט דער אמתער אָרגאַנישער טייל פון דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט פאר וועמען אַלע אַלטע באַפעלערישע און פאַרמעגלעכע קלאַסן מוזן זיך סוף-כּל-סוף בייגן. ווען מאַרקס האָט אויפגעהויבן זיין באַרימטן אויפרוף „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך", האט ער געמיינט, אַז די אַלע וואָס

לעבן פון פארקויפן אָדער פארדינגען זייער אַרבעט, זאָלן מאַכן קאָמבינאַציעס, וויאַזוי אָפּצושאַפן פריוואַט-אייגנטום פון לאַנד און קאַפּיטאַל און צווינגען יעדן איינעם צו טון איר אָדער זיין טייל פון דער וועלטס-אַרבעט און צעטיילן זיך מיט דער פּראָדוקציע, אָן יעדער סאַטיספאַקציע פאַר די לײדיקגייער.

די שוועריקייטן זענען אין יענער צייט באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אַרבעטסגעבער, אָן וועמען די אַרבעטער האָבן זיך נישט געקאָנט באַגיין, זענען דעמאָלט געווען שטאַרק, רייך, אומאָפּהענגיק און מייסטערהאַפט, זיי האָבן נישט בלויז פארמאָגט אַ גרויסן טייל לאַנד און קאַפּיטאַל, נור זיי האָבן טאַקע געמיינט צו ווערן פּריצים, ווען זיי וועלן אויפהערן אַרבעטן ערשט דעמאָלט, ווען זיי האָבן שוין אָנגעהויבן אויפצושטייגן צו אַ מדרגה פון אַרבעטן פאַר שכירות און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס, האָבן זיי זיך אויך אָנגעהויבן צוהערן צו קאַרל מאַרקס. איר פאַרשטייט, זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלירן דעם אינטערעס אין פּריוואַט-אייגנטום מיט זייערע רענטעס און דיווידענדן און זיי זענען געוואָרן פאַראינטערעסירט נור אין דעם פּרייז, וואָס מ'וואָלט געקאָנט ארויסבאַקומען פון די גוט-באַזיצער און קאַפּיטאַליסטן פאַר אַקטיווע אַרבעט, פאַר אַרבעט וואָס ווערט געטון מיט די הענט און דעם מוח, אנשטאַט דעם וואָס זיי האָבן געוואָלט געבן דעם אַרבעטער-קלאַס וואָס ווייניקער און אַרויסבאַקומען וואָס מער, ווילן זיי שוין איצט אַז אייגנטום זאָל זיין וואָס ווייניקער און פאַר דעם סאָרט אַרבעט, וואָס זיי אַליין טוען, זאָל מען באקומען וואָס מער. זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז גוטע פיזישע אַרבעט הויבט אָן וואָס ווייטער בעסער זיך צו באַצאָלן און אפילו סתם פיזישער כוח, צאָלט זיך נאָך אַלץ בעסער פון בוכהאַלטעריע און פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט.

און עס איז נוצלאָז צו טענהן, אז מען שטייט העכער פון אַלע אנדערע מענטשן, ווען מען איז אָרעמער פון זיי. עס פירט בלויז דערצו, מען זאָל מוזן דערשיינען בעסער געקליידט און בכלל פירן אַ קאָסטבאַר לעבן, האָבנדיק ווייניקער געלט,

אָנזאָגן אייערע קינדער, זיך נישט צו חברן מיט דעם גרעסערן טייל אַנדערע קינדער, בעת יענע קינדערס עלטערן זאָגן גאָר אָן זייערע קינדער זיי זאָלן זיך נישט חברן מיט אייערע. אויב די עלטערן פאַרשטייען נישט די פוסטע גאווה פון אזעלכע פרעטענציעס, פאַרשטייען עס די קינדער. איך געדענק נישט, וואָס איך האָב געטראַכט, ווען איך בין געווען א יינגל, כ'האָב געטראַכט ווי נאַריש עס איז פון מיין פאָטער, וועלכער האָט געהאַט א הורט-געשעפט און האָט זיך צוליב דעם געהאַלטן גרויס אַקעגן זיין שניידער, וועלכער האָט מער ווי יעדער אַנדערער געוווסט מיט וויפיל מיין פאָטער איז אָרעמער פאַר אים. דער שניידער האָט געהאַט א פרעכטיקע וווינונג מיט א שיין קולטיווירט שטיק פעלד אין שיפלעך ביים ים; בעת מיר האָבן געמוזט פאַרברענגען דעם זומער אין א זעקס-שטוביק דאָרפס-הייזל מיט א קליין גערטנדל. די קרעמער פון „גרויס קראַפטאָן סטריט" אין דובלין האָבן פאַרשטייט זיך איבערגעיאָגט דעם שניידער מיט זייערע פאַלאַצן און שפאַציר-שיפן און זייערע קינדער האָבן געהאַט אזעלכע לוקסוס-זאַכן, פון וואָס איך האָב אפילו קיינמאָל נישט געחלומט ווען עס איז אַמאָל א מעגלעכקייט צו האָבן א חוץ דעם. וואָס זיי באַקומען א סך א טייערערע שולבילדונג. מיין פאָטערס שטאַרקער גלויבן, אַז זיי זענען געווען צו נידריק צו חברן זיך מיט מיר, דעמאָלט ווען עס איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז איך בין געווען צו אָרעם זיך מיט זיי צו חברן, איז אפשר געווען פאַר אים א מין פאַנטאַסטיש ממשותדיקייט, נור פאַר מיר איז עס געווען נישט מער, ווי נאַרישער סנאָביזם. איך האָב דערלעבט צו זען, ווי אָט די קינדער לאַדן איין צו זיך די אירלענדישע נאָבל-לייט, דעם גובערנאַטאָר און מאַכן בעלער פאַר זייערטוועגן, נישט טראַכטנדיק אפילו מכוח די אַלע גרענעצן. און דידאָזיקע נאָבל-לייט זענען געווען זייער שטאַרק צופרידן אונטערצוהאַלטן זיך מיט זיי. איך האָב דערלעבט צו זען, ווי דידאָזיקע קראָמען זענען זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן אין גרויסע דעפאַרטאַמענט-געשעפטן און זענען געפירט געוואָרן פון באַצאָלטע אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן געהאַט ווייניקער אויסזיכטן

אונטערצוהאַלטן די נאָבל־לייט, איידער דער מאַן, וואָס טראָגט אַרום געבראָטענע קאַרטאָפּליעס צו פאַרקויפן — אונטערצוהאַלטן דעם קעניג.

מיין פאָטער איז געווען אַן ארבעטסגעבער, און זיין גאַנ־צער קאַפּיטאַל צוזאַמען מיט זיין שותפות־קאַפּיטאַל, וואָלטן נישט געגוג געווען אויסצוהאַלטן א מאָדערנע קאָמפּאַניע מיט פאָסט־מאַרקעס אויף צוויי וואָכן, נור ווען איך האָב אָנגעהויבן מיין קאַריערע, האָב איך זיך אַרומגעזען, אז איך קאָן נישט ווערן קיין אונטערנעמער אַזוי ווי מיין פאָטער, איך האָב געמוזט צו־פופצן יאָר ווערן א ביורא־אַרבעטער און איך בין אַזוי־אַרום גע־וואָרן אַן אָפענער פראָלעטאַריער. דערפאַר ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן מיט פּאָליטיק, בין איך נישט אַריינגעטראָטן אין דער קאָנסערוואַטיווער פאַרטיי, ווייל דידאָזיקע פאַרטיי איז באַשטאַנען פון גוט־באַזיצער און איך בין נישט גע־ווען קיין גוט־באַזיצער. איך בין נישט אריינגעטרעטן אין דער ליבעראַלער פאַרטיי, ווייל זי איז באַשטאַנען פון אַרבעט־סגעבער און איך בין געווען אַן אָנגעשטעלטער. מיין פאָטער האָט גע־שטימט פאַר די קאָנסערוואַטיוון אָדער ליבעראַלן, ווי עס איז אים איינגעפאַלן, ער האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אז עס קאָן עקזיסטירן אַן אַנדער פאַרטיי, א חוץ זייערע. אָבער איך האָב אויסגעוויילט אַן ארבעטער־פאַרטיי און ווען דער אויפ־רוף פון קאַרל מאַרקס האָט אנגעהויבן ווירקן כמעט איבער גאַנץ אייראָפּע און עס האָבן אָנגעהויבן זיך צו גרינדן פּאָליטישע אַר־בעטער־פאַרטייען, וואָס האָבן זיך גערופן סאָציאַליסטישע פאַרטיי־נען, ווייל זייער ציל איז געווען די טובה פונם גאַנצן כלל, עס האָט זיי אינטערעסירט דער וווילשטאַנד פון א געוויסן קלאַס, אָ־ער די פראַגע פון אייגנטום און פּראָצענטער — האָב איך זיך באַטירלעך אָנגעשלאָסן אָן איינעם פון דידאָזיקע פאַרייגען און אַזוי־אַרום האָט מען מיך אָנגעהויבן רופן סאָציאַליסט, אויף וואָס איך בין אגב שטאָלץ געווען.

א באַזונדער באַדייטונג פאַר דער פאַרטיי, אין וועלכער איך האָב זיך אָנגעשלאָסן, האָט געהאַט דאָס וואָס אַלע אירע

מיטגלידער האָבן געהערט צו דעם מיטל-קלאַס, דאָס הייסט, זיי זענען געווען אָדער פּראָפעסיאָנעלע מענער ווי איך, (איך האָב מיך שוין געהאַט ארויסגעריסן פון ביורא און זיך גענומען צו דער ליטעראַטור) אָדער הערכערע ציוויל-באַאמטע. א טייל פון זיי האָבן שוין דעמאָלט געהאַט אויסדערווײלטע קאַריערע, זיי האָבן פונדעסטוועגן נישט געטוישט זייערע מיינונגען און זענען נישט אַוועק פון אונדזער פּאַרטיי צו זייערע קאָנסערוואַטיווע און ליבעראַלע עלטערן, מומעס און פעטערס. מיט פופציק יאָר צוריק וואָלט עס געווען שרעקלעך אומדערהערט. עס וואָלט פשוט שאָקירט, אז זיי זאָלן ווערן סאָציאַליסטן. אזא שריט וואָלט געמאכט א סוף צו זייערע קאַריערעס, צו זייער יעדער האָפנונג אויף דערפאָלג אין לעבן. עס איז באמת געווען גאַנץ נאַטירלעך און אומפארמיידלעך. קארל מארקס איז נישט געווען קיין אָרעמער אַרבעטער, ער איז געווען דער הויך-געבילדעטער זון פון א רייכן יידישן אדוואָקאַט זיין קאָלעגע וואָס איז כמעט געווען אַזוי באַרימט ווי ער, פרידריך ענגעלס איז געווען אַ רייכער אַרבעטסגעבער. עס איז געווען דערפאַר, וואָס זיי האָבן געהאַט א ליבעראַלע דערציונג און מ׳האָט זיי געלערנט צו זען, וויאַזוי זאַכן ווערן געשאַפן. אנשטאט סתם ארבעטן עבודת-הפרך, נישט טוענדיק אפילו קיין טראַכט וועגן דעם, וואָס מ׳טוט; דידאָזיקע צוויי מענער, אַזויווי מיינע צוויי קאָלעגן פון דער „פאביאַן סאָסייטע״ (נעמט ביטע אין אכט אַז מיר האָבן געגעבן אונדזער געזעלשאפט א נאָמען, וואָס האָט געקאָנט קומען אויפן געדאַנק נור קלאסיש-געבילדעטע מענער) ווענען געווען די ערשטע צו זען ווי דער קאַפּיטאַליזם האָט דעגראַדירט זיין אייגענעם קלאָס צו א פּראָלעטאַרישן מצב און אז דער איינציקער שאַנס פאַר ווּעמען עס זאָל נישט זיין צו פאַרזיכערן עפּעס מער ווי דעם חלק פון א שקלאַף אין דער נאַציאָנאַלער הכנסה, א חוץ פאר די גרעסטע קאַפּיטאַליסטן און באַגאַבסטע פּראָפעסיאָנעלע אָדער געשעפטסלעכע מענער, ליגט אין דער קאָמבינאַציע פון אַלע פּראָלעטאַריער אָן אונטערשיד פון קלאָס אָדער לאַנד, אז עס ליגט אין זייער אינטערעס אַ סוף צו מאכן צום קאַפּיטאַליזם דורך דער פאַב-

יאַן געזעלשאַפט. בעת איך האָב מיך אָנגעשלאָסן אין דער „פאַביאַן סאָסייטע" באַלד נאָכדעם, ווי זי האָט זיך געגרינדעט אין 1884 האָט זי נור געהאַט צוויי סאָציאַליסטישע פאַריינען אין לאָנדאָן, וואָס זענען געווען אירע קעגנער. ביידע האָבן זיך דערקלערט פאַר ארבעטער-פאַריינען אָבער איינע פון זיי איז אָנגעפירט געוואָרן פון א גבירישן זון. זיין פאָטער האָט בייגעשטייערט גרויסע סומען געלט אויף רעליגיעזע אינסטיטוציעס, אַ חוץ דעם וואָס ער האָט פאַרזאָרגט זיינע זין, וועלכע ער האָט געגעבן אַן ערשטקלאַסיקע דערציונג, דער אנדערער פאַריין איז געווען אינגאַנצן אָפּהענגיק פון איינעם פון די באַרימטסטע מענער אינם ניינצנטן-יאָרהונדערט, דער זעלבער איז נישט בלויז געווען אַ דערפאָלגרייכער פאַבריקאַנט און ארבעטסגעבער אין דער מעבל-בראַנזשע און אין אויסשטאַטונג און דעקאָרירונג פון פאַלאַצן און קירכן — נור אויך אַן אָנגעזעענער קונסט-צייכנער; ער האָט אַנטדעקט פאַרלוירענע קונסט-ווערטן. דערצו איז ער געווען איינער פון די גרעסטע ענגלישע פּאָעטן און שריפטשטעלער. דידאָזיקע צוויי מענער הענרי מאַערס הענדמאַן און וויליאַם מאָריס האָבן איבערגעלאָזט זייער השפעה אויף די פּראָלעטאַריער פון דעם ארבעטער-קלאַס אַלס פּרעדיקער פון סאָציאַליזם. אָבער עס איז זיי נישט געלונגען צו אָרגאַניזירן אַ נייע סאָציאַליסטישע ארבעטער-קלאַס-פּאַרטיי אויף זייער אייגענעם העכערן מיטל-קלאַס-שטייגער, אונטער זייער אייגענער פירערשאַפט אין זייער אייגענעם דיאַלעקט (די שפּראַך פון לײדעס און דזשענטללייט, איז נישט מער ווי אַ דיאַלעקט), מחמת דער ארבעטער-קלאַס האָט זיך שוין געהאַט אָרגאַניזירט אויף זיין אייגענעם אופן אונטער זייערע אייגענע פירער און אין זייער אייגענעם דיאַלעקט.

די „פאַביאַן סאָסייטע" איז געקומען אויף זייער אָרט און האָט יאָ געהאַט דערפאָלג. ליינט צווישן די איינפיר-קאַפּיטלעך, איינגעשלאָסן איינס וואָס דערציילט מכוח דער ספּעציעלער נישט אָנגענעמער לאַגע פון פרויען אַלס פּאַרקויפערינס אויף דעמדאָזיקן מאַרק.

## XLVII

# דער אַרבעטער-מאַרק און די פאַבריק-געזעצן

די ארבעטער-פרוי, וואָס אַרבעט פאַר וואָכן-שכירות, איז אין אַ געוויסער מאָס גלייך צו איר אַרבעטסגעבער. זי האָט אויך עפּעס צום פאַרקויפן און זי מוז לעבן פון דעם, וואָס זי פאַרקויפט. דער עפּעס איז איר ארבעט, וואָס מער זי באַקומט דערפאַר, אַלץ בעסער לעבט זיך איר, וואָס ווייניקער זי באַקומט, אַלץ ערגער לעבט זי, אויב זי קאָן נאָרנישט באַקומען דערפאַר, שטאַרבט זי פאַר הונגער אָדער ווערט א שלעפּערקע. ווען זי האָט חתונה, געפינט זי איר מאַן אין דער זעלבער לאַגע און זי מוז באַצאָלן פאַרן אויסהאלטן איר שטוב-ארבעט פונם געלט פון זיין אינדוסטריעלער אַרבעט. ביי אַזעלכע אומשטענדן זענען זיי, נאַטירלעך, ביידע פאראינטערעסירט, אז ער זאָל באקומען פאַר זיין אינדוסטריעלער ארבעט אזויפיל, וויפיל עס איז נור מעגלעך און געבן פאר דעם אַזוי ווייניק ווי דער קויפער (דער אַרבעטסגעבער) וועט נור באַשטיין, דאָס מיינט, אז זיי ווילן האָבן די העכסטע שכירות און די קלענסטע ארבעטס-שעהן, וואָס זיי קאָנען באקומען, סיידן זיי זענען מענטשן מיט א באזונדערן כלל-באוווסטזיין.

דער ארבעטסגעבער איז אויך אין דער אייגענער לאגע. ער פארקויפט נישט קיין ארבעט. ער מוז קויפן ארבעט. ער פארקויפט אָבער די סחורות אָדער דינסט, וואָס איז פראָדוצירט

געהאָרן אונטער זיין השגחה. און אויב ער איז — א זאך וואָס טרעפט זיך זייער אפט — נישט באוווסטזיניק און נישט קיין כלל־פארזארגער, זענען זיינע אידעען באגרענעצט און ער וויל באקומען, וואָס מער פאר זיין סחורה־געלט און געבן, וואס ווייניקער סחורה, אזוי ווייניק ווי דער קונה וועט נור באשטיין.

בעתן קויפן ארבעט איז ער, פארשטייט זיך, פאראינטע־רעסירט, ער זאָל ארויסבאקומען וואס מער ארבעט און צאָלן דעם קלענסטן פרייז. אזוי ארום זענען זיינע אינטערעסן פונקט דער קעגנזאץ פונם ארבעטערס אינטערעסן און זיין פאָליטיק דער היפוך פונם ארבעטערס פאָליטיק.

דאָס איז די סיבה נישט בלויז פון די אומגליקלעכע און געפערלעכע קאָנפליקטן. די געפילן פון האס צוליב די קעגנגעזעצ־טע אינטערעסן, וואָס רופט זיך קלאסן־קאמף, נור עס פירט צו עקסטרעמיטעטן פון סאציאלער שוואכקייט, וואס זענען א בזיון פאר ציוויליזירטע מענטשן. די רעגירונג איז זייער אָפט געצוואונגען געווען זיך אריינצומישן צווישן די קויפער און פארקויפער פון ארבעט. זי האט זיי געמוזט צווינגען, ווייניקסטנס צו מאכן זייערע קאָנטראַקטן אין די גרענעצן פון געוויינטלעכער הומאַניטעט. אַלע אַרבעטסגעבער ווילן, אַז זייער אַרבעט זאָל גע־מאַכט ווערן. צי די אַרבעט ווערט געמאַכט פון אַ קינד, צי פון אַ פרוי אָדער אַ מאַן, גייט זיי נישט אָן. זיי קויפן דאָס, וואָס פאַרקויפט זיך צומביליקסטן. אויך די ווירקונג פון דער אַרבעט אויפן אַרבעטערס געזונט אָדער מאָראַל אינטערעסירט נישט דעם אַרבעטסגעבער, סיידן דעמאָלט, ווען עס קאָן מאַכן אַ חילוק אין זיינע פאַרדינסטן און ווען ער נעמט זיי אין אַכט בלויז פון אַזאַ שטאַנדפונקט, קאָן ער, פאַרשטייט זיך, באַשליסן אַז דאס נישט רעכענען זיך מיט קיין שום זאך, וואָס האָט אַ שייכות צו נאַ־טירלעך־מענטשלעכע פריינטלעכקייט, וועט זיך אים בעסער באַ־צאָלן ווי וועלכער ס'איז פרווו צו פאַרייניקן זיינע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון זיינע אַרבעטער.

כדי דאָס צו אילוסטרירן, וויל איך אָנווייזן אויפן פאַל מיט די לאָנדאָנער טראַמווייען, בעת זיי זענען נאָך געגאַנגען

מיט פערד. און אויף דעם פאַל מיט באַשטימטע פלאַנטאַצ־עס אין אמעריקע. איידער דער שקלאַפן־האַנדל מיט נעגער איז דאָרט אָפּגעשאַפט געוואָרן. די פראַגע וואָס די אויפזעער פון די טראַמווייען האָבן געהאַט צו פאַרענטפערן איז געווען, ווי אַזוי דאַרף מען באַהאַנדלען די פערד, וואָס האָבן געשלעפּט די טראַמווייען, כּדי זיי זאָלן ברענגען דעם גרעסטן פּראָפיט וואָס איז נאָר מעגלעך? אַ גוט אָפּגעהיטן און נישט איבערגעאַרבעט פערד קאָן לעבן צוואָנציק יאָר אָדער גאָר ווי דעם פירשט וועלינגטאָנס פערד האָבן געלעבט פערציק יאָר, און פאַרקערט אויב מ'היט עס נישט אָפּ און מען לאָזט עס שלעפּן צו גרויסע משאות א. א. וו. וועט עס אויסגיין איידער עס וועט אַלט ווערן אַ יאָר ווי יעדער אַנדער באַשעפעניש. ווען פערד וואָלטן נישט געקאָסט קיין געלט און מען וואָלט געקאָנט געפונען אין גאַס אַ ניי פערד אַזוי גיך ווי ס'אַלטע פגרט, וואָלט זיך בעסער געלוינט צו אַרבעטן מיט פערד עבודת־הפּרך. עס וואָלט געבראַנגט אַ גרעסערן קאָמערציעלן פּראָפיט צו פאַרפייניקן יעדע זעקס חדשים אַ ניי פערד איידער צו באַהאַנדלען עס הומאַניסטיש און ווען עס וועט אַלט ווערן, אַן ערך אַכצן יאָר, לאָזן עס אויפהערן אַרבעטן און אַוועקפירן עס צו די „סאַלט מאַרשעס" פון נאַרפאָלק: אָבער פערד קאָסטן געלט און די טראַמוויי־אייגנטימער האָבן געוווסט, אַז אויב זיי וועלן פאַרפייניקן אַ פערד צו גיך, וועט עס נישט אָפּצאָלן פאַר דעם וואָס עס האָט געקאָסט. נאָך לאַנגע חשבונות זענען זיי געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס בעסטע לוינט צו אַרבעטן און בכלל צו באַהאַנדלען אַ פערד אַזוי אַז עס זאָל אויסהאַלטן פיר יאָר. די אייגענע חשבונות זענען געמאַכט געוואָרן מכּוח די פּלאַנטאַציעס. די שקלאַפן, אַזוי ווי די פערד, קאָסטן אַ באַדייטנדיקע סומע געלט. אויב דער שקלאַף וואָלט צו שנעל פאַרמאַטערט געוואָרן צום טויט, וואָלט זיין טויט געווען אַ געלט־פאַרלוסט. די גרעסטע געניטסטע פּלאַנטאַציע־אייגנטימער האָבן אויסגערעכנט, אַז עס וועט איינברענגען אַ גוטן רווח צו פאַרפייניקן אַ שקלאַף יעדע זיבן יאָר,

און זיי האָבן טאַקע באַפּוילן זייערע אויפזעער אַרויסצובאַקומען אַט דעם רעזולטאַט.

די אינטעליגענטע פרוי וועט זיכער אויסרופן „וואָס פאַר אַ שרעקלעכע זאַך עס איז, צו זיין אַ שקלאַף אָדער אַ פערד ביי אַ קאָמפּאַניע!” אָבער וואַרט אַ רגע, פערד און שקלאַפן זענען ווערט עפּעס. אויב איר דערהרגעט זיי, מוזט איר באַצאָלן פאַר נייע, אָבער אויב איר וועט באַשעפטיקן אנשטאַט פערד אָדער שקלאַפן „פרייע” קינדער, פרויען און מענער און איר קאָנט זיי פאַרמאַטערן צום טויט דורך שווערע אַרבעט אַזוי שנעל ווי איר ווילט נור אַליין. עס זענען פאַראַן גענוג, דאָרט פון וואַנען זיי קומען און איר קאָנט זיי קריגן אומזיסט וויפיל איר ווילט און נאָך מער זיי דאַרפט איר נישט אויסהאַלטן ווי די שקלאַפן אַ שטייגער, וועלכע איר מוזט אין די וואָכן ווען איר האָט נישט קיין אַרבעט פאַר זייערטוועגן. זיי דינגט איר אויף דער וואָך און ווען די אַרבעט ווערט שוואַכער, ס'ווערט שטיל, זאָגט איר זיי אָפּ און לאָזט זיי איבער צו שטאַרבן פאַר הונגער, אָדער זיך פרווון העלפן וויאַזוי זיי קאָנען; אינדערצייט ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט געהאַלטן אין בעסטן בליען, ווען דערדאָזיקער סיסטעם איז געווען אויף דער העכסטער מדרגה און קיין שום געזעצן זענען נישט געשאַפן געוואָרן צו באַגרענעצן אַט די אומבארחמנותדיקע עקספּלאָטאַציע, ווען קליינע קינדער זענען אונטער א בייטש פאַרמאַטערט געוואָרן צום טויט פון די שווערע אַרבעט, איז אומגעגאַנגען אַן אַלגעמיין אמת ווערטל, אַז די פאַבריקאַנטן, אַרבעטסגעבער פון צפון פאַרברויכן ניין גענעראַציעס אנשטאַט איינער. פרויען האָבן געאַרבעט אין די מינעס, אונטער אַזעלכע דערנידעריקטע באַדינגונגען, אַז עס וואָלט אפילו שאָקירט אַ וועלכע עס איז נעגער-פרוי פון צפון-קאַראָלינאַ. מענטשן זענען דערנידעריקט געוואָרן צו אַזאַ מדרגה, וואָס האָט זיי געפירט צו אַזאַ לעבן, וואָס די ווילדע וואָלטן פאַראַכט.

די ערטער ווו דידאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן האָבן געווינט לאָזן זיך נישט באַשרייבן. מגפות פון כאָלערע און פּאָקן האָבן געבושעוועט אין לאַנד, טיפוס — אַן אָפּטערע דערשיינונג ווי

היינט מאָזלען. שיכּרות און ברוטאַלע געוואַלטטאַטן איז געווען אַזוי נאַטירלעך ביים ארבעטער-קלאַס, ווי גראָבע ציגיינער-מלבושים און האַרטע הענט. די עלעגאַנץ און דאָס עשירות פון די רייכע און דעם מיטלקלאַס, וואָס איז געוואקסן פון שווייס און בלוט פון יענעמס שווערע ביטערע ארבעט האָט פארדעקט דעם אָפּ-גרונט פון שרעקלעכקייטן. אין יענער טרויעריקער צייט, האָט קאַרל מאַרקס אויפגעדעקט דאָס דעקל פונם אָפּגרונט און האָט אין זיין שרעקלעך עפּאָכע-בוך געצרופן צום סאָציאַליזם. ער איז געוואָרן דער נביא פון דער גרויסער רעוואָלוציע וואָס וועט קו-מען פון דער אויפגערעגטער מענטשהייט קעגן דעם קאַפּיטאַליזם וועלכער איז דער עמאָציאָנעלער דראַנג צו סאָציאַליסטישער באַ-וועגונג, אַזויווי אָבער סיי איך סיי איר זענען מיר סוביעקטיווע קעגנער פון עמאָציאָנעלן סאָציאַליזם און מיר ווילן האָבן דעם אינטעליגענטן סאָציאַליזם, לאָמיר זיך אַלזאָ פאַרהאַלטן רויק, ווייל כּעס איז א שלעכט מיטל.

א לאַנגע צייט, איידער נאָך קאַרל מאַרקס האָט אַרויסגע-געבן זיין בוך, איז די רעגירונג געצוווּנגען געווען זיך אַריינ-צומישן אין דידאַזיקע ענינים און א גאנצע ריי געזעצן זענען געשאַפן געוואָרן אין שייכות מיט פאַבריק-אַרבעט. די געזעצן האָבן איינגעשלאָסן רעגולאַמינען אין די מינעס און אַנדערע אינ-דוסטריעלע אַרבעטן. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן צו באַשעפטיקן ביי דער אַרבעט קינדער. עס איז רעגולירט געוואָרן די באַשעפ-טיקונג פון פרויען און יינגע מענטשן. עס זענען באַגרענעצט געוואָרן די שעהן, אין וועלכע ס'איז געווען דערלויבט זיי צו לאָזן ארבעטן. מ'האָט געצוווּנגען די ארבעטסגעבער אַרומצוצוימען אַזעלכע מאַשינען, וואָס האָבן עקספּלאָדירט און אָפטמאָל צעריסן די ארבעטער אויף שטיקלעך אין מינוטן פון איילעניש אָדער אומפאָרזיכטיקייט; צו באַצאָלן שכירות מיט געלט נישט מיט קרעדיט-צעטעלעך, פאַר וועלכע זיי האָבן נור געקאָנט קויפן אין זייערע באַלעבאַטימס געשעפטן, ווו מ'האָט זיי פארקויפט שלעכט שפּייז און פארלעגענע סחורות פאַר געפעפערטע פרייזן, איינצו-אָרדנען געוויסע סאַניטאַרע באַקוועמלעכקייטן; אָפּצוקאָלעכן פון

צייט צו צייט די ווענט פון די פאַבריקן; נישט צו לאָזן עס
די מאַלצייטן בעת דער ארבעט, נור געבן זיי צייט פאַר אָפּעסן
און נישט אין די פאַבריקן, צו דינגען פאַבריק-אינספּעקטאָרן,
זיי זאָלן אָפּהיטן אַז די דאָזיקע געזעצן זאָלן דורכגעפירט ווערן
און נישט דערלאָזן די ארבעטסגעבער אָפּווייכן פון זיי און זיך
ארויסצודרייען פון זיי ווי זיי פלעגן טון תחילת. דידאָזיקע גע-
זעצן זענען באשאַפן געוואָרן א דאַנק דער אַגיטאַציע, וואָס איז
געפירט געוואָרן נישט מצד די סאָציאַליסטן נור מצד פרו-
מע קאָנסערוואַטיווע איידעל-לייט און בעלי-טובות. לאָרד
שעפטסבורי, וועלכער האָט נישט געפונען אין זיין ביכל קיין
הסכמה צו דער קאַפּיטאַליסטישער טעאָריע, אז איר קאָנט און
זאָלט פּראָדוצירן אוניווערסאַלן וווילשטאַנד דורך דעם וואָס איר
וועט עובר זיין אויף אַלע געבאָטן פון גאָט און מענטש צו יע-
דער צייט, ווען איר פילט נור אַז דאָס קאָן אייך ברענגען א
קאָמערציעלן פּראָפיט; דידאָזיקע שרעקלעכע טעאָריע האָבן רע-
קאָמענדירט נישט בלויז קמצנים און איינרייסער, נור זי איז
אָוועקגעשטעלט געוואָרן קלאָר און דייטלעך און איז פּארטיידיקט
געוואָרן אין ביכער פון ערנסטע און אויפריכטיקע פּראָפעסאָרן
פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און יוריספּאָדענץ. זי האָט זיך גערופן
די „מאַנשעסטער שול". עס האָבן זיי פּארטיידיקט די קעגנער
פון די פאַבריק-געזעצן. עס האָבן געהאַלטן פייערדיקע רעדעס
קעגן אָט די נייע געזעצן אַזעלכע שאַרפזיניקע אָראַטערן-פאַברי-
קאַנטן, ווי דזשאָן ברייט. מ'לערנט זי נאָך עד-היום אין אונדזע-
רע אוניווערסיטעטן אַלס א ממש תדיקע פּאָליטישע וויסנשאפט; זי
האָט געבראָכן די מאָראַלישע אויטאָריטעט פון די גלחים, וואָס
זענען דערצויגן געוואָרן אויפן אוניווערסיטעט. זי דערנידעריקט
די שטאַטס-מענער וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אויפן אוניווער-
סיטעט צו אַן אינטעלעקטועלער זעלבסצופרידענער אימפּאָטענץ.
עס איז אפשר די ערגסטע פון אַלע ראַציאָנאַליסטישע דאָגמעס,
וועלכע האָבן אין פארלויף פון דער מענטשלעכער געשיכטע
אָוועקגעפירט מענטשן מ'ט א נאַטירלעכער נייגונג צו לאָגיק פון
זיך אַליין און באַוויגן אָפּצוטון מעשים וואָס קעגן זיי וואָלטן

זיך געבוינטעוועט פּראָפעסיאָנעלע קרימינעלע פאַרברעכער.

איצט, נאָכדעם ווי איר האָט שוין איבערגעלייענט אָט די ווערטער, צי וואָלט איר נישט געווען זיכער, אַז אַלע פאַבריקאַנטן זענען געווען קעגן די געזעצן און אַלע ארבעטער פאַר זיי; אָבער עס זענען פאַראַן גוטע ארבעטסגעבער פונקט ווי שלעכטע, פונקט ווי עס זענען פאַראַן אומוויסנדיקע און קורצזיכטיקע ארבעטער אַזוי גוט ווי פאַרשטענדיקע. די ארבעטסגעבער וואָס זענען געווען מענטשן מיט געוויסן אָדער אזעלכע וואָס האָבן ווי די קוואקערס*) געהאַט א געוויסע רעליגיעזע פאָרם, וואָס האָט זיי געצווונגען א טראַכט צו טון פון צייט צו צייט מכוח דעם וואָס זיי טוען, אזעלכע וואָס ווארפן אַרויף די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זייערע מעשים אויף זיך אליין, נישט ווי די פּראָפעסאָרן פון דער קאַפּיטאַליסטיש-פּאָליטישער-עקאָנאָמיע — זיי האָבן שטאַרק געליטן פון דעם, וואָס זייערע ארבעטער געפונען זיך אין אזא שלעכטן מצב. איר וועט פרעגן: פאַרוואָסזשע האָבן זיי זיך נישט באַצויגן צו זיי בעסער? איז דער ענטפער, אז זיי, די פאַבריקאַנטן וואָלטן ארויסגעשטויסן געוואָרן פון מסחר און זיי וואָלטן רויִנירט געוואָרן. געשען וואָלט עס אויף אזא אופן: ביליקע ארבעט, מיינט נישט בלויז א גרעסערן פּראָפיט, נור אויך ביליקערע סחורות. ווען דער פאַבריקאַנט וואָלט געצאָלט זיינע ארבעטער אַ געהעריקן פרייז און געאַרבעט מיט זיי אַכט שעה א טאָג, אנשטאָט די צוועלף אָדער זעכצן שעה, וואָלט ער געדאַרפט נעמען א טייערן פרייז פאַר זיינע סחורות כּדי ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו צאָלן אזעלכע שכירות. אָבער אין אזא פאַל וואָלט דער שלעכטער באַלעבאָס געקאָנט פאַרלייגן תּיכּף די אייגענע סחורות אויף א נידעריקערן פרייז און אַזויארום אַוועקנעמען אַלע זיינע קונים; צוליב דעם איז דער גוטער ארבעטסגעבער געצווונגען געווען אָנצושליסן זיך אין לאָרד שעפּטסבוריס

*) קוואַקערס — א רעליגיעזע סעקטע, געגרינדעט געוואָרן אין ענגלאַנד דורך דזש. פאָקס אַרום 1650.

פאָרשלאַג, מ׳זאָל ווירקן אויף דער רעגירונג אַז זי זאָל שאַפן געזעצן וואָס זאָלן צווינגען אַלע ארבעטסגעבער צו באַהאַנדלען בעסער די ארבעטער, אויב נישט וועט זיך דער ארבעטער־מצב נישט ענדערן, מחמת די גוטע באַלעבאַטים וואָלטן אָדער ארויס־געשטויסן געוואָרן פון מסחר, אָדער געמוזט נאָכטון די שלעכטע און דעם מצב נאָך פאַרערגערן. זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז סאָציאַלע פּראָבלעמען קאָנען נישט געלעזט ווערן מיט קיין פּער־זענלעכע גערעכטיקייטס־געפילן. ביים קאַפּיטאַליזם קאָנען מענטשן נישט זיין מאָראַליש, סיידן עס זאָל געשאַפן ווערן געזעצן, וואָס וועלן זיי צווינגען צו זיין מאָראַליש מעגן זיי האבן אפילו די בעסטע דיספּאָזיציע.

עס איז געווען שווערער איבערצוצייגן די קעגנער פון די נייגעשאַפענע פאַבריק־געזעצן, וואָס האָבן געהערט צו דעם ארבעי־טער־קלאַס, איידער די באַלעבאַטים, ווייל די אַרבעטסגעבער, זע־נען געצוואונגען געווען פון דער רעגירונג צו מאַכן דעם עקס־פּערימענט, און האָבן אויסגעפונען אז ארבעטן צו שווער,—הרגענען די גאַנדז וואָס טראָגט דאָס גאָלדענע איי,—איז נישט דער אמתער וועג צו מאַכן געשעפט און אויך, אַז זיי קאָנען זיך אָפּנעמען מיט אַן עודף די קאָסטן פון די מאָדערנע מאַשינען, וואָס זיי האָבן געמוזט באַנוצן לויטן באַפעל פון דער רעגירונג דורך דעם וואָס מ׳וועט צולייגן אביסל מער שכל צו דער ארבעט, צווינגען די א־בעטער צו נעמען זיך אין האנט אריין, ווי מ׳זאָגט, און ארבעטן שווערער און אַזויארום ארויסקריגן פון זיי מער ארבעט; אפילו די נישט ראַפינירטע האָבן אויסגעפונען, אַז מיטן אונטער־טרייבן אביסל די מאַשינעריע וועט מען גורם זיין, אַז די ארבעטער זאָלן זיך אויך מוזן אונטערייאָגן זיי זאלן ארויסבאַקו־מען אין צען שעה מער ווי פריער אין צוועלף. אויב די אינטע־ליגענטע פרוי האָט גערייזט אמאָל, האָט זי געוויס באַמערקט, אַז אין די לענדער וווּ עס עקזיסטירט נישט קיין געזעץ, ווי לאַנג אָפן צו האַלטן די געשעפטן, און די קראָמען זענען אָפן ביז שפּעט אינדערנאַכט אריין, זענען די סוחרים און זייערע געהילפן אַרום ניין באַנאַכט אַזוי נישט אויסגעמאַטערט, ווי די געהילפן

פון א געשעפט אין א גרויסע ענגלישער שטאָט זענען אַרום
פינף נאָכמיטאָג, הגם די געשעפטן ווערן געשלאָסן זעקס א זייי-
גער. אַזוינס איז אומעגלעך ווי עס זאל נישט אויסווייזן אין די מילן
פון באָמביי, קינדער פלעגן דאָרט פאר דער געזעצגעבונג, אַוועקגיין
ארבעטן נישט אויף אזויפיל שעה א טאָג נור אויף גאַנצע חדשים מיט-
אַמאָל. און עס איז פאַראַן אזאַ זאַך אויף דער וועלט, ווי איטאַל-
יעני‌שע קאפעען וואָס זענען אָפן בייטאָג און ביינאַכט

ביים איצטיקן מאָמענט (1925) אין ליסאַבאָן למשל, וואָלט
די שרעקלעך שמוציקע און רויע ארבעט פון אָנלאָדן קוילן אויף
שיפן געקאָנט געטון ווערן דורך מאַשינען. פאַקטיש שטייען דאָרט
די מאַשינען גרייט צום געברויך, דאָך ווערט די אַרבעט געטון
פון פרויען, ווייל עס מאַכט אויס ביליקער און עס איז נישטאָ
קיין געזעץ, וואָס זאָל עס פאַרבאָטן. אויב עס וואָלט געשאַפן
געוואָרן א פאַרטוגעזיש געזעץ וואָס זאָל פאַרווערן צו באַשעפטיקן
פרויען ביי אַזאַ ארבעט אָדער מ׳זאָל איינפירן געוויסע געזעצן
און רעגולאַציעס בנוגע דערדאָזיקע אַרבעט (מעגלעך נישט די
פרויען צוליב, נור כדי צו פאַריאָגן זיי פון דער ארבעט אַפ
געבן די מענער א מעגלעכקייט זי איבערצונעמען) וואָלט מען
זיך גלייך גענומען צו די מאַשינען. זיי וואָלטן באַלד אויסגעבוי-
סערט געוואָרן און מ׳וואָלט צוגעבערענגט נייע. ביז זיי וואָלטן
געוואָרן אן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט, מ׳וואָלט זיך גאָרנישט גע-
קאָנט באַגיין אָן זיי. נור אַזויווי די פרויען וואָלטן פאַרלוירן די
אַרבעט, וואָלטן זיי געווען נאָך פאַרביסענערע קעגנער פון אַזאַ
געזעץ איידער די אַרבעטסגעבער.

אַלע פּראָטעסטן און טענות פון די אַרבעטסגעבער, אַז זיי
וועלן רוינירט ווערן דורך די געזעצן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו
זיין פאַלש. די דערפאַרונג האָט געוויזן, אז ביי א בעסערער
פירונג, מער און בעסערע מאַשינען, צוליב וועלכע די ארבעט
איז געגאַנגען שנעלער, האָבן זיי געהאַט גרעסערע פּראָפיטן, ווי
ווען עס איז פריער. ווען זיי וואָלטן געווען כאָטש האַלב אַזוי
קלוג, ווי זיי האָבן פרעטענדירט צו זיין, וואָלטן זיי געווען גע-
בעטן דער רעגירונג, זי זאָל שאַפן דידאָזיקע געזעצן און וואָלטן

נישט געוואָרט מען זאָל זיי אַרויפצווינגען אויף זיי, אָבער פראַ פיטן קולטיווירן נישט די מענטשלעכע מוחות. די פּאָליציי טוט עס בעסער, דער גרעסטער פּאָרטשריט אין די אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס איז ארויפגעצווונגען געוואָרן אויף די אַרבעטסגעבער, להכעיס זייערע נעבעכדיקע טענות, אַז זיי קאָנען נישט עקזיסטירן אונטער די געזעצן און אַז דער בריטישער האַנדל וועט מוזן אָפּגעשטעלט ווערן און לסוף אינגאַנצן אונטערגיין.

עס וועט אייך אפשר שאָקירן צו הערן, אַז תחילת האָבן די ארבעטער אַליין זיך אקעגנגעשטעלט די נייע געזעצן, ווייל זיי האָבן קודם-כל אָנגעהויבן דערמיט, וואָס זיי האָבן איינגעפירט א פארבאָט צו ארבעטן צו שווער מיט קליינע קינדער, אָדער זיי שלעכט צו באַהאַנדלען; און ביז א געוויסן עלטער, האָבן קינדער אינגאַנצן נישט געטאָרט צוגעלאָזט ווערן צו קיין קאָמערציעלע ארבעט. פריער זענען דידאָזיקע קרבנות פון נישט רעגולירטן קאַפּיטאַליזם געווען קליינע אָליווער טוויסטס. די אַפּטרופּסים פלעגן זיי פארקויפן צו שקלאַפעריי, כדי פטור צו ווערן פון זיי. די שכירות, מיט וועלכע דער ארבעטער האָט אויסגעהאַלטן זיין פאַמיליע אין אויסטערלישן דחקות, זענען פאַרגרעסערט געוואָרן פונם קינדס פאַרדינסטן. ווען מענטשן זענען שרעקלעך אָרעם, איז א פאַרלוסט פון א שילינג אויף דער וואָך ערגער, ווי א פאַרלוסט פון פינפהונדערט פונט ביי א מיליאָנער. ביי דער פרוי, וואָס מאַטערט זיך, כדי צו קאָנען דורכשטופן די וואָך ביז שבת, איז אָט דער שילינג פשוט א לעבנס-פראַגע. דאָס מאַכט דעם קאַמף נאָך שווערער, אָדער בעסער געזאָגט, אינגאַנצן אומעגלעך. דעם רייכן מאַן איז גרינג צו זאָגן: איר טאָרט נישט שיקן אייערע קינדער אַרבעטן ביי אזעלכע אוממענטשלעכע באַדינגונגען, אָדער איר זאָלט איינפירן נייע געזעצן, וואָס זאָלן פאַרווערן אזאַ שענדלעכע זאַך, ווי ארבעטן מיט קליינע קינדער. אָבער ווען דאָס באַדייט, אַז די קליינע קינדער, וועלכע האָבן פריער האַלב אונטערגעהונגערט, וועלן באַלד מוזן אונטערהונגערן אויף דריי פערטל נישט צו דערזעט? אַזעלכע פרומע פאָרשלאַגן זענען נור גורם פאַרביטערטקייט. דער טרויעריקער אמת איז, אַז

דעמאָלט, ווען די געזעצן בנוגע די פאַבריקן זענען געבוירן געוואָרן איינער נאָך דעם אנדערן, פאַרגרעסערנדיק יעדעס מאָל די עלטער, אין וועלכע קינדער מעגן אָנהויבן ארבעטן אין די פאַבריקן און לסוף איז גאָר באַשטימט געוואָרן אז אין דעם עלטער פון פינף ביז פופצן יאָר מוזן זיי באַזוכן א שול, זענען די עלטערן געווען די גרעסטע קעגנער לגבי דעם געזעץ. און ווען זיי האָבן באַקומען שטים־רעכט און האָבן אזוי־אַרום געקריגן אַ דירעקטע השפעה אויפן פּאַרלאַמענט, האָבן זיי אוועקגענומען פון יעדן איינעם די מעגלעכקייט אויסגעוויילט צו ווערן פאַר א מיטגליד פון א פאַבריקס־שטאַט, ווי קינדער האָבן געאַרבעט, סיידן ער האָט צוגעזאָגט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם געזעץ, וואָס פאַרווערט קינדער צו ארבעטן. דער אַלגעמיינער באַגריף, אז די עלטערן זענען די מענטשן, וועמען מ'קאָן צומבעסטן אָנטרויען אָפּצוהיטן די אינטערעסן פון זייערע קינדער, איז אָפּהענגיק נישט בלויז פון דעם, וואָס פאַר א מין מענטשן די עלטערן זענען, נור דערפון צי זיי זענען פאַרזאָרגט מיט פּרנסה און האָבן די מעגלעכקייט ארויסצוווייזן זייערע נאַטירלעכע ליבע־אינסטינקן צו זייערע קינדער. בלויז א גאַנץ קליינער פּראָצענט עלטערן אַפילו פון די גאָר אָרעמסטע, וועלן מיטן אייגענעם פרייען ווילן אויסהאָדעווען זייערע קינדער פאַר גנבים אָדער פּראָסטיטוטקעס, אָבער אַלע עלטערן ווילן און באמת מוזן דערלאָזן זייערע קינדער האָרעווען ווען זיי אַליין אַרבעטן עבודת־הפרך, און די פּאָר פּענעס וואָס די קינדער פאַרדינען, העלפן זיי דורכצושטופּן דאָס אָרעמע לעבן.

איצט, אַז איך האָב אייך שוין דערקלערט, פאַרוואָס די עלטערן זענען מכלומרשט אזוי האַרצלאָז לגבי זייערע קינדער. וועט איר מיך פרעגן, הלמאי די עלטערן אַקצעפּטירן אזעלכע קליינע שכירות, אז זיי זאָלן זיין געצוווּנגען צו ברענגען זייערע קינדער פאַר קרבנות פון די ארבעטסגעבערס געלטגיריקייט? וועל איך אייך ענטפערן, אז דער ווּקס פון דער באַפעלקערונג וואָס פּראָדוצירט דעם יינגערן־זון־קלאַס, א דאַנק וועלכן דער פאַרמעגלעכער קלאַס האָט לסוף אויפגעבויט אַ מיטל־קלאַס — האָט

אויך געהאַט א ווירקונג אויף די ארבעטער, וועלכע האָבן גע־לעבט פון האַנט צו מויל פאר די שכירות פון פיזישער ארבעט. די פיזישע ארבעט איז אזוי ווי פיש, טייער ווען זיי זענען נישט בנמצא און ביליק, ווען עס איז דאָ א סך. אַזויווי די צאָל מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגנטום, זענען געוואַקסן פון טויזנטער אויף מיליאָנען, האָט דער פרייז פון זייער ארבעט אויך געהאַלטן אין פאַלן. אינם נייַנצנטן־יאָרהונדערט, האָט יע־דער איינער געוווסט, אז אין אַמעריקע און אויסטראַליע זענען די שכירות געווען העכער, ווי אין גרויס־בריטאַניען און אירלאַנד, ווייל עס זענען דאָרט נישט געווען אַזוי פיל ארבעטער און די, וואָס האָבן נור געהאַט די מעגלעכקייט האָבן עמיגרירט אין יע־נע לענדער אריין. אַ העלפט פון דער אירלענדישער באַפעלקע־רונג איז אוועק קיין אַמעריקע, ווו מ׳האָט זיך אַזוי געגויטיקט אין ארבעטער, אז עמיגראַנטן פון אַלע לענדער האָט מען צוגע־נומען אַלס אָנגעלייגטע געסט, אָבער היינט איז דאָרט דער אַר־בעטסמאַרק אַזוי איבערפולט מיט זיי, אז די עמיגראַציע האָט געמוזט באַשרענקט ווערן צו א געוויסער צאָל, וואָס קאָן יעדעס יאָר אַרייַנקומען פון די אייראָפעיִשע לענדער. אויסטראַליען באַ־שרענקט קינסטלעך דעם געבוירט און זי זאָגט זיך אָפּ אַרייַנצו־לאָזן כינעזער אָדער יאַפּאַנעזער אין לאַנד אונטער אַלע אומשטענדן. אַמעריקע שליסט אויך אויס יאַפּאַנעזער, אָבער אין די טעג איידער די געזעצן בנוגע פאַבריק־ארבעט זענען אריין אין קראַפט (פריער פלעגן זיך די ארבעטסגעבער ארויסדרייען פון זיי דורך אַלערליי שפּיצלעך), איז די עמיגראַציע אויף אונדזערע אינדזלען נישט געווען באַשרענקט און מאַסן האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד, אַבי נור זיי האָבן געהאַט געלט אויף הוצאות.

דאָס איז א באַווייַז, אז אונדזער ארבעטס־מאַרק איז אי־בערגעפּאַקט געווען; ווען דער פיש־מאַרק ווערט איבערגעפּאַקט, וואַרפט מען די פיש צוריק אריין אין ים, צוליב דעם אייגענעם מאָטיוו האָט די עמיגראַציע אריינגעוואָרפן מענער און פרויען צוריק אין ים אריין נור מיט א שיף, אויף וואָס זיך צו האַלטן און א האָפענונג צוצוקומען צו אַן אַנדער לאַנד. דער ווערט פון

מענער און פרויען אין ענגלאַנד איז געפאַלן ביז נול, סיידן זיי האָבן געקאָנט טון אזא מין ארבעט וואָס איז נאָך נישט אזוי שטאַרק שכ״ח געווען: דאָקטוירים, דענטיסטן, אַדוואָקאַטן און גלחים זענען נאָך אַלץ עפּעס ווערט געווען, (גלחים זייער ווייניק. זיבעציק פּונט אַ יאָר פאַר אַ דיאַקאָן מיט זיין פאַמיליע) א באַזונדער גוט-געלערנטער, אַדער פיזיש-שטאַרקער ארבעטער, האָט געקאָנט פאַרדינען מער פאַרן אָרעמען גלח. אָבער די מאַסע, וואָס האָט נור געקאָנט אַרבעטן אונטער אַ דירעקציע און אפילו דעמאָלט האָט זי נור געקאָנט טון אזא ארבעט, וואָס יעדער איינער קאָן זיך עס שנעל אויסלערנען — האָט באמת נישט געהאַט קיין שום ווערט; איר האָט זיי געקאָנט באַקומען פאַר אַזא פּרייז, וואָס האָט זיי ממש נישט מער ווי דערהאַלטן ביים לעבן, כדי זיי זאָלן דערציען קינדער וואָס זאָלן פאַרנעמען זייער אָרט ווען זיי וועלן שוין זיין אויסגעמאַטערט. עס האָט געמאַכם דעם איינדרוק, ווי מ׳וואָלט אָנגעאַרבעט צופיל דאַמף-מאַשינען און מען איז גרייט געווען אַוועקצוגעבן זיי אומזיסט, אַבי נור ס׳זאָל זיך געפונען א בעלן, וואָס זאָל זיי צונעמען און דער וואָס וואָלט זיי גענומען, וואָלט זיי געמוזט קאָרמענען מיט קוילן און נאַפט, כדי זיי זאָלן קאָנען אָנהויבן אַרבעטן, אָבער דאָס האָט נאָך נישט געמיינט אז זיי האָבן עפּעס א ווערט, אָדער אז מען וועט אַכטונג געבן אויף זיי, אָדער אז די קוילן און נאַפט וועלן זיין פון א גוטער קוואַליטעט.

אַזוי איז עס. מענטשן וואָס פאַרמאָגן גאָרנישט, האָבן נישט קיין אנדער וועג צו לעבן ווי זיך צו פאַרקויפן אויפן מאַרק פאַר א פּרייז לויט זייער ווערט, אָדער ווען זייער ווערט פאַלט ביז נול, בלייבט זיי נישט מער ווי אַוועקצוגעבן זיך יעדן ערשטן בעסטן פאַרן בלויזן ביסל עסן, זיי האָבן נישט קיין ערד און זיי האָבן נישט קיין געלט, מיט וואָס צו קויפן ערד און ווען מ׳זאָל זיי געבן ערד אומזיסט, וואָלטן זיי נישט געוווסט, וויאַזוי צו קולטיווירן זי. זיי קאָנען נישט ווערן קיין קאַפּיטאַליסטן, ווייל קאַפּיטאַל איז אָפּגעשפּאָרט געלט און זיי האָבן נישט פון וואָס צו שפּאָרן. זיי קאָנען נישט עפענען קיין געשעפטן פאַר זיך

מיט קיין געליען געלט, ווייל קיינער וועט זיי נישט לייען; און אויב ס'וואלט זיך געפונען אזעלכער, וואס וואלט זיי געליען, וואלטן זיי עס באלד פארלוירן און באנקראטירט, מחמת עס פעלט זיי בילדונג און דערפארונג. זיי מוזן אדער געפונען איינצם וואס זאל זיי געבן ארבעט, אדער שטארבן פון הונגער. און אויב זיי וועלן זיך קווענקלען און פארלאנגען עפעס מער ווי אזא לוין, וואס זאל זיי דערהאלטן ביים לעבן, וועט מען זיי זאגן, אפשר אויף אן איידלערן אופן נור לײדער דעם אמת, אז אויב זיי ווילן נישט אננעמען די ארבעט, וועלן זיך געפונען גענוג אנדערע, וואס וועלן די ארבעט יא אננעמען.

אין בעסטן פאל. קאנען נישט אלע קריגן קיין ארבעט, הגם די פראפעסארן פון דער מאנשעסטער-שול, האבן מכלומרשט אויסגערעכנט, אז קאפיטאליזם וועט גורם זיין עס זאל תמיד זיין ארבעט פאר די ארבעטער און זיי וועלן באקומען גרעסערן שכירות. דאס האט זיך ארויסגעוויזן פאר פאלש. די ארבעטסגעבער האבן געמוזט מודה זיין, אז זיי דארפן האבן א „רעזערוו ארמיי פון ארבעטסלאזע", כדי זיי זאלן שטענדיק האבן פון וואס צו קלויבן „הענט" ווען די געשעפטן גייען גוט און צוריק ארויס־ווארפן אויף דער גאס ווען זיי גייען שלעכט. ארויסווארפן זיי אויף דעב גאס הייסט, צווינגען זיי אויסצוגעבן די פאר שילינג, וואס זיי האבן אפשר אפגעשפארט בעת זיי האבן געארבעט, פאר־קויפן אדער פארזעצן זייערע מלבושים און דאס מעבל און לסוף אנהויבן נעמען שטיצע ווי שלעפערס. די שטייער־צאלער פראָ־טעסטירן שטארק, פארוואס זיי דארפן שטיצן די ארבעטער יע־דעס מאל, וואס די באלעבאטים דארפן זיי גראד נישט האבן. און אזויווי דער קאפיטאליסטישער סיסטעם האט זיך כסדר אנט־וויקלט אויפן גרויסן שטייגער, האבן די שטייער־צאלער אויסגע־פירט, אז זיי האבן געמאכט דאס ארעם־געזעץ. וואס האט די אויפגאבע אונטערצושטיצן די ארבעטסלאזע,—פאר אזא מבוזהדיקע זאך און אזוי גרויזאם איז מען דארט באהאנדלט געווארן, אז אן אנשטענדיקע פאמיליע פון דעם ארבעטס־קלאס וואלט בעסער געשטארבן פאר הונגער, איידער זיך ווענדן דארט אהין נאך

הילף. מיר זאָגן צו אַן ארבעטסלאָזן פאָטער פון אַ הונגעריקער פאַמיליע, אויב דו ביסט אָרעם און פארלאָזן, ווייל דער קעניגין עליזאַבעטס סטאַטוט צווינגט אונדז דערצו, אָבער דערפאַר מוזטו מיטברענגען דיינע טעכטער און זין אין אָרעם-הויז אַריין, צו לעבן צוזאַמען מיט שיכורים, פּראָסטיטוטקעס, שלעפער, אידיאָטן, עפּילעפּטיקער, קרימינאַליסטקעס – דעם סאַמע אָפּפאַל פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, און אויב דו האָסט דאָס געטון, וועסטו קיינמאָל נישט מער קאָנען אויפהויבן דעם קאָפּ קוקן דיינע חברים גלייך אין די אויגן אריין. דער מאַן ענטפערט באַטירלעך „איך דאַנק אייך פאַר דער טובה; איך וויל בעסער זען מיינע קינדער אויסשטארבן, איידער דאָס. און זעט זיך דורכצושטופּן וויאַזוי ער קאָן ביז די געשעפטן ווערן בעסער און דער באַלעבאָס האָט שוין ווידער ארבעט פאַר זיינעטוועגן. פארשטייט זיך אַז כּדי צו באַקומען די ארבעט, וועט ער באַשטיין אויף דעם קלענסטן פּרייז, אַבי נור ס'זאָל זיין גענוג צו דערהאַלטן זיך מיט דער פאַמיליע ביים לעבן; אויב זיינע קינדער וואָלטן געקאָנט פאַרדינען עפּעס אין אַ פאַבריק, וואָלט ער אפילו געכאַפּט א לוין, וואָס זאָל אים קלעקן ערשט דעמאָלט, ווען די קינדער ברענגען אַריין זייערע פאַרדינסטן, קומט אַלזאָ אויס, אַז סוף-כּל-סוף געניסט ער גארנישט דערפון וואָס זיינע קינדער גייען ארויס אַרבעטן, ווייל זייערע פאַרדינסטן זענען גורם, אַז דער פאָטער זאָל באשטיין אויף נאָך קלענערערן שכירות. און הגם ער האָט פריער געשיקט זיינע קינדער ארבעטן כּדי זיי זאָלן צופאַרדינען אביסל, עס זאָל זיין גרינגער צו לעבן, מוז ער זיי שוין דערנאָך שיקן, כּדי אויסצופילן זיין שכירות, אויב נישט קאָן ער נישט אויסקומען. און ווען דאָס געזעץ מישט זיך אריין און פאַרווערט די קינדער צו ארבעטן, הייסט זיי גיין אין שול אַריין לערנען, ווערט ער במילא א קעגנער פון געזעץ, ווייל ער קאָן נישט זען קיין אויסוועג, וויאַזוי ער וועט קאָנען לעבן, אויב זיינע קינדער וועלן אנשטאט צו פאַרדינען, גיין אין שול אַריין.

## XLVIII

# פרויען אין דער אַרבעט־מאַרק

אין אַ געוויסן זין האָט דערדאָזיקער סיסטעם געווירקט ערגער אויף פרויען ווי אויף מענער. מחמת דעם וואָס קיינער וואָלט נישט באַשעפטיקט קיין פרוי, אויב ער וואָלט געקאָנט קריגן אַ מאַן פאַר דעם זעלבן געלט; האָבן פרויען, אויב זיי האָבן געוואָלט באַקומען אַרבעט, געמוזט פאַרלייגן זייער אַרבעט פאַר אַ קלענערן פרייז. די פרוי האָט עס געקאָנט אויספירן, ווייל אויב דעם מאַנס שכירות איז נישט געווען גענוג דורכצוקומען, איז עס נישט געווען גענוג פאַר אים מיט זיין פאַמיליע. אָבער פאַר איין מענטשן איז עס געווען מער ווי גענוג. פון זיין שכירות האָט דער מאַן געמוזט אויסהאַלטן אַ פרוי און קינדער. אָן זיי וואָלט דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם באַלד געקומען צו אַ סוף, ווייל עס וואָלט נישט געווען קיין יונגע אַרבעטער צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון די אַלטע. איז אויב אפילו דעם מאַנס שכירות איז געווען שוין גאָר צרהדיק, האָט נאָך אַלץ די פרוי, וואָס האָט געאַרבעט פאַרן קלענערן וואָך-לוין געלעבט בעסער פון אירע פאַרהייראַטע שכנים מיט זייערע קינדער, אַזוי־אַרום איז עס געוואָרן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז אַ פרוי זאָל אַרבעטן פאַר אַ קלענערן געהאַלט, און ווען די פרויען האָבן רעוואָלטירט און געפאָדערט דאס זעלבע שכירות ווי דער מאַן פאַר דער אייגענער אַרבעט („גלייכן שכירות פאַר

גלייכער אַרבעט") האָט איר דער אַרבעטסגעבער פאַרמאַכט ס'מויל מיט צוויי ארגומענטן: „ערשטנס, אויב דו וועסט נישט נעמען ביליקער, וועלן זיך געפינען גענוג מענטשן, וואָס וועלן יאָ נעמען" און צווייטנס, „אויב איך דארף צאָלן דעם אייגענעם שכירות, וואָס אַ מאן, וועל איך שוין בעסער צונעמען אַ מאַן אויף דיין אָרט".

פאַר דער וויכטיקסטער און אומבאַדינגט נויטיקסטער אַרבעט פון דער פרוי, ווי האָבן און דערציען קינדער און אָפּהיטן דאָס הויז, איז קיינמאָל דער פרוי נישט באַצאָלט געוואָרן דירעקט, נור תמיד דורכן מאן און אָן אַ שיעור נאַרישע מענטשן האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָס איז גאָר בכלל אַן אַרבעט און האָבן זיך איינגערעדט, אַז דער מאַן איז עס דער רעכטער עיקר פון דער פאַמיליע. דאָס איז אַ שטות! פון אָנהויב ביזן סוף איז דער פרויס אַרבעט געווען און איז די נויטיקסטע, ווייל פון איר איז אָפּהענגיק די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט. בעת צענדליקער מיליאָנען מענער האָבן זיך פאַרנומען מיט אומנוצלעכע אָדער פאָזיטיוו-שעדלעכע אַרבעט, איז זייער איינציקע פאַרענטפערונג באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס גיט זיי די מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן זייערע נוצלעכע און אַבסאָלוט נויטיקע פרויען. די מענער האָבן טיילווייז דורך איינבילדונג און טיילווייז דורך נישט באַרעכנטקייט און דער עיקר, ווייל זיי האָבן מורא געהאט, אַז די פרויען זאָלן נישט, אויב זייער ווערט וועט אָנערקענט ווערן, פרוּוון איבערנעמען די הערשאַפט איבערן הויזגעזונט, זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן דער פרוי אויף איר הויז-האַלטינג, שכירות, אויף וועלכן זי איז אַזוי באַרעכטיקט. לויטן געזעץ געהער אַלץ וואָס די פרוי פאַרמאָגט צום מאַן, אויב זי האָט חתונה. אָט דער מאָדנער צושטאַנד האָט געפירט צו אַ געוואַלטיקער אויסנוצונג און דאָס איז געווען דער מאָטיוו, פאַרוואָס די רייכע לייט האָבן אויסגעאַרבעט אַ געוויסן לעגאַלן סיסטעם לגבי דער הייראַט, וואָס האָט דערלויבט איבערצושרייבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן צו אַ פערזאָן אָדער פערזאָנען וועלכע האָבן ערשט געדאַרפט געבוירן ווערן נאָך דער חתונה, אַזוי, אַז הגם די פרוי

האָט געקאָנט האָבן אַן איינקונפט פון איר פאַרמעגן אויפן גאַנצן לעבן, איז עס פאָרט נישט געווען איר פאַרמעגן, און איר מאַן האָט עס אויך נישט געקאָנט רירן. שפּעטער־צו האָט דער מיטלקלאַס געזען, אַז דער פּאַרלאַמענט זאָל באַשיצן זייערע פרויען, און ס'איז איינגעפירט געוואָרן דאָס געזעץ לגבי דער פאַרהייטער פרויס פאַרמעגן, וועלכע איז נאָך היינט אויך גילטיק. דאָס דאָזיקע געזעץ האָט, אַ דאַנק דעם, וואָס מענטשן האָבן זיך בשום־אופן נישט געקאָנט אין דעם אָריענטירן און זענען צעמישט געוואָרן, אָנגעמאַכט אַזאַ מין מהומה אויפן מאַרק, אַז עס האָט גורם געווען אַ סך שאָדן און אומגערעכטיקייט לגבי די מענער ווידער. נור דאָס איז שוין אַ קאַפּיטל פאַר זיך. די עיקר־זאַך, וואָס מיר ווילן דאָ באַרירן איז, אַז אונטערן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם קומט אויס דער פרוי צו ליידן מער ווי דעם מאַן. איר מצב איז אַ סך אַן ערגערער, מחמת, אַזוי ווי קאַפּיטאַליזם פאַרשקלאַפט דעם מאַן ווערט די פרוי וואָס באַקומט איר לוין דורכן מאַן במילא פאַרשקלאַפט צו אים און ווערט אַזוי ארום אַ שקלאַפין ביי אַ שקלאַף — דער ערגסטער מין פון שקלאַפעריי!

דאָס איז פאַר אַ סך אַרבעטסגעבער זייער באַקוועם, ווייל עס גיט זיי די מעגלעכקייט אויסצונוצן אַנדערע אַרבעטסגעבער און מ'קאָן אים נישט אויסגעפינען. און דאָס ווערט געטון אויף אַזאַ אופן: אַן אַרבעטער האָדעוועט־אויף אַ פאַמיליע טעכטער מיט אַן הכנסה פון ניינאונצוואָנציק שילינג אַ וואָך (אין דעם ניינצעטן־יאָרהונדערט איז עס געווען דרייצן נור). אין דאָרף אָדער אין שטאָט אָדער גאָר נעבן אַ שטאָט איז אין אַזאַ פאַמיליע פינף שילינג אויף דער וואָך אַ גרויסער געווינס, אַ סך אַ גרעסערער חילוק, חזר איך נאָך אַמאָל איבער, ווי 500 פונט ביי אַ מיליאָנער. מיט אַ צוגאָב פון פופצן שילינג אָדער אַ פונט אויף דער וואָך, ווערט די הכנסה פון אַ פּראָסטן אַרבעטער גלייך מיט דער הכנסה פון אַ פאַכמאַן. ווי אַזוי וואָלטן אַזעלכע רייצנדיקע צוגאָבן מעגלעך געווען? פשוט, דורך דעם, וואָס מ'וועט אַרויסשיקן די דערוואַקסענע טעכטער צו דער אַרבעט, יעדע

זאָל פאַרדינען פינף שילינג אַ וואָך און בלייבן וווינען אינדער־היים, מיט די עלטערן. איין מיידל באַדייט פינף שילינג אַ וואָך צוויי באַדייטן צען, דריי — פופצן. אונטער אַזעלכע אומשטענדן זענען אויסגעוואַקסן ריזיקע פאַבריקן, וואָס האָבן באַשעפטיקט הונדערטער מיידלעך אויף שכירות פון פיר שילינג און זעקס פענעס ביז זיבן און זעקס פענעס אַ וואָך. די גרעסטע צאָל האָט באַקומען פינף שילינג. אַט דעם לוין האָט מען גערופן הונגער־לוין —; דאָך זענען דידאָזיקע מיידלעך געווען בעסער גענערט פריילעכער און געזונטער פון די פרויען וואָס האָבן זיך געמוזט איינגאַנצן אַליין אויסהאַלטן. אַ סך פון די גרעסטע רייכטימער ווי למשל די שוועבעלעך־פאַבריקן זענען געמאַכט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, פון די פינף שילינג־מיידלעך, וועלכע האָבן, פאַרשטייט זיך, געלעבט טיילוויז אויף זייער פאָטערס חשבון אָדער אַלס אַ סובלאָקאַטאָר פון עמעצן, אַן אַנדערנס אַ פאָטער. (אַ מיידל אַ סובלאָקאַטאָר איז געווען פאַרעכנט ווי אַן אייגענע טאָכטער) אַזוי אַרום האָט דער שוועבעלעך־פאַבריקאַנט געמאַכט דריי פערטל פון זיין אַרבעט אויף די הוצאות פון די מיידלעכס פאָטערס. אויב דער פאָטער, למשל, אַרבעט אין אַ ברויעריי, באַקומט דער שוועבעלעך־פאַבריקאַנט דריי פערטל פון זיין אַרבעט פון דעם ביר־ברויערס הוצאות. אויף אַזאַ אופן, לעבט איין פאַך אויפן חשבון וואָס ער נוצט אויס אַן אַנדער פאַך, און פאַבריק־מיידלעך, וואָס באַקומען אַזעלכע שכירות, וואָס וואָלט געקלעקט קוים אויסצוהאַלטן אַ קאַץ, זענען אויסגעפּאַשעט, פריילעך, קרעפטיק, האָבן חשק צו דער אַרבעט און זענען פול מיט לעבן, בעת על־טערע פרויען פון זיי, טייל אַלמנות מיט קליינע קינדער, אויב זיי פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ קליינעם לוין, זאָגט מען זיי, אַז אויב זיי באַשטייען נישט קריגט מען גענוג שטאַרקע געזונטע מיידלעך וואָס וועלן זיין גליקלעך צו באַקומען די אַרבעט.

נישט בלויז די טעכטער נור אויך די ווייבער פון אַ סך אַרבעטער האָבן צוגעהאָלפן דערצו, אַז מ׳זאָל פאַרקלענערן די שכירות פאַר פרויען, אויף אַזאַ אופן. אין די שטעט פלעגן מייד־לעך חתונה האָבן מיט יונגעלייט און נישט זייענדיק נאָך באַ־

שווערט מיט קיין סך קינדער אָדער נישט האָבנדיק מער ווי איין אָדער צוויי שטובן צו האַלטן ריין (אָפּט האָבן זיי בכלל נישט אַזוי שטאַרק מדקדק געווען אויף ריינקייט) אָדער — זיי האָבן גאָר קיין קינדער נישט געהאַט — זענען זיי געווען גאַנץ צופרידן אַרויסצוגיין אויף אַ שעה יעדן טאָג אַלס וועשינס און צו פאַרדינען פינף שילינג אַ וואָך. אַ חוץ אַזעלכע נעבן־פאַרדינסטן פון ביסלעך אַרבעט, ווי וואַשן און א. א. וו. וואָס איז אפשר נאָר אַ צופאַל, דאָך ווערט אַזאַ פרוי, וואָס האָט נישט אינדערהיים וואָס צו טון גאָרנישט האָבן קעגן דעם צו זוכן נאָך אַרבעט, נאָכדעם וואָס זי האָט זיך שוין פאַרזיכערט מיט די ערשטע פינף שילינג, וואָס גיבן איר די מעגלעכקייט, אַז זי מיט איר מאַן זאָלן קאָנען לעבן גאָר פיין, אַנשטאָט זיך נישט צו פאַרגינען דעם ביסן אין מויל אַריין. פון דער שעה ווערט שפּעטער אַ האַלבער טאָג און פון די פינף שילינג ווערט צען, אָדער עפּעס קנאַפּער. אָבער אַזוי ווי פאַר די צען שילינג וואָלט זי זיך אַליין נישט געקאָנט אויסהאַלטן פּונקט ווי יענע פאַר פינף גיט זי אַוועק איר אַרבעט אויפן מאַנס חשבון, אַלציינס, ווי זי וואָלט פאַרדינט פינף.

אַזוי אַרום ווערט דער מאַרק איבערפולט מיט ווייבער און טעכטער, וואָס ווילן אַרבעטן, כדי צו פאַרדינען אויף בייזאַכן, פאַר אַזאַ פּרייז וואָס איז אוממעגלעך פאַר אַ זעלבסטשטענדיקע נישט־פאַרהייראַטע פרוי אָדער אַן אַלמנה. דאָס איז גורם, אַז הייראַט זאָל ווערן דער פרויס אַ געצוווּנגענע פּראָפעסיע. זי מוז באַשטיין אויף יעדן שידוך, וואָס מאַכט זיך איר, אַבי אַ מאַן, אַבי נישט צו דאַרפן ליידן נויט, אַלס אַן אומפאַרהייראַטע פרוי. טייל פרויען קריגן לייכט אַ שידוך, אָבער טייל — נישט. זייענדיק אַזוי שטאַרק אָנציענדיק אָדער געשיקט, ווערן געטריבן אָנצווענדן אַלערליי שפּיצלעך און דריידלעך, כדי אַריינצוקריגן אַ מאַן. און אַזעלכע שפּיצלעך זענען נישט אַזוי שטאַרק גינסטיק פאַר דער פרויס אייגענע חשיבות און זיי זענען נישט גורם קיין גליקלעכע פאַמיליענלעבנס, ווען דער מאַן זעט זיך סוף־כל־סוף אַרום, אַז מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ מין „באַקוועמלעכקייט״.

דאָס איז געווען טרויעריק. אָבער עס זענען נאָך פאַראַן טיפערע זומפּן. עס איז אפשר נישט צניעותדיק צו לעבן אויף אַ מאַנס רעכנונג, ווען מען איז נישט פאַרהייראַט, אָבער אַזוי איז עס אַ פאַקט. אויב אַ מאַן זאָגט צו אַ פאַרלאָזענער אָרעמער פרוי „איך וויל דיך נישט נעמען אויפן גאַנצן לעבן, אַז נור דער טויט זאָל אונדז קאָנען שיידן מיר זאָלן לעבן צוזאַמען אין פריידן און אין ליידן ווי מ'זאָגט, סיי קראַנק, סיי געזונט" א. א. וו. איך וויל דיר אויך נישט געבן מיין נאָמען און די רעכט פון אַ געזעצלעך ווייב, נור אויב דו וואָלסט געוואָלט זיין מיין נישט געזעצלעך ווייב ביז מאָרגן אינדערפרי, וועסטו באַקומען זעקס פענעס און אַ טרונק אָדער אַ שילינג אָדער ווייל עס זאָל נישט זיין, עס קאָן אויך זיין אַ פונט אָדער צען פונט אָדער הונדערט פונט און אפשר גאָר אַ ווילע מיט אַ שנור פערל און אַ סאָ־באָלנעם מאַנטל און אַן אויטאָמאָביל — וועט ער נישט תמיד קריגן אַן אָפּזאָג. עס איז גרינג צו זאָגן דער פרוי, זי זאָל זיך האַלטן אָנשטענדיק, אָבער עס איז נישט יושרדיק, אויב דער פרייז פון צניעות איז הונגער און דער לוין פאַר זינד איז באַל־דיקע הילף, אויב מ'לייגט פאַר אַ שיין מיידל צווייי מיט אַ האַל־בער פענע אַ שעה פאַר אַרבעטן אין אַ שוועבעלעך־פאַבריק מיט אַ שאַנס אַריינצוציען אין זיך דעם פאָספאָרן וואָס זאָל איר פאַרסמן דעם גומען, און פון דער אַנדערער זייט לייגט מען איר פאָר אַ פריילעכע צייט מיט אַלע גוטע זאַכן אונטער דער השגחה פון אַ פריילעכן בחיר.. אַזוי האָבן זיך די באַלעבאַטעם פון וויקטאָריעס צייטן נוהג געווען און אַזוי זענען זיך נאָך היינט אויך נוהג די אַרבעטסגעבער פון אַלע לענדער אין דער גאַנצער וועלט, אויב עס מישן זיך נור נישט אַריין קיין באַ־שטימטע סאָציאַליסטישע געזעצן. איר שטעלט איין די קאָרטן אַזוי גינסטיק פאַרן טייוולסוועגן, אַז איר קאָנט נישט בלויז זי־כער זיין, אַז ער וועט געווינען, נור עס שטעלט זיך אַ פראַגע צי האָט אַמאָל דאָס מיידל נישט קיין רעכט, אַ דאַנק איר אייגענעם זעלבסטרעספּעקט, צו פאַרלאַנגען נאָך אַ ברייטערער וויסנ־שאַפט און דערפאַרונג, אַ מער קולטורעלע געזעלשאַפט. אַ בע־

סערן געשמאק און אן השגה פון אן עלעגאנטער לעבן, כדי זי
זאל זיך גיכער פארקויפן צו א דזשענטלמען פאר פארגעניגן,
איידער צו אן ארבעטסגעבער צוליב רווח. ווארנען איר, אז איר
שיינקייט וועט נישט אייביק דויערן, הייסט בלויז, דערמאנען איר,
אז אויב זי וועט גוט אכטונג געבן אויף איר שיינקייט וועט
עס דויערן לאנג. נאכדעם ווען פרויען זענען „צו אלט צו פיר
אונצוואנציק" און אלע פאבריקן זענען פאר זיי געשלאסן, ווייל
יינגערע מיידלעך האבן פארנומען זייערע ערטער, און באמת
איז זי ווייניקער פארזיכערט מיט אן אנשטענדיקער באשעפטיקונג,
ווי מיט אן אומאנשטענדיקער; מחמת די פרויען, וואס פארקויפן
ארבעט זענען זייער אפט ארבעטסלאז צוליב שלעכטע געשעפטן
און אנדערע סיבות, אבער די פרויען, וואס פארקויפן פארגע-
ניגן, אויב זיי וויסן זיך נאר ווי צו האלטן און זענען נישט
אבסאלוט אפשטויסנדיק, קריגן כמעט תמיד קונים. די פאלן אין
וועלכע מען באנוצט זיך צו ווארנען פרויען מיט דעם שרעק-
לעכן סוף, וואס עס דערווארט זיי, ווי אזוי א פרוי קאן אריינ-
פאלן אין סאמע אפגרונט פון שמוץ און דערנידערונג, אויב זי
וועט זיך צוהערן צו אזעלכע ארגומענטן — זענען נישט מער
ווי פרומע, אויסגעטראכטע מעשות, וועלכע שטיצן זיך אויף ביי-
שפילן פון פרויען, וועלכע וואלטן דורך צופיל טרינקען, רויכערן
אפיום און אלגעמיינער פארדארבנקייט אדער שוואכן כאראקטער
סיי ווי געפאלן, ווען זיי וואלטן אפילו געווען אנשטענדיק פאר-
הייראטע פרויען אדער זיי וואלטן געלעבט אזוי שטרענג ווי נא-
נעס. און די געפאר אנגעשטעקט צו ווערן מיט א ווענערישער
קראנקייט איז צום אומגליק נישט אויסצומיידן דורך פירן זיך
שטרענג צוריקגעצויגן, מחמת מער פרויען שטעקן זיך אן מיט
דערדאזיקער קראנקייט פון זייערע אייגענע מענער איידער פון
ליבהאבער. אויב א פרוי אקצעפטירט די קאפיטאליסטישע מא-
ראל און טוט דאס, וואס עס צאלט זיך צומבעסטן, וועט זי גי-
כער נעמען דאס וואס די באזיכער פון א געוויסער געגנט רופן
(אויב ס'האנדלט זיך וועגן אן ארעמער פרוי) שכירות פאר זינד,
איידער שכירות פאר שווייסיקער ארבעט.

אין אַ סך פאַלן איז דאָס קדושין־רינגל גיכער אַ מיטל צו פאַרשטעלן זינד איידער אָפּצוהיטן פון זינד. פאַרבאָטענע פאַריינען, וואָס טראָגן אַ פאַרדאָרבענעם כאַראַקטער, זענען אַזוי געוויינטלעך אונטערן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, אַז די רעגירונג האָט זיך געמוזט פאַרנעמען מיט זיי, און אַ סך זענען אײַנגאַנצן געשלאָסן געוואָרן. דאָס געזעץ איז הײַנט צו טאָג אויב אַ נישט פאַרהייראַטע פרוי האָט אַ קינד קאָן זי צווינגען דעם פאָטער פונם קינד, ער זאָל צאָלן דערפאַר זיבן שילינג און זעקס פּעניס אַ וואָך, ביז עס ווערט אַלט זעכצן יאָר, ווײַל אין דעם עלטער קאָן דאָס קינד שוין אָנהויבן צו פאַרדינען און העלפן דער מוטער, און דאָס קינד געהערט די גאַנצע צײַט צו איר, נישט צום פאָטער (ווען זיי וואָלטן געווען פאַרהייראַט וואָלט עס געהערט צום פאָטער), הגם זי איז נישט פאַרפליכטעט צו היטן די באַלעבאַטישקייט פאַר אים אָדער בכלל טון עפּעס פאַר אים; כדי מ׳זאָל אים נישט שלעפּן אין געריכט אַרײַן, צאָלט ער אין מערסטע פאַלן מיטן אייגענעם גוטן ווילן, אויב ער איז אַ האַרציקער מענטש דערצו, נישט אָרעם, צאָלט ער גאַנץ אָפט מער ווי ער איז מחויב לויטן געזעץ. דער פּועל־יוצא דערפון איז, אַז אַ פאַרזיכטיקע דיסקרעטע קלוגע און סימפּאַטישע פרוי וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו האָבן פינף אומגעזעצלעכע קינדער, קאָן האָבן אַ געזעצלעכע גאַראַנטיע אויף אַ רעגולערע הכנסה פון זיבענאונדרײַסיק שילינג און זעקס פּענס אַ וואָך אַ חוץ דעם וואָס זי אַליין קאָן פאַרדינען בײַ ערלעכער אַרבעט, אין פאַרגלײַך מיט אַן אלמנה מיט פינף געזעצלעכע קינדער, איז אַזאַ פרוי געווען אַ קעניגין. ביז די רעגירונג האָט נאָך גאַנצע יאָר הונדערטער פון בלינדע נאַכלעסיקייט לסוף זיך אַרומגעזען, אַז מ׳דאַרף שטיצן אלמנות און מ׳האָט ענדלעך באַשטימט אַ פּענסיע פאַר זייערטוועגן.

בקיצור, דער קאַפּיטאַליזם ווירקט אויף דער פרוי, זי זאָל זיך איבערגעבן צו געשלעכטלעכער פאַרבינדונג פאַר געלט. צי זי איז פאַרהייראַט אָדער נישט און קיין שום זאַך שטייט איר נישט אין וועג צו פאַרקויפן זיך פאַר שוחד, סײַדן זי איז שטאַרק

רעליגיעז, אָדער זי האָט אַן איינגעבוירענעם חוש פאַר צנועות, וועלכע האָט איר פונדאַמענט אין דער נשמה און קאָן בייִשטיין (טײלמאָל) אַלע אומשטענדן.

עס איז אַן אומזין צו פּרעטענדירן, אַז רעליגיע און טראַדיציע און ערע און גוטע מידות געווינען תמיד. נאָך מיט אָנדערהאַלבן יאָרהונדערט צוריק האָט אונדז דער פּאָעט אָליווער גאָלדסמיט געוואָרנט, אַז:

„ווען ס'שטייגט דער האַנדל, פאַלט די ערע".

דער עקאָנאָמישער דרוק האָט זינט דעמאָלט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער פרוי און דידאָזיקע השפּעה ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. מיר האָבן ערשט געזען, ווי די עלטערן וואָס האָבן אָנגעהויבן פאַרדינען ווייניקער, האָבן געמוזט אַרויסשיקן זייערע קינדער און צוזאַמען מיט די קינדערס פאַרדינסטן האָבן זיי ערשט געהאַט אַזויפיל, וויפל זיי האָבן פריער אַליין פאַרדינט. זיי זענען אַלזאָ געצוווּנגען געווען אַרויסצושיקן די קינדער אַרבעטן צי זיי האָבן געוואָלט אָדער נישט, אַבי צו קאָנען לעבן. דאָס אייגענע איז מיט דער פרוי, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט כאַפּן אַ נישט כשר פאַרדינסטל, פלוצלינג מוז זי זיך זוכן אַ באַשעפטיקונג, וואָס זי קאָן נור קריגן, אויב זי וועט פאַרלייגן אַ נידריקן פרייז פאַר איר אַרבעט. פאַרשטייט זיך, זי איז אָפּהענגיק פון אירע זייטיקע פאַרדינסטלעך וועלכע וועלן איר העלפן, זי זאָל קאָנען אויסקומען, הייַנט. אַז אַ פרוי וואָס וויל זיך האַלטן, ווי מ'זאָגט, אָנשטענדיק און זי זאָגט, אַז זי קאָן נישט אַרבעטן פאַר אַזאַ קליין שכירות ווייל זי וועט נישט האָבן פון וואַנען צו לעבן, ענטפערט מען איר, אַז אויב זי קאָן נישט וועלן זיך געפונען אַנדערע וואָס קאָנען יאָ, און זי קאָן טון דאָס וואָס די אַנדערע טוען.

פּראָסטיטוציע איז געוואָרן ביי געוויסע באַשעפטיקונגען אַ צוואַנג און אָפּזאָגן זיך דערפון, הייסט הונגערן. הודס פרויען וואָס זענען אָנגעטון אין נישט קיין ווייבלעכע שמאַטעס, אַנשטאָט קליידער און זינגען דאָס ליד פון העמד, שטעלן פאַר

מיט זיך אָדער די פרוי, וואָס וועט גיכער שטאַרבן פון הונגער
איידער פאַרקויפן איר קערפּער, אָדער די פרוי וואָס איז נישט
יינג גענוג, און נישט דערטרעגלעך גענוג, כדי צו קאָנען פאַר-
דינען די פּאָר פעניעס אויף וואָס זי וואָלט אין אַן אַנדער פאַל
געקאָנט האָפן. די באַשעפטיקונג, ווען פּראָסטיטוציע איז שוין אַ
זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, איז בשום-אופן נאָך נישט די סענ-
סאַציאָנעלסטע, געמיינסטע און טרויעריקסטע. גיכער איז עס
דאָרטן ווען פרויען וואָס קאָנען נישט זייער ארבעט און זענען
פונדעסטוועגן פיין געקליידט און שיין און זענען באַשעפטיקט,
כדי אָנצוציען דאָס פובליקום, ווי מ'צאָלט אַזעלכע שכירות, וואָס
וואָלט זיי בשום-אופן נישט דערלויבט אָנצוטון זיך אַזויווי זיי
גייען. מיידלעך וואָס פאַרדינען דרייסיק שילינג א וואָך, קומען
צו דער ארבעט אין קאָסטבאַרע אויטאָמאָבילן און טראָגן שניר-
לעך פערל, וואָס זענען אויב נישט קיין עכטע, לכל-הפחות די
בעסטע אימיטאַציע. אויב איינע פון זיי וועט פרעגן, וויאַזוי זי
וועט זיך קאָנען אָנטון אַזויווי מ'פאָדערט פון איר, אינדערצייט
ווען זי פאַרדינט נור דרייסיק שילינג א וואָך? וועט מען איר
ענטפערן אָדער דעם אלטן ענטפער „אַז אויב זי קאָן נישט, וועלן
זיך געפונען גענוג אַנדערע וואָס וועלן יאָ קאָנען", אָדער מען
וועט איר גאַנץ אָפן זאָגן, אַז זי מעג זיך עס האַלטן פאַר א
גליק, וואָס זי באַקומט דרייסיק שילינג א וואָך, א צולאָג צו אַזאַ
אויסגעצייכנטער געלעגנהייט ווי צו מאַכן רעקלאַמע פון איר
שיינקייט און רייץ, ווי די בינע, דער רעסטאָראַן, דער קאַנטאָר,
אָדער דער מאַגאַזין. איר דאַרפט פונדעסטוועגן נישט מאַכן
קיין כלל פון דעם וואָס איר האָט נור וואָס געלייענט, אַז אַלע
טעאַטערן, רעסטאָראַנען, מאַגאַזינען א. א. ו. פאַרמערן פּראָסטי-
טוציע. די מערסטע פון זיי האָבן א שטענדיקן פּערסאָנאַל פון
גאַנץ אנשטענדיקע פרויען און זיי וואָלטן אויף קיין אנדער אופן
גאָרנישט געקאָנט עקזיסטירן. אויך דאַרפט איר נישט אַרויסדרינ-
גען דערפון, אַז די יינגעלייט, וואָס קויפן די יוועלן, די פוטער-
מאַנטלען און אויטאָמאָבילן, האָבן תמיד דערפאָלג אין זייערע
קאָסטבארע ליבעס. סיר אַרטור פינעראָס שטיק „מאַיגד די פעינט"

איז א באַלערנדיקער אמת אין דעם פּרט און עס איז גענומען פון לעבן. אָבער עס האָט נישט קיין שייכות מיט דער מאָראַל, וואָס די בינע וויל אונדז לערנען, אַז די מענער זענען די פּאַר־פירטע; נור דאָס קאָן מען יאָ זאָגן מיט זיכערקייט, אַז אויב א פרוי איז באַשעפטיקט אויף אזא אָרט, ווו זי דאַרף נישט קאָנען איר פאַך, נור צוציען קונים דורך איר פערזענלעכן רייץ, גע־שלעכט, יוגנטלעכקייט, שיינעם אויסזען און עלעגאַנטע קליידער, וועלן ארבעטסגעבער פון א געוויסן מין נישט צאָלן אָט אַזאַ פרוי קיין געהעריקן שכירות און וועלן דורך קאָנקורענץ צווונ־גען דעם אָרענטלעכן ארבעטסגעבער, ער זאָל זיינע ארבעטערינס אויך אזוי באַהאַנדלען, אויב ער וויל נישט אַרויסגעשליידערט ווערן פון מסחר און אונטערגיין.

עס זענען פאַראַן אזעלכע עקסטרעמע זאַכן, צו וואָס מע־נער קאָנען זיך נישט אַראָפּלאָזן. עס איז אמת, אז עלעגאַנטע דאַמען דינגען זיך דאַנסינג־פּאַרטנערס אויף דער ריוויערע צו פּופציק פראַנק א נאַכט. אָבער דידאַזיקע גאַנץ אומשולדיקע טראַנ־זאַקציע מיינט נאָך נישט, אז דער קאַפּיטאַליזם קאָן שוין זאָגן צו א מאַן: אויב דיין שכירות זענען דיר נישט גענוג, האָסטו נישט קיין פּרנסה, גיי ארויס אין גאַס און פארקויף פארגעניגנס ווי אנדערע טוען. ווען א מאַן האַנדלט מיט פארגעניגנס, איז ער דער קויפער, אָבער נישט דער פאַרקויפער קומט טאַקע אויס, אז די פרוי ליידט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. אויב זיי פאַרקויפן נישט זייערע קערפּערס. פאַרקויפן זיי די נשמות. דער אַדוואָקאַט, וועלכער שטרענגט זיך אָן צו באַווייזן אין געריכט, אז די ערגסטע טאַט האָט געהאַט די בעסטע כּוונות. דאָס האָט מען גענומען פאַר אַן אַלגעמיינעם ביישפּיל פון דער אומערלעכ־קייט, כּדי פאַר געלט פאַרצוּשטעלן זאַכן אין א פאַלש ליכט. עס איז נישט פאַראַן קיין גרעסער אומגערעכטיקייט ווי דאָס, מחמת עס איז א באַשטימטע זאַך, אז דער בעסטער וועג צו לער־נען דעם אמת וועגן עפּעס, איז נישט איינצוהערן זיך אין א פוסטן פּרווו צו מאַכן א פּראָטאָקאָל פון אזעלכן, וואָס האָט נישט קיין שום פּניה און איז לחלוטין נישט פאַראינטערעסירט אין דער

זאָך, נור אויסצוהערן אַלץ וואָס קאָן נור געזאָגט ווערן פאַר, און אַלץ וואָס קאָן געזאָגט ווערן קעגן דעם, פון געניטע פאַרטיידיקער, וואָס זאָלן רעדן אין נאָמען פון ביידע צדדים. אַן אַדוואָקאַט איז מחויב צו טון אַלץ וואָס ער איז נור בכוח צו טון, כדי ארויסצובאַקומען א גוטן אורטייל פאר זיין קליענט, הגם זיין פּריוואַטע מיינונג איז, אַז זיין קליענט איז אומגערעכט, פּונקט אַזוי גוט ווי א דאָקטער איז מחויב אָנצוווענדן אַלע מיטלען, כּדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון זיין פּאַציענט, הגם ער ווייסט, אז עס איז נישטאָ קיין האָפענונג און ער פּריוואַט האַלט, אז דער טויט וואָלט געווען דער בעסטער אויסלייזער. דער אַדוואָקאַט איז אַן אומשולדיקע פיגור, וואָס ווערט באַנוצט אויף אָפּצוציען אונדזער אויפמערקזאַמקייט פון דעם שרייבער און פאַרלעגער פון פאַלשע רעקלאַמען, וועלכע פּרעטענדירן צו קאָנען באַווייזן, אז דאָס ערגערע אַרטיקל איז דאָס בעסערע, פון דעם סוחר וואָס פאַרקויפט זיי און פאַרזיכערט דעם קונה, אז עס איז דאָס בעסטע, פון די אַגענטן פון אָפּיום און שיכּרות, דעם בוכהאַלטער, וואָס פירט נישט ערלעך די ביכער, דעם שווינדלער וואָס גיט א פאַלשע וואָג, דעם זשורנאַליסט, וואָס שרייבט אין א סאָציאַליסטישער צייטונג, אינדערצייט ווען ער איז אַן איבערגעצייגטער ליבעראַל, אָדער אין א קאָנסערוואַטיווער צייטונג, ווען ער איז אַן אַנאַרכיסט, דעם פּראָפעסיאָנעלן פּאָליטיקער, וואָס אַרבעט פאַר זיין פּאַרטיי, צו זי איז גערעכט אָדער אומגערעכט, דעם דאָקטאָר, וואָס גייט אויף וויזיטן דעמאָלט, ווען מ'דאַרף אים נישט און פאַרשרייבט מעדיצינען וואָס דאַרפן מכּלומרשט העלפן ווען דער חולה דאַרף גאָר האָבן אַן אַנדער עצה, מ'זאָל אים זאָגן: „לעב מיט זעקס פּענס א טאָג און פאַרדין זיי". דעם אַדוואָקאַט וואָס באַנוצט דאָס געזעץ פאַר אַן אינסטרומענט אונטערצודריקן די אָרעמע-לייט פון די רייכע, דעם פאַרקויפטן סאָלדאַט וואָס שלאָגט זיך מיטן שונא פון זיין לאַנד, וואָס ער באַטראַכט פאַר זיין אייגענעם ערגסטן שונא און די מענטשן פון אַלע קלאַסן, וואָס מוזן זיך באַציען מיט דרך-ארץ צו די רייכע און מיט ברייגגשעצונג צו די אָרעמע-לייט — דאָס זענען נור עטלעכע מוס-

טערן פון דער מענער-פּראָסטיטוסיע וואָס די נביאים חזרן אַזוי אָפט איבער אין דער ביבל מיט אַזאַ אָנגעווייטיקטן ברענענדיקן פאַרדרוס. זיי רופן עס טאָקע אָן מענער-פּראָסטיטוציע און געצנ-דינערײַ, וואָס ווערט היינטיקע צייטן טאָג-טעגלעך פּראַקטיצירט דורכן קאַפּיטאַליזם.

מיר זעען, אַז דעמאָלט ווען עס דערהויבט זיך אַ פּראָ-טעסט און מען מאַכט פאַרוואָרף די פּראָסטיטוציע, וואַגט נישט די פרוי און נישט דער מאַן צו וואַרפן דעם ערשטן שטיין, ווייל ביידע זענען זיי גלייך פאַרפלעקט געוואָרן מיט פּראָסטיטוציע אונטערן קאַפּיטאַליזם. ספּעציעלע פּאַרטיידיקער קאָנען אַפילו אַרגומענטירן לטובות דער פרוי, אַז פּראָסטיטוציע אין געדאַנק, איז ערגער, זי טוט מער שלעכטס און פאַראַט טיפער נאָך דעם געטלעכן ציל פון אונדזערע כּוחות, ווי די פּראָסטיטוציע פון קערפּער. דערדאָזיקער פאַרקויף מוז נישט אומבאַדינגט אַרויסבאַ-קומען דעם ערגערן ציל פונם מיסברויך און פאַקטיש, האָט קיי-נער קיינמאָל נישט באַשולדיקט נעל גווין פאַר פאַרקויפן איר קערפּער, ווי יהודה איש קריות פאַר פאַרקויפן זיין נשמה. נור וואָס פאַר אַ סאָטיספאַקציע דער טאָפּ זאָל נישט האָבן דערמיט וואָס מ׳וועט זאָגן, אַז דער טשייניק איז שוואַרצער פון אים וועט פון צוויי שוואַרצע פאַרט נישט ווערן קיין איין ווייסער, און די אַבסטראַקטע ראיה פון מענלעכער און ווייבלעכער פּראָסטיטוציע, באַווייזט נור שטאַרקער דעם פיזישן אונטערשיד, וועלכן קיין שום נישט אַבסטראַקטער אַרגומענט קאָן נישט אויסגלייכן. מחלל זיין אַ מענטשנס פערזענלעכקייט, איז אַ מאָדנער ווייטאָק און יעדער איינער וואָס שטרייכט נישט אונטער צווישן דעם און סתּם אַ באַליידיקונג, איגנאָרירט די מענטשלעכע עמפינדלעכקייט, למשל: הויז-באַזיצער האָבן געהאַט די מאַכט צו צווינגען נישט גלויביקע, זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער אין קלעריקאַלע שולן און זיי האָבן זיך באַנוצט מיט איר. זיי האָבן אויך געהאַט אַ מאַכט איבער פרויען, אָנעקנעמען ביים מאַן זיין פּריווילעגיע איבער דער פרוי דאָס ערשטע מאָל און זיי האָבן אָדער זיך באַנוצט מיט זייער מאַכט, אָדער געצוואונגען דער פרוי, זי זאָל זיך אויסקויפן.

קאָן א פרוי פילן דאָס אייגענע אין דעם ערשטן פאַל ווי אין דעם צווייטן? די קוואַליטעט פון די צוויי אומגערעכטיקייטן, איז א גאַנץ פאַרשידענע. דער ערשטער פאַל קאָן ווארטן אויף אַן אויסבעסערונג ביי די גאָענטסטע וואַלן, דער צווייטער פאַל קאָן נישט פאַרטראָגן דעם געדאַנק פון ווארטן אפילו איין רגע. דאָך איז עס אזוי געווען.

## XLIX

# אַרבעט, יוניאָן, קאַפּיטאַליזם

איצט וועלן מיר אַ קוק טון אין דער געשיכטע מכּוח דעם ווידערשטאַנד, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט געשטעלט דעם קאַפּיטאַליזם. עס איז באַוויזן געוואָרן, דערמיט וועלן מיר אָנהויבן, אַז קיין שום מאַן אָדער פרוי קאָנען אַליין גאָרנישט טון קעגן דעם קאַפּיטאַליזם. זיין אָנגעגרייטער ענטפער, אַז אויב דו וועסט נישט נעמען דעם פּרייז וואָס מ׳לייגט דיר פאָר און טון די אַרבעט, וואָס מ׳הייסט דיך, וועלן זיך געפינען גענוג אַנדערע, וואָס וועלן עס יאָ אָנעמען האָט צוגענומען דעם מוט ביי דעם פאַרלאָזענעם איינזאַמען קעמפער פאַר אַן אָנשטענדיקע הכנסה פון וואָס ער זאָל קאָנען לעבן אין אַ מענטשלעכן אַרבעטס-טאָג. די ערשטע נויטווענדיקייט, כּדי דער ווידערשטאַנד זאָל האָבן זיין ווירקונג, איז געווען, אַז די אַרבעטער זאָלן שאַפן אַ שטיקל פאַריין און זיי זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען. אין אַ סך פאַלן איז עס אָבער נישט מעגלעך געווען, ווייל די אַרבעטער האָבן זיך נישט געקאָנט, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צוזאַמענצוקומען כּדי איינשטימיק אָנצונעמען אַ רעזאָלוציע און מיט פאַראייניקטע כּוחות טון עפּעס ממשותדיקס. למשל, הויזדינער האָבן נישט געקאָנט שאַפן קיין פאַריין, זיי האָבן זיך געפונען אין אַלערליי פּריוואַטע קיכן, צעוואָרפן איבערן גאַנצן לאַנד, מער אָפּגעשלאָסן ווי אין אַ תּפיסה, געאַרבעט צו

איינע העכסטנס צוויי אָדער דריי אין אַ קיך, אַ חוץ אין די גאַנץ רייכע הייזער, ווו עס האָבן זיך געקאָנט גרופּירן ביז דרייסיק אָדער פערציק דינסטן. אָבער נעמט אַגריקולטור-אַרבעטער. עס איז זייער שווער צו אָרגאַניזירן פאַריינען צווישן זיי און נאָך שווערער איז צו האַלטן זיי פאַראייניקט אַ לענגערע צייט. זיי וווינען צו ווייט איינער פון אַנדערן. די אייגענע שוועריקייטן זענען פאַראַן כמעט ביי יעדן מין אַרבעט אַ חוץ אין פאַבריקן אין מינעס אָדער באַנען. אין טייל פאַכן איז אַזאַ אונטערשיד אין די הכנסות און אינם סאָציאַלן שטאַנד, אַז אפילו ווען אַלע מיטגלידער וואָלטן זיך געקאָנט צוזאַמענקומען, וואָלטן זיי זיך אויך נישט געוואָלט אויסמישן. אויף דער בינע, למשל קאָן איין אַרטיסט זיין אַ הויכגעשטעלטער טיטולירטער דזשענטלמען, וועלכער שפּילט האַמלעט, אָדער אַן אַקטריסע, וואָס איז אַ לײדי און אַ הויף-דאַמע, וועלכע שפּילט פּאָרטיאַ — ביידע זאָלן זיי פאַרדינען הונדערטער פונטן אַ וואָך — און מיט זיי צוזאַמען קאָנען יעדע נאַכט שפּילן אַקטיאָרן און אַרטיסטקעס, וואָס דערוועגן זיך קיינמאָל נישט צו עפענען דאָס מויל. אויב זיי וואָלטן עס יאָ געטון, וואָלט די שפּראַך זייערע גלייך פאַראַטן, אַז הגם זיי זענען פאַרקליידט, פאַר הויף דאַמען און הערן, זענען זיי זייער ווייט דערפון און זיי פאַרדינען ווייניקער פון די סטאָליאַרעס וועלכע קלאַפּן צוזאַמען די בינע. עס איז אפילו מעגלעך, אַז אַ געוויסער פּאַיאַץ אָדער אַקראָבאַט זאָל פאַרדינען מער ווי האַמלעט, דאָך אין פּריוואַטן לעבן איז ער אַזוי נישט קולטורעל און האָט אַזעלכע שלעכטע מאַניערן ביים טיש, אַז דער טיטולירטער האַמלעט קאָן בשום-אופן נישט פאַרטראָגן נישט זיין קאָנווערסאַציע, נישט זיין באַנעמונג ביים טיש, דערפאַר איז אַ פאַריין פון אַקטיאָרן אַ שווערע זאַך, דער אונטערשיד פון קלאַסן איז דאָ אומפאַרמיידלעך. יוניאָנס זענען מעגלעך נור דאָרט, ווו די מיטגלידער אַרבעטן צוזאַמען אין אַ גרויסער צאָל, וווינען אין די אייגענע געגנטן, געהערן צו דעם אייגענעם סאָציאַלן קלאַס און פאַרדינען מער-ווייניקער דאָס אייגענע געלט. די מינעס-אַרבעטער אין די קוילן-פעלדער, די באַוול-וועבער אין די פאַבריק-

שטעט פון לאַנקעשייר, די מעטאַל-גיסער און פאַרמער אין די „מידלאַנדס" זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן געשאַפן לאַנגדויערנדיקע און מעכטיקע פאַריינען. די מולער, מויערער, סטאָליאַרעס, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעקומען זענען אויך געווען פרי אויפן פלאַץ, צו פרוון בויען פאַריינען. אונטער דעם איינדרוק פון אַן אומדערטרעגלעכער אונטערדריקונג, האָבן זיי געמאַכט קאָמבינאַציעס צו ווירקן אויף די אַרבעטער, זיי זאָלן אָנהויבן זען זייער מצב. און ווען זיי האָבן אַרויסגעבראַכט דעמדאָזיקן פונקט אָדער זיי זענען באַזיגט געוואָרן האָט זיך דער פאַריין אויפגעלייזט, ביז אַן אַנדער געלעגנהייט איז אונטערגעקומען, דאַן האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פאַרשרייבן צוזאָלן געוויסע קליינע סומען יעדער וואָך. זיי האָבן געגרינדעט אַ פאַרזיכערונגס-באַנק קעגן אַרבעטסלאָזיקייט, וועלכע האָט זיי געצוווּנגען צו האַלטן זיך צוזאַמען, און אַזוי אַרום זענען די פאַריינען זיך צעוואַקסן פון צייטווייליקע פאַריינדלעך, ווי מ'האָט זיך אַרומגעריסן, ביז שטענדיקע „טרייד יוניאָנס" אַ זעלכע, ווי מיר זעען זיי איצט.

איצט מוזן מיר באַטראַכטן וואָס אַ פאַריין פון פּראָלעטאַריער קאָן טון אָפּצוהיטן זייער פרנסה פון די כסדרדיקע אָנגריפן מצד דעם קאַפּיטאַליזם. קודם-כל, ווען דער פאַריין איז גענוג פעסט אָוועקגעשטעלט, גיט זי זיי די מעגלעכקייט צו באַגעגענען דעם אַרבעטסגעבער אָן מורא סאָמער הערט ער זיי זאָגן, אַז אויב זיי וועלן נישט אָנעמען די באַדינגונגען וועלן זיך געפונען גענוג אַנדערע, וואָס וועלן זיי יאָ אָנעמען, בעת כמעט אַלע מיטגלידער אין שטאָט זענען פאַראייניקט. יעדער צאָלט איין וואָך ביי וואָך זיין באַשטייערונגס געלט, ביז זיי פאָרמען אַ קליינעם פאָנד אויף וואָס אָנצולענען זיך און אויב מ'וויל זיי אַראָפּנעמען פון דעם שכירות קאָנען זיי זיך אָפּזאָגן צו אַרבעטן און לעבן פונם פאָנד דערווייל און אַזוי אַרום ברענגען דערצו, אַז דעם באַלעבאָס געשעפטן זאָלן זיך אָפּשטעלן אויף וואָכן און אפילו אויף חדשים, עס ווענדט זיך אין דער גרויס פונם פאָנד. דאָס רופט זיך א סטרייק. זיי קאָנען נישט בלויז סטרייקן קעגן אַ פאַרקלענערונג פון דעם שכירות נאָר אויך פאַר אַ העכערונג, אָדער פאַר-

א פאַרקלענערטן אַרבעטס-טאָג אָדער צוליב וואָס פאַר א סכסוך עס זאָל זיך נישט מאַכן צווישן זיי און דעם אַרבעטסגעבער. זייער דער־פאָלג איז אָפּהענגיק אינם מצב פון דעם באַלעבאָס געשעפטן. דער אַרבעטסגעבער קאָן, אויב ער וויל וואַרטן ביז דער פאָנד וועט זיך אויסלאָזן און דאַן פאַרהונגערן די סטרייקער און אַזוי־אַרום צווינגען זיי נאָכצוגעבן, סיידן אויב דער סטרייק ברעכט גראָד אויס אין אַזאַ מאָמענט ווען די געשעפטן גייען באַזונדערס גוט און דער אַרבעטסגעבער איילט זיך פּאַרטיק צו מאַכן וואָס מער אַרבעט און אַריינצוכאַפּן וואָס מער רווח, כל־זמן עס לאָזט זיך און ער וואָלט פאַרלוירן א סך מער, ווען עס זאָל זיך פּלוצ־לינג אָפּשטעלן די אַרבעט ווי דאַן, ווען ער וועט נאָכגעבן די אַרבעטער זייערע פאָדערונגען. דעמאָלט איז ער געצוווּנגען זיך אונטערצוגעבן.

אָבער די באַלעבאַטים וועלן עס דודלען אַזוילאַנג, ביז זייער צייט וועט קומען און זיי וועלן מאַכן א קאָנטער־סטרייק ווען די געשעפטן שטעלן זיך אָפּ און עס איז נישטאָ דערווייל וואָס צו טון, און זיי ווייסן, אַז זיי וועלן גאָרנישט פאַרלירן, אויב זיי וועלן אָפּשטעלן די פאַבריקן אויף א שטיקל צייט, דאַן הויבן זיי אָן אַראָפּצוּרייסן פון די שכירות און ווער עס לאָזט זיך נישט, זאָגן זיי אים אָפּ (אויף ענגליש הייסט אויסשליסן — לאָקאַוט). דער־פאַר הייסט א סטרייק פון אַרבעטסגעבער א „לאָקאַוט". די צייטונגען נוצן בכיוון דאָס וואָרט סטרייק פאַר סטרייקן אין לאָקאַוטס, מחמת זייערע לעזער באַשולדיקן ווען א סטרייק ברעכט אויס תמיד די סטרייקער אנשטאט די אַרבעטסגעבער. אָבער באמת וואָלט א טייל פון די גרעסטע אַזוי גערופענע סטרייקן, געדאַרפט גערופן ווערן לאָקאַוטס; אַז עס הויבן זיך די געשעפטן ברעכן תמיד אויס א גאַנצע ריי סטרייקן, וואָס ענדיקן זיך גע־ווינטלעך מיט דערפאָלג, ווען די געשעפטן פאַלן ברעכן תמיד אויס א ריי לאָקאַוטן און זיי ענדיקן זיך אויך געוויינטלעך מיט דערפאָלג. איין קלאַס מאַכט א תל פון דעם אַנדערנס אַרבעט אויף א שרעקלעכן אופן. נאָך דער מלחמה האָבן מיר געהאַט א ביי־גאַנטישע אויפלעבונג, דערנאָך א פּלוצלינגן אנפאַל מיט סטרייקן

און לאָקאַוטן, ווי עס געהער צו זיין. אייער אייגענע דערפאַרונג פון דידאָזיקע ציוויל־מלחמות פון סטרייקן און לאָקאַוטן, האָט אייך געמוזט איבערצייגן, אַז זיי זענען אַן אומגליק פארן פאָלק און זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין שום זין אין אַ גוט איינגעאָרדנטער געמיינדע. אָבער לאָמיר דאָס פאַרגעסן אויף אַ רגע. מיר האָבן נאָך נישט פאַרענדיקט אונדזער שטודיע מכּוח פּרימיטיוון „טרייד־יוניאָניזם. מיר האָבן נאָך אויך נישט געזען, צו וואָס ער פירט, אַ חוץ אָפּשפּאָרונגען פאַר אַ סטרייק און דאַן „דאַוונונג טולס!״ (לייגט דאָס געצייג).

די ערשטע נויטווענדיקייט פון דער סיטואַציע איז געווען, אַז יעדער איינער אינם פאַך זאָל זיך אָנשליסן אין דעם פאַריין, מחמת נישט קיין מיטגלידער האָבן נישט געקאָנט אָננעמען די אַרבעט. דער אַרבעטסגעבער האָט זיך באַנוצט מיט זיי צו ברעכן דעם סטרייק, ווייל זיי האָבן געטון די אַרבעט, וואָס די סטרייקער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו טון, דאָס האָט גורם געווען אַ שרעקלעכן האַס קעגן די מענער, וואָס האָבן זיך נישט אָנגעשלאָסן אינם פאריין. מ׳האָט זיי גערופן סטרייקברעכער, „בלעקלעגס״ (שווארצע פיס) אַזוי רופט אַן ענגלענדער אַ מסור, אָדער איינעם וואָס נעמט הינטן אַרום אַוועק יענעמס פאַרדינסט אַאוו. און די מיטגלידער פון דעם פאריין האבן זיי באַיקאָטירט אויף טריט און שריט, אָבער דאָס איז נישט גענוג געווען אָפּצושרעקן די סטרייקברעכער. די פאריינען האָבן געמוזט אוועקשטעלן ביי יעדן טויער פון די פאבריקן אַ צאָל סטרייקער, זיי זאָלן נישט אַריינלאָזן די סטרייקברעכער. מען דארף קיין אינטעליגענטע פרוי נישט דערציילן וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטון. ווען עס וואָלטן דאָרט נישט געשטאַנען קיין גרויסע אָפּטיילונגען פּאָליציי, וואָלטן די סטרייקברעכער, אַלע, גליקלעך געווען און צופרידן און זיי וואָלטן נישט אהיים געגאַנגען מיט קיין צעבראָכענע ביינער. לסוף איז געקומען אַ צייט, ווען די סטרייקברעכער האָבן אמאָל אין שעיפעלד און אין מאַנשעסטער געפינען באָמבעס אין די אויוונס ביי וועלכע זיי האָבן געארבעט און זיי זענען צעריסן געוואָרן אויף שטיקער, ווען מ׳האָט אָנגעווענדט

די מאַשינעריע און דאס געצייג, אזוי אַז זיי האָבן געקאָנט זיין
געפערליך פאר די וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט זיי. (דאָס האָט
זיך גערופן „רעטענונג" כאפּן מייז) און די אויוונס פון די פאַב-
ריקן זענען צעבראָכן געוואָרן פון די אויפרייס-מאַטעריאַלן ווי אַ
דונער פון מערקורי וואָלט אויסגעבראָכן. דאַן האָבן, פאַרשטייט
זיך, נור גאַנץ אומווויסנדיקע באַשעפענישן אָדער אַזעלכע, וואָס
זענען ממש געווען פאַרצווייפלט און האָבן געמוזט עפּעס פאַרדי-
נען, זיך איינגעשטעלט צו פּרוּוון טון די אַרבעט. דאָס איז אָפּ-
געשטעלט געוואָרן נישט אַזוי צוליב דעם וואָס מ'האָט באַשטראָפט די
וואָס האָבן עס אָפּגעטון, ווי דורך דעם וואָס מ'האָט געצוווּנגען
די אַרבעטסגעבער צו פאַרקלענערן זייער פּראָוואָקאַציע. די שעי-
פעלדער שטאָל-אַרבעטער זענען כמעט אַלע געשטאָרבן פאַר דער
צייט און האָבן געליטן אַ סךביים לעבן, ווייל די לופט וואָס
זיי האָבן אריינגעאָטעמט אין זיך איז געווען פול מיט שטאָל.
מען האָט דאָס גאַנץ לייכט געקאָנט פאַרהיטן, ווען מ'וואָלט גע-
ווען געקויפט וואַקום-רייניקער (שטויב-זויגער), ווי מיר רופן עס
אריינצוזויגן אין זיך דעם טויטלעכן שטאָלענעם שטויב. אָבער די
באַלעבאַטים האָבן נישט געוואָלט קויפן, ווייל אַזויווי דאָס קאָסט
עקסטרע קאַפּיטאַל, פון וועלכן עס איז נישטאָ קיין דירעקטער
פּראָפיט, וואָלט אַן אַרבעטסגעבער וואָס וואָלט עס געקויפט, נישט
געקאָנט פאַרקויפן זיין סחורה אזוי ביליק, ווי די וואָס האָבן עס
נישט געקויפט. צו יענער צייט, האָט אַ שעפילדער אַרבעטער
פון פופציק יאָר (אויב ער האָט געהאַט דאָס גליק צו דערגרייכן
אַזאַ עלטער) אויסגעזען, ווי אַן אויסגעשעפּטער צעבראָכענער
אַלטער מאַן פון זיבעציק יאָר. און אָט דער מערדערלעכער צו-
שטאַנד האָט געדויערט גאַנצע הונדערט יאָר, דער ווײ-געשריי
פון די קרבנות איז געווען אַ גאָרנישט קעגן דער אומגערעכטי-
קייט, וואָס איז זיי געטון געוואָרן. ענדלעך נאָך לאַנגע מי, איז
זיי די רעגירונג געקומען צו הילף און האָט געצוווּנגען די אַר-
בעטסגעבער צו קויפן אַזעלכע פּעכער וואָס זויגן אין זיך אריין
די אומריינע לופט. די לונגען פון די שעפילדער אַרבעטער זע-
נען היינט נישט ערגער פון עמעצן אַנדערש און אַ סך בעסער

פון די ארבעטער, וואָס וועלן נישט אַזוי פּראַקטיש באַשוצט פון דער רעגירונג.

נור צו נעמען אַ קלענערן לוין פאַר ארבעט ווי עס איז פון דעם פּריוואַט באַשטימט געוואָרן איז נישט געווען דער איינציקער וועג, ווי אַן ארבעטער האָט געקאָנט אַ רעה טון זיינע חברים ארבעטער. ביי אַ סך פאַכן איז נישט גענוג געווען צו באַשטימען דעם פּרייז וואָס דער אַרבעטער האָט געדאַרפט באַקומען פאַר זיין אַרבעט. מען האָט אויך געדאַרפט באַשטימען, וויפיל אַרבעט ער האָט געדאַרפט געבן פאַר דעם באַשטימטן פּרייז. אייך מוז שוין פשוט איבלען צו הערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דעם נאַרישן וויץ פון די צייטונגען, אַז די מוליאַרעס טאָרן נישט לייגן מער ווי דריי ציגל אַ טאָג, לויט די פאַראָרדנונג פון זייער פאַריין, אַ מוליער האָט פּינקט אַזאַ רעכט צו פאָדערן אַ פּרייז פאַר לייגן בלויז דריי ציגל אַ טאָג ווי עס האָט דער ווירט ביים פאַרקויפן דאָס הויז, ווען ס'איז פאַרטיק צו נעמען דעם העכסטן פּרייז. צו וואָס פאַרמשפּטן דעם מוליער אָדער דעם הויז-ווירט, פאַרמשפּט דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, אַזוי ווי גוטע באַלשעוויקעס. דער וויץ וועגן די דריי ציגל, איז בלויז אַ קאָמיש איבערטרייבעניש פון דעם וואָס קומט באמת פאָר. כדי אויסצוגעפינען וויפיל ארבעט אַ מענטש קאָן מאַכן אין משך פון אַ טאָג, קלויבן די אַרבעטסגעבער אויס אַ ספּעציעל שנעלן און שטאַרקן מאַן, און פּרוווט אונטערטרייבן, אַז אַלע איבריקע אַרבעטער זאָלן ארויסגעבן אַזויפיל ארבעט אַ טאָג וויפיל ער. די פאַריינען ענטפערן דאַרויף מיט דעם וואָס זיי פאַרווערן יעדן פון די ארבעטער, צו לייגן אפילו איין ציגל מער ווי ער קאָן און מוז אין משך פון טאָג, אויב ער איז בכלל ווערט מ'זאָל אים באַשעפטיקן. אָט דידאָזיקע פּראַקטיק עקסטרע דורכצופירן, דאָס הייסט אפילו ווייניקער אַרבעטן ווי זיי וואָלטן אייגנטלעך געקאָנט באַוויזן, ווען זיי זאָלן זיך אַביסל אָנשטרענגען. דאָס פאַרדריסט שטאַרק די אַרבעטסגעבער און זיי האַלטן זיך אין איין באַקלאָגן, הגם זיי אליין טוען דאָס אייגענע, נור אויף אַן אנשטענדיקערן אופן. זיי לאָזן ארויס ווינציקער סחורה אויפן

מאַרק און באַהאַלטן זי בכיוון די צו נעמען הויכע פּרייזן. אויף דעמ־דאָזיקן פּרינציפּ איז דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם אייגנטלעך געבויט.

אַזוי אַרום טרייבט דער קאַפּיטאַליזם דעם אַרבעטסגעבער צו באַגיין זיך וואָס ערגער מיט די אַרבעטער און די אַרבעטער צו טון וואָס ווייניקער פאַר אים און ער באַרומט זיך כּסדר, אַז ער אַרבעט ענערגיש דערויף, אַז ביידע זאָלן איינער פאַרן אַנדערן טון דאָס בעסטע וואָס זיי קאָנען. איר קאָנט פרעגן, טאָ ווי קומט עס וואָס דאָס ענדיקט זיך נישט מיט קיין שטילשטאַנד? איז דער ענטפער, אַז שטילשטאַנד ווערט כּמעט צוויי מאָל אַ טאָג. דעם קעניגס רעדעס בעתן עפענען דעם פּאַרלאַמענט, באַשטייען פון כּסדרדיקע אַפּעלאַציעס צו די אַרבעטער און אַרבעטס־געבער, זיי זאָלן זיין גוטע יינגלעך און זען נישט צו פּאַראַליזירן, דאָס הייסט אונטערגראָבן די נאַציאָנאַלע אינדוסטריע, דורך אייביקע צוזאַמענשטויסן און קאָנפליקטן צוליב זייערע אינטערעסן.

די סיבה פאַרוואָס דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם האָט אַמאָל געאַרבעט אָן סכסוכים, מער ווי צו עטלעכע חדשים מיט־אַמאָל, איז דאָס וואָס עס איז זיי נאָך נישט געלונגען אינגאַנצן צו באַקעמפן די מענטשלעכע נאַטור, אַז יעדער זאָל האַנדלען לויט די פּרינציפּן פון מסחר.

דער גרעסטער טייל פון דער נאַציע, די מאַסע איז גע־ווען שפּל און אומוויסנדיק. זיי האָבן גענומען, וואָס די אַרבעטס־געבער האָבן זיי פאַרגעלייגט צו געבן און געאַרבעט וויפיל זיי האָבן נור געקאָנט, טראַכטנדיק, אַז זיי טוען זייער פליכט, דער־מיט וואָס זיי טוען דאָס צו וואָס גאָט האָט זיי באַשטימט און נעמען דאָס, וואָס ער האָט זיי באַשערט. אָבער זיי האָבן בכלל נישט געטראַכט מער געליטן פון זייער גורל, ווי פון אַ זאַך וואָס מ׳קאָן נישט ענדערן, אַ שטייגער ווי דאָס וועטער. אפילו אינם ביינצנטן־יאָרהונדערט ווען עס זענען געווען פערצן מיליאָן לוין־אַרבעטער, זענען נור אַנדערטהאַלבן מיליאָן געווען אין די טרייד־יוניאָנס, וואָס באַדייט, אַז נור אַנדערטהאַלבן מיליאָן האָבן פאַר־

קויפט זייער ארבעט אויף סיסטעמאטישע קאַפּיטאַליסטישע געשעפטס-פּרינציפּן.

היינט זענען פיר און אַ האַלב מיליאָן איבערגעגאַנגען צום קאַפּיטאַליזם און זענען געוואָרן און זיי זענען פּאַרייניקט אין יוניאָנס, ווי די סאָלדאַטן אַן ערך. זעקס אָדער זיבן הונדערט מלחמות ווערן געפירט אין משך פונם יאָר וואָס רופן זיך אַרבעטס-קאָנפליקטן. און די טעג, וואָס גייען פאַרלוירן, אין וועלכע מ׳אַרבעט נישט, ציילן זיך ביז צען מיליאָן אַ יאָר און מער נאָך. ווען די זאַך וואָלט נישט געווען אַזאַ ערנסטע וואָלט מען געקאָנט לאַכן. הערנדיק, ווי מענטשן רעדן מכּוח אויסברייטערן דעם סאָציאַליזם אין דער צייט. ווען אונדז דראָט גאָר אַן אויסברייטערונג פונם קאַפּיטאַליזם. אין דער רגע, וואָס די אָרעמע אַרבעטער זאָגן זיך אָפּ צו זען גאָטס-ווילן אין דער סיבה פון זייער אָרעמקייט, און זיי הויבן זיך אָן צו אָרגאַניזירן אין פּאַרייען, כּדי אַרויסצובאַקומען, וואָס מער געלט פאַר זייער אַרבעט, פּונקט ווי עס האָבן געטון די גוט-באַזיצער מיט זייער ערד, דער קאַפּיטאַליסט מיט זיין קאַפּיטאַל, דער אַרבעטסגעבער מיט זיין געשעפטס-דערפאַרונג און דער פינאַנסיסט מיט זיינע פעיקייטן קינסטלעך אויפצוהויבן די אינדוסטריע פון לאַנד, פון וואָס מיר זענען אַלע אָפּהענגיק מיט אונדזער עקזיסטענץ — הייבן מיר אָן פאַלן אַלץ שנעלער און שנעלער אין צוויי קעגנזייטיקע ריכטונגען און דער סוף וועט זיין אַן אומגליקלעכער צוזאַמענברוך, וואָס וועט ברענגען צו אַ שטילשטאַנד אין דער אינדוסטריע, ביז — איינס פון דיביידע, אָדער דאָס אייגנטום וועט צופירן די אַרבעט צו גאַנץ אָפענער נישט פאַרשטעלטער שקלאַפעריי, אָדער אַרבעט וועט באַקומען די אויבערהאַנט, און די לאַנגע ריי ענדערונגען, צוליב וועלכע די הערשאַפט איבער דער סיטואַציע איז שוין אַריבערגעגאַנגען פון דעם גוטבאַזיצער־קאַפּיטאַליסט צום אינדיווידועלן אַרבעטסגעבער, פונם אינדיווידועלן אַרבעטסגעבער צו דער פאַרייניקטער אַקציען-געזעלשאַפט, פון דער אַקציען-געזעלשאַפט צום „טראַסט" און לסוף פון די אינדוסטריעלער אין אַלגעמיין צו די באַנקירן, וועלן פירן דער-

צו, אַז עס וועט דערגרייכן צו דעם אַרבעטער-קאַפּיטאַליסט. די מלחמה פאַר דערדאָזיקער אויבערמאַכט איז אַ פּאַרייניקטע און מיר שטייען הילפלאָז אין סאַמע מיטן. אומדזער לאַנד ווערט חרוב דורך סטרייקן און לאָקאַוטן און דורך אַ ריזיקער אַרמײַ פון אַרבעטסלאָזע. די לײַדעס און דזשענטלייט דערקלערן, אַז די שולד איז פון די אַרבעטער, און די אַרבעטער דערקלערן אָבער, אַז עס איז די שולד פון די לײַדעס און דזשענטלייט, אָדער זיי זענען פאַרשטענדיקער און דערקלערן, אַז שולדיק איז דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם און זיי ווערן סאָציאַליסטן, נישט ווייל זיי פאַרשטייען אים נאָר דערפאַר וואָס ער זאָגט צו אַן אויסוועג.

ווען אָט די אָפענע מלחמה איז נורוואָס דערקלערט גע-וואָרן האָבן זיך די אַרבעטסגעבער באַנוצט מיט זייער מאַכט אין פּאַרלאַמענט און מ׳האָט באַפוילן, אַז דידאָזיקע דערקלערונג זאָל באַשטראָפט ווערן ווי אַ פאַרברעכן. די פאַריינען האָט מען קלאַסיפיצירט אַלס קאָנספּיראַציעס און ווער עס האָט געהערט צו זיי איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ קאָנספּיראַטאָר און איז באַ-שטראָפט געוואָרן לויטן געזעץ. דאָס האָט די אַרבעט פון די פאַריינען נישט געשטערט. עס האָט נאָר גורם געווען, זיי זאָלן זיך היטן און אַרבעטן אין געהיים. עס האָבן זיך געבילדעט גע-היימע פאַריינען. אַנטשלאָסענע, איבערגעגעבענע מענטשן, וואָס שרעקן זיך נישט פאַר קיין שום רעגירונגען, האָבן געגנומען די פאַריינען אין זייערע הענט און זענען געוואָרן זייערע אָנפירער, ביז די רעגירונג האָט זיך אַרומגעזען, אַז עס איז אומעגלעך עפּעס אויפצוטון מיט אַזעלכע מיטלען, ווי אונטערדריקונג א. א. וו. מחמת די פאַר פאַלן, ווען דאָס געזעץ האָט דורכגעפירט איר שטראָף האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון מאַרטירערטום. דאָס האָט גורם געווען אָפענע אַלגעמיינע אַגיטאַציעס, וועלכע האָבן אָנגע-מאַכט אַ רושם און האָבן דערהויבן דעם טרייד-יוניאָניזם אַנ-שטאָט אים אונטערצודריקן.

די אַרבעטסגעבער האָבן געפּרוווט אָנעמען מיטלען, ווי אַזוי זיך אויסצובעסערן. האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צוצונעמען יו-ניאָניסטן צו דער אַרבעט, דאָס האָט זיי אָבער קנאַפּ וואָס גע-

האלפן, ווייל זיי האבן נישט געקאנט באקומען גענוג ארבעטער וועלכע האבן נישט געהערט צו קיין יוניאן און די מיטגלידער פון די יוניאנס האבן זיך אפגעזאגט צו ארבעטן מיט נישט מיטגלידער. דאן האבן די ארבעטסגעבער זיך אפגעזאגט צו אנערקענען די יוניאנס, וואס האט געהייסן, אז זיי זאגן זיך אפ אונטערצוהאנדלען מיטן סעקרעטאריאט פון די יוניאנס וועגן דער פראגע פון שכירות און האבן דורכויס פערלאנגט, מ'זאל זיי לאזן אונטערהאנדלען דירעקט מיט די ארבעטער גופא און אינדיווידועל מיט יעדן באזונדער. דאס איז זיי אויך נישט געלונגען. האנדלען באזונדער קאן מען מיט א פרוי בעת מ'נעמט זי צו פאר א דינסט. אדער ווען אן אלטמאדישער קרעמער נעמט צו א בוכהאלטער אדער א געשעפטספירער, אבער ווען מ'דארף צו נעמען הונדערטער און טיילמאל טויזנטער ארבעטער, קאן מען דאס נישט טון. די גרויסע אונטערנעמער, וואס האבן תחילת גערעדט דערפון, האבן אייגנטלעך געמיינט, אז עס זאל לחלוטן נישט זיין קיין אונטערהאנדלונגען. זיי האבן געוואלט, אז די מענער זאלן זיך שטעלן ארבעטן און זיך פארלאזן אויף דער פירמע, וויפיל שכירות זי וועט באשטימען זאלן זיי צונעמען און מאכן א שווייג. ווען זיי האבן געזען, אז די אינפארמאציע, פון די יוניאנס האבן געגעבן די ארבעטער א מעגלעכקייט אונטערצוהאנדלען, האבן די באלעבאטעם, כדי איינצושפארן זייער אייגענע צייט, געפאדערט, אז איין איינציקער רעפרעזענטאנט דער סעקרעטאר פון דער יוניאן, וואס איז א פעיקער און דערפארענער געשעפטסמאן, זאל אונטערהאנדלען מיט זיי, אזוי ארום האט זיך דער גאנצער געפילדער געענדיקט דערמיט, וואס נישט נור די יוניאנס זענען אנערקענט געווארן פון די גרויסע אונטערנעמער, נאר זיי האבן אנגעהויבן באטראכטן אלס א נויטווענדיקייט פאר דער אינדוסטריע. סוף-כל-סוף זענען די יוניאנס לעגאליזירט געווארן און דא, פונקט ווי אינם פאל מיט דער פארהייראטער פרויס אייגנטום-געזעץ, איז דער איבערגאנג פון אבסאלוטע רעכטלאזיקייט, ביז די לעגאלע באשוצונג, און איר רעאקציע קעגן פריערדיקער אומגערעכטיקייט אביסל אריבער די

גרעניץ און האָט געגעבן די טרייד־יוניאָנס אַזעלכע פּריווילעגיעס, וואָס קיין שום אַנדערע פאַריינען געניסן נישט. די אַרבעטסגעבער האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זיי מוזן זיך אויך פאַריייניקן אין זייער האַנדלונג מיט די טרייד־יוניאָנס, און זיי האָבן טאַקע גלייך געפאָרעמט אייגענע פאַריינען, וואָס רופן זיך אַרבעטסגעבער־פעדעראַציע. די מלחמה צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט איז איצט אַ מלחמה צווישן יוניאָנס און אַרבעטסגעבער־פעדעראַציעס. זייערע קאַמפן אָדער, בעסער געזאָגט, בלאָקאַדן, זענען לאָקאַוטן און סטרייקן, וועלכע דויערן אַזוי ווי מאָדערנע מיליטערישע מלחמות גאַנצע חדשים, הגם אַ טייל פון די קאַמפן האָבן גורם געווען יחידים קרבנות (ווי למשל, מ׳זאָל אָפּזאָגן אַן אַרבעטער דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט מוט אָפן צו פאַרטיידיקן די טרייד־יוניאָנס אָדער אָפּזאָגן זיך צוריק צוצונעמען אַ פראָמינענטן סטרייקער נאָך דעם ווען דער סטרייק איז שוין געווען אַריבער). אין די אַלע קאַמפן וואָס דערפירן צום געווינס אין אַ געוויסן פונקט אָדער צו פאַרלוסטן, קומען פאַר תמיד מכּוח דעם לוין אָדער אַרבעטס־שעהן. איר מוזט פאַרשטיין, אַז עס זענען פאַראַן צווייערליי סאָרטן לוין: צייט־לוין און שטיק־לוין. צייט־לוין ווערט געצאָלט דעם אַרבעטער פאַר זיין צייט אויפן חודש, וואָך, טאָג אָדער שעה. עס איז נישט קיין חילוק, ווי פיל אָדער ווי ווייניק דער אַרבעטער אַרבעט אויס אין משך פון דערדאָזיקער צייט. שטיק־אַרבעט באַצאָלט זיך לויט דער אַרבעט, וואָס איז געטון געוואָרן אַזויפיל און אַזויפיל פאַר יעדער שטיקל פאַרטיק געמאַכטער אַרבעט.

מיינט איר דאָך מסתמא, אַז די אַרבעטער האַלטן מער פון צייט־לוין און די אַרבעטסגעבער, להיפוך, זענען פאַר שטיק־אַרבעט — הויבט זיך עס נישט אָן. עס איז אמת, אַז אַזוי איז עס כּמעט געווען אין פריערדיקע יאָרן, אָבער דאָס איינפירן מאַשינען האָט געענדערט דעמדאָזיקן פאַל שטיק־לוין, וואָס ווערט געצאָלט פאַר שטיק איז אייגנטלעך אויך אַ מין צייט־לוין, עס האָט בלויז די מעלה, וואָס עס גיט דעם אַרבעטער מער חשק צו אַרבעטן, ער ווייסט, אַז ער מוז אַרבעטן, אויב ער וויל פאַר־

דינען ווי געהעריק; אָבער אייגנטלעך ווערט דאָס, וואָס ער פֿאַר־דינט פֿריער אויסגערעכנט מיט צייט־לוין אויך, לויט דער אַרבעט וואָס ער קאָן מאַכן אין אַ שעה, אַ טאָג, אַ וואָך אָדער אַ חודש, כּדי צו קאָנען עקזיסטירן און לעבן לויט זיין געוואוינהייט און שטאַנד. איצט לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אַז עס ווערט אַנטדעקט אַ מאַשין, וואָס העלפֿט אים, ער זאָל אַרויסגעבן טאָפּלט אַרבעט אין משך פֿונם טאָג צוויי מאָל אַזוי פֿיל ווי פֿריער, דאַן וועט ער פֿלוצלינג אויסגעפֿונען, אַז ער האָט שוין אַרום מיטוואָך פֿאַר־דינט אַזוי פֿיל, וויפֿיל ער פֿלעגט פֿריער פֿאַרדינען ביז שבת. וואָס וועט ער טון? אויב איר זענט אַן ענערגישע דאַמע, וועט איר מסתּמא קלערן, אַז ער וועט אַרבעטן די גאַנצע וואָך, ווי געוויינטלעך און ער וועט דערפֿרייען זיין ווייב דערמיט, וואָס ער וועט איר אַ היים ברענגען טאָפּלטן שכירות. אָבער דאָס ליגט נישט אינם כאַראַקטער פֿון אַ מאַן. ער וועט אויסקלייבן פֿאַר אַ שילינג פֿרייהייט איידער פֿאַר אַ שילינג ברויט מיט קעז אָדער אַ גייעם הוט פֿאַר זיין פֿרוי. אַזוי טוט ער טאַקע. ער ברענגט אַ היים דאָס אייגענע געלט, וואָס פֿריער, און ער מאַכט זיך בעסער אַ יום־טוב אין משך פֿון דאָנערשטאָג, פֿרייטאָג און שבת, איבערלאָזנדיק זיין באַלעבאָס אָן אַרבעטער און אפֿשר מיט זייער נויטיקע באַשטעלונגען, וואָס מען דאַרף אויספֿירן ביז אַ געוויסע צייט. כּדי אים צו צווינגען ער זאָל אַרבעטן די גאַנצע וואָך, מוז דער אַרבעטסגעבער אַראָפּרייסן דעם פּרייז פֿון דער שטיק־אַרבעט: צאָלן אַ העלפֿט געלט, און דאָ הויבט זיך אָן אַ פֿייער — די טרייד־יוניאָנס שטעלן זיך אַנטקעגן. זיי פֿאַרלאַנגען דעם פֿולן פּרייז און דראָען מיט בויקאָטירן די מאַשינען; אויב טענהן זיי, דער אַרבעטער זאָל גאָרנישט געווינען דערביי, וועט ער זיך אָפּזאָגן צו אַרבעטן מיט די נייע מאַשינען. עס איז געווען אַ צייט, ווען דאָס איינפֿירן נייע מאַשינען האָט גורם געווען פּאָגראָמען; נייע אויסגעבויטע פֿאַבריקן זענען חרוב־ומחרב געוואָרן. האַנט־אַרבעטער און סתּם פּעבל האָבן זיך אַ לאָז גע־טון אויף זיי. ווען די טרייד־יוניאָנס האָבן פֿאַרנומען דאָס אָרט פֿונם פּעבל, האָבן אָט, די נייע מאַשינען ווידער גורם געווען

סטרייקן און לאָקאַוטן. נאָר ווען אָט די הייסע, פּערזענלעכע מחלוקת צווישן היציקע אַרבעטסגעבער און עמפּינדלעכע אַרבעטער האָבן געמאַכט אָרט פאַר קאַלטבלוטיקע, רויִקע אונטערהאַנדלונגען צווישן דערפאַרענע סעקרעטאַרן מצד די אַרבעטסגעבער־פעדעראַציעס מיט פּונקט אַזוי דערפאַרענע סעקרעטאַרן מצד די טרייד־יוניאָנס, וועלכע האָבן אויסגעגלייכט ענלעכע קאָמפּליצירטע פראַגן אַ סך מאָל פאַר דעם, איז עס געוואָרן פאַר זיי אַ באַשטימטע פּראַקטיק צוריקצוברענגען אין אָרדנונג די פראַגן מכּוח שטיק־אַרבעט, אַזוי, אַז דער אַרבעטער זאָל אויך געניסן פון די נייע מאַשינען. געבליבן איז נור די פראַגע, וויפיל יעדער פון זיי זאָל געניסן.

אויף צייט־לוין געניסן די אַרבעטער גאָרנישט דערפון, וואָס מ׳ברענגט אַריין מאַשינען. די פּראָדוקציע פון זיין אַרבעט קאָן זיך פאַרגרעסערן הונדערט מאָל אַזוי פיל בלייבט ער אַליין אַזוי אָרעם ווי ר׳איז געווען. דאָס איז די סיבה וואָס אין אַ סך פאַבריקן פאַרלאַנגען די אַרבעטער דורכויס מ׳זאָל זיי צאָלן פון שטיק און די אַרבעטסגעבער וואָלטן געוועזן נאָך מער ווי צופרידן צוצאָלן זיי לויט דער צייט, דערפאַר, וואָס די מאַשין אַרבעט מיטן מענטש אנשטאָט דער מענטש זאָל אַרבעטן מיט דער מאַשין, און באַלעמוטשען אין מיטן דער אַרבעט ווערט אומעגלעך אָדער ווייניקסטנס גרינג צו קאָנטראָלירן.

אָבער עס טרעפט זייער אָפט, אַז נישט דער שטיק־אַרבעטער און נישט דער וואָך־אַרבעטער האָבן עפּעס צו זאָגן אין דעם ענין, מחמת די נייע מאַשינעריע גיט דעם אַרבעטסגעבער די מעגלעכקייט אָפּצושאַפן די „גאַנצע חברה" און אויספילן זייערע ערטער מיט מיידלעך, וועלכע זענען בלויז מאַשין־היטערינס און מיר האָבן שוין געזען וואָסער פּעולה פרויען־אַרבעט האָט אויף שכירות. שוין נישט גערעדט דערפון, וואָס טרייד־יוניאָניזם איז אַ סך שוואַכער צווישן פרויען, ווי צווישן מענער, ווייל די מערסטע פרויען קוקן אויף אינדוסטריעלער־באַשעפטיקונג ווי אויף אַ צייטווייליק מיטל, וואָס זאָל זיי געבן די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן, ביז דער חתונה. זיי פילן נישט קיין פליכט צו מאַכן

קאָמבינאַציעס, ווי מענער, אַ שטייגער. זיי נעמען עס בכלל נישט אַזוי ערנסט, ווי מענער, וועלכע ווייסן, אַז זיי וועלן זיין באַשעפטיקט מיט דער אינדוסטריע ס׳גאַנצע לעבן. אין די לאַנקעשייר וועבעריי-אינדוסטריעס, ווו פרויען בלייבן אין פאַבריק נאָך דער חתונה אויך, זענען די פרויען-פאַריינען פונקט אַזוי שטאַרק, ווי די מענער-פאַריינען. אין אַלגעמיין גענומען, זענען די דינסטן פונם אַרבעטסגעבער מיט אַזוי פיל גרעסער פון די אַרבעטערס, אַז הגם דזשאָן סטואַרט מילס דערקלערונג אין מיטן פונם פאַריקן יאָרהונדערט, אַז דער לוין-אַרבעטער האָט גאָרנישט געוווּנען פון דעם וואָס מ׳האָט אַריינגעפירט מאַשינען איז נישט אינגאַנצן אמת, האָבן זיי אָבער אַזוי ווייניק געוווּנען אין פאַרגלייך מיט דער פאַרגרעסערטער נאַציאָנאַ״ער פּראָדוקציע, אַ דאַנק די מאַשינען, אַז עס וועט זיין גאַנץ מילד זיך אויסצודריקן, אַז זיי האָבן נישט נור נישט געוווּנען, נור זיי האָבן פאַרלוירן דעם באַזיס און שווער פאַרלוירן — לגבי די קאַפּיטאַליסטן.

# L

## צעטיילן און רעגולירן

די שוואַכקייט פון טרייד־יוניאָניזם האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די קאָנצעסיעס זענען צוגעפּלאָסן פון די אַרבעטסגעבער ווען דער האַנדל איז געשטאַנען גוט און עס איז געווען אַ סך אַרבעט און צוריק צוגענומען געוואָרן אַזוי גיך, ווי די אַרבעט איז געפאַלן. מחמת אַזוי ווי די אַרבעטסגעבער האָבן געהאַט אין זייערע הענט דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן לאַגער פון אָפּגעשפּאָרט געלט, האָבן זיי צו יעדער צייט געקאָנט אויפהערן אַרבעטן און, פאַרשטייט זיך, אויסהאַלטן לענגער פון זייערע אַרבעטער. די טרייד־יוניאָנס האָבן באַלד אָנערקענט דעם פאַקט. זיי האָבן איינגעזען, אַז איין וועג איז פאַראַן: עס זאָל זיי נעמלעך געלונגען צו באַקומען דידאָזיקע קאָנצעסיעס אויף תמיד, מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג און זיי זאָלן זיין באַשוצט פונם געזעץ, אויב נישט, וועלן זיי דורך די לאָקאַוטן פאַרלירן אַלץ, וואָס זיי האָבן געוווּנען ביי די סטרייקן. גלייכצייטיק האָבן זיי געזען, אַז דער פאַרלאַמענט האָט פאַרווערט אויף תמיד צושווערע אַרבעט מיט קינדער אויף די פאַבריקן און הגם ווי איך האָב אייך פריער דערציילט, זייערע מיטגלידער זענען געצוווּנגען געווען פון גרויס נויט צו זיין קעגנער פון דער רעפאָרם, האָט עס זיי פונדעסטוועגן איבערצייגט, אַז אויב דער פאַרלאַמענט האָט נאָר חשק, קאָן ער שאַפן וואָסערע רעפאָרמען ער וויל און אַוועקשטעלן זיי אויף אַזאַ

שטאַרקן יסוד, אַז קיין שום אַרבעטסגעבער זאָל זיי נישט קאָנען אָפּשאַפן אָדער איגנאָרירן. זיי האָבן פאַרלאַנגט, מזאָל רעדוצירן אויף שטענדיק די צען מאָנסטער־לאַנגע שעהן פונם אַרבעטס־טאָג אויף דער פאַבריק. דער געשריי פאַר אַן אַכט שעהדיקן אַרבעטס־טאָג האָט זיך תּחילת אויסגעוויזן צו זיין אַ נישט דערגרייכבאַרער אידעאַל און ער איז נאָך עד־היום ווייט פון קאָמפּלעטער דער־גרייכונג. אַ צען שעהדיקער אַרבעטס־טאָג פאַר פרויען, קינדער און יינגע מענטשן האָט מען געהאַלטן פאַר אַ גאַנץ געוויינטלעכע זאַך און פאַר גאַנץ מעגלעך. וואָס אָנבאַלאַנגט די מענער האָט מען זיי געזאָגט אַז זיי זענען דערוואַקסענע אומאָפּהענגיקע ענ־גלענדער און עס וואָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַר דער בריטי־שער פרייהייט, ווען מען זאָל פאַרווערן אַן ענגלענדער צו אַרבעטן וויפיל ער וויל. נור ווען די פרויען און יונגע קינדער גייען אַ היים, שטעלן זיך אָפּ די מאַשינען און אַזוי ווי אָן זיי קאָנען די מאַשינען נישט גיין, האָבן שוין די מענער אויך נישט געהאַט, וואָס צו טון. האָבן זיי אין זכות פון די ווייבער באַקומען קורצע אַרבעטסשעהן אויף אַ געזעצלעכן אופן.

און ווי אַזוי האָבן די אַרבעטער, וואָס האָבן צו יענער צייט נאָך נישט געהאַט קיין שטימרעכט, באַאיינפלוסט דעם פאַר־לאַמענט, אין וועלכן עס זענען געזעסן נור גוטבאַזיצער, קאַפּי־טאַליסטן און אַרבעטסגעבער, צו שאַפן דאָס גינסטיקע געזעץ, וואָס זאָל באַשיצן די אַרבעטער פון זייערע באַלעבאַטים?

ווען איך זאָל קומען און אייך דערציילן אַ מעשה, אַז דאָס איז געווען ריינער געוויסן, וואָלט מיר היינטיקע צייטן קיי־נער נישט געגלויבט, מחמת קאַפּיטאַליזם האָט צעשטערט אונדזער גלויבן אין יעדן כּוח פון ווירקונג א חוץ אייגנוציקייט, אָבער אפילו קאַפּיטאַליסטישער ציניזם וועט מודה זיין, אַז ווי געוויסנ־לאָז מיר זאָלן נישט זיין, ווען עס רירט אָן אונדזערע אייגענע אינטערעסן, זענען מיר תּמיד גרויסמוטיק, ווען עס רירט אָן יע־נעמס. (דאָס הייסט מיר זענען גוט אוז פרום אויף יענעמס חשבון) די אינטעלעגענטע פרוי טאָר זיך אויף קיין איין מינוט נישט פאָרשטעלן, אַז די קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטסגעבער פון פאַרלאַ־

מענט האָבן צוריק מיט הונדערט יאָר געלייענט דאָס בוך און האָבן דעריבער פאַרשטאַנען, אַז זייערע אינטערעסן זענען געווען די אייגענע, הגם אין זייערע באַשעפטיקונגען, געוווינהייטן און סאָציאַלן שטאַנד איז געווען אַזאַ גרויסער אונטערשיד; דער פּריץ וואָס האָט געוווינט אין זיין גוט האָט פאַראַכט דעם פאַבריקאַנט ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ וווּלגאַרן סוחר און האָט עס איהם געגעבן צו פילן. דער פאַבריקאַנט ווידער, וויסנדיק, אַז יעדער שוטה קאָן זיין אַ פּריץ, אויב ער האָט נראַד געהאַט דאָס גליק געבוירן צו ווערן אין דאָרף ביי אַ גוטבאַזיצער, בעת דערפאָלג אין מסחר פאָדערט שכל און געניטקייט, איז געווען אַנטשלאָסן צוצונעמען די פּריווילעגיעס פון די גוטבאַזיצערישער אַריסטאָקראַטיע. אין פראַנקרייך איז עס אין יאָר 1789 טאַקע געשען דורך אַ רעוואָלוציע אזן אין ענגלאַנד איז אין יאָר 1832 דער קעניג מיט זיינע „פּיערס"*) געווען געצוווּנגען נאָך אַ לאַנגער אַגיטאַציע פון די ענגלישע אַרבעטסגעבער, וואָס האָבן געדראָט מיט אַן ענלעכער רעוואָלוציע, דורכצופירן געזעצלעך דעם באַרימטן רעפאָרם-אקט, וועלכער האָט פאַקטיש אַוועקגענומען די אויטאָריטעט אינם ענגלישן פאַרלאַמענט פון די יורשים פון די גוטבאַזיצער אַריסטאָקראַטן און איבערגעבן זי צו די אינדוסטריעלער.

איר ווייסט, וואָס עס באַדייט אַ פאָפּולערע אַגיטאַציע? עס באַדייט אַביסל אַרגומענטאַציע און אַ סך אויסנוצונג לגבי דעם אַנדערן צד. ביז צום יאָר 1832 האָבן די פאַבריקאַנטן און אַלערליי אַרבעטסגעבער זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף קיין שום זאַך און אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַ גרויסער אַבסורד עס איז, צו דערלויבן אַז אַ פּאָר דאָרפישע הייזלעך זאָלן האָבן אַ מיטגליד אין פּאַרלאַמענט, בעת די סיטע פון בירמינגהאַם איז נישט געווען רעפּרעזענטירט. דער גרעסטער טייל מענטשן האָבן עס באַטראַכט פאַר גאַנץ נאַטירלעך, אַז גרויסע לייט זאָלן האָבן גרויסע פּריווילעגיעס און עס איז זיי ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען בירמינגהאַם, וועגן וועלכער זיי האָבן געהערט, אַז זי איז אַ שמוציקע שטאָט, און אַז אַלע

*) מיטגלידער פון הויז אָף קאַמאַנס.

שלעכטע פעדעריס („בירמינגהאַמער קנעפּלעך) קומען פון דאָרט. די פאַבריקאַנטן-אַרבעטסגעבער האָבן דעריבער אויפגעוועקט די געפילן פון פאָלק מיט באַווייזן די שרעקלעכע מעשים פון די פריצים און גוטבאַזיצער זייער גרויש פון אַ גאַנצע באַפעלקערונג פון די דערפער, כדי צו מאַכן אָרט פאַר שאָף אָדער קי. די האַרצלאָזע געזעצן, וואָס זיי האָבן געשאַפן, אונטער וועלכע מ׳האָט טראַנספּאָרטירט מענטשן און זיי באַשטראָפט מיט דער גרעסטער שטראָף, וואָס מ׳האָט נאָר געקאָנט צוטראַכטן, פאַר גנבענען אַ פּאָר האָזן אָדער פייגל, דער שרעקלעכער מצב פון די אַרבעטער-הייזלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אין זייערע גיטער, די שכירות, וואָס זיי האָבן געצאָלט, מ׳שטיינס געזאָגט, זייער צביעותדיקע פאַר-פאָלגונג פון די וואָס האָבן נישט מסכים געווען מיט דער ענגלי-שער קירך, זיי האָבן נישט בלויז נישט דערלויבט צו בייען אַ וואָסער ס׳איז אַנדער געבעט-הויז אויף זייער ערד אַ חוץ די „טשערטש אָף ענגלאַנד” ענגלישע קירך, נור זיי האָבן אַנגאַ-זשירט אַזעלכע גלחים, אויף וועלכע מ׳האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן אַז זיי וועלן לערנען די קינדער פון די קלעריקאַלע שולן, אַז אַלע וואָס זענען נישט אייניק מיט דער ענגלישער קירך, זענען מבוזה אויף דער וועלט און פאַרשאָלטן אויף יענער וועלט, און דעסגלייכן; זייער צביעיתדיקן בויקאָט, וואָס זיי האָבן געפירט קעגן די קרעמער וואָס האָבן געוואָגט נישט צו שטימען, בעת די וואַלן, פאַר זייערע קאַנדידאַטן און די אַלע אַנדערע שיקאַנעס וואָס זענען געווען אַ געוויינטלעכע זאַך אין יענער צייט. עס איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל, אַז פאַרשאַפן אַ לאָרד אומצופרידנקייט הייסט ברענגען אויף זיך טויט-שטראָף.

דאָס פאָלק איז געווען שטאַרק פאַרביטערט פון די אַלע אומגערעכטיקייטן, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן קעגן זיי. און די פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט האָבן דערפירט דעם פאָלקס מיינונג און האַס קעגן די גוטבאַזיצער צו אַזאַ מדריגה, אַז מ׳האָט זיך אָנגעהויבן ערנסט צו שרעקן, עס זאָל זיך נישט אַמאָל איבערחזרן אין ענגלאַנד די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. און דאָס האָט געשטויסן די אָפּאָזיציע צום רעפאָרם

אַקט, און די אַרבעטסגעבער שטיצנדיק זיך אויף דעם קעניג וויליאַם דעם IV האָבן נאָכדעם, ווי זיי האָבן באַצאָלט זיינע חובות באַקומען די מעגלעכקייט צו צווינגען דעם פּאַרלאַמענט דורכצופירן דעם אַקט. דאַסדאָזיקע געשעעניש האָט אַריינגעבראַנגט אַ ניי קאַפּיטל אינם לעבן פון דעם ענגלישן מיטל־קלאַס אונטער דער הערשאַפט פון דער קעניגן וויקטאָריע.

פאַרשטייט זיך, אַז די פּריצים האָבן דאָס נישט אַראָפּגעשלונגען אַזוי שטילינקערהייט און האָבן בכלל נישט רעאַגירט. פאַרקערט, זיי האָבן זיך נוקם געווען און זיך פאַריייניקט מיט לאָרד שעפטסבורים אַגיטאַציע פאַר דעם געזעץ בנוגע די פאַבריקן און אַזוי ווי דעם אַרבעטסגעבערס מינדסטע פינגערל איז געווען גרעסער פון דעם דאָרפס־פּריצס גאַנצע האַנד, איז דער מצב פון דעם פאַבריק־אַרבעטער געווען ערגער פון דעם שקלאַפס און די אַמעריקאַנער און מערב־אינדישע פּלאַנטאַציעס. און די ערגסטע כאַטע ביים ערגסטן דאָרפס־פּריץ איז ווייניקסטענס געווען לופטיקער פון די איבערגעפּאַקטע לעכער אנשטאָט הייזער אין די פאַבריק־שטעט; און אויב דעם אַרבעטסגעבער האָט נישט אינטערעסירט צי זיינע „הענט" זענען געווען אָנהענגער פון דער ענגלישער קירך אָדער מעטאָדיסטן; עס איז אים אפילו נישט אָנגעגאַנגען צי זיי זענען מעטאָדיסטן אָדער אַטעיסטן, מחמת זייער גאָט איז דער עגל־הזהב. אויב זיי האָבן זיי נישט פאַרפאָלגט צוליב פּאָליטיק איז עס געווען דערפאַר וואָס די „הענט" האָבן נישט געהאַט קיין שטים־רעכט. אינדוסטריעל האָבן זיי פאַרפאָלגט דעם אַרבעטער וויפיל זיי האָבן נאָר געקאָנט, זיי האָבן זיי שוין געגוג פאַרפאָלגט דערמיט, וואָס זיי האָבן אַרעסטירט יעדן איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט טרייד־יוניאָניזם. די פּערזענלעכע און אָפּטמאָל פריינטלעכע באַציונג צווישן די פויערים און די גוטבאַזיצער אָדער דאָס וואָס דינסטמיידלעך, האָבן געלערנט מאַניערן און גוטע באַלעבאַטישקייט, טראַדיציעס אין די גוטבאַזיצערס הייזער אָדער די פריינטלעכקייט וואָס די דאַמען פון גרויסע הויפן האָבן טיילמאָל אַרויסגעוויזן צו אַלטע און קראַנקע — איז געגאַנגען לאיבוד אין דער געוואַל־

טיקער דחקות, אונטער דער טרויעריקער און אומגליקלעכער לאַגע, אין דער ברוטאַליטעט און נבול־פּה, אין דער שענדלעכער איבערגעפּאַקטקייט און אין די שרעקלעכע שמוץ־עפּידעמיעס צווישן דער באַפעלקערונג פון די מינעס און פאַבריקן, ווו דאָס לעבן פון דעם ענגלענדער איז געוואָרן דאָס, וואָס די געלטגיריקייט פון די אַרבעטסגעבער האָט געמאַכט דערפון.

הגם דאָס איז אַלץ געווען אמת, איז עס אָבער ווידער נישט געווען מער, ווי דאָס, וואָס דער טאָפּ האָט גערופן דעם טשייניק: שוואַרצער, מחמת די פּריצים האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון די דיווידענדן, וואָס די אַרבעטסגעבער פון די פאַבריקן און מינעס האָבן פאַר זייערטוועגן באַשטימט. אויך האט מען נישט אָפּגעזאָגט זיך צו לאָזן בויען פאַבריקן און כאטעס אויף זייער ערד אין לאַנקעשייר; אויך האָבן די אַרבעטסגעבער זיך נישט געוואקלט, צי זאָלן זיי בויען הויפן, נאָכדעם ווי זיי האָבן געמאַכט גענוג געלט און צו „גרינדן פאַמיליעס”, וואָס זאָלן דערצויגן ווערן לויט די שטרענגסטע פּריצישע טראַדיציעס און אפילו נישט משדך צו זיין זיך מיט פאַבריקאַנטן און סוחרים נישט טראַכטנדיק אפילו, אַז האַנדל איז ווולגאַר, בפרט ווען דער אַלטער דור איז אויסגעשטאָרבן און קיינער האָט שוין נישט געדענקט ווער זייערע זיידעס זענען געווען. בלויז די מחלוקה צווישן זיי מאכט קלאָר דאס רעטעניש, פאַרוואָס, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער פּאַרלאַמענט איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון הויזאייגנטימער און קאַפּיטאַליסטישע אַרבעטסגעבער אָדער זייערע פאַרטרעטער און דער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט געהאַט קיין שטימרעכט, איז דאָך דער פאַבריק־געזעץ דורכגעגאַנגען. דאָס איז געווען אַ נקמה מצד די פּריצים פאַר די רעפאָרם־געזעצן.

אייגנטלעך האָבן אַ טייל קבצנים אויך געהאַט שטימרעכט. אויב איינער האָט פאַרמאָגט אַ שטיקל ערד, וואָס האָט אים איינגעטראָגן פערציק שילינג אַ יאָר, האָט ער געהאַט שטימרעכט די „פראַנצישעס” (פּריוועלעגירטע וועלער) וואָס האָבן דאַן עקזעסטירט, האָבן געגעבן אַ סך אָרעמע מענטשן די געלעגנהייט צו געבן זייערע שטימען, דאָס האָט געהאַט אַ וויכטיקע באַדיי־

טונג בעת די וואַלן. זיי האָבן נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין אַרבעטער־דעפּוטאַט (אַזאַ זאַך איז דעמאָלט געווען אומדערהערט), אָבער זיי האָבן טיילמאָל אַראָפּגעצויגן די וואָגשאָל צווישן די קאָנסערוואַטאָרן הויזאייגנטימער און ליבעראַלע אַרבעטסגעבער. ווען די קאָנסערוואַטאָרן און די ליבעראַלן וואָלטן געווען פאַרשטאַנען, אַז זייערע אינטערעסן זענען גלייכע און זיי מוזן פירן אַ פאַראייניקטן קאַמף קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָלטן די אַרבעטער נישט געהאַט קיין שום האָפענונגען, סיידן דורך אַ רעוואָלוציע. אָבער די קאָנסערוואַטאָרן און ליבעראַלן האָבן נישט פאַרשטאַנען זייערע קאָמערציעלע אינטערעסן. דער קאָנסערוואַטאָר האָט זיך בלינדערהייט געהאַלטן פעסט ביי זיינע אַלטע פּריווילעגיעס. די ליבעראַלן זענען נאָכגעגאַנגען די מעגלעכקייטן פון זייערע נייע פּראָפיטן אַזוי אומזיניק, ווי אַ הונט פאָלגט נאָך די טריט פון אַ פוקס. ביידע סיי די קאָנסערוואַטיוון סיי די ליבעראַלן האָבן חשק געהאַט צו זיצן אין פּאַרלאַמענט, ווייל עס האָט זיי געגעבן פּערזענלעכן כבוד און חשיבות, וואָס עפנט אויף אַ וועג צו די פראָנט בענק, וווּ עס זיצן די מיניסטאָרן, צו רעגירשאַפט, אַ מעגלעכקייט צו ווערן באַראָנעטן און פּריצים. די ליבעראַלן האָבן זיך גערופן די רעפאָרם־פּאַרטיי, ווייל זיי האָבן אַריינגעטראָגן דעם „רעפאָרם־געזעץ" און אַזוי ווי די אַרבעטער האָבן זיך שטאַרק געניטיקט אין אַלערליי רעפאָרמען, זענען זיי געווען זיכער, אַז זיי וועלן מחמת דאַנקבאַרקייט תמיד שטימען פאַר די ליבעראַלן. צוליב אָט דעם טעות, האָט די ליבעראַלע רעגירונג געמאַכט אַ פאָרשלאַג וועגן פּאָפּולערע שטיצע, דורך אַ צוזאָגן צו געבן דעם אַרבעטער־קלאַס שטימרעכט. די קאָנסערוואַטאָרן האָבן דאָס באַגעגנט מיט אַזאַ שטורם און האָבן זיך אַזוי העפטיק אַקעגנגעשטעלט, אַז ביי די נאָנטסטע וואַלן האָבן זיי פאַריאָגט די ליבעראַלן. נאָר זייער אַ קלוגער פירער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי מיטן נאָמען בענדזשאַמין דיזראַעלי, דער שפּעטערדיקער לאָרד ביקענספעלד, אַ ייד, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע, אַזוי ווי קאַרל מאַרקס, אַלס ערשטער קעמפער פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, האָט איינגערעדט די

קאָנסערוואַטאָרן, אַז באמת זענען זיי אין לאַנד פּאָפּולערער פון די ליבעראַלן. און ער האָט זיי באַוועגט צו פאַרגרעסערן די צאָל „פראַנצישן", קענען ווען זיי האָבן ערשט נישט לאַנג געקעמפט. נאַטורלעך, ווען די אַרבעטער האָבן אויף אַזאַ אופן באַקומען עפּעס שטימען האָבן זיי, זיי אויסגענוצט, כדי צו באַקומען נאָך מער שטימען. און סוף-כל-סוף האָבן אַלע באַקומען שטימרעכט, אפילו די פרויען האָבן לסוף באַקומען שטימרעכט, הגם זיי האָבן געמוזט פירן אַ ספּעציעלן פאַרביטערטן קאַמף, ביז מ'האָט זיי איינגעשלאָסן אין די וואַלן. און זיי האָבן ערשט געווונען דעם קאַמף נאָכדעם ווי זיי האָבן געטון נאַציאָנאַלע אַרבעט פאַרן לאַנד, בעת די מענער זענען אַוועק אין פראָנט אין דער מלחמה פון יאָר 1914—18. דאָס לאַנד האָט זיי געמוזט אָנערקענען און געבן זיי די פּריווילעגיע פון שטימרעכט.

די פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן פריער בלויז געקאָנט אַראָפּציען די וואָגשאָל צווישן די קאָנסערוואַטאָרן און די ליבעראַלן קאָנען איצט ביידע אַרויסטרייבן, סיי די קאָנסערוואַטאָרן סיי די ליבעראַלן און אויסקלויבן אייגענע קאַנדידאַטן. זיי האָבן עס תחילת נישט פאַרשטאַנען אין זיי פאַרשטייען עס אייגנטלעך נאָך איצט אויך נישט אינגאַנצן. דער אָנהויב איז געווען אַזוי, זיי האָבן זיך עפּעס ווי געשעמט און האָבן קוים אַריינגעשיקט אַ טוץ מענער אין פּאַרלאַמענט, וועלכע האָבן זיך נישט גערופן לייבאָר-מיטגלידער, נאָר אַרבעטער-קלאַס-מיטגלידער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי.

ביי די ליבעראַלע רעגירונגען איז געוואָרן אַ מנהג צו באַשטימען אויף א נישט וויכטיקע מיניסטאָרן שטעל עפּעס אַ מילדן פּראָפעסאָר פון דעם מיטל-קלאַס, וואָס פאַראינטערעסירט זיך מכלומרשט מיט דער אַרבעטער-געזעצגעבונג און מיט אַלגעמיינער פאָלקסבילדונג און די איבריקע קאַבינעט-מיטגלידער האָבן זיך אָפּן באַצויגן צו אים, ווי צו אַ מענטשן, מיט וועמען מען דאַרף זיך נישט רעכנען.

און בינו-לבינו האָבן זיך דערווייל אַנטוויקלט סאָציאַליסטישע פאַריינען צווישן סטודענטן, אָנהענגער פון קאַרל מאַרקס

באַרימטן מאַניפעסט „די זינד פון קאַפּיטאַליזם" און פון אַ שטאַר
פאַרשפּרייט בוך מיטן נאָמען „פּראָגרעס און אָרעמקייט" פאַרפאַסט
פון איין אַמעריקאַנער מיטן נאָמען הענרי דזשאָרדזש. דערדאָ־
זיקער שרייבער האָט צוגעזען מיט די אייגענע אויגן ווי אַמע־
ריקאַנער ווילייס אין וועלכע עס האָבן געוווינט מענטשן נישט
אַזעלכע אָרעמע וואָס זאָלן זיך פילן אומגליקלעך און דערשלאָגן
און נישט אַזעלכע רייכע, זיי זאָלן קאָנען אַרומגיין ליידיק און
זיך וואַרפן מיט געלט, זענען, אַ דאַנק דער איינפאַכער אָפּעראַ־
ציע פון פּריוואַט־אייגנטום פון לאַנד און קאַפּיטאַל, געוואָרן
גרויסע לעגענדאַרע רייכע שטעט, און די צעטיילונג איז געווען
אַזעלכע, אַז די מאַסע האָט זיך געוואַלגערט אין שרעקלעכער
אָרעמקייט, בעת עטלעכע אייגנטימער האָבן זיך געבאָדן אין גאָלד.
די אַרבייטער־פאַריינען האָבן געבראָכן די טראַדיציע פון
דער פּראָלעטאַרישער אָנגעהעריקייט מיט דער ליבעראַלער פּאַר־
טיי, דערמיט וואָס זיי האָבן באַוויזן די אַרבעטער צו דעם,
וואָס קאַרל מאַרקס רופט קלאַסן־געוויסנהאַפטיקייט אַ פראַזע, וואָס
די אינטעליגענטע פּרוי האָט מסתמא אָפטמאָל באַגעגנט אין די
צייטונגען און מסתמא פונקט אַזוי נישט געוווּסט גענוי וואָס
דאָס באַדייט, ווי די וואָס האָבן זי געשריבן אין דער צייטונג.
די וועלער, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז עס עקזיסטירן בלויז
צוויי פּאַרטייען, די קאָנסערוואַטיווע און די ליבעראַלע אָדער
(„טאָרעס און וויגס") וואָס רעפּרעזענטירן די צוויי גרויסע רע־
ליגיעזע פּאַרטייען די אנהענגער פון דער קירך און די „די־
זענטערס" (מענטשן וואָס זענען נישט אינגאַנצן איינשטימיק מיט
דער ענגלישער קירך) און די צוויי גרויסע עקאָנאָמישע אינטע־
רעסאַנטן ווי די דאָרפישע פאַרמערס מיט זייערע באַלעבאַטעס
(די גוטבאַזיצער) און די שטאָטישע סוחרים מיט זייערע קאַפּיטאַ־
ליסטן — זיי אַלע האָבן זיך איצט דערוווּסט, אַז פונם אַרבע־
טערס שטאַנדפּונקט איז דער אויסוואַל צווישן די קאָנסערוואַטאָרן
און די ליבעראַלן קיין פּעני נישט ווערט ווייל סיי ווי סיי,
צי ס'וועט זיין די אָדער יענע איז פאַר דעם אַרבעטער אַ
פאַרלוסט, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז די איינ־

ציקע צוויי פאַרטייען וואָס האָבן קעגנזייטיקע אינטערעסן זענען דער קלאַס פון אייגנטימער און דער קלאַס, וואָס פאַרמאָגט גאָ־נישט, די פּראָלעטאַריער; מיט אַנדערע ווערטער, די קאַפּי־טאַליסטישע פּאַרטיי און די לייבאָר־פּאַרטיי... דאָ איז נישט וויכ־טיק געווען דער פּאַרלאַמענטאַרישער קאַמף צווישן דעם ליבע־ראַלן מיסטער גלאַטסטאָן און דעם קאָנסערוואַטיוון מיסטער דיז־ראַעלי, ווער פון זייביידן זאָל זיין דער פּרעמיער מיניסטער, אָדער דער קאַמף צווישן זייערע נאָכפאָלגער, מיסטער באַלפור און מיסטער באָנאַר לאָו און מיסטער באַלדווין פון איין פּאַרטיי און סיר הענרי קאמבעל באַנערמאַן, מיסטער אַסקוויט און מיס־טער לאָיד דזשאָרזש, פון דער אַנדערער. פאַר דעם פּראָלעטאַ־ריער איז עס נישט מער, ווי אַ שפּילעריי צווישן צדדים. דאָס וואָס גייט אָן באמת די וועלט, איז דער קלאַסן־קאַמף, די קלאַסן־מלחמה (מ׳נוצט ביידע טערמינען) צווישן דעם באַזיצנדיקן קלאַס און דעם פּראָלעטאַריאַט פאַרן באַזיץ פון לאַנד און קאַפּיטאַל (די מיטלען פאַר פּראָדוקציע). ווען אַ מענטש באַקומט דאָס באַ־וווסטזיין, אַז ער געהער צו אַ געוויסן קלאַס, פירט אים אָט דאָס באַוווסטזיין אַראָפּ פון וועג, מחמת ער מיינט, אַז אַלע פּראָלע־טאַריער געפינען זיך אין איין לאַגער און די גאַנצע בורזשואַזיע אין אַן אַנדערן, און דאָס איז נישט אמת; אָבער די אינטעלי־גענטע פרוי, וואָס האָט ביז איצט שוין אַזויפיל געלעזן, פאַר־שטייט, וואָס זיי מיינען. לאָמיר זיי דערווייל איבערלאָזן.

די סאָציאַליסטישע פאריינען זענען באַגאַנגען אַ פעלער דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך באַצויגן צום פּאַרלאַמענט, ווי צו אַ פיינטלעכן לאַגער, אויך דערמיט, וואָס זיי בויקאָטירן די קירך און קוקן אויף איר ווי אויף אַ פאַרפירערן, וואָס זוכט תתבולות ווי אַריינצונאַרן די אַרבעטער, זיי זאָלן זיך אונטער־וואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם און פאַרהאַסן דעם טרייד־יוניאָניזם און די קאָאָפּעראַטיוון אַלס פאַלשע מעטאָדן אין דער צייט פון קאַרל מאַרקסן, ענגעלס, מאָריס און הונדמאַן איז סאָציאַליזם געווען אַ באַוועגונג פון דעם מיטלקלאַס, אַ פועל־יוצא פון דעם באַוווסט־זיין, וואָס האָט באַאומרויקט דאָס געוויסן פון געבילדעטע און

הומאַניסטישע פרויען און מענער קעגן דער אומגערעכטיקייט און אַכזריות פונם קאַפּיטאַליזם און אויך (דאָס איז געווען זייער אַ וויכטיקער פאַקטאָר פאַר מאַריסן) קעגן דעם ברוטאַלן אופן פון נישט שענקען קיין ברעקל אויפמערקזאַמקייט דער שיינקייט, דער טעגלעכער מענטשלעכער פרייד פון שאַפן אייגענע פיינע אַרבעט אָט די שטאַרקסטע און הערלעכסטע געפילן זענען געווען פרעמד דעם קלאַס, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום אָנונג און איז קיינמאָל נישט געקומען אין באַרירונג מיטן פאָלק, דעם קלאַס וואָס האָט נישט געקאָנט דעם פּראָלעטאַריער, וואָס האָט געאַר־בעט פאַר אַ וועכנטלעכן געהאַלט און נישט זיין געשיכטע. דער געטרייסטער פירער פון דעם מיטלקלאַסישן לוין־אַרבעטער האָט העכסטנס געוווּסט, וואָס דינסטמיידלעך, גערטנערס, געפעסטרעגער שיק־יינגלעך און פאָסטרעגער זענען. אָבער פאַבריק־אַרבעטער, מינעס־אַרבעטער און דאַך־אַרבעטער וואָלטן לויט זייער השערה געקאָנט זיין אפילו מלאכים אַזעלכע, אַזוי פיל האָבן זיי געוווּסט וועגן זיי, די ליידעס און דזשענטלמענס סימפּאַטיקער.

תמיד ווען עס דערוועקט זיך אין אייך אַ שטאַרק רחמנות־געפיל צו עמעצן, אָדער צו אַ מענטשן, וועלכע איך קאָן נישט און האָט נישט קיין שום באַגריף וועגן זיי אַ חוץ דאָס, אַז זיי ווערן שלעכט באַהאַנדלט און אויסגענוצט, מאָלט אייך אייער גוט־האַרציקייט און מיטגעפיל אויס דידאָזיקע מענטשן פאַר די בעס־טע מענטשן אין דער וועלט און די אונטערדריקער פאַר די ערג־סטע, זינדיקסטע ברואים. אָבער דער ריינער אמת איז, אַז מענטשן וואָס ווערן שלעכט באַהאַנדלט און אויסגענוצט זענען תמיד ער־גער פון די, וואָס ווערן גוט באַהאַנדלט. פאַקטיש איז דאָס אין גרונט גענומען דער איינציקער מאָטיוו, פאַרוואָס מיר זאָלן נישט דערלאָזן, אַז עמעצער זאָל אויסגענוצט ווערן. ווען איך וואָלט געדענקט, אַז איר וועט ווערן אַ בעסערע פּרוי דורך דעם, וואָס מען וועט אייך שלעכט באַהאַנדלען, וואָלט איך געטון וואָס איך וואָלט נור געקאָנט. כדי גורם צו זיין מ׳זאָל אייך שלעכט באַ־האַנדלען. מיר טאָרן נישט טאָלערירן אָרעמקייט אַלס אַ סאָציאַלע אינסטיטוציע, נישט דערפאַר וואָס די אָרעמע לייט זענען דאָס

זאַלץ פון דער ערד, נור דערפאַר וואָס די אָרעמעלייט זענען אַ שלעכטע באַנדע, און די אָרעמעלייט ווייסן בעסער פון יעדן איינעם, אַז עס איז אַזוי. אין דער צייט, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין לאָנדאָן האָט אָנגענומען שפּילן די ראָל פון קונסט און ליטעראַטור-ליבהאָבער, וועלכע האָבן געלייענט דזשאָרדזש באָרא, ביז זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַציען צו בעטלערס ווי צו הייליקע, און ליידנשאַפטלעכע איבער-גלחים (אַנגלאָ-קאַטאָליקן), וואָס האָבן פאַרגעטערט גרויסע בעטלערס, ווי דער הייליקער פראַנציס, זענען געווען פעיק צו זאָגן, אַז וואָס מ'וואָלט באמת געדאַרפט טון איז לערנען דאָס פאָלק, די מאַסן דעם סאָציאַליזם (אַ שוואַכע פאָרשטעלונג פון אַ ריזיקער מאַסע הייליקע בעטלערס) און זיך פאַרלאָזן אויף דער נאַטירלעכער ווירקונג, וואָס עס מוז ברענגען, ווען מען פאַרזייעט גוטע זוימען אויף אַ הייליקן באָדן — איז אָבער דער פּראָלעטאַרישער באָדן נישט געווען הייליק און נישט איבעריק פריינטלעך. די מאַסן זענען אויף אַ האָר נישט ענלעך צו בעטלערס, זיי האָבן נישט קיין שום ראָמאַנטישע אילוזיעס וועגן זייערע חברים, הגם זיי קאָנען האָבן אַלערליי אילוזיעס וועגן זיך אַליין. ווען דזשאָן סטואַרט מיל איז געווען פאַרן פּאַרלאַמענט אין וועסטמינסטער, האָבן זיינע קעגנער אים געפּרוּווט באַזיגן דערמיט, וואָס זיי האָבן דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל ביי אַ געלעגנהייט געזאָגט, אַז דער ענגלישער אַרבעטער איז נישט קיין שטאַרק ערלעכער מאַן, נישט אינגאַנצן ניכטער און האָט נישט קיין גאַנץ קלאָרן באַגריף וועגן דער מיאוסקייט פון קאָרטן-שפּיל. בקיצור, אַז ער איז נישט געווען אַזאַ מושלם, ווי די קאַנדידאַטן פון פּאַרלאַמענט האָבן אים תמיד געמאָלן, ווען זיי האָבן אָנגערופן זיין קלאַס דער „דזשענטלמען-קלאַס" און האָבן אַגיטירט פאַר אים. מיל האָט דאָסמאָל נעהאַט צו פאַרדאַנקען זיין דערפאָלג דעם פאַקט, וואָס אנשטאָט אָפּצולייקענען זיין מיינונג, האָט ער זי דורכויס ווידעראַמאָל באַשטעטיקט. און די לוין-אַרבעטער האָבן פונקט אַזוי ווי יעדער אַנדערע בשר-ודם ליב אַ חנופהלע, און זיי וועלן מיט פאַרגעניגן אַראָפּשלינגען די גרעסטע שמייכלערייען, הגם זיי ווייסן, אַז

ס'איז נישט מער חי חנופה. אָבער זיי האָבן זיך נישט גענויטיקט אין קיין צעגאָסענע אידעאַליסטישע פרויען און מענער, וועלכע זענען געגוג נאַריש צו מיינען, אַז די אָרעמע זענען מלאכים, וועלכע ווערן שלעכט פאַרשטאַנען און געמיין אויסגענוצט.

אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָבן זיך די סאָציאַליסטן ערשט אַרומגעזען, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ טעות, דער פאַביאַן־פאַריין האָט זיך באַפרייט פון די אַנאַרכיסטן און באַראָוויאַנען און האָבן געגעבן דעם סאָציאַליזם אַ פאָרם פון פאַרלאַמענטאַרישן קאַמף. דערמיט האָבן זיי געגעבן דעם מעסיקן אָנשטענדיקן בירגער אַ מעגלעכקייט זיך אָנצושליסן אין אַ סאָציאַליסטישן פאַריין און ווערן אַ סאָציאַליסט, נישט מורא האָבנדיק טאָמער גייט ער קעגן געזעץ. פונקט אַזוי גוט ווי ער וואָלט זיך אָנגעשלאָסן אין אַ קאָנסערוואַטיוון פאַריין און געוואָרן אַ קאָנסערוואַטיסט און אָנגעהערט צו אַ געוויינטלעכן קאָנסטיטוציאָנעלן קלוב. אַ פירער פון דעם פאַריין, מר. סידנעי וועב האָט חתונה געהאַט מיט מיס ביטריס פּאָטער, וועלכע האָט תחילת שטודירט דאָס אַרבעטער־לעבן און אָרגאַניזאַציעס און האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך איבער קאָאָפּעראַציע. זיי האָבן אָנגעשריבן דאָס ערשטע אמת־וויסנשאַפטלעכע בוך פון טרייד־יוניאָניזם און האָבן אַזוי אַרום נישט נאָר געגעבן דעם לוין־אַרבעטער דאָס באַוווסטזיין, אַז זייער אייגענע פּאָליטישע געשיכטע האָט אין זיך אַ סך שיינס (אַ וויכטיקער שריט אין דעם מאַרקסיסטישן קלאַסן־באַוווסטזיין) נאָר האָט געוויזן די סאָציאַליסטן פון דעם מיטל־קלאַס, וואָס די כלל־אַרבעט פון דער לוין־אַרבעטער־וועלט איז אין דער ווירקלעכקייט, און זיי איבערצייגט וואָס פאַר אַן אַבסורד עס איז צו מיינען, אַז די סאָציאַליסטן קאָנען לייכט איגנאָרירן די אָרגאַניזאַציעס, וואָס דאָס פאָלק האָט שוין סטיכיש און אויף זייער אייגענעם אופן פאַרפולקאָמט. נאָר שטיצנדיק זיך אויף דעם סאָציאַליזם אין דער עקזיסטירנדיקער אָרגאַניזאַציע, וואָלט זיך די אָרגאַניזאַציע געקאָנט פאַרוואַנדלען אין אַ ווירקלעך־מעכטיקע פּראָלעטאַרישע באַוועגונג.

די ליבעראַלן גלויבנדיק נאָך אַלץ, אַז זיי זענען אַ פּראָ־

גרעסיווע פּאַרטיי, זענען זיכער, אַז אַלע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען דאַרפן גיין אין די שפּורן פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי. כּדי אָנגענומען און אונטערשטיצט צו ווערן פון די ליבעראַלע פירער אין פּאַרלאַמענט. עס איז געווען פאַר זיי אַן אומאָנגענעמע איבעראַשונג, ווען דער ערשטער פּועל-יוצא פון דעם, וואָס דער פאַביאַן-פאַריין האָט אַדאַפּטירס דעם קאָנסטיטוציאָנעלן פּאַרלאַמענטאַריזם, איז געווען אַן אַטאַקע אויף דער איצטיקער ליבעראַלער רעגירונג, פאַרעפנטלעכט אין איינעם פון די גרעסטע צייטשריפטן, מ'באַשולדיקט זיי, אַז זיי זענען נאָך פיינטלעכער און מער רעאַקציאָנער אַנטקעגן די לוין-אַרבעטער, ווי די קאָנסערוואַטאָרן. די ליבעראַלן זענען געווען אַזוי דערשטױנט און אויפגעבראַכט, אַז זיי האָבן זיך גענומען איינרעדן, אַז דער פּאַביאַן-פאַריין איז אונטערגעקויפט געוואָרן פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי צו באַגיין דאָס, וואָס אַלע ליבעראַלן האָבן געהאַלטן פאַר אַן אָפענעם פּאָליטישן פאַראַט.

דאָס האָט זיי אויפגעמאַכט די אויגן. דער פּאַביאַן-פאַריין האָט געענטפערט אויף דערדאָזיקער אַטאַקע מיט אַ פאָרשלאַג צו עטאַבלירן אַ לייבאָר-פאַרטיי אין פּאַרלאַמענט, וואָס זאָל זיך אַקעגנשטעלן ביידע, סיי די קאָנסערוואַטאָרן, סיי די ליבעראַלן. אַן אַרבעטער-פירער מיטן נאָמען קיר האַרדי, אַ געוועזענער מיינעס-אַרבעטער האָט געגרינדעט אַ געזעלשאַפט וואָס האָט זיך גערופן די אומאָפּהענגיקע לייבאָר-פאַרטיי. כּדי צו העלפן, אַז דערדאָזיקער פאָרשלאַג זאָל אַריין אין דער פּראַקטיק. צווישן די מיטגלידער פון דעם פּאַביאַן-פאַריין, איז געווען מיסטער רעמזיי מאַקדאָנאַלד, וועלכער איז געוואָרן דער פירער פון דער נייער פּאַרטיי, און האָבנדיק מער בילדונג און וועלטלעכע דערפאַרונג, אויסער די באַגרענעצטע דערפאַרונג אין דעם לוין-אַרבעטער-קלאַס, איז ער געווען פּאַסיקער פון קיר האַרדי, צו ווערן דער דערפאָלגרייכער פירער פון דעם אַרבעטער-קלאַס אין פּאַרלאַמענט. פון דער „אומאָפּהענגיקער לייבאָר-פאַרטיי" איז אַרויסגעוואָקסן די „לייבאָר פאַרטיי", אַ פּאָליטישע פעדעראַציע, וואָס איז געווען אַ סך מעכטיקער פון די טרייד-יוניאָנס און פון די סאָציאַליסטי-

שע פאַרייניגן, וועמענס דעלעגאַטן עס זענען געזעסן אין דעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט. און אַזוי ווי די אַלע וואָס זענען געווען מיטגלידער פון אַ טרייד-יוניאָן האָבן מיטן אָפּצאָל פון אַ פּענע אַ וואָך געקאָנט שאַפן אַ פּאָליטישן פאָנד פון איבער 325,000 פונט (איצט איז דאָרט פאַראַן דריימאָל אַזוי פיל), איז דידאָזיקע פאַרייניקונג מיט די טרייד-יוניאָניסטן געווען אַ געזיכערטע. ביי די וואַלן, אין יאָר 1906, זענען אויסגעוויילט געוואָרן גענוג לייבאָר-מיטגלידער, כדי זיי זאָלן קאָנען פאָרשטעלן מיט זיך אַן אומאָפּהענגיקע פּאַרטיי אין פּאַרלאַמענט. אין 1923 האָבן זיי געמאַכט אַזאַ אָנגריף, אַז ביידע, סיי די ליבעראַלן סיי די קאָנסערוואַטאָרן האָבן נישט געהאַט קיין מערהייט אין פּאַרלאַמענט און מיסטער ראַמזיי מאַקדאָנאַלד איז אַרויסגעפאָדערט געוואָרן צו שאַפן אַ רעגירונג כדי צו באַווייזן, צי די אַרבעטער קאָנען פירן אַ רעגירונג אָדער נישט. ער האָט די אַרויספאָדערונג אָנגענומען און ער איז געוואָרן בריטישער פּרעמיער-מיניסטער מיט אַ קאַבינעט פון סאָציאַליסטן און טרייד-יוניאָניסטן. די אַרבעטער-רעגירונג האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין מער קאָמפּעטענט פון דער קאָנסערוואַטיווער רעגירונג, וועלכע האָט שוין דאָרט געהאַט איר חזקה, טיילווייז צוליב דעם וואָס די מיטגלידער, האָבנדיק אַרויסגעריסן זיך פון אָרעמקייט אָדער פינצטערניש צו אָנזעעוודיקייט דורך פּערזענלעכע פעיקייטן, זענען נישט געווען קיין פּוסטע גאָרנישטן. זיי האָבן געקענט די וועלט און דאָס מאָדערנע לעבן. זיי האָבן נישט געחלומט ווי די קלוגסטע פון די קאָנסערוואַטאָרן אפילו וואָס חלומען נאָך עד-היום פון דעם אַלטן וויקטאָריאַ-מישמאַש פון בייוולנע און פאַרדאָרבענע, פעאָדאַלע לאָרדן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס מיטן אויסגעהונגערטן, הילפלאָזן אומוויסנדיקן און הכנעהדיקן קנעכטישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָבן אפילו נישט אויסגעלעבט דער קעניגן וויקטאָריאַס טעג. עס איז אַ פאַקט, אַז די אַרבעטער פירער זענען געווען אַ סך מער געבילדעטע און האָבן געהאַט אַ בעסערע דערפאַרונג פון זייערע קעגנער, וועלכע זענען געווען מער ווי זיכער, אַז רייכע-לייט מוזן באַזיצן אַ העכערע בילדונג, מחמת

זיי ענדיקן צוויי אַריסטאָקראַטישע אוניווערזיטעטן און באַקומען דיפּלאָמען אָנשטאָט דער עקאָנאָמישער שול פונם אָרגאַנישן לעבן. די ליבעראַלן און די קאָנסערוואַטאָרן, האָט דערדאָזיקער רעזולטאַט שרעקלעך פאַרדראָסן; עס האָט זיי ממש געעקלט דאָס וואָס ווילנדיק געבן די אַרבעטער אַ געלעגנהייט צו באַווייזן זייער רעלאַטיווע אומקאָמפּעטענץ, האָט מען זיי גאָר געגעבן אַ געלע־גנהייט אַרויסצווייזן דעם היפּוך. זיי האָבן זיך אַלזאָ פאַרייניקט אין יאָר 1924 אַראָפּצוואַרפן מר׳ מאַקדאָנאַלדן פון בענקל. הגם ער האָט נאָך דערווייל נישט געהאַט קיין ממשותדיקן שאַנס פאַר אַ מערהייט אין לאַנד, האָט ער אַזוי אָפּגעשראָקן די פּלוטאָקראַטן אין פּאַרלאַמענט מיט זיינע לפּי־ערך גרויסע דערפאָלגן אַלס שטאַט־סעקרעטאַר פאַר אויסערלעכע ענינים, וואָס זיי האָבן פריער באַטראַכט פאַר אַ דעפּאַרטמענט אין וועלכן די לייבאָר־פּאַרטיי האט אויף אַ לעכערלעכן אופן באַקומען אַ דורכפאַל, אַז זיי האָבן איבערגעטריבן זייערע אַטאַקעס מיט פּרוּוון איבערצוצייגן דאָס לאַנד, אַז ער, מאַקדאָנאַלד, איז כלומרשט געווען פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער רעגירונג אין רוסלאַנד. ס׳איז געוואָרן אַ בהלה וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז איבער די וואַלן און האָט פאַרבייגייענדיק נישט נור אָנגענומען ביים קאַרג די לייבאָר־פּאַרטיי, וואָס האַט קוים־קוים געקאָנט דערהאַלטן דאָס איריקע נאָר זי האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך די אומשולדיקע ליבעראַלע פּאַרטיי אויך.

די צרה מיט די אַלגעמיינע וואַלן איז דאָס, וואָס כל המיני משוגעים וואָס קיינער וואָלט אין שטילע צייטן אפילו נישט געחלומט צו טראַכטן ערנסט וועגן זיי, ווערן אויסגעווילט צוליב דעם, וואָס זיי הויבן אויף אַ ליאַרם, אַז דאָס לאַנד איז אין אַ סכנה, בעת ניכטערע קאַנדידאַטן ווערן שענדלעך באַזיגט. אין יאָר 1906, ווען מען האָט איינגעפירט אַלגעמיינע וואַלן, צוליב בינעזישער אַרבעט, האָבן ליבעראַלע קאַנדידאַטן פון אַ דריטער מדריגה אַרויסגעטריבן ערשטקלאַסיקע קאָנסערוואַטיווע קאַנדידאַטן פון פּאַרלאַמענט. אין יאָר 1924 האָט דער ליאַרם וועגן די רוי־טע רוסן געגעבן אַ מעגלעכקייט אַ דריטער קאַטעגאָריע קאָנסער־

וואַטיוון צו פאַריאָגן ערשטקלאַסיקע ליבעראַלן. אין ביידע פאַלן האָט די זיגנדיקע פּאַרטיי געליטן אין קוואַליטעט. ווען דער סירדאר, אונדזער פּאַרטרעטער אין עגיפּטן איז אומגליקלעכערווייז דערמאָרדעט געוואָרן באַלד נאָך די וואַלן. די קאָנסערוואַטאָרן זענען געווען שיכּור מיטן זיג און דער פּרעמיער־מיניסטער מיסטער באַלדווין האָט זיי בשום־אופן נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון איבערלאַרמען די מערדער מיט אַ משוגענער דראָונג, אַז זיי וועלן אָפּשניידן דעם וואַסער־צופלוס קיין עגיפּטן. אָט די איבערגעטריבנקייט וואָס האָט אויפגערודערט גאַנץ אייראָפּע וואָלט מיסטער מאַקדאָנאַלד בשום־אופן נישט געווען דערלאָזט. דער סוף איז געווען, אַז די רעגירונג האָט געמוזט אַראָפּ און אויף נישט קיין גאַנץ שיינעם אופן דערצו, ווען זי האָט אַנטדעקט, אַז נישט זי קאָן אויספירן איר דראָונג, נישט זי קאָן דערוואַרטן עפּעס אַנדערש אַ חוץ פאַרוואָרפן פון דערהיים און פון אויסלאַנד דערפאַר וואָס זיי זענען געווען אַזוי נאַריש צו מאַכן אַזאַ דראָונג. ווייל, הגם אַ סך שרעקלעכע געמיינהייטן — עס פאַרדריסט מיך צו זאָגן — ווערן גאַנץ גוט טאָלערירט, ווען זיי ווערן געטון אויפן רעכנונג פון אויסלענדער, פאַרלאַנגט מען אָבער אויך אַז זיי זאָלן האָבן דערפאָלג. אַ מפּלה איז נישט אַזוי פּאָפּולער אין פאַרגלייך מיטן עפעקט בעת אַ דערהייבונג. דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז אין דעם עגיפּטישן דורכפאַל האָט די רעגירונג פאַרלוירן די שטיצע, וואָס זי האָט געוווּנען, מיט דעם וואָס זי האָט איבערגעשראָקן דעם עולם מיט רויטע רוסן; זיי האָבן ווידער פאַרלוירן די קעפּ דורך אַ משוגענער דראָונג פון די טרייד־יוניאָנס מיט אַן אַלגעמיינעם סטרייק. די רוסן האָבן אונדז געשיקט זייער אַ פיינע סומע פאַר דעם סטרייק־פאָנד. די רעגירונג האָט זיך דערשראָקן, זי האָט דערפילט אַ סכּנה פאַר איר עקזיסטענץ, זי האָט נישט געהאַט דעם כּוח צו מעסטן די געפאַר (וואָס האָט נישט געדאַרפט איבערשרעקן קיין מויז), האָט זי אַריינגעטראָגן אַ נישטיקן אָבער אַ פּראָוואָצירנדיקן פּראָיעקט, אַז טרייד־יוניאָניזם זאָל זיין אַן אומלעגאַלע זאַך, און זי האָט איבערגעריסן די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט רוסלאַנד. דאָס

האָבן זיי געטון, נאָך דעם וואָס זיי זענען באַפאַלן און געמאַכט רעוויזיעס אין די ביוראָס פון דער רוסישער אַמבאַסאַדע אין לאָנדאָן. דערווייל האָט די לייבאָר־פאַרטיי, וועלכע איז דערווייל געקומען צו זיך פון דער איבעראַשונג, וואָס זיי האָבן געהאַט דורך דעם רעזולטאַט פון די וואַלן, זיך איינגעאָרדנט אין פּאַרלאַמענט ווי אַן אָפיציעלע אָפּאָזיציע.

כדי צו מאַכן אַ סך־הכל פון דער גאַנצער געשיכטע, האָבן מיר איצט דערגרייכט דאָס יאָר 1927. דער פּראָלעטאַריאַט וואָס האָט אָנגעהויבן זיין פאַרטיידיקונג־אָפּעראַציע אינם קלאַסן־קאַמף דורך דער אָרגאַניזירונג פון זיינע באַטאַליאָנען אין טרייד־יוניאָנס, בלויז כדי זיך איבערצוצייגן, אַז זיי קאָנען נישט איינהאַלטן זייערע דעראָבערונגען, סיידן זיי זאָלן זיי אַריינברענגען אין געזעץ — האָט זיך פּאָליטיש אָרגאַניזירט אַלס אַ לייבאָר־פאַרטיי און האָט אַריינגעשיקט גענוג מיטגלידער אין פּאַרלאַמענט וואָס זאָלן זען, אַז מ׳זאָל איבערבויען דאָס הויז־אָף־קאמאנס, ווו עס הערשן ביז איצט צוויי קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס רופן זיך קאָנסערוואַטאָרן און ליבעראַלן, זיי שטייען אין קאַמף פאַר אַ נצחון איבער דער קאַמער, פאַר דעם כבוד און דערגרייכונג פון רעגירן — אַז מ׳זאָל עס איבערבויען און פאַרוואַנדלען אין אַן אַרענע ווו דער פּראָלעטאַריאַט מיט די רייכע אייגנטימער זאָלן זיך צוזאַמענטרעפן אין אַ ריי פראַגן, וואָס זענען בכלל טיילן פון צוויי הויפּט־פראַגן, קודם־כל די פראַגע, צי זאָל די נאַציאָנאַלע ערד, קאַפּיטאַל און אינדוסטריע זיין אין די הענט און קאָנטראָלירט ווערן פון דער נאַציע פאַר דער נאַציע אָדער צי זאָל מען עס איבערלאָזן אין די הענט פון אַ קליין הייפעלע צו טון דערמיט וואָס זיי ווילן.

צווייטנס — אין דער צייט ווען דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם דויערט — ווער זאָל האָבן רי גרעסטע דעה, צי די, וואָס פאַרזאָרגן אונדז מיט קאַפּיטאַל, אָדער די וואָס פאַרזאָרגן אונדז מיט אַרבעט? די ערשטע איז אַ סאָציאַליסטישע פראַגע, דערפאַר וואָס ביז דאָס לאַנד און דער קאַפּיטאַל אין דער קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע וועלן נישט זיין אין די הענט

פון דער רעגירונג, קאָן זי נישט אויסגלייכן די צעטיילונג נישט פון די פּראָדוקטן און נישט פון דער אַרבעט, וואָס אָט די פּראָדוצירונג פאָדערט.

די צווייטע פראַגע איז אַ טרייד-יוניאָניסטישע פראַגע. די לייבאָר-פּאַרטיי באַשטייט נישט בלויז פון סאָציאַליסטן, וואָס פאָדערן אַ גלייכע הכנסה-צעטיילונג, נאָר פון טרייד-יוניאָניסטן, וואָס האָבן גאָרנישט קעגן דעם קיום פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם אין דער אינדוסטריע, אויב די לייבאָר-פּאַרטיי זאָל באַקומען אַ „לייאָנס-חלק“ *). עס וואָלט געווען גרינגער אויפצוהאַלטן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם ווען די פּראָלעטאַריער זאָלן באַקומען אַ חלק אויף אַזאַ אופן, און די הויזווירטן, קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער זאָל מען רעדוצירן צו אַ גלייכן מינימום, מחמת די אַרבעטער און די מעכאַניקער מיט זייערע ווייבער און טעכטער בילדן אַרום ניין-צענטל פון דער נאַציע; אין יעדן פאַל וואָלט געווען זיכערער און געזעצלעכער צו האָבן איין נישט צופרידענעם מענטשן אויף ניין צופרידענע, איידער ניין אומצופרידענע אויף איין צופרידענעם. מיט אַנדערע ווערטער: עס וואָלט געווען גרינגער פאַר אַ רעגירונג, וואָס איז אונטערשטיצט פון ניין-צענטל ווײלער איינצוקאַסירן הכנסה-שטייערן איבער נאָרמאַלע הכנסות פון הויזווירטן, גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן, ביז זיי זאָלן מוזן פאַרקויפן זייערע הויפן און אויטאָמאָבילן צו זייערע איינוווינער און אַרבעטער און אַליין וווינען אינם גערטנערס כאַטע, איידער פאַר אַ ווירט איינצוקאַסירן זיין דירה-געלט אָדער פאַר אַ קאַפּיטאַליסט צו באַקומען איינגעלייקטע געלטער, פון וועלכע ער זאָל קאָנען לעבן אין לוקסוס. עס וואָלט אַ סך גרינגער געווען צו פאַרקלענערן דעם לוין פון אַן אינזשעניר, וואָס האָט געשאַפן אַ מאָדעל פאַר אַ נייער בריק אָדער אַן אַרכיטעקט פאַר אַ נייעם קאַטעדראַל אָדער פּאַלאַץ, איידער די צוזאַמענשטעלער, בעגלקלאַפּער, מויערער, מולערעס און מאַלערס, וועלכע פירן

*) לייאָנס — אַ באַרימטע ענגלישע פירמע, ווו די מיטאַרבעטער זענען שותּפים צום געשעפט אין באַשטימטע פּראָצענטער.

אויס דעם מאָדעל. אמת, אַז די אַרבעטער וואָלטן זיך פּונקט
אַזוי נישט געקאָנט באַגיין אָן זיי, ווי זיי אָן די אַרבעטער;
אָבער די אַרבעטער וואָלטן גיכער אויסגעפירט מחמת דער טאַ־
לענטירטער אַרבעטער וואָלט איידער צו פאַרנאַכלעסיקן זיין טאַ־
לענט גענומען אַ קלענערן פּרייז פאַר זיין אַרבעט, כּדי ער זאָל
האָבן אַ געלעגנהייט אים צו אַנטוויקלען. ער וואָלט גיכער גע־
אַרבעט פאַרשטייט זיך, פאַר אַ קלענערן פּרייז איידער צו קלאַפּן
טשוועקעס אָדער לייגן ציגל פאַר אַ הויכן פּרייז. ביי זיין איי־
גענער אַרבעט וועט ער אַרבעטן ביי אַלע באַדינגונגען, בלויז
צוליב דעם פאַרגעניגן, וואָס די אַרבעט פאַרשאַפט אים און אַן
אַנדער אַרבעט וועט אים ממש אָפּשרעקן, בעת אַ פּשוטער אַר־
בעטער וועט אייך קיין שום זאַך נישט טון אומזיסט און זייער
חייניק פאַר אַ היי־פּעני.

אויף אַזאַ אופן וואָלט אַ טרייד־יוניאָניסטישע רעגירונג מיט
דער מאַסע הינטער זיך, געקאָנט דורך אַ גרונטלעכע באַשטייע־
רונג פון נישט קיין פאַרדינטע הכנסות, דורך שאַפן פאַבריק־גע־
זעצן, דורך שאַפן באַשטימטע פּרייזן פאַר אַרבעט, דורך פאַרנוצן
די הכנסות אויף סובסידיעס פאַר אַזעלכע אַרבעטן, ווו די שכירות
זענען צו קליין (די אַלע געוועזענע פּלענער זענען שוין היינט
צו טאָג אַריין אין פּאַרלאַמענטאַרישער פּראַקטיק) א. א. וו. גע־
קאָנט נאָך אַ מאָל צעטיילן די נאַציאָנאַלע הכנסות אויף אַזאַ
אופן, אַז די איצטיקע רייכע וואָלטן געוואָרן די אָרעמע און
דער אַרבעטער וואָלט געוואָרן דאָס אויבערשטע פון שטויסל.
נאָך מער, אַזאַ אָרדנונג וואָלט געווען דויערהאַפטיקער ווי דער
איצטיקער צושטאַנד, ווען די מאַסע איז אָרעם און עטלעכע זע־
נען רייך. אויב עס וואָלט ווער געפּרוווט שרעקן מיט אומדויער־
האַפטיקייט פון אַזאַ סיסטעם, וואָלטן עס געווען די, וואָס באַ־
זיצן אייגנטום; זיי וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט אַרומצוגיין און איינ־
צוקאַסירן דירה־געלט און פּראָצענטער, כּדי די שטייערבאַאַמטע
זאָלן עס צעפּערטלען. אויב איר האָט אַ טויזנט פונט אַ יאָר אין
אַ געשעפט, מוזט איר טיילמאָל פילן, אַז איר נעמט צוגויף געלט
פאַר דער רעגירונג, אַלס קאָמיסיאָן פון זיבעציק פּראָצענט

אָדער אַן ערך אַזוי פיל. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אייער קאָמיסיאָן ווערט רעדוצירט מיט 25 פּראָצענט — וואָס וואָלט איר געקאָנט טון? אַ חוץ באַצאָלן 750 פונט פון די טויזנט פונט פונקט אַזוי הילפלאָז, ווי איר צאָלט היינט 250? אַזוי גוט ווי די באַזיצער פון אייגנטימער וועלן האָבן קאָנטראָלירט דעם פאַרלאַמענט האָבן זיך באַנוצט מיט זייער גאַנצער מאַכט אַרויסצובאַקומען דעם לעצטן פאַרדינג פון די אַרבעטער אַזוי וואָלט זיך די לייבאָר-פאַרטיי באַנוצט מיט איר גאַנצן כוח אַרויסצובאַקומען דעם לעצטן פאַרדינג פון אייגנטום, סיידן אַ גלייכע צעטיילונג פאַר אַלע וואָלט געוואָרן אַ פונדאַמענטאַלע קאָנסטאַטוציאָנעלע דאָגמע. לעת-עתה האַלט דער פאַרמעגלעכער קלאַס געווענדט אירע אויגן צו די קאַפּיטאַליסטישע טרייד-יוניאָנס, מען זאָל זיי ראַטעווען פון דעם סאָציאַליזם. עס וועט קומען אַ צייט, ווען זיי וועלן אַרויפקוקן צו סאָציאַליזם זיי זאָלן זיי ראַטעווען פונם קאַפּיטאַליסטישן טרייד-יוניאָניזם, דאָס הייסט, פון קאַפּיטאַליזירטער אַרבעט. און אין אַמעריקע מאַכט שוין היינט דער טרייד-יוניאָניזם קאָמבינאַציעס מיט גרויסע ביזנעס צוצודריקן דעם נישט אַקטיוון שיתוף. וועגן דעם וועלן מיר נאָך שפּעטער רעדן.

ביבליאָטעק
פון אידישן פאָלקס פאַרײן
מאָנטרעאַל

U. J. P. O. LIBRARY
MONTREAL

№ 697.-